This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-52

סאָוועטיש היימלאנד

3

1984

סאָוועטיש היימלאנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אָרגאן פון שרײַבער־פארבאנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״

מאָסקווע

מארט

3

1984

אינהאלט

אינפאָרמאַטיווע מיטיילונג וועגן דעם פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד 5
רעדע פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס כאַווער ק. או. טשערנענקאָ 7
רעדע פונעם מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דעם צק קפּסס, פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר כאַווער נ. א. טיכאָנאָוו 14
אַרויסטרעטונג פונעם מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון צק קפּסס, סעקרעטאַר פון צק קפּסס כאַווער נ. ס. גאָרבאַטשאָוו 16
קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש טשערנענקאָ (ביאָגראַפיע) . 17

יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו

ווענדונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס, פּרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון פססר, מיניסטאָרן־ראַט פון פססר צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צום סאָוועטישן פאָלק 18

צו שאָלעם־אַלייכעמס 125־טן געבורטסטאָג

שאָלעם־אַלייכעמס ערשטע דערציילונג אין ייִדיש. **צווי שטיינער** 23
לידער אין פּראָזע. **בלומען (קליינע מײַסעלעך)** 34
וועגן שאָלעם־אַלייכעמס „לידער אין פּראָזע“. **אַרן וואָראָבייטשיק. אין אָן אָפּגעלעגן ווינקעלע** . 39
פון שאָלעם־אַלייכעמס עפּיסטאָלאַרישער ירושה . . . 53
בריוו צו וו. ג. טשערטקאָוון 55
בערל רויזען. שאָלעם־אַלייכעמס קאָרעספּאָנדענץ און זײַנע באַגעגענישן מיט גרויסע רוסישע שרײַבער . 63
ל. שומסקי. שאָלעם־אַלייכעם אינעם אָקעאַן פון דער וועלט־ליטעראַטור 74
שאָלעם־אַלייכעמס לעצטע ליטעראַרישע רײַזע 81
מאַטעריאַלן אין דער וואַרשעווער „דאָס לעבן“ 84
פאָרלעזונגען אין אַנדערע שטעט 86
אַנדערע מאַטעריאַלן צו דער טעמע. **שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן פון וואַרשע (פון ז. ווענדראָפס זכרונות)** . 88
דער איבערוף פון צײַטן. **כאַים ביידער. זיבן אויטאָגראַפן** 93
אַלעקסאַנדער ראַטנער, לעאָניד יוניווערג. דערשינען אינעם פאַרלאַג „סאָוורעמעניִע פּראָבלעמי“ 98
יורי לעוויטין. שאָלעם־אַלייכעמס העלדן אויף דער אָפּערע־בינע 101
טימור קאָגאַן. וועגן איינעם א שיינעם פּאָרטראַכט (שאָלעם־אַלייכעם אין באַלעט) 103
וולאַדימיר ביידער. איין טאָג און דאָס גאַנצע לעבן (היסטאָריש־דאָקומענטאַלע דערציילונג וועגן וו. וואָלאָדאַרסקין) 105
אונדזערע מיטיילונגען. **לייב ווילסקער. אַן אומבאַוווּסטע גניזה־קאָלעקציע אין דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק** 159
באָריס מאָגילנער. נײַע לידער 170
רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (**שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר**),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (**פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר**), י. שרײַבמאַן

קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש
טשערנענקאָ

גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס

אינפֿאָרמאַטיווע מיטיילונג

וועגן דעם פּלענום פֿונעם צענטראַל-קאָמיטעט
פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד

דעם 13 פֿעוורал 1984 איז פֿאָרגעקומען אַן אויסעראָרדנטלעכער פּלענום פֿונעם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון קפּסס.

לויטן אויפֿטראָג פֿון דער פּאָליטביוראָ פֿונעם צק האָט דעם פּלענום געעפֿנט דער מיטגליד פֿון דער פּאָליטביוראָ פֿון צק קפּסס, סעקרעטאַר פֿון צק קפּסס כאַוו. ק. או. טשערנענקאָ.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן טויט פֿונעם גענעראַל-סעקרעטאַר פֿון צק קפּסס, פֿאָרזיצער פֿונעם פּרעזידיום פֿון דעם אויבערסאָוועט פֿון פֿססר יו. וו. אַנדראָפּאָוו האָבן די אָנטיילנעמער פֿון דעם פּלענום פֿון צק באַערט דעם אָנדענק פֿון יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוון מיט אַ מינוט פֿון טרויעריקן שטילשווײַגן.

דער פּלענום פֿון צק האָט אָפּגעמערקט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, דאָס גאַנצע סאָוועטישע פֿאָלק האָבן געליטן אַ שווערן פֿאַרלוסט. פֿון דעם לעבן איז אַוועק אַן אָנגעזעענער טוער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פֿון דער סאָוועטישער מלוכע, אַ פֿלאַמיקער פּאַטריאָט, לעניניסט, אַן אומדערמידלעכער קעמפֿער פֿאַר שלום און קאָמוניזם.

געפֿינענדיק זיך לויטן ווילן פֿון דער פּאַרטיי אויף די וויכטיקסטע פּאָסטנס פֿון פּאַרטייִשער און מלוכישער אַרבעט, האָט יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו אָפּגעגעבן אַלע זײַנע כּוחות, קענטענישן און די קאָלאָסאַלע לעבנס-דערפֿאַרונג דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי, דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון אירע פֿאַרבינדונגען מיט די מאַסן, דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער עקאָנאָמישער און שוץ-מעכטיקייט פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט האָט אָפּגעגעבן יו. וו. אַנדראָפּאָוו אויף דורכצופֿירן אין לעבן די אויסגעאַרבעטע פֿונעם XXVI צוזאַמענפֿאָר פֿון קפּסס און פֿון די פֿאָלגנדיקע נאָך אים פּלענומען פֿון צק קפּסס ליניע אויף אַן אַלזײַטיקער אינטענסיפֿיקאַציע פֿון דער פּראָדוקצירונג, פֿאַרשנעלערונג פֿונעם וויסנשאַפֿטלעך-טעכנישן פּראָגרעס, פֿאַרפֿולקומונג פֿון דער אָנפֿירונג מיט דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט, פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון די קאַדרן, אויף דער אָרגאַניזירטקייט און דיסציפּלין, אויפֿן אומאָפּנייגלעכן וווּקס פֿון דעם מאַטעריעלן און גײַסטיקן לעבנס-ניוואָ פֿונעם פֿאָלק.

אַ גרויסן צושטײַער האָט אַרײַנגעטראָגן יו. וו. אַנדראָפּאָוו אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער אַלזײַטיקער מיטאַרבעט פֿון די לענדער פֿון דער סאָציאַליסטישער פֿרײַנטשאַפֿטלעכער געמיינשאַפֿט, אין דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער איינהײַט און באַהעפֿטקייט פֿון דער צווישנפֿעלקערלעכער קאָמוניסטישער און אַרבעטער-באַוועגונג, אין דער שטיצע פֿון דעם גערעכטיקן קאַמף פֿון די פֿעלקער פֿאַר זייער פֿרײַהייט און אומאָפּהענגיקייט. אונטער זײַן אָנפֿירונג זײַנען קאָנסעקווענט און אײַנגעשפּאַרט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן אויף דער צווישנפֿעלקערלעכער אַרענע דער לענינישער אויסערן-פּאָליטישער קורס פֿון אונדזער פּאַרטיי און פֿון דער מלוכע — אַ קורס אויף אויסצומײַדן די געפֿאַר פֿון אַ נוקלעאַרער מלחמה, אויף געבן אַ פֿעסטן ווידערשטאַנד די אַגרעסיווע אינטריגעס פֿונעם אימפּעריאַליזם, אויף צו פֿאַרשטאַרקן דעם שלום און די געפֿאַרלאָזיקייט פֿון די פֿעלקער.

דער פּלענום האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אין אָט די ווייטעקפֿולע טעג באַהעפֿטן נאָך ענגער די קאָמוניסטן, דאָס גאַנצע סאָוועטישע פֿאָלק, זייערע רייען אַרום דעם לענינישן

צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, דער פּאָליטביוראָ פון צק קפּסס, זיי זײַנען פול מיט אנטשלאָסנקײַט מעסירעסנעפּעשדיק צו קעמפן פאַר פאַרווירקלעכן אין לעבן די לענינישע אינערלעכע און אויסערן-פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי.

די אָנטײלנעמער פונעם פּלענום פון צק האָבן אויסגעדריקט טיפן מיטלײַד די קרוּווים און נאָענטע פון דעם פאַרשטאָרבענעם.

דער פּלענום פון צק האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אויסוויילן אַ גענעראַל-סעקרעטאַר פון צק קפּסס.

לויטן אויפטראַג פון דער פּאָליטביוראָ פון צק איז מיט אַ רעדע וועגן דער דאָזיקער פראַגע אַרויסגעטראָטן דער מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פון צק קפּסס, פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן-ראַט פון פּססר כאַוו. נ. א. טיכאָנאָוו. ער האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פאָרשלאָג אויסוויילן אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר פון צק קפּסס דעם כאַוו. ק. או. טשערנענקאָ.

אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּסס האָט דער פּלענום איינשטימיק אויסגעוויילט דעם כאַוו. טשערנענקאָ קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש.

נאָך דעם איז אויפן פּלענום אַרויסגעטראָטן דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון צק קפּסס כאַוו. ק. או. טשערנענקאָ. ער האָט אויסגעדריקט האַרציקע דאַנקבאַרקײַט פאַרן הויכן צוטרוי, וואָס עס האָט אים אַרויסגעוויזן דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

כאַוו. ק. או. טשערנענקאָ האָט פאַרזיכערט דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּסס, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אַז ער וועט צולייגן אַלע זײַנע קויכעס, וויסן און לעבנס-דערפאַרונג פאַר דער דערפאָלגרײַכער פאַרווירקלעכונג פון די אויפגאַבן פון קאָמוניסטישער בויונג אין אונדזער לאַנד, פאַר זיכערן, אַז עס זאָלן אַפּן זעלבן אויפן, ווי ביז איצט, געלייזט ווערן די אויפגאַבן פון דער ווײַטערדיקער פאַרשטאַרקונג פון דער עקאָנאָמישער און שוץ-מעכטיקײַט פון פּססר, וועלכע ס׳האָט געשטעלט דער XXVI צוזאַמענפאָר פון קפּסס, פון העכערן דעם וווילשטאַנד פונעם סאָוועטישן פאָלק, פון פעסטיקן דעם שאָלעם, אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער לענינישער אינערלעכער און אויסערן-פּאָליטיק, וואָס עס פירן דורך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטישע מעלוכע.

אויף דעם האָט דער פּלענום פאַרענדיקט זײַן אַרבעט.

רעדע פונעם גענעראַל-סעקרעטאַר פון צק קפּסס כאַווער ק. או. טשערנענקאָ

טײַערע כאַווײרים!

איך בין האַרציק דאַנקבאַר די מיטגלידער פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פאַרן הויכן קאָוועד, וואָס זיי האָבן מיר אַרויסגעוויזן — פאַר אויסוויילן מיך אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר פון צק. ס'איז מיר פולשטענדיק קלאָר, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט עס לייגט זיך אויף מיר אַרויף. איך פאַרשטיי, וואָסער וויכטיקע, וואָסער אויסשליסלעך קאָמפּליצירטע אַרבעט שטייט פאָר. איך פאַרזיכער דעם צענטראַל-קאָמיטעט, די פּאַרטיי, אַז כ'וועל צולייגן אַלע מײַנע כּוחות, דאָס וויסן, מײַן גאַנצע דערפאַרונג, כּדי צו באַרעכטיקן דעם צוטרוי, כּדי צוזאַמען מיט אײַך פאָרזעצן די פּרינציפּיעלע ליניע פון אונדזער פּאַרטיי, וועלכע ס'האָט קאָנסעקווענט און אַקשאָנעסדיק דורכגעפירט אין לעבן יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו.

דער אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט, דער קלאָרער שעפערישער געדאַנק, די טרײַשאַפט דעם לעניניזם אין דער טעאָריע און פּאָליטיק, דער שאַרפער געפיל פון נײַעם און די פעיִקײַט צו אַקומולירן די לעבעדיקע דערפאַרונג פון די מאַסן, די אומבעשאָלעמדיקײַט צו אַלץ, וואָס איז פרעמד אונדזער וועלט-אָנשויונג און דעם לעבנס-אויפן, פרעמד אונדזער מאָראַל, די פּערזענלעכע באַכיינקײַט און באַשיידנקײַט — דאָס אַלץ האָט געשאַפן יורי וולאַדימיראָוויטשן אַ קאָלאָסאַלן אויטאָריטעט און קאָוועד אין דער פּאַרטיי און אין פאָלק.

די פּאַרטיי האָט אים אָנגעטרויט קאָמפּליצירטע און פאַראַנטוואָרטלעכע באַצירקן פון אַרבעט. באַזונדערס בוילעט האָבן זיך אַנטפּלעקט די בעסטע פּאָליטישע און מענטשלעכע מײַלעס פון יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו אויף די פּאָסטנס פונעם גענעראַל-סעקרעטאַר פון צק קפּסס און פאָרזיצער פונעם פּרעזידיִום פון אויבערסאָוועט פון פססר. ער האָט זיך ניט געשאַנעוועט, שטרעבנדיק שטענדיק צו זײַן אויף דער הייך פון די אויפגאַבן, וועלכע זײַנען געשטאַנען פאַר אים.

יורי וולאַדימיראָוויטש האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פּערזענלעכן צושטײַער אין דער קאָלעקטיווער טעטיקײַט פונעם צענטראַל-קאָמיטעט, פון דער פּאָליטביוראָ פון צק אינעם פאַנאַנדעראַרבעטן אַן אַלזײַטיק-אָפּגעוויגענעם און רעאַליסטישן קורס פון דער פּאַרטיי אויפן הײַנטצײַטיקן עטאַפּ — דעם קורס אויף צו פאַרפולקומען דעם אַנטוויקלטן סאָציִאַליזם. אונטער זײַן אָנפירונג זײַנען דורכגעגאַנגען די פּלענומס פון צק קפּסס אין נאָיאַבער (1982), יון און דעקאַבער (1983), וועלכע זײַנען געוואָרן וויכטיקע ריכט-צייכנס אינעם לעבן פון דער פּאַרטיי און פונעם פאָלק. אין די באַשלוסן פון די פּלענומס האָט באַקומען אַ ווײַטערדיקע שעפערישע אַנטוויקלונג און קאָנקרעטיזירונג די פּאָליטישע ליניע פונעם XXVI צוזאַמענפאָר פון קפּסס.

אַ סאַך כּוחות און ענערגיע האָט אָפּגעגעבן יו. וו. אַנדראָפּאָוו דעם קאַמף פאַר זיכערן פרידלעכע באַדינגונגען דער שעפערישער מי פון די סאָוועטישע מענטשן, פאַר פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פונעם סאָציִאַליזם אויף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע.

יורי וולאַדימיראָוויטש האָט גוט פאַרשטאַנען: דער קוואַל פונעם אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי איז אין דעם, וואָס איר אָנפירנדיקע לאַגע, איר בעקאָוועדיקע אַוואַנגאַרד-ראָליע האָט זי אויסגעקעמפט און פאַרפעסטיקט מיטן מעסירעסנעפעשדיקן דינען דעם פאָלק, מיט קענען פּינקטלעך אויסדריקן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע, זיי באַוואָפענען מיט אַ ריכטיקער מאַרקסיסטיש-לענינישער טעטיקײַט-פּראָגראַם.

אַן איבערצײַגנדיקער באַווײַז פון דער ריכטיקײַט פון דער אינערלעכער און אויסערן-פּאָליטיק פון דער קפּסס, פון דעם, אַז זי אַנטשפּרעכט די פאָדערונגען און דעם גײַסט פון דער צײַט, איז די הייסע אַלפאָלקישע שטיצע פון דער דאָזיקער פּאָליטיק. די פּאַרטיי גייט פעסט מיטן אויסגעקליבענעם וועג — מיטן וועג פון קאָמוניסטישער בויונג און שאָלעם.

אזוי איז געווען פריִער. אזוי וועט זײַן שטענדיק!

אָבער מיר אַלע פאַרשטייען, כאַוויירים, אַז בלויז דער ווילן צו גיין מיט דעם דאָזיקן וועג איז ווייניק. מע דאַרף קענען ניט בלויז שטעלן ריכטיקע צילן, נאָר אויך אײַנגעשפּאַרט צו זיי זיך דערשלאָגן, בײַקומענדיק באַליביקע שוועריקייטן. מע דאַרף רעאַליסטיש אָפּשאַצן דאָס דערגרייכטע, ניט צעבלאָזן עס, נאָר אויך ניט פאַרמינערן. בלויז אַזאַ מין צוגאַנג פאַרהיט פון פעלערן אין דער פּאָליטיק, פון דער נייגונג אָנצונעמען דאָס געגאַרטע פאַרן ווירקלעכן, דערלויבט בוילעט צו זען, ווי עס האָט געזאָגט לענין, „וואָס מיר האָבן טאַקע „דערטאָן" און וואָס מיר האָבן ניט „דערטאָן".

ניט קיין לאַנגן, ביז ווייטעק ניט קיין לאַנגן, כאַוויירים, טערמין איז באַשערט געווען יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוון זיך מיִען בעראָש פון אונדזער פּאַרטיי און מעלוכע. אונדז אַלעמען וועט ער אויספעלן. ער איז אוועק פונעם לעבן אין סאַמע ברען פון אַ גרויסער און אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וועלכע איז געווען געריכטעט, קעדיי צוגעבן אַ מעכטיקע פאַרשנעלערונג דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט, בײַקומען די שוועריקייטן, מיט וועלכע ס'האָט זיך צונויפגעשטויסן דאָס לאַנד אויף דער גרענעץ פון די 70—80־ער יאָרן. נאָר אַלע ווייסן, ווי פיל דער פּאַרטיי האָט זיך אײַנגעגעבן אופּצוטאָן פאַר אָט דער קורצער צײַט, ווי פיל נײַס, פּרוכטבאַרס האָט באַקומען בירגער־רעכט און זיך פאַרפעסטיקט אין דער פּראַקטיק. פאַרזעצן און מיט קאָלעקטיווע באַמיִונגען ווײַטער באַוועגן די אַרבעט, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון יורי וולאַדימיראָוויטשן, — איז דער בעסטער אויפן צו אָפּגעבן דאָס געהעריקע זײַן אָנדענק, זיכערן די נאָכפאָלגעוודיקייט אין דער פּאָליטיק.

נאָכפאָלגעוודיקייט — איז ניט קיין אַבסטראַקטער באַגריף, נאָר אַ לעבעדיקע רעאַלע זאַך. און קוידעמקאָל באַשטייט זי אין דעם, מע זאָל, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, גיין פאָרויס. גיין, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דעם פריִער דערגרייכטן, שעפּעריש עס באַרײַכערן, קאָנצענטרירנדיק דעם קאָלעקטיוון געדאַנק, די ענערגיע פון די קאָמוניסטן, פונעם אַרבעטער־קלאַס, פונעם גאַנצן פאָלק אויף די ניט געלייזטע אויפגאַבן, אויף די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער הײַנטיקער צײַט און פון דער צוקונפט. און דאָס לייגט אַרויף אויף אונדז גרויסע היסכײַוועסן.

די קראַפט פון אונדזער פּאַרטיי איז אין איר אײנהײַט, אין דער טרײַהײַט דעם מאַרקסיזם־לעניניזם, אין דער פעיִקייט צו אַנטוויקלען און ריכטן די שעפּערישע אַקטיווקייט פון די מאַסן, באַהעפטן זיי אידייִיש און אָרגאַניזאַציאָנעל, זיך האַלטן בא די אויסגעפּרוווטע לענינישע פּרינציפּן און מעטאָדן. איר ווייסט, כאַוויירים, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע אויפמערקזאַמקייט ס'האָבן אָפּגעגעבן אין דער לעצטער צײַט אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט, די פּאָליט־ביוראָ פון צק, יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו די פראַגן פון פאַרפולקומען די אַרבעט פונעם מעלוכישן אַפּאַראַט, פון פאַרבעסערן דעם סטיל פון פּאַרטייִשער אָנפירונג. איינע פון אָט די פראַגן איז די דײַטלעכע פאַנאַנדערגרענעצונג פון די פונקציעס פון די פּאַרטיי־קאָמיטעטן מיט די אויפגאַבן פון די מעלוכישע און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען, דאָס באַזײַטיקן אַ דובלירונג אין זייער אַרבעט. דאָס איז אַ גרויסע פראַגע פון פּאָליטישער באַדײַטונג. און ניט אַלץ, אָפן גערעדט, איז דאָ אָפּגערעגולירט ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. עס טרעפט, אַז די טוער פון די סאָוועטן, מיניסטעריומס, אונטערנעמונגען ווײַזן ניט אַרויס די נייטיקע זעלבשטענדיקייט, לייגן איבער אויף די פּאַרטיי־אָרגאַנען פראַגן, וועלכע זיי דאַרפן לייזן אַליין. אַזאַ פּראַקטיק, ווען מע פאַרבײַט מיט זיך די ווירטשאַפטלעכע אָנפירער, שוואַכט אָפּ די קאַדרען. נאָך מער, זי אַנטהאַלט אין זיך די געפאַר פון אָפּשוואַכן די ראָליע פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט אַלס אָרגאַן פון פּאָליטישער אָנפירונג. זיך פאַרנעמען מיט דער ווירטשאַפט — באַטײַט פאַר די פּאַרטיי־קאָמיטעטן קוידעמקאָל זיך פאַרנעמען מיט די מענטשן, וועלכע פירן די ווירטשאַפט. דאָס דאַרף מען געדענקען שטענדיק.

כאַוויירים! מיט אָנדערהאַלבן כאָדאָשים צוריק, אויפן דעקאַבער־פּלענום פון צק, האָבן מיר געגעבן אַן אַלזײַטיקע אָפּשאַצונג פון דער לאַגע אין געביט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד. אינעם אָנגענומענעם באַשלוס איז באַזונדערס באַטאָנט, אַז איצטער איז וויכטיק פאַרהיטן דעם דערגרייכטן טעמפּ, די אַלגעמיינע שטימונג אויף פּראַקטיש לייזן די פראַגן, אומאָפּנייגלעך העכערן דעם ניוואָ פון פּאַרטייִשער און מעלוכישער אָנפירונג מיט דער עקאָנאָמיק, אַקטיווער אַנטוויקלען די פּאָזיטיווע טענדענצן, צוגעבן זיי אַ שטאַנדהאַפטיקן כאַראַקטער. קאָנסעקווענט אויספילן די דאָזיקע אָנווײַזונגען פונעם פּלענום — איז אונדזער דירעקטע פליכט.

אונדזער גאַנצע דערפאַרונג באַשטעטיקט: דער וויכטיקסטער קוואַל פון דער קראַפט פון דער פּאַרטיי איז שטענדיק געווען, איז און וועט זײַן איר פאַרבינדונג מיט די מאַסן, די

בירגערלעכע אקטיווקײַט פֿון מיליאָנען ארבעטנדיקע, זייער ווירטשאפֿטלעכער צוגאנג צו די איניאַנים אין דער ווירטשאפֿט, צו די פּראָבלעמען פֿונעם געזעלשאפֿטלעכן לעבן.

דער כּיוון פֿון דער פּארטיי פֿון קאָמוניסטן איז — שטענדיק קאָנטראָלירן דעם אייגענעם קורס, די באשלוסן, האנדלונגען, האָבנדיק קוידעמקאָל אין זינען די שטרעבונגען פֿונעם ארבעטער-קלאַס, זײַן קאָלאָסאלן סאָציאַל-פּאָליטישן און קלאסן-געפֿיל. וולאדימיר איליטש לענין האָט טאָמיד הויך געשעצט די אָפֿנהארציקײַט, לעבנס-באגרינדעטקײַט און קלאָרקײַט פֿון מיינונגען פֿונעם ארבעטס-מענטש, פֿילבאר זיך צוגעהערט צו זײַן מיינונג, צו זײַנע אָפּשאַצונגען פֿון געשעענישן און מענטשן, געזוכט און געפֿונען אין זיי ענטפֿערס אָף די סאמע אקטועלע פֿראגן.

זיך צוהערן צו דעם וואָרט, וואָס גייט פֿון דער ארבעטער-סוויווע, פֿון דעם פֿאָדערשטן ראנד פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג, זיך האלטן אַן אייצע מיט ארבעטס-מענטשן — דאָס דארף אויך הײַנט זײַן די העכסטע פֿליכט, די טיפֿע אינערלעכע נויטווענדיקײַט פֿון יעדן קאָמוניסט-אָנפֿירער.

קענען באצײַטנס אײַנזען און שטיצן די פֿאָלקס-איניציאַטיוו, דערבײַ אין סאמע ברייטן זין — פֿון א ווירטשאפֿטלעכער, שעפֿערישער באציִונג צו דער זאך אפֿן ארבעטס-אָרט ביז דעם אקטיוון אָנטייל אינעם אָנפֿירן מיט דער מעלוכע, מיט דער געזעלשאפֿט — אין דעם איז דער גרעסטער, קאָן מען זאָגן, אומויסשעפּלעכער רעזערוו פֿון אונדזער פּראָגרעס. פֿאר יעדער גרויסער דערגרייכונג אירער האָט אונדזער עקאָנאָמיק אין דער אָדער אנדערער מאָס צו פֿארדאנקען די שעפֿערישע איניציאַטיוון פֿון די ארבעטס-קאָלעקטיוון, זייערע אייגענע, ווי ס'איז אָנגענומען צו זאָגן, אנטקעגנדיקע פּלענער.

א שטארקע באפֿרידיקונג רופֿט ארויס דער ברייטער אָפּקלאנג פֿון די ארבעטס-קאָלעקטיוון פֿונעם לאנד אפֿן רוף פֿונעם דעקאבער-פּלענום — זיך דערשלאָגן א פֿארהעכערונג פֿון דער ארבעטס-פּראָדוקטיווקײַט לעגאבע דעם פּלאַן אָף איין פּראָצענט און צוגאָבלעך אראָפּזעצן דעם ארבעטס-קאָסט פֿון דער פּראָדוקציע אָף 0,5 פּראָצענט. דער פּאטריאָטישער ענטוזיאַזם, די ענערגיע און זאכלעכקײַט, מיט וועלכע די ארבעטנדיקע, די פּארטייִשע, פּראָפֿאריינישע, קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס האָבן זיך גענומען פֿארן לייזן די דאָזיקע אופֿגאבע, רופֿן ארויס די איבערצײַגונג, אַז דער דערפֿאָלג וועט זײַן געזיכערט.

איך מיין, אַז ס'איז נייטיק צו באהאנדלען די פֿראגע וועגן דעם, אַז אלע מיטלען און רעסורסן, וועלכע וועלן באקומען ווערן אדאנק דעם, און זיי זײַנען ניט קיין קליינע — זאָלן געריכטעט ווערן אָף צו פֿארבעסערן די ארבעטס-באדינגונגען און דעם שטייגער פֿון די סאָוועטישע מענטשן, אָף מעדיצינישער באדינונג, אָף וווינונגס-בויונג. דאָס וואָלט פֿולקום אנטשפּראָכן דעם העכסטן ציל פֿון דער פּאָליטיק פֿון דער פּארטיי — דער אלזײַטיקער זאָרג וועגן דעם וווילזײַן פֿונעם מענטשן.

ביכלאַל, כאַווירים, דארפֿן מיר, ווײַזט אויס, א קלער טאָן וועגן דעם, אַז די שעפֿערישע איניציאַטיוון, נאָוואטאָרישקײַט פֿון די ארבעטנדיקע זאָלן בעסער סטימולירט ווערן מאטעריעל און מאָראליש.

אינעם עצעם יעסאָד פֿון דער סאָוועטישער אָרדענונג איז פֿארלייגט סאָציאַלע גערעכטיקײַט. און אין דעם איז איר קאָלאָסאלע קראפֿט. דעריבער איז אזוי וויכטיק, אַז מע זאָל זיך האלטן בא איר קאָנסעקווענט אין די טאָגטעגלעכע איניאָנים — צי ס'גייט א רייד וועגן ארבעטסלוין און פּרעמיעס, צי וועגן פֿאנאנדערטיילן דירעס אָדער פּוטיאָווקעס, וועגן באלוינונגען, — מיט איין וואָרט, אַלץ זאָל געטאָן ווערן מיט יוישער, אין העסקעם מיטן בײַטראָג אין דער ארבעט פֿון יעדן מענטשן אין אונדזער געמיינזאמער זאך.

דאָ איז פֿאראן איבער וואָס אַן ארבעט טאָן די פּארטייִשע, פּראָפֿאריינישע, קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס, די ווירטשאפֿטלעכע אָנפֿירער. א סאך איז אָפּהענגיק פֿון די ארבעטס-קאָלעקטיוון גופֿע. זיי האָבן איצט גרויסע רעכט, וועלכע זײַנען פֿארפֿעסטיקט אָף א געזעצגעבערישן אופֿן. ס'בלײַבט, אַז מע זאָל זיי וואָס פֿולער אויסנוצן.

פֿאר דער לעצטער צײַט האָט די פּארטיי זיך באַרײַכערט מיט נײַער דערפֿארונג אין אָנפֿירן מיט דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפֿט. מיר האָבן אָנגעהויבן בעסער אויסנוצן די פֿאָרצוגן, די מעגלעכקײַטן פֿון אונדזער אָרדענונג. צו זיי געהערן, אומבאדינגט, אָרגאניזירטקײַט און באוווּסטזיניקײַט פֿון די מאסן. פֿונדאנען נעמט זיך אונדזער אופֿמערקזאמקײַט צו דער פֿארשטארקונג פֿון דער אָרדענונג, פֿון דער דיסציפּלין.

די פֿראגע וועגן אָרגאניזירטקײַט, וועגן אָרדענונג איז פֿאר אונדז אַן איקערדיקע, א פּרינציפּיעלע. מיקויעך דעם קאָנען קיין צוויי מיינונגען ניט זײַן. א באלעביקע צעפּלאָסנקײַט, אומפֿאראנטוואָרטלעכקײַט קערט זיך אום פֿאר דער געזעלשאפֿט ניט בלויז מיט מאטעריעלע

פארלוסטן. זיי פארשאפן אן ערנסטן סאָציאַלן, מאָראַלישן היזק. מיר, קאָמוניסטן, פארשטייען עס גוט, ס׳פארשטייען עס מיליאָנען סאָוועטישע מענטשן. און עס איז גאַנץ געזעצמעסיק, וואָס אן עכטע אַלפאָלקישע באַוויליקונג האָבן באַקומען די מאָסמיטלען, וועלכע די פּאַרטיי האָט אָנגענומען, מיטן ציל צו העכערן די ארבעטס־דיסציפלין, די דיסציפלין פון דער פּראָדוצירונג, די פּלאַנאָווע, מלוכישע דיסציפלין, צו פארשטאַרקן די סאָציאַליסטישע געזעצלעכקייט.

אין אָט דעם געביט האָט זיך אייַנגעגעבן עפּעס־וואָס שוין אופּצוטאָן. און אַלע ווייסן, וויאַזוי דאָס האָט גוט געווירקט אף די פּראָדוציר־איניאָנים, אף אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן און פּאָשעט אף דער שטימונג פון די מענטשן. אָבער ס׳וואָלט געווען ניט ריכטיק צו מיינען, אַז אַלץ איז שוין אָפּגעטאָן. ניין, כאַווירים, דאָס לעבן לערנט, אַז דאָ טאָר מען בשום־אויפן זיך ניט אָפּשוואַכן.

וואָס איז שייַך די גרונט־ריכטונגען אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער עקאָנאָמיק, זייַנען זיי דיטאַלער אָנגעמערקט מיצאַד דער פּאַרטיי. די אינטענסיפיקאַציע, די פארשנעלערטע אייַנגלידערונג אין דער פּראָדוצירונג פון די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, די פארווירקלעכונג פון גרויסע קאָמפּלעקס־פּראָגראַמען — דאָס אַלץ דאַרף אין לעצטן סאַכאַקל אופהייבן אף א קוואַליטאַטיוו נייַעם ניוואָ די פּראָדוציר־קרעפטן פון אונדזער געזעלשאַפט.

ערנסט דאַרף איבערגעבויט ווערן די סיסטעם פון דער אָנפירונג מיט דער עקאָנאָמיק, אונדזער גאַנצער ווירטשאַפטלעכער מעכאַניזם. אין אָט דעם פּלאַן האָט זיך די ארבעט ערשט אָנגעהויבן. זי שליסט אייַן אין זיך א ברייטמאַסשטאַביקן עקאָנאָמישן עקספּערימענט אף צו פארברייטערן די רעכט און צו העכערן די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פון די אונטערנעמונגען. עס ווערן געזוכט נייַע פאָרמען און מעטאָדן פון באַלעבאַטעווען אין דער באַדינונג־ספער. בעליסאָפעק, וועלן זיי געבן א סאַך נוץ, זיי וועלן העלפן אונדז לייזן די סטראַטעגיש־וויכטיקע פּראָבלעם — אופהייבן די עפעקטיווקייַט פון דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט.

לאָמיר אָבער פרעגן זיך אַליין: צי באַקומט זיך ניט אַזוי, אַז פאַר אייניקע ווירטשאַפטלעכע אָנפירער דינט דאָס וואַרטן אף די רעזולטאַטן פון די עקספּערימענטן אַלס שלייער פאַר זייער פּאַסיווקייַט, פאַר דער שטרעבונג צו ארבעטן ווי פריִער? געוויינלעך, איז די באַנייַונג פון די עקאָנאָמישע סטרוקטורן א זאַך א פאַראַנטוואָרטלעכע. דאָ שאַט ניט זיך צו האַלטן אויך בא דעם אַלטן קלוגן קלאַל: זיבן מאָל מעסט אָפּ, איין מאָל שנייַדט אָפּ. נאָר דאָס באַרעכטיקט ניט לאַכלוטן יענע, ווער עס האָט ביכלאַל ניט קיין פאַרלאַנג זיך רעכענען מיט די באַדינגונגען, וועלכע האָבן זיך געביטן, מיט די נייַע פּאָדערונגען פונעם לעבן.

ארויסווייַזן אין אַלע געביטן מער זעלבשטענדיקייַט, דרייסט פירן זוכונגען, אייַנגיין, אויב ס׳איז נייטיק, אף א באַרעכטיקטער ריזיקע לעשעם העכערן די עפעקטיווקייַט פון דער עקאָנאָמיק, פונעם וווּקס פון דעם וווילזייַן פונעם פאָלק — אָט וואָס מיר דערוואַרטן פון אונדזערע ווירטשאַפטלעכע קאַדרען.

איר ווייסט, אַז פאַראַיאָרן האָבן דער צק קפּסס און די רעגירונג פאַנאַנדערגעאַרבעט און אָנגענומען א ריי באַשטימונגען איבער פּרינציפּיעלע פראַגן פון דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק. די דאָזיקע באַשלוסן האָבן געגעבן אין די הענט פון די פּאַרטייִשע און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען באַשטימטע הייבערס צו העכערן די עפעקטיווקייַט פון דער פּראָדוצירונג, צו פארשנעלערן די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונעם לאַנד.

די אָנגעמערקטע מאָסמיטלען, און זיי האָבן ניט בלויז א ווירטשאַפטלעכע, נאָר אויך א גרויסע פּאָליטישע באַדייַטונג, וועלן פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן בלויז אין דעם פאַל, אויב זייער אויספילונג וועט ווערן דער הויפּט־אינהאַלט פון דער טאָגטעגלעכער ארבעט פון יעדער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, פון יעדן טוער.

לייזנדיק די פראַגן פונעם הייַנטיקן טאָג, שאַפן מיר פאָרהאַנאָכעס אף צו דערגרייכן פיל העכערע שטאַפלען אין דער צוקונפט. עפּשער איז וועגן דעם מאָרגעדיקן טאָג, וועגן דעם צוועלפטן פינפיאָר, נאָך פרי צו ריידן אין דעטאַלן, נאָר די הויפּט־פּראָבלעמען, די גרונט־ריכטונגען פון דער פאָרשטייענדיקער ארבעט זעט מען שוין איצט.

דער נייַער פינפיאָר דאַרף קוידעמקאָל ווערן אן אָנהייב פון טיפע קוואַליטאַטיווע ענדערונגען אין דער פּראָדוצירונג — א פינפיאָר פון אן אַנטשיידענעם איבערבראָך אין דער אינטענסיפיצירונג פון אַלע צווייַגן פון אונדזער פאָלקסווירטשאַפט. די הייַנטצייַטיקע מאַטעריעל־טעכנישע באַזע און די סיסטעם פון אָנפירונג דאַרפן זייַן נייַע און העכערע לויט דער קוואַליטעט.

ניט ווייניקער וויכטיק איז איצט זיכערן א וואָס מער ענגערע קעגנזײַטיקע פאַרבינדונג פון דעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און גײַסטיקן פּראָגרעס פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. ס'איז ניט מעגלעך אויפצוהייבן די עקאָנאָמיק אויף א קוואַליטאַטיוו נײַעם ניוואָ, ניט שאַפנדיק די נייטיקע צוליב דעם סאָציאַלע און אידעאָלאָגישע פאַרהאַנאָכעס. פונקט אזוי, איז ניט מעגלעך צו לייזן די רײַפגעוואָרענע פּראָבלעמען פון דער אנטוויקלונג פונעם סאָציאַליסטישן באַוווסטזײַן, ניט אָנשפּאַרנדיק זיך אויף א פעסטן פונדאַמענט פון דער עקאָנאָמישער און סאָ-ציאַלער פּאָליטיק.

בויען א נײַע וועלט — דאָס באַטײַט אומדערמידלעך זאָרגן וועגן פאָרמירן דעם מענטש פון דער נײַער וועלט, וועגן זײַן אידייִיש-מאָראַלישן וווּקס. נעמלעך אונטער דעם דאָזיקן קוק-ווינקל האָט, ווי באַוווּסט, באַהאַנדלט די פראַגן פון אידעאָלאָגישער, מאַסן-פּאָליטישער אַרבעט דער יוני-פּלענום פון צק. אין העסקעם מיט זײַנע אָנווײַזונגען וועט די פּאַרטיי זיך דערשלאָגן, אז די דאָזיקע אַרבעט זאָל פולשטענדיק אנטשפּרעכן דעם כאַראַקטער פון די גרויסע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבן צו פאַרפולקומען דעם אנטוויקלטן סאָציאַליזם.

באַזיניקן די דאָזיקע אויפגאַבן אין זייער קאָמפּלעקס, אָנמערקן א דײַטלעכע לאַנגטער-מיניקע סטראַטעגיע פון זייער לייזונג, באַווײַזן די פאַרבינדונג פון אונדזערע לױפנדיקע אינ-יאָנים מיט דער קאָמוניסטישער פּערספּעקטיוו — אָט וואָס עס דאַרף אונדז געבן די נײַע רעדאַקציע פון דער פּאַרטיי-פּראָגראַם. איר צוגרייטונג גיט צו דער צענטראַל-קאָמיטעט א גרויסע באַדײַטונג.

כאַווײרים! פאַנאַנדעראַרבעטנדיק די פּלענער פון דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד, קאָנען מיר נישט ניט נעמען אין אכט די לאַגע, וועלכע שאַפט זיך אין דער וועלט. און זי איז אַצינד, ווי איר ווייסט, א קאָמפּליצירטע און אָנגעשטרענגטע. דעריבער באַקומט אַן אַלץ גרעסערע באַדײַטונג אין די דאָזיקע באַדינגונגען דער ריכטיקער קורס פון דער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע אין געביט פון דער אויסערן-פּאָליטיק.

דער קאַמף פאַר א פעסטן שאָלעם, פרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט פון די פעלקער איז שטענדיק געווען אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקײַט פון יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָ-פּאָוון. אונטער זײַן אָנפירונג האָבן די פּאָליטביוראָ פון צק און די העכסטע אָרגאַנען פון אונדזער מעלוכע-מאַכט פאָרמירט אן אקטיווע אויסערן-פּאָליטיק, וועלכע אנטשפּרעכט די דאָזיקע נאָבעלע פּרינציפּן. א פּאָליטיק, וואָס איז געריכטעט אויף צו באַפרײַען די מענטשהײַט פון דער געפאַר פון א נוקלעאַרער וועלט-מילכאָמע. די דאָזיקע לענינישע שאָלעם-פּאָליטיק, וואָס אירע הויפּט-שטריכן אפן הײַנטצײַטיקן היסטאָרישן עטאַפּ זײַנען באַשטימט דורך די באַשלוסן פון די לעצטע צוזאַמענפאָרן פון קפּסס, אנטשפּרעכט די איקערדיקע אינטערעסן פונעם סאָוועטישן פאָלק, ווי אויך, אין טאָך גערעדט, פון אנדערע פעלקער אויף דער וועלט. און מיר דערקלערן אנטשלאָסן: פון דער דאָזיקער פּאָליטיק וועלן מיר ניט אָפּטרעטן אויף קיין איין טראָט.

ס'איז פולקום קלאָר, כאַווײרים, אז דער דערפאָלג פון דער זאַך פון פאַרהיטן און פאַר-פעסטיקן דעם שאָלעם איז אין א באַדײַטנדיקער מאָס אָפּהענגיק פון דעם, אויף וויפל ס'וועט זײַן גרויס די ווירקונג אויף דער וועלט-אָרענע פון די סאָציאַליסטישע לענדער, אויף וויפל אק-טיוו, צילגעווענדט און צווישנפאַרשטענדיקט וועלן זײַן זייערע טאַטן. אונדזערע לענדער זײַנען לײַבלעך פאַרינטערעסירט אין א שאָלעם. לעשעם דעם דאָזיקן ציל וועלן מיר שטרעבן צו פאַרברייטערן די מיטאַרבעט מיט אַלע לענדער פון סאָציאַליזם. אַלזײַטיק אנטוויקלענדיק און פאַרטיפערנדיק די באַהעפטקײַט און די מיטאַרבעט מיט די לענדער פון דער סאָציאַליס-טישער געמיינשאַפט — אין אַלע ספערן, אײַנגעשלאָסן, געוויינלעך, אויך אזא וויכטיקע ספער, ווי די עקאָנאָמישע — וועלן מיר דערמיט אַרײַנטראָגן א גרויסן צושטײַער אין דער זאַך פון שאָלעם, פּראָגרעס און געפאַרלאָזיקײַט פון די פעלקער.

ווענדנדיק זיך צו די ברידערלעכע לענדער, זאָגן מיר: אין דער פערזאָן פונעם סאָ-וועטנפאַרבאַנד וועט איר אויך אויף ווײַטער האָבן א זיכערן פרײַנט און א טרײַען פאַרבינדעטן.

איינע פון די יעסוידעס פון דער אויסערן-פּאָליטיק פון אונדזער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע איז געווען און וועט זײַן די סאָלידאַרישקײַט מיט די פעלקער, וועלכע האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון קאָלאָניאַלער אָפּהענגיקײַט און זײַנען אַרויפגעטראָטן אפן וועג פון זעלבשטענדיקער אנטוויקלונג. און באַזונדערס, פאַרשטייט זיך, מיט די פעלקער, וועמען ס'קומט אויס אָפּצושלאָגן די אטאַקעס פון די אגרעסיווע קרײַזן פונעם אימפּעריאַ-ליזם, וועלכער שאַפט אָט אין איין ראַיאָן פון דער וועלט, אָט אין א צווייטן געפערלעכסטע צינד-פונקטן פון בלוטיקן גוואַלדטאַט און מילכאָמע-סרייפעס. זיך געפינענדיק אויף דער זײַט פון דער גערעכטער זאַך פון די פעלקער, אַרויסטרעטן פאַר באַזײַטיקן אזעלכע צינד-פונקטן —

דאָס איז הײַנט אויך א נייטיקע און וויכטיקע ריכטונג פונעם קאמף פאר א פעסטן שאָלֿעם אַף דער ערד. די פרינציפּיעלֿע פאָזיציעס פון אונדזער פארטיי אין די דאָזיקע פראגן איז א קלאָרע, דײַטלֿעכע און נאָבעלֿע, און מיר וועלֿן זיך האלטן בא איר אומאָפּנייגלֿעך.

איצטער וועגן די באַציִונגען מיט די קאפיטאלֿיסטישע לֿענדער. דער גרויסער לֿענין האָט אונדז איבערגעגעבן ווי א געבאָט דעם פרינציפּ פון פרידלֿעכער קאָעקזיסטענץ פון מעלֿוכעס מיט א פארשיידענער געזעלֿשאפטלֿעכער אָרדענונג. מיר זײַנען דעם דאָזיקן פרינ-ציפּ שטענדיק טרײַ. אצינד, אין דער טקופע פון נוקלֿעארן געווער און אויסערסט פינקטלֿעכע ראקעטעס, איז ער נייטיק די פעלֿקער, ווי קיינמאָלֿ פריִער. אין דעם, צום באדויערן, גיבן זיך ניט אָפּ אייניקע אָנפירער פון די קאפיטאלֿיסטישע לֿענדער, ווי ס'איז צו זען, א קלֿאָרן דין-וועכעזשבן, אָדער זיי ווילֿן עס ניט טאָן.

מיר זעען גוט די געפאר, וועלֿכע ס'שאפן הײַנט פאר דער מענטשהײַט די אומזיניקע, אוואנטוריסטישע האנדלֿונגען פון די אגרעסיווע קײַכעס פונעם אימפעריאַליזם, — און מיר ריידן וועגן דעם אין דער פולֿער מאָס, ווענדנדיק אַף דער דאָזיקער געפאר די אופמערקזאמ-קײַט פון די פעלֿקער אין דער גאנצער ערד. מיר נייטיקן זיך ניט אין קיין מילֿיטערישן פאָר-צוג, מיר האָבן ניט בעדייע צו דיקטירן אנדערע אונדזער ווילֿן. אָבער ברעכן דעם דערגרייכטן מילֿיטערישן גלֿײַכגעוויכט וועלֿן מיר ניט דערלֿויבן. און זאָלֿ בא קיינעם ניט בלֿײַבן קיין מינדסטער סאָפעק: מיר וועלֿן אויך אַף ווײַטער זאָרגן וועגן פעסטיקן די שוצפעיִקײַט פון אונדזער לֿאנד, קעדיי צו האָבן גענוג מיטלֿען, מיט דער הילֿף פון וועלֿכע מע קאָן אָפּקילֿן די היציקע קעפּ פון די קעמפערישע אוואנטוריסטן. דאָס איז, כאווירים, זייער א וועזנטלֿעכע פאָרהאנאָכע צו פארהיטן דעם שאָלֿעם.

דער סאָוועטנפארבאנד אלֿס גרויסע סאָציאַליסטישע מעדינע באגרײַפט פולֿשטענדיק זײַן פאראנטוואָרטלֿעכקײַט פאר די פעלֿקער אינעם פארהיטן און פארפעסטיקן דעם שאָלֿעם. מיר זײַנען אָפן צוליב א קעגנזײַטיקער פרידלֿעכער מיטארבעט מיט די מעלֿוכעס פון אלֿע קאָנטינענטן. מיר זײַנען פאר א פרידלֿעכער לֿייזונג פון אלֿע צווישנפעלֿקערלֿעכע שטרײַט-פראָבלֿעמען מיטן וועג פון ערנסטע, גלֿײַכבארעכטיקטע, קאָנסטרוקטיווע אונטערהאנדלֿונגען. פססר וועט אין דער פולֿער מאָס מיטארבעטן מיט אלֿע מעלֿוכעס, וועלֿכע זײַנען גרייט מיט פראקטישע מײַסים העלֿפן צו פארקלֿענערן די צווישנפעלֿקערלֿעכע שפאנונג, שאפן אין דער וועלֿט אן אטמאָספער פון צוטרוי. אנדערש גערעדט — מיט יענע, וואָס וועלֿן ווירקלֿעך פירן דעם איניען ניט צו א צוגרייטונג פון א מילֿכאָמע, נאָר צו פארשטארקן די יעסוידעס פון שאָלֿעם. און מיר האלטן, אז צוליב די זעלֿבע צילֿן דארפן אויסגענוצט ווערן אין דער פולֿער מאָס אלֿע פאראנענע הייבערס, אײַנשלֿיסנדיק, פארשטייט זיך, אויך אזא, ווי די אָרגאניזא-ציע פון די פאריייניקטע נאציעס, וועלֿכע איז טאקע געשאפן געוואָרן צוליב פארהיטן און פארפעסטיקן דעם שאָלֿעם.

כאווירים, אונדז, סאָוועטישע קאָמוניסטן, פרייט אופריכטיק, וואָס אינעם קאמף פאר א פרידלֿעכער צוקונפט און פראָגרעס פון דער מענטשהײַט גייען מיר האנט בא האנט מיט מילֿיאָנען ברידער לֿויטן קלֿאס, מיט די פילֿצאָלֿיקע אָטריאדן פון דער אלֿוועלֿטלֿעכער קאָ-מוניסטישער און ארבעטער-באוועגונג. שטענדיק טרײַ די פרינציפּן פון פראָלֿעטארישן אינ-טערנאציאָנאליזם, באציִען מיר זיך מיט הייסער סימפאטיע און טיפער אכטונג צו דעם קאמף פון אונדזערע אויסלֿענדישע כאווירים פאר די אינטערעסן און רעכט פון די ארבעטנדיקע און זעען אונדזער כוויו אין דעם, מיר זאָלֿן אלֿזײַטיק פעסטיקן די אָרגאנישע פארבינדונגען צווישן אונדז.

אָט וואָס ס'האָט זיך געוואָלֿט הײַנט זאָגן וועגן דער לֿיניע פון אונדזער פארטיי אין די צווישנפעלֿקערלֿעכע איניאָנים. און מיר זײַנען זיכער, אז דאָס סאָוועטישע פאָלֿק האלֿט זי אונטער מיטן גאנצן הארצן.

כאווירים!

אלֿע זיירע דערגרייכונגען פארבינדן אומצערײַסבאר די סאָוועטישע מענטשן מיט דער טעטיקײַט פון דער פארטיי. מעסירעסנעפעשדיק איבערגעגעבן די מאסן, איז די פארטיי באגלֿייבט מיט א פולֿן צוטרוי פון די מאסן.

נאָרוואָס האָט זיך אין די פארטיי-אָרגאניזאציעס פארענדיקט די באריכט- און וואלֿ-קאמפאניע. זי האָט נאָכאמאָלֿ באוויזן דעם הויכן ניוואָ פון באוווסטזיניקײַט און אקטיווקײַט פון די קאָמוניסטן. אַף אָנפירנדיקע פאָסטנס זײַנען אויסגעוויילֿט אווטאָריטעטע, דערפארענע, באהאוונטע מענטשן.

אין דער ארבעט פונעם פלֿענום באטייליקן זיך די ערשטע סעקרעטארן פון די קאנט-קאָמען און געגנטקאָמען פון דער פארטיי. צו אײַך, כאווירים, וואָלֿט איך געוואָלֿט ווענדן

זיך באַזונדערס. דער צענטראַל-קאָמיטעט ווייסט גוט, ווי ברייט עס איז דער קרײַז פון אײַערע פליכטן, פון אײַערע זאָרגן, ער ווייסט, ווי פיל עס איז אָפּהענגיק פון אײַך אינעם לייזן סײַ אונדזערע לויפנדיקע אויפגאַבן אין דער נאָענטער צײַט, סײַ סטראַטעגישע אויפגאַבן. די פּאָליטביוראָ פון צק איז זיכער, אַז איר וועט טאָן אַלץ, וואָס איז נייטיק, קעדיי באַוואָרענען שטאַנדהאַפטיקע טעמפּן אינעם וווּקס פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוצירונג, אין דער דערפאָלגרײַכער אויספירונג פון דער דערנערונגס-פּראָגראַם, אין אַנטוויקלען די אַרבעטס-אַקטיווקײַט פון די מאַסן, קעדיי רעאַליזירן די מאָסמיטלען, וועלכע זײַנען געריכטעט אויף אַן אויפשטײַג פונעם פאָלקס-וווילשטאַנד און דורך דעם — אויף העכערן די אַוואַנגאַרד-ראָליע פון דער פּאַרטיי.

א באַליבּיקער וואַל-פּאָסטן אין אונדזער פּאַרטיי איז אַ פּאָסטן אַ פאַראַנטוואָרטלעכער. דאָס אויסוויילן אין פּאַרטיי-קאָמיטעט דאַרף מען האַלטן אַלס אַ מין קרעדיט פון צוטרוי, וועלכן די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי גיבן אַרויס זייערע כאַווײרים. און דער דאָזיקער צוטרוי דאַרף זײַן באַרעכטיקט מיט מעסירעסנעפּעשדיקער מי. אַזאַ איז דער אָנזאָג פון די אָנטיילנעמער פון די פאַרגעקומענע פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן. איצט, אויף דער שוועל פון די וואַלן אין אויבערסאָוועט פון פססר, גיט איבער די פּאַרטיי דעם דאָזיקן פאָדערנדיקן אָנזאָג אויך יענע קאָמוניסטן, וועלכע זײַנען אַרויסגערוקט אַלס קאַנדידאַטן אין דעפּוטאַטן, וועלכע וועלן אַרײַנגיין אין דעם העכסטן אָרגאַן פון דער מעלוכע-מאַכט.

דער אומויסשעפּלעכער קוויער פון די סאָוועטישע קאָמוניסטן — איז די באַהעפטקײַט פון זייערע רייען. אין דער פּולער מאָס אַנטפּלעקט זיך דער דאָזיקער קוויער, ווען, לויט לענינס ווערטער, „אַלע מיר, מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, האַנדלען ווי איין מענטש". טאַקע אַזוי, צוזאַמען, באַהעפט אין איין ריי, איז טעטיק דער לענינישער צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּסס, זײַן אָנפירנדיקער קערן — די פּאָליטביוראָ פון צק. דאָס דערלויבט אָנצונעמען פּינקטלעכע, אַלזײַטיקע אָפּגעוויגענע באַשלוסן, וועלכע פירן צו דער פאַרפעסטיקונג פון דעם בונד פונעם אַרבעטער-קלאַס, פון דעם פּויערטום, פון דער אינטעליגענץ, פון זייער ברידערלעכער פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער פונעם פאַרבאַנד ססר.

אין עכטע פּאַרטייִשע, זאַכלעכע און שעפערישע אַטמאָספער, אין דער שאַפונג פון וועלכער ס'האָט אַזויפיל קויכעס אַרײַנגעטראָגן יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו, איז געווען און וועט זײַן אַן אָבליגאַטאָרישער באַדינג אין דער אַרבעט פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. דאָס איז אַ גאַראַנטיע פונעם ווײַטערדיקן וווּקס פון דעם אויטאָריטעט פון דער קפּסס, פון דערפאָלגרײַך לייזן די גרויסע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבן פון קאָמוניסטישער בויונג, וועלכע שטייען פאַר אונדז.

רעדע פונעם מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דעם צק קפּסס, פּאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר כאַווער נ. א. טיכאָנאָוו

טײַערע כאַוורים!

די קאָמוניסטישע פּארטיי, אונדזער פאָלק, די קאָמוניסטישע און ארבעטער-באַוועגונג אין דער וועלט האָבן געליטן א שווערן פארלוסט. ס'האָט זיך איבערגעריסן דאָס לעבן פון יורי וולאַדימיראָוויטש אנדראָפּאָוו — דעם אָנגעזעענעם טוער פון אונדזער פּארטיי און סאָוועטישער מעלוכע, דעם פלאַמיקן פּאַטריאָט פונעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד, דעם אומדערמידלעכן קעמפער פאר שאָלעם און קאָמוניזם.

א קורצן טערמין, עטוואָס העכער פון א יאָר, איז יורי וולאַדימיראָוויטש געשטאַנען אין דער שפּיץ פונעם צענטראַל-קאָמיטעט. אָבער ווי פיל איז פאר אָט דער צײַט אָפּגעטאָן. פאָלגנדיק מיטן קורס פונעם XXVI צוזאַמענפאָר, שעפעריש באַרײַכערנדיק אים, האָט די פּארטיי אונטער דער אָנפירונג פון צק קפּסס זיך דערשלאָגן א זיכערע פאָרויסבאַוועגונג פונעם לאַנד אף אלע ריכטונגען פונעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן פּראָגרעס.

פילפאַכיק איז געווען די טעטיקײַט פון יורי וולאַדימיראָוויטש, און אף די פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, וועלכע די פּארטיי האָט אים פארטרויט, האָט ער אָפּגעגעבן אלע זײַנע קויכעס און קענטענישן די אינטערעסן פונעם פאָלק.

בא יעדן איינעם פון אונדז זײַנען פריש אינעם זיקאָרן די טיפע אַרויסרעדונגען פון יורי וולאַדימיראָוויטשן אפן נאָיאַבער-פּלענום (1982) און אף די ווײַטערדיקע פּלענומס פון צק, אין וועלכע עס איז פאָרמולירט געוואָרן א קלאָרע פּראָגראַם פון רעאַליזירן די פאָרצוגן פונעם סאָציאַליזם, פון לייזן די אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער קאָמוניסטישער בויונג.

ער האָט געניט און ענערגיש געריכטעט די טעטיקײַט פונעם צענטראַל-קאָמיטעט, פון דער פּאָליטביוראָ אף צו מאָביליזירן די קאָמוניסטן, אלע אַרבעטנדיקע, קעדיי פארשנעלערן די אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק, פארפולקומען די אָנפירונג מיט דער פאָלקסווירטשאַפט, פארשטאַרקן די אָרגאַניזירטקײַט און דיסציפּלין.

שטיצנדיק זיך אף דער קאָלעקטיווער דערפאַרונג, אויפכאַפּנדיק פילבאַר די באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, האָט יורי וולאַדימיראָוויטש אַרײַנגעטראָגן א גרויסן פערזענלעכן צושטײַער אין דער אַרבעט פון דער פּארטיי אף צו פארפעסטיקן די מעכטיקײַט פון דער סאָוועטן-מעלוכע, אף צו העכערן דעם וווילשטאַנד פון די סאָוועטישע מענטשן.

ער האָט אַקשאָנעסדיק געקעמפט פאר קאָנסעקווענט רעאַליזירן די פרידנליבנדיקע אויסערן-פּאָליטיק פון דער פּארטיי, דעם קורס אף צו אויסמײַדן די געפאַר פון א נוקלעארער מילכאָמע, אף געבן אן אַנטשיידנדיקן ווידערשטאַנד די אַגרעסיווע אינטריגעס פונעם אימפּעריאַליזם.

מיר אלע לעבן טיף איבער דעם שווערן ניסויען, וועלכער האָט געטראָפן אונדזער פּארטיי, דעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק. אָבער אונדזער כויוו פון קאָמוניסטן-לענינצעס באַשטייט אין דעם, מיר זאָלן נאָך ענגער באַהעפטן אונדזערע רייען, קרעפטיקן די איינהײַט פון דער פּארטיי און פונעם פאָלק.

די פּאָליטביוראָ פון צק דריקט אויס א פעסטע איבערצײַגונג, אז דער פּלענום פון צענטראַל-קאָמיטעט וועט דעמאָנסטרירן פארן גאַנצן לאַנד, פאר דער גאַנצער וועלט דעם

אומבייגזאַמען ווילן פון דער פּאַרטיי פעסט און קאָנסעקווענט גיין אויך ווײַטער מיט דעם ריכטיקן לעניניסטישן קורס.

אײַנגעשפּאַרט און ציל־געווענדט וועט געפירט ווערן די ליניע, וועלכע ס'האָבן אויסגע־אַרבעט דער היסטאָרישער XXVI צוזאַמענפאָר פון קפּסס און די פאָלגנדיקע פּלענומס פון צק, אַף צו אינטענסיפיצירן די פּראָדוצירונג, אַף צו העכערן די עפעקטיווקייט פון דער עקאָנאָמיק, אַף צו פאַרשנעלערן דעם וויסנשאַפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס, אַף צו רעאַלי־זירן די דערנערונגס־פּראָגראַם, אַף אַלץ פולער צו באַפרידיקן די מאַטעריעלע און גײַס־טיקע באַדערפענישן פון די סאָוועטישע מענטשן.

די פּאַרטיי וועט אויך אַף ווײַטער פעסטיקן דעם אומצעשטערבאַרן בונד פונעם אַר־בעטער־קלאַס, פון דעם קאָלווירטישן פּויערטום און אינטעליגענץ, די ברידערלעכע פעל־קער־פרײַנטשאַפט פון אונדזער היימלאַנד.

די קפּסס און די סאָוועטן־מעלוכע וועלן קעסיידער טרײַ זײַן די אידעאַלן פון שאַ־לעם, פרײַנטשאַפט און מיטאַרבעט צווישן די פעלקער פון אַלע לענדער, די אידעאַלן פון סאָציאַלן פּראָגרעס.

טײַערע כאַווײרים!

די פּאָליטביוראָ האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס און האָט מיר איינמוטיק באַופטראָגט פאָרלייגן דעם פּלענום אויסצוווײלן אַלס גע־נעראַל־סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון אונדזער פּאַרטיי דעם כאַווער טשער־נענקאָ קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש.

קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש איז דורכגעגאַנגען אַ רײַכע לעבנס־שול. ער ווייסט סײַ די ניט לײַכטע פּויערישע האָרעוואַניע, סײַ די סאָלדאַטישע דינסט, סײַ די טאָגטעגלעכע מי פון אַ דאָרפישן ראַיקאָם.

פיל יאָרן האָט ער אָנגעפירט מיט פּאַרטיי־אָרטיקלעכע באַצירקן פון פּאַרטיייִשער אַרבעט אין קראַסנאָיאַרסקער, פּענזער, מאָלדאַווישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, אינעם אַפּאַ־ראַט פון צק קפּסס.

אומעטום, וווּ קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש האָט געאַרבעט, האָט ער שטענדיק זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ טאַלאַנטפולער אָרגאַניזאַטאָר פון די מאַסן, ווי אַ פּלאַמיקער פּראָפּאַגאַנ־דיסט פון די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע אידייען, ווי אַן אומבייגזאַמער קעמפער פאַר רעאַלי־זירן אין לעבן די פּאָליטיק פון אונדזער גרויסער פּאַרטיי.

די קאָמוניסטן, די סאָוועטישע מענטשן קענען גוט קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטשן ווי אַן אָנגעזעענעם טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָוועטן־מעלוכע, ווי אַ טרײַען מיטקעמפער פון אַזעלכע אָנפירער פון לעניניסטישן טיפּ, וועלכע עס זײַנען געווען לעאָ־ניד איליטש ברעזשנעוו און יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו.

אַרבעטנדיק אין פּאָליטביוראָ און אין סעקרעטאַריאַט פון צק, האָט קאָנסטאַנטין אוסטי־נאָוויטש פיל געטאָן, כדיי אַנטוויקלען און אײַנשטעלן דעם לעניניסטישן סטיל פון פּאַרטייִ־שער און מעלוכישער אָנפירערשאַפט, פאַר וועלכער עס זײַנען כאַראַקטעריסטיש דאָס טיפע פאַרשטייען די שליסל־פראַגן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, דער רעאַליסטישער צוגאַנג צום אָפּשאַצן דאָס דערגרייכטע און די ניט־געלייזטע פּראָבלעמען, דער סטיל פון היכער פאָדערונג צו די קאַדערן און גלײַכצײַטיק די גוטווייליקע באַציִונג צו זיי, דאָס שטיצן זיך אַף דער איניציאַטיוו און דערפאַרונג פון די אַרבעטנדיקע.

קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש צייכנט זיך אויס מיטן קענען איבערגעבן זײַן ענערגיע די מענטשן, מיט זײַן נאַוואַטאָרישער באַציִונג צו אַ באַליביקער זאַך, מיטן קענען קאָנסאָ־לידירן די כאַווײרים אַף פרײַנטלעכער קאָלעקטיווער אַרבעט.

איך וויל באַזונדערס אונטערשטרײַכן זײַן שטענדיקע באַדערפעניש אין דער באַהעפ־טונג מיט די מאַסן, זײַן אויפמערקזאַמקייט צו יעדן מענטשלעכן גורל — זאָל עס זײַן אַ טאַלאַנטפולער געלערנטער אָדער אַ באַוווּסטער מעטאַלורג, אַ סאָלדאַטישע מוטער אָדער אַ יונגער שריפטשטעלער.

קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אינעם פאַנאַנדער־אַרבעטן וויכטיקע טעאָרעטישע פּראָבלעמען, געריכטעטע צו פאַרפולקומען די אַנטוויקלטע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, אינעם שאַפן אַ פאַרגאַנצטע קאָנצעפּציע פון דער אידעאָלאָ־גישער טעטיקייט פון קפּסס אַף אַ לאַנגדויערנדיקער פּערספּעקטיוו.

קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פאָרמירונג פון די סטראַטעגישע ריכטונגען פון אונדזער פרידנסליבנדיקער אויסערן־פּאָליטיק, אין דער טע־

טיקײַט פֿון קפּסס אױף צו פֿאַרשטאַרקן די אײנהײַט און באַהעפֿטונג פֿון דער צווישנפֿעלקערלעכער קאָמוניסטישער און אַרבעטער-באַוועגונג.

אונדזערע מיליטערלײַט ווייסן, ווי פֿיל קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש פֿאַרנעמט זיך מיט די פֿראַגן פֿון פֿאַרשטאַרקן די שוצפֿעיִקײַט פֿונעם לאַנד, פֿון אויסשטאַטן די באַוואָפֿנטע קרעפֿטן מיט מאָדערנער טעכניק, פֿון אידײיִש פֿאַרהאַרטעווען דעם מענטשן-באַשטאַנד פֿון דער אַרמיי און פֿלאָט.

די פּאָליטביוראָ איז זיכער, אַז קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש טשערנענקאָ וועט אויפֿן פּאָסטן פֿונעם גענעראַל-סעקרעטאַר פֿון צק קפּסס ווירדיק שטײן בעראָש פֿונעם קאַמפֿסשטאַב פֿון אונדזער פּאַרטיי.

קאָנסאָלידירנדיק זיך ענג אַרום דעם לענינישן צענטראַל-קאָמיטעט און זײַן אָנפֿירנדיקן קערן, באַוואָפֿנטע מיט אַ קלאָרער און דײַטלעכער פּראָגראַם פֿון טעטיקײַט, וועלכע ס'האָבן אויסגעאַרבעט דער XXVI צוזאַמענפֿאָר, די פֿאָלגנדיקע פּלענומס פֿון איר צענטראַל-קאָמיטעט, קוקן די קאָמוניסטן, אַלע סאָוועטישע מענטשן מיט אָפּטימיזם אין דער צוקונפֿט און זײַנען פֿול מיט אַנטשלאָסנקײַט צו גאַראַנטירן מיט זייער מעסירעסנעפֿעשדיקער מי דעם אויפֿבלי פֿון אונדזער גרויסן היימלאַנד.

אַרויסטרעטונג פֿונעם מיטגליד פֿון פּאָליטביוראָ פֿון קפּסס, סעקרעטאַר פֿון צק קפּסס כאַווער מ. ס. גאָרבאַטשאָוו

כאַווײרים! מיר פֿאַרענדיקן אונדזער אויסעראָרדנטלעכן פּלענום פֿון צק, וועלכער האָט זיך פֿאַרזאַמלט אין אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן מאָמענט פֿון דער פּאַרטיי און פֿונעם פֿאָלק. דער פּלענום איז דורכגעגאַן אין אַן אומגעבונג פֿון אײנהײַט און באַהעפֿטקײַט. אויפֿן פּלענום זײַנען מיט אַ געפֿיל פֿון קאָלאָסאַלער אַכרײַעס פֿאַר דער פּאַרטיי און פֿאַרן פֿאָלק געלייזט געוואָרן פֿראַגן וועגן דער נאָכפֿאָלגערישקײַט פֿון דער אָנפֿירונג.

דער פּלענום האָט באַוויזן, אַז די פּאַרטיי וועט אויך אױף ווײַטער גײן מיטן לענינישן קורס, וועלכן ס'האָבן אויסגעאַרבעט דער XXVI צוזאַמענפֿאָר פֿון קפּסס, דער נאָיאַבער- (1982), יוני- און דעקאַבער-(1983) פּלענומס פֿון צק. מיט אַ באַזונדער קראַפֿט האָט זיך עס אַנטפּלעקט אין דעם, וואָס כאַווער טשערנענקאָ קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש איז אײנמוטיק אויסגעוויילט געוואָרן אויפֿן פּאָסטן פֿונעם גענעראַל-סעקרעטאַר פֿון צק קפּסס, וואָס עס זײַנען פֿולקום אונטערגעשטיצט געוואָרן די גרונטלאַגן און אויספֿירן איבער די פּראָבלעמען פֿון דער אינערן-פּאָליטיק און פֿון דער אויסערן-פּאָליטישער טעטיקײַט פֿון דער פּאַרטיי און פֿון דער מעלוכע, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זײַן אַרויסטרעטונג אויפֿן הײַנטיקן פּלענום פֿון צק פֿון קפּסס.

דערלויבט מיר אינעם נאָמען פֿון דער פּאָליטביוראָ אויסדריקן די איבערצײַגונג, אַז די מיטגלידער פֿונעם צק, אַלע אָנטיילנעמער פֿונעם פּלענום וועלן, אומקערנדיק זיך אױף די ערטער, אין די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, זײַן טעטיק אין גײַסט פֿון אײנהײַט און באַהעפֿטונג, פֿון הויכער פּאָדערהאַפֿטיקײַט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם איצטיקן פּלענום פֿון צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי.

מיר ווינטשן אײַך אַלעמען דערפֿאָלג אין דער אַרבעט.

אױף דעם ווערט דער פּלענום געשלאָסן.

קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש טשערנענקאָ

קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש טשערנענקאָ איז געבוירן געוואָרן דעם 24 סענטיאַבער 1911 אינעם דאָרף באָלשאיא טיעס, נאָוואָסיאָלאָווסקער ראַיאָן קראַסנאָיאַרסקער קאַנט, א רוס.

מיטגליד פון קפסס פונעם 1931 יאָר. בילדונג הויכע — פאַרענדיקט א פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און די העכסטע שול פון פּאַרטאָרגאַניזאַטאָרס באַם צק אַלקפּ(ב).

אָנגעהויבן זיך מיִען האָט ק. או. טשערנענקאָ פון די פריִע יאָרן אַלס לוין־אַרבעטער בא באַלעגופים. די גאַנצע ווײַטערדיקע טעטיקייט זײַנע איז פאַרבונדן מיט אָנפירנדיקער אַרבעט אין קאָמיוגישע און דערנאָך אין פּאַרטייִשע אָרגאַנען. אין די יאָרן 1929—1930 האָט ק. או. טשערנענקאָ פאַרוואַלטעט מיטן אָפּטייל פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אין נאָוואָסיאָלאָווסקער ראַיקאָם אַלקיופ, קראַסנאָיאַרסקער קאַנט. אין 1930 איז ער פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי. ביזן 1933 האָט ער געדינט אין דעם גרענעץ־מיליטער, געווען סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון א גרענעץ־זאַסטאַווע.

נאָכן פאַרענדיקן די דינסט אין דער אַרמיי האָט ק. או. טשערנענקאָ געאַרבעט אין קראַסנאָיאַרסקער קאַנט: פאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע פון נאָוואָסיאָלאָווסקער און אויאַרסקער ראַיקאָמען פון דער פּאַרטיי, דירעקטאָר פונעם קאַנטישן הויז פון פּאַרטיי־בילדונג, שטעלפאַרטרעטער פונעם פאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, סעקרעטאַר פון קראַסנאָיאַרסקער קאַנט־קאָם פון דער פּאַרטיי.

פונעם 1943 לערנט זיך ק. או. טשערנענקאָ אין דער העכסטער שול פון פּאַרטאָרגאַניזאַטאָרס באַם צק אַלקפּ(ב). נאָכן פאַרענדיקן די לער אַרבעט ער, אָנהייבנדיק פונעם 1945, אַלס סעקרעטאַר פון פּענזער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי. אין 1948 ווערט ער געשיקט אין דער מאָלדאַווישער ססר און ווערט באַשטעטיקט אַלס פאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע פון צק פון דער קאָמפּאַרטיי פון מאָלדאַוויע. אַרבעטנדיק אויף אָט דעם פּאָסטן, האָט ער א סך קויכעס און קענטענישן אָפּגעגעבן דער עקאָנאָמישער און קולטור־בויונג אין דער רעפּובליק, דער קאָמוניסטישער דערציִונג פון די אַרבעטנדיקע.

אין 1956 ווערט ק. או. טשערנענקאָ אַרויסגערוקט אויף אַרבעט אינעם אַפּאַראַט פון צק קפסס, וווּ ער פירט אָן מיט א סעקטאָר אינעם אָפּטייל פון פּראָפּאַגאַנדע און איז באַשטעטיקט געוואָרן איינצײַטיק אַלס מיטגליד פון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע פונעם זשורנאַל „אַגיטאַטאָר". פונעם 1960 אַרבעט ער אַלס שעף פונעם סעקרעטאַריאַט פון פּרעזידיום פון דעם אויבערסאָוועט פון פססר. אין 1965 ווערט ק. או. טשערנענקאָ באַשטעטיקט אַלס פאַרוואַלטער מיטן אַלגעמיינעם אָפּטייל פון צק קפסס. אין די יאָרן 1966—1971 איז ער א קאַנדידאַט אין מיטגלידער פון צק קפסס. אויפן XXIV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר (מאַרט 1971) ווערט ער אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפסס, און אין מאַרט 1976, אויפן פּלענום פון צק קפסס, וועלכער איז פאָרגעקומען נאָכן XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, — אַלס סעקרעטאַר פון צק קפסס.

פונעם 1977 איז ער קאַנדידאַט אין מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ, און פונעם 1978 — מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פון צק קפסס. א דעפּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון פססר פון 7—10 צונויפרופן. ק. או. טשערנענקאָ איז געווען א מיטגליד פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע אויף דער צווישנפעלקער־לעכער באַראַטונג פאַר געפּאַרלאָזיקייט און מיטאַרבעט אין אייראָפּע (העלסינקי, 1975), האָט זיך באַטייליקט אין די אונטערהאַנדלונגען אין ווין איבער פראַגן פון אַנטוואָפענונג (1979).

קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש טשערנענקאָ איז אַן אָנגעזעענער טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע. אויף אַלע פּאָסטנס, וועלכע ס'האָט אים פאַרטרויט די פּאַרטיי, האָט ער אַרויסגעוויזן הויכע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן, פּאַרטייִשע פּרינציפּיִעלקייט, איבערגעגעבנקייט דער גרויסער זאַך פון לענינען, די אידעאַלן פונעם קאָמוניזם. ק. או. טשערנענקאָ איז דער אווטאָר פון א ריי וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן איבער אַקטועלע פראַגן פון העכערן די אָנפירנדיקע ראָליע פון דער פּאַרטיי אינעם לעבן פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, פון פאַרפולקומען דעם סטיל און די מעטאָדן פון פּאַרטייִשער און מעלוכישער אַרבעט, פון אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע. אויפן יוני־פּלענום (1983) פון צק קפסס איז ק. או. טשערנענקאָ אַרויסגעטראָטן מיט א פאָרטראָג, אין וועלכן עס זײַנען באַשטימט די הויפּט־ריכטונגען פון פאַרבעסערן די אידעאָלאָגישע טעטיקייט פון קפסס אין די הײַנטצײַטיקע באַדינגונגען.

פאַר די גרויסע פאַרדינסטן פאַרן היימלאַנד איז קאָנסטאַנטין אוסטינאָוויטש טשערנענקאָ צוויי מאָל באַערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי און באַלוינט מיט דרײַ לענין־אָרדענס, מיט דרײַ אָרדענס פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן, מיט א סך מעדאַלן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. ער איז א לאַורעאַט פון דער לענין־פּרעמיע.

ק. טשערנענקאָ איז באַערט מיט די העכסטע באַלוינונגען פון די סאָציאַליסטישע לענדער.

װענדונג

פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס,
פּרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון פסר, מיניסטאָרן־ראַט פון פסר
צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צום סאָוועטישן פאָלק

טײַערע כאַווערים!

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק האָבן געליטן אַ שווערן פאַרלוסט. ס'האָט זיך איבערגעריסן דאָס לעבן פונעם אָנגעזעענעם טוער פון דער לענינישער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע, דעם פלאַמיקן פּאַטריאָט פונעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד, דעם אומדערמידלעכן קעמפער פאַר שאָלעם און קאָמוניזם יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו.

זײַן לעבן — דאָס איז אַ מוסטער פון דינען מעסירעסנעפעשדיק די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי און פונעם פאָלק, דער גרויסער זאַך פון לענינען. אויף אַלע פּאָסטנס, וווּ עס האָט ליטן ווילן פון דער פּאַרטיי זיך געמיט יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו, האָט ער אָפּגעגעבן אַלע זײַנע קויכעס, קענטענישן, די קאָלאָסאַלע לעבנס־דערפאַרונג פאַר אומאָפּנייגלעך צו פאַרווירקלעכן די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, דעם קאַמף פאַרן טריומף פון די קאָמוניסטישע אידייען. די מײַלעס פון אַ גרויסן פּאָליטישן אָנפירער האָבן זיך בוילעט אַרויסגעוויזן אין דער גאַנצער פילזײַטיקער טעטיקײַט פון יו. וו. אַנדראָפּאָוון — אויף קאָמיוגישער אַרבעט און אין אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אין קאַרעליע אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, אויף די פאַראַנטוואָרטלעכע באַצירקן פון פּאַרטייִשער און דיפּלאָמאַטישער טעטיקײַט. אַ סאַך מי האָט ער אַרײַנגעטראָגן אין דער פאַרפעסטיקונג פון דער געפאַרלאָזיקײַט פון אונדזער מעלוכע.

מיט דער גאַנצער קראַפט האָבן זיך די אויסנעמלעכע פעיִקײַטן און דער אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט פונעם כאַווער אַנדראָפּאָוו — דעם אָנפירער פון לענינישן טיפּ — זיך אַנטפּלעקט אין זײַן אַרבעט אויף די פּאָסטנס פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס און פונעם פּאַרזיצער פון פּרעזידיום פון דעם אויבערסאָוועט פון פסר.

אַ קורצן טערמין איז אויסגעקומען יו. וו. אַנדראָפּאָוון צו שטיין בעראָש פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס. נאָר פאַר אָט דער צײַט האָט די פּאַרטיי, גייענדיק מיטן קורס פונעם XXVI צוזאַמענפאָר, באַרײַכערנדיק אים שעפעריש, באַוואָרנט אַ זיכערן גאַנג פאָרויס מיצאַד דעם לאַנד לויט אַלע ריכטונגען פונעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן פּראָגרעס.

וויכטיקע ריכט־צייכנס אינעם לעבן פון דער פּאַרטיי און פונעם פאָלק, אין פעסטיקן זייער אומצערײַסבאַרע איינהײַט זײַנען געוואָרן די פּלענומען פון צק קפּסס אין נאָיאַבער 1982, יון און דעקאַבער 1983. אין די באַשלוסן פון די פּלענומען, אין די אַרויסטרעטונגען פון יו. וו. אַנדראָפּאָוון איז אַנטוויקלט און קאָנקרעטיזירט געוואָרן די הײַנטצײַטיקע סטראַטעגיע פון דער פּאַרטיי — אַ סטראַטעגיע פון פאַרפולקומען דעם רײַפן סאָציאַליזם.

אין אָט דעם פּעריאָד זײַנען די באַמיִונגען פון דער פּאַרטיי און פונעם פאָלק געווען קאָנצענטרירט אויף צו פאַרשנעלערן די אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק, אויף צו פאַרבעסערן די אָנפירונג מיט דער פאָלקסווירטשאַפט, אויף צו פעסטיקן די פּאַרטייִשע, מעלוכישע און אַרבעטס־דיסציפּלין, אויף צו העכערן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון די קאַדרען, אויף צו אַנטוויקלען די שעפערישע אַקטיווקײַט פון די מאַסן.

די מאָסמיטלען, וועלכע ס'האָט אָנגענומען די פּאַרטיי, זײַנען אונטערגעאָרדנט איין ציל — דעם וווּקס פונעם וווילשטאַנד פון די סאָוועטישע מענטשן, דער פאַרשטאַרקונג פון דער מעכטיקײַט פון דער סאָוועטישער מעלוכע. אין דעם אַלעמען זײַנען גרויס די פאַרדינסטן פון יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוון.

באַדײַטנדיק איז דער בײַטראָג פון יו. וו. אַנדראָפּאָוון אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַלזײַטיקער מיטאַרבעט פון די לענדער פון דער סאָציאַליסטישער פרײַנטשאַפטלעכער געמיינשאַפט, אין דער פאַרפעסטיקונג פון דער איינהײַט און באַהעפטיקײַט פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָמוניסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג, אין דער שטיצע פונעם קאַמף פון די פעלקער פאַר פרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט.

אונטער זײַן אָנפירונג האָבן דער צק קפּסס און די סאָוועטישע מעלוכע קאָנסעקווענט און אײַנגעשפּאַרט פאַרווירקלעכט אויף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע דעם לענינישן קורס פון דער אויסערן־פּאָליטיק — דעם קורס אויף אויסצומײַדן די געפאַר פון אַ נוקלעאַרער

פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פּרעזידיום פון דעם אויבערסאָוועט פון פססר, מיניסטאָרן-ראַט פון פססר

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, דער פּרעזידיום פון דעם אויבערסאָוועט פון פססר און דער מיניסטאָרן-ראַט פון פססר גיבן צו וויסן מיט טיפן טרויער דער פּאַרטיי און דעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, אַז דעם 9 פעווראַל 1984 16 אַזייגער מיט 50 מינוט איז נאָך אַ לאַנגדויערנדיקער קרענק געשטאָרבן דער גענעראַל-סעקרעטאַר פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּסס, פאָרזיצער פון דעם פּרעזידיום פון אויבערסאָוועט פון פססר יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו.

דער נאָמען פון יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוון — דעם אָנגעזעענעם טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע, דעם אומגעוואַקלטן קעמפער פאַר די אידעאַלן פון קאָמוניזם, פאַר שאָלעם — וועט אַף שטענדיק זיך פאַרהיטן אין די הערצער פון די סאָוועטישע מענטשן, פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

מילכאָמע, אנטשיידן אָפּשלאָגן די אגרעסיווע אינטריגעס פונעם אימפּעריאַליזם, פארשטארקן דעם שאָלעם און געפארלאָזיקייט פון די פעלקער.

אין אָט די וויטעקפּולע טעג באהעפטן די קאָמוניסטן, דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק נאָך ענגער זייערע רייען ארום דעם לעניניש צענטראל-קאָמיטעט פון דער פארטיי, ארום דער פּאָליטביוראָ פון צק קפּסס. די ארבעטנדיקע פונעם סאָוועטנפארבאנד זעען אין אין דער קאָמוניסטישער פארטיי זייער אויסגעפּרוווטן, קאָלעקטיוון פירער, זיי זײַנען פול מיט אנטשלאָסנקייט מעסירעסנעפעשדיק קעמפן פאר פארווירקלעכן אין לעבן איר אינערלעכע און אויסערן-פּאָליטיק, וועלכע דריקט אויס די איקערדיקע אינטערעסן פונעם פאָלק. דער לענינישער קורס פון דער פארטיי איז אומגעוואקלט. די פארטיי איז באוואָפנט מיט א קלאָרער, דײַטלעכער פּראָגראם פון טעטיקײַט, וואָס עס האָבן אויסגעארבעט דער XXVI צוזאמענפאָר, די פּאָלגנדיקע נאָך אים פּלענומען פון איר צענטראל-קאָמיטעט.

די קפּסס וועט אויך אָפּ ווײַטער אײַנגעשפּארט און צילגעווענדט דורכפירן די ליניע אָף אן אלזײַטיקער אינטענסיפיקאציע פון דער פּראָדוקציע, אָף צו פארשנעלערן דעם וויסנשאפטלעך-טעכנישן פּראָגרעס, אָף צו פארשטארקן די אָרגאניזירטקייט און דיסציפּלין, אָף אן אומאָפּנייגלעכן וווקס פונעם מאטעריעלן און גײַסטיקן לעבנס-ניוואָ פון דעם פאָלק. זי וועט פעסטיקן דעם אומצערײַסבארן בונד פונעם ארבעטער-קלאס, פונעם קאָלווירטישן פּויערטום און פון דער אינטעליגענץ, די ברידערלעכע פרײַנטשאפט פון די פעלקער פון פּססר, אנטוויקלען די סאָציאַליסטישע דעמאָקראטיע, דערציִען די מענטשן אין גײַסט פון סאָוועטישן פּאטריאָטיזם און פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם, איבערגעגעבנקײַט די גרויסע אידעאלן פונעם קאָמוניזם.

אין דער איצטיקער קאָמפּליצירטער, געפערלעך פארשארפטער צווישנפעלקערלעכער אומגעבונג האלטן די קפּסס, די סאָוועטישע מעלוכע פאר זייער סאמע ערשטן כיווו קאָנסעקווענט צו פארטיידיקן די זאך פון שאָלעם, ארויסווײַזן אויסגעהאלטנקײַט און וואכזאמקײַט, אנטשיידן אראָפּרײַסן די וואוגטוריסטישע פּלענער פונעם אימפּעריאַליזם, פעסטיקן די שוצמעכטיקײַט פונעם לאנד.

דאָס סאָוועטישע פאָלק איז אן איבערצײַגטער קעגנער פון לייזן צווישנפעלקערלעכע שטרײַט-פראגן מיט קויעך. א וועלט אָן מילכאָמעס איז אונדזער אידעאל. אינעם קאמף פאר א פעסטן שאָלעם זײַנען צוזאמען מיט אונדז די ברידערלעכע לענדער פון סאָציאַליזם, די קאָמוניסטישע און די ארבעטער-פארטייען, די קעמפער פאר נאציאָנאלער און סאָציאַלער באפרײַונג, די ברייטע פאָלקסמאסן, וועלכע טרעטן ארויס פאר אויסמײַדן א נוקלעארע קאטאסטראָפע.

אונדזער פארטיי און מעלוכע וועלן אויך אָף ווײַטער פעסט און אומאָפּנייגלעך דורכפירן אין לעבן די פּרינציפּן פון פרידלעכער קאָעקזיסטענץ פון מעלוכעס מיט א פארשיידענער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. מיר ווילן לעבן אין שאָלעם מיט אלע לענדער, אקטיוו מיט-ארבעטן מיט יענע רעגירונגען און אָרגאניזאציעס, וועלכע זײַנען גרייט ערלעך און קאָנסטרוקטיוו ארבעטן לטובת דעם שאָלעם.

דאָס סאָוועטישע פאָלק ווייסט פעסט: די פארטיי, דער צענטראל-קאָמיטעט, זײַן אָנפירנדיקער קערן זײַנען אומגעוואקלט טרײַ דער לענינישער פאָן, דער זאך פונעם גרויסן אָקטיאבער. די פארטיי ווייסט, ווי היילִיק צו שעצן דעם צוטרוי פונעם פאָלק און האלט פארן העכסטן ציל פון איר טעטיקײַט די זאָרג וועגן דעם וווילזײַן און גליק פון די סאָוועטישע מענטשן. די איינהײַט פון דער פארטיי און פונעם פאָלק איז געווען, איז און וועט זײַן דער קוואל פון אונדזער קראפט.

אינעם זיקאָרן פון די קאָמוניסטן, פון אלע סאָוועטישע מענטשן וועט יורי וולאדימיראָוויטש אנדראָפּאָוו אָף שטענדיק פארבלײַבן ווי א מענטש, וואָס איז איבערגעגעבן דער לערע פון מארקס-ענגעלס-לענין, א פּרינציפּיעלער און באשיידענער, א נאָענטער די ארבעטס-מענטשן, א פּילבארער צו זייערע נויטן און זאָרגן, אזא, וואָס קען אונטעראָרדענען אלע זײַנע אינטערעסן דעם סאָציאַליסטישן פּאָטערלאנד.

דער צענטראל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, דער פּרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון פּססר, דער מיניסטאָרן-ראט פון פּססר דריקן אויס די טיפע איבערצײַגטקײַט אין דעם, אז די קאָמוניסטן, אלע סאָוועטישע מענטשן וועלן מיט נײַער קראפט אנטפלעקן זייער קלאסן-באוווסטזיניקײַט און אָרגאניזירטקײַט, זייערע שטארקע קאָלעקטיוויסטישע אייגנשאפטן און מיט צילגעווענדטער מעסירעסנעפעשדיקער מי זיכערן דאָס אויספילן די פאָלקסווירטשאפטלעכע פּלענער און די סאָציאַליסטישע פארפליכטונגען, דעם ווײַטערדיקן אופבלי פון אונדזער גרויסן היימלאנד.

צו שאָלעם-אַלייכעמס 125-טן געבורטסטאָג

שאָלעם-אַלייכעם איז געקומען צו זײַן 125-טן געבורטסטאָג ווי אונדזערער א מיטצײַטלער — דער אווטאָר פון ווערק, וועלכע זײַנען אקטועל אויך איצט, אין די אכציקער יאָרן פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט.

זײַנע געשטאלטן זײַנען הײַנט אקטועל דערפאר, ווײַל זיי לערנען אונדז, מענטשן פון די אכציקער, אז די טכום-האַמוישעוודיקע אויסקומעניש פונעם ייִדישן פאָלק האָט געמוזט פארשווינדן און טאָר שוין מער קיינמאָל זיך ניט אומקערן, און אז אין רוסלאנד — אין אונדזער היים — זײַנען אין די פינצטערע צארישע צײַטן געווען געטרײַע פארבינדעטע פון די אונטערדריקטע ייִדישע מאסן אין זייער קאמף פאר א ווירדיק לעבן — דאָס פּאָשעטע רוסישע, אוקראַיִנישע און אנדערע פעלקער פונעם לאנד, די קויכעס פון דער אָנקומענדיקער רעוואָליוציע.

מע קאָן און מע דארף ריידן וועגן שאָלעם-אַלייכעמען ווי וועגן א גרויסן סאָציִאלן פאָרשער פון דער פאָלקס-נעשאָמע, א לײַדנשאפטלעכן זינגער פון פּראָגרעס און פעלקער-פרײַנטשאפט.

שאָלעם-אַלייכעם איז אין א סאך הינזיכטן אוניקאל. וואָס מער ער דרינגט ארײַן אין די שטייגערישע, עקאָנאָמישע, שפּראכלעכע, פּסיכאָלאָגישע טיפקײַטן פון זײַן אייגן פאָלק, אלץ פארשטענדלעכער און היימישער ווערט ער בא אנדערע פעלקער; וואָס ווײַטער ער גייט אָפּ אין דער געשיכטע, אלץ מער נייטיקט זיך דער לייענער אין זײַן שאפונג, קעדיי פארשטיין און אָפּשאצן די פארגאנגענהײַט אינעם געראנגל פאר באוואָרענען די צוקונפט; וואָס העכער עס קלינגט זײַן קלוגער, גוטהארציקער געלעכטער, אלץ גרעסער ווערט דער קרײַז פון מענטשן, וועלכע קאָנען ניט אײַנהאלטן די טרער פון מיטלײַד צו די דערנידעריקטע און באליידיקטע; וואָס קאָנקרעטער עס איז בא אים דער נאציִאָנאלער פּראט, אלץ ברייטער איז די אינטערנאציִאָנאלע פאראלגעמיינערונג, דער אלוועלטלעכער רעזאָנאנס.

שאָלעם-אַלייכעם איז געקומען צו זײַן 125-טן געבורטסטאָג ווי א קאָנסטיטוציִאָנעלער בירגער פונעם סאָציִאליסטישן סאָוועטנפארבאנד, א צוגעשריבענער ניט בלויז אָף די שטאָט-גאסן אין פּערעיאסלעוו, קיִעוו, אָדעס, ביראָבידזשאן, קאָראָסטען, טשערנאָוויץ, וועלכע טראָגן זײַן נאָמען, נאָר אויך ווי א שעפערישער מיטגליד פון דער בארימטער אין דער גאנצער לייענער-וועלט פילנאציִאָנאלער סוויווע פון סאָוועטישע וואָרט-מײַסטערס, קאָנקרעט — פון דער ייִדישער סאָוועטישער שרײַבער-מישפּאָכע. מיר זאָגן מיט א באזונדערן גרונט פאר דעם: *ער איז אונדזערער*, און פּונקט אזוי ווי מענדעלע מויכער-ספאָרים איז געווען זײַן „זיידע”, אזוי איז ער איצט פאר דער הײַנטצײַטיקער גענעראציע ייִדישע שריפטשטעלער אין אונדזער לאנד דער עכטער שעפערישער און אידייִשער פאָרגייער, דער ליטערארישער „זיידע”.

זײַן שאפונג איז פאר אונדזער איצטיקער ליטעראטור א שול פון רעאליזם און סאָציִאלער צילגעווענדטקײַט. מיר לערנען זיך בא אים, וויִאזוי שטעלן די ליטעראטור צו דינסט די פאָלקס-אינטערעסן, דערנעענטערן זי מאקסימאל צו די פּראָבלעמען, וואָס וועלן אויך אין די ווײַטערע מאָרגנס, אין איין-און-צוואנציקסטן יאָרהונדערט, פארהיטן זייער אופווירקונג און זייער באלערעוודיקײַט פאר די אופנעמער פון אונדזער ליטעראטור, פאר די לייענער פון שאָלעם-אַלייכעמען.

א ר ן ו ו ע ר ג ע ל י ס

שאָלעם־אַלייכעמס ערשטע דערציילונג אין ייִדיש

צוויי שטיינער

Посвящаю О—Е

1

פאַלינקא איז געווען אין גאָרטן, ווען ראָזאַליע — איר ברודערס טאָכטער, א מיידל פון א יאָר אכט — איז צוגעלאָפן צו איר און האָט זיך צעלאָזט מיט א דין קלינגענדיק קעלכל:

— מא טאנט (מומעניו), מא טאנט! דער זיידע איז געקומען מיט אים... מיט אים... גיכער, קומט אין שטוב אריַין! אך, מא טאנט!

פאַלינקא האָט זיך אפילע קיין ריר ניט געטאָן. זי איז געזעסן אונטער א בוים אין א בעסעדקע, בלאס און אָפּגעלאָזט, און האָט געלייענט א בוך, כאָטש אירע שווארצע אויגן האָבן געברענט ווי פיַיער.

— ראָזאַליע! — האָט פאַלינקא אופגעהויבן די אויגן צו איר און געזאָגט, — ראָזאַליע, דו פאָלגסט מיך ניט? איך לערן דיך, אז עס איז שוין ציַיט, דו זאָלסט ניט מאכן קיין קינדערשע טנועס, ניט לויפן און שפּרינגען און טאראראַיקען. פע! ביסט דאָך שוין א גרויסע...

— אך, מא טאנט! דער זיידע איז אָבער געקומען, — האָט ראָזאַליע געענטפערט, — מיט אים... מיט דעם ניַיעם לערער... ער הייסט ראבאָווסקי... אך, עפּעס אזא... כי, כי, כי... אזא גרויסער... כא, כא, כא!

ראָזאַליע איז געשווינד אנטלאָפן. פאַלינקא האָט נאָר א שמייכל געטאָן און האָט זיך וויַיטער פארטיפט אין דעם בוך.

פאַלינקא איז געווען א מיידל פון א יאָר זעכצן, מיט לאנגע שווארצע האָר, שווארצע גרויסע אויגן, וועלכע פלעגן טאָמיד זיַין פארטראכט און עפּעס אזוי ווי טרויעריק, נאָר ווען זי האָט אופגעהויבן אירע שווארצע געדיכטע האלב-קיַילעכדיקע ברעמען און געגעבן א קוק אף עמעצן, האָט יענער געפילט, אז די שטראלן פון איר בליק בויערן דורך ביז צום הארץ. אין דעם גלאנץ פון אירע אויגן איז טאָמיד עפּעס געלעגן פארבאָרגן, וואָס קיינער האָט ניט געקענט טרעפן. זי האָט געקענט זיַין פריילעך און לאכן, ווי א קינד, נאָר אין די אויגן האָט מען ניט דערקענט, זיי זאָלן אויך פריילעך זיַין. אז פאַלינקא איז אלט געווען אכט יאָר, איז זי שוין קיין קינד ניט געווען. זי איז געוואקסן א באסיעכידע בא אירע עלטערן אין דאָרף, אליין, אָן קליינע קינדער. ווען זי פלעגט קומען אין שטאָט אריַין מיט אירע עלטערן, אָדער מיט דער באָנע (א געלערנטע ניאנקע) און איז זיך צוזאמענגעקומען מיט אירע קליינע קוזינעס (שוועסטערקינדער), פלעגט זי נאָר באטראכטן און צוהערן זיך, וואָס יענע האָבן גערעדט, און ענטפערן נאָר אף דעם צענטן וואָרט. די עלטערן האָבן זי דערפאר גערופן „דיקארקא" (ווילדע), זיי האָבן זי ניט געוואָלט געבן אין קיין פּאנסיאָן, אָדער אין א גימנאזיע אין שטאָט און האָבן געהאלטן בא זיך אין דאָרף א פראנצויזן א באָנע און אן אלטע געבילדעטע דאמע, וועלכע האָבן מיט איר געלערנט, און זי האָט טאקע זייער גוט געלערנט. צו 14—15 יאָר האָט פאַלינקא שוין געלייענט ערנסטע ביכער און פלעגט אויסזיצן טאָג ווי נאכט איבער זיי. די מוטער איז דערפון ניט זייער צופרידן געווען, זי האָט ליב געהאט איר איינציקע פאַלינקא, אזוי ווי אלע אונדזערע ניט-געבילדעטע מאמעס

האָבן ליב זייערע טעכטער, און דער פֿאָטער פֿלעגט לאַכן און אָפּט זאָגן אזוי ווי אַף כויזעק צו מאכן:

— מייַן טאָכטער וואַקסט אַף א יוריסט אָדער א דאָקטער. לערן, לערן, פֿאַלינקא, ווּעסט קענען, וועט זיך געפֿינען אזעלכער, וואָס וועט פֿארשטיין, וואָס דו ביסט. מיר ווייסן ניט, מיר זייַנען פֿון דער אלטער וועלט און פֿארשטייען ניט די אַלע נארישקייַטן און באַסניעס, וואָס דו לערנסט.

ער פֿלעגט לאַכן פֿון איר בילדונג, און פֿונדעסטוועגן פֿלעגט ער אַליין פֿאָרן און ברענגען די בעסטע באָנעס מיט די טייַערסטע ביכער. ער האָט דערוף גאָר קיין געלט ניט געקארגט, כאָטש ער איז ניט געוועז קיין מיליאָנער.

רעב מוישע ליכטינאָוו — אזוי האָט מען גערופֿן פֿאַלינקאס פֿאָטער — איז געוועז פֿון דער גילדענער פֿאָן, פֿון אַן אַלטער מעיוכעסדיקער פֿאַמיליע. אין די יונגע יאָרן איז ער געוועז א ווילער יונגערמאַן, ער איז אופֿגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן בא גאַנץ פֿרומע עלטערן. שפּעטער איז ער אָנגעקומען פֿאַר אַן איידעם אין נאָך א פֿרומער הויז, צווישן פֿרומע שוואָגערס, כסידים, הייסע ייִדן, פֿייַנע יונגעלייַט, מיט טוירע און מיט כאָכמע. ער האָט אָבער דאָרט ניט לאַנג געקענט אויסהאַלטן מיט זייַן פֿרייַ געמיט, וואָס ער האָט געהאַט גאָט ווייסט פֿונוואַנען און זייַט ווען... פֿון דעם רעבן האָט ער געלאַכט, און זייַנע כסידים האָט ער פֿייַנט געהאַט פֿאַר זייער פֿאַלשקייַט און נארישקייַט. דערפֿאַר האָט ער בא זייַן שווער ניט געקענט זייַן און איז אוועקגעפֿאָרן קיין גאָטליב, אין זייַן געבורט-שטאָט, און האָט אָנגעהויבן פֿירן גרויסע מיסכאָרים, צו וועלכע ער האָט געהאַט זייער א גרויסע האַסאָגע. אמאָל האָט אים געגליקט, אמאָל ניט. ער האָט געהאַט א פֿעסטן כאראַקטער, דאָס, וואָס ווערט אָנגערופֿן „סילא וואָלי”, און איז קיינמאָל בא זיך ניט אראָפּגעפֿאַלן. מיט די גאָטליבער ייִדן האָט ער אויך ניט געקאָנט הויזן און איז געוועז אין קריג מיט דער גאַנצער שטאָט. אַליין איז ער געוועז זייער אַן אָרנטלעכער מענטש, דאָס האָבן די גאָטליבער ייִדן זייער גוט געוווּסט, נאָר פֿאַר זייַן פֿרייַדענקען האָבן זיי אים פֿייַנט געהאַט. ער איז דערצו געוועז זייער אַן אופֿריכטיקער מענטש, קיין אוולעס האָט ער ניט געקאָנט איבערטראָגן און פֿלעגט יעדן ארויסזאָגן פֿרייַ און אָפֿן זייַן מיינונג און האָט קיינעם נישט געשוינט. לאַנגע צייַט האָט ער זיך געאַמפּערט אין גאָטליב מיט די ייִדעלעך, ביז עס איז אים נימעס געוואָרן, איז ער ארויסגעפֿאָרן אין אַן אימעניִע אין א דאָרף מאָהילא. דאָרט האָט ער זיך באַשעפֿטיקט מיט ערדאַרבעט עטלעכע יאָר, ביז ער האָט אָנגעזאַמלט א היפּשן קאַפּיטאַל און איז געוואָרן א פּאָסעסאָר פֿון עטלעכע דערפֿער. ער איז געוואָרן באַקאַנט מיט פֿיל פּאָמעשטשיקעס און האָט זיך פֿארשלאָסן מיט דער סעמייסטווע אין מאָהילא. די גאָטליבער ייִדעלעך האָבן, ווי דער שטייגער איז, אים נאָך מער פֿייַנט געקריגן פֿאַר זייַן אשירעס און פֿאַר זייַן פֿרייַ לעבן. זיי האָבן אים ניט געקענט מויכל זייַן, וואָס ער האָט אייַנגעפֿירט בא זיך אין הויז באָנעס, גוווערנאַנטקעס, פֿאָרטעפּיאַנעס מיט רוסישע ביכער. אזוי האָט פֿייַנט דער אָרעסטאַנט די מענטשן, וואָס גייען ארום פֿרייַ אַף דער וועלט.

אין דעם יאָר, וואָס מיר הייבן אָן אונדזער מייַסע, איז מוישע ליכטינאָוו געוועז א ייִד פֿון א יאָר פֿופֿציק, א הויכער, א דיקער, מיט א שיינער קייַלעכדיקער באָרד, וועלכע איז נאָך ניט גאַנץ גראָוו געוועז, מיט קלוגע קארע אויגן; אַף זייַן פּאָנעם און זייַן גאַנצער פֿיגור און אין זייַן פּאוואָליעדיקן גאַנג האָט מען אָנגעזען פֿיל ענערגיע און שטארקייַט. ווען מוישע ליכטינאָוו האָט אָפּגעקלערט עפּעס א זאַך, האָט דאָס געמוזט אויסגעפֿירט ווערן. א

„צוויי שטיינער” איז שאָלעם־אַלייכעמס ערשט קינסטלעריש ווערק אַף ייִדיש, וואָס ער האָט פֿארעפֿנטלעכט אין „ייִדישן פֿאָלקסבלאט” אין 1883 מיט די אונטערשריפֿטן „שלום ראב־וויטש” (נומ. 26 און 28) און „ראבינער שלום ראבינאָוויטש” (נומ. 30). ווי עס האָט שפּעטער דערציילט שאָלעם־אַלייכעמס פֿרוי אָלגע ראבינאָוויטש, האָט אין דער קאָמבינאַציע פֿון די צווייערליי אונטערשריפֿטן געשטעקט א באַזונדער מיין פֿונעם יונגן שרייַבער: אַף וויפֿל די דערציילונג איז געוועז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צווישן זיי ביידן און איר פֿאָטער, וועלכער איז לעכאַטכילע געוועז קעגן זייער כאַסענע, האָט שאָלעם־אַלייכעם געוואָלט, אז זייַן שווער זאָל איבערלייענען די „צוויי שטיינער”. ער האָט אָבער מוירע געהאַט, אז אויב דער אַלטער לאָיעוו וועט דערזען, אז די דערציילונג איז אונטערגעשריבן מיטן נאָמען פֿון זייַן איידעם, וועט ער שוין ניט וועלן אין איר אַרייַנקוקן, האָט ער דעריבער אין די ערשטע צוויי פֿאָרזעצונגען זייַן נאָמען פֿארשטעלט, קעדיי אַרייַנצוציִען דעם שווער אין דעם סיפּער־האַמייַסע, און ערשט צום סאָף האָט ער זיך אַנטפּלעקט מיטן פֿולן נאָמען.

הארץ האָט ער געהאַט זייער אַ גוטס און איז אינגאַנצן געווען ניט קיין שלעכטער, נאָר בײַ זיך אין דער סעמיסטאָווע איז ער געווען אַ קלײנער דעספּאָט, מע האָט פּאַר אים מוירע געהאַט. דאָס ערשטע ווײַב איז אים יונג געשטאָרבן און האָט אים איבערגעלאָזט צוויי זין. ער האָט דאָס צווייטע מאָל כאַסענע געהאַט מיט זייער אַ יונג און שיין מיידל, וועלכע האָט אָבער גאָר קיין אייגענעם ווילן ניט געהאַט און איז אים געווען אונטערטעניק, ווי אַ קנעכט בײַם סולטאַן. זי האָט געקענט אַלע זײַנע קאַפּריזן און האָט אים געאַכטעט און געליבט, און דערצו מוירע געהאַט פּאַר אים, ווי פּאַר אַ מיילעך. מיט איר האָט ער געהאַט נאָר איין טאָכטער — פּאַלינקאַ, מיט וועלכער אונדזערע לעזער זענען שוין באַקאַנט.

— פּאַלינקאַ, — האָט איר די מוטער געזאָגט, אַז זי איז צוריקגעקומען פֿון גאָרטן אין שטוב אַרײַן, — דער טאַטע איז געקומען מיט ראַ... ראַב... ווייס איך, ווי־אַזוי מע רופֿט אים, ער געפֿעלט מיר ניט, ער האָט אַ פּאָנעם פֿון אונדזער גאַלעכס זון... נאָר דער טאַטע זאָגט, אַז ער איז זייער אַ ווױלער... ווייס איך? לאָז זײַן אַ ווױלער, אַז ער זאָגט.

— האָסט אים שוין פֿאַרהערט? — האָט פּאַלינקאַ געפֿרעגט מיט אַ שמייכל און איז צוגעגאַנגען צום פֿאָטער.

— אָ, קום נאָר אַהער, מײַן יוריסט, — האָט זי דער פֿאָטער גענומען בײַ דער האַנט, — איך האָב דיר געבראַכט הער ראַבאָווסקין, הײַנט וועסטו שוין אַוודע אויסלערנען כל התורה כולה[1] און וועסט שוין ווערן אַ דאָקטער.

בײַ דעם טיש, צו וועלכן מוישע ליכטינאָוו האָט צוגעפֿירט פּאַלינקען, איז געזעסן אַ הויכער און אַ ברייטער יונגערמאַן פֿון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ גרויסן קאָפּ, מיט לאַנגע צעוואָרפֿענע בלאָנדע האָר, מיט אַ ברונעט פּאָנעם, לאַנגע ווײַסע הענט, וועלכע זענען אין דעם אויגנבליק באַשעפֿטיקט געווען: ער האָט געגעסן ברויט מיט פּוטער און קעז. ער האָט קוים אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ, אַז פּאַלינקאַ איז צוגעגאַנגען צו אים, ער האָט נאָר אופֿגעהויבן זײַנע גרויסע אויגן אויף איר, וועלכע האָבן באַשטענדיק ווי געלאַכט פֿון יעדן, און האָט ווידער זיך גענומען צום עסן.

— אָט דאָס איז מײַן טאָכטער, — האָט מוישע ליכטינאָוו געזאָגט, — איך בעט אײַך, הער ראַבאָווסקי, איר זאָלט פֿון איר מאַכן אַ מענטש, זי איז נאָך אַ ביסל ווילד און פֿרעמד פֿון דער גאַנצער וועלט.

ראַבאָווסקי האָט אַפֿילו קיין בליק נישט געטאָן אויף ליכטינאָוון און אויף זײַן טאָכטער און האָט זיך ווײַטער געטאָן זײַנס — ער האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און מיט פֿאַרגעניגן.

— איר דאַרפֿט איר געבן צו פֿאַרשטיין, אַז מע מעג טאַקע זײַן געבילדעט, ווי די וועלט, און דאַבײַ טאַקע זײַן אַ מענטש אויך, — האָט ליכטינאָוו ווײַטער געזאָגט.

ראַבאָווסקי איז אופֿגעשטאַנען פֿונעם טיש. האָט זיך אָפּגעווישט די הענט. זיך אויסגעגלײַכט און אַ וואָרף געטאָן מיט די לאַנגע האָר. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, ווו פּאַלינקאַ איז געשטאַנען און האָט געקוקט אין גאָרטן. ער האָט זי גוט באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט זײַנע שפּאָטישע אויגן און האָט געזאָגט צו מוישע ליכטינאָוו:

— איך האָב פֿאַרגעסן אויסצורעדן מיט אײַך, הער ליכטינאָוו, איין פּונקט: אַז לערנען אײַער מאַמזעל טאַנצן, קאָמפּלימענטן מאַכן און נאָך אַזעלכע סוועטסקע כאָכמעס קען איך נישט, מע האָט דאָס מיך אַליין נישט געלערנט, דערפֿאַר זאָלט איר אויף די זאַכן גאָר נישט אַרויסקוקן אויף מיר...

פּאַלינקאַ האָט בײַ די ווערטער אופֿגעהויבן אירע שוואַרצע גלאַנצעדיקע אויגן און האָט זיי אַנידערגעשטעלט אויף ראַבאָווסקין, וועלכער איז געשטאַנען קעגן איר האַלב שפּאָטיש, ווי אַן אַלטער מאַן קוקט אויף אַ קליין נאַריש קינד. כאָטש — אַזוי האָט מען גערופֿן פּאַלינקעס מוטער — האָט פֿריִער אופֿגעמאַכט די אויגן אויף ראַבאָווסקין, דערנאָך אויף פּאַלינקען, דערנאָך אויף איר מאַן און איז שוין געווען פֿאַרטיק אויסצודראָפּען דעם לערער בײדע אויגן און אים אַרויסטרײַבן אויף דער רעגע פֿון דער שטוב, דערפֿאַר וואָס ער האָט געזמייעט אַזוי גראָב צו ענטפֿערן איר מאַן און איר באַסיעכידע, וועלכע איז, נאָך איר מיינונג, געלערנט מער פֿון אַלע לערערס אויף דער וועלט. נאָר אָן מוישעס פּאָנעם האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף אַ ביסל אײַנהאַלטן דעם כאַס אין זיך, האָט זי פֿאַרביסן מיט די ליפּן און האָט אַ הוסט געטאָן. עטלעכע מינוט איז געווען שטיל. אַלע האָבן געשוויגן, ביז מוישע ליכטינאָוו האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן:

---

[1] קאָל האַטויראָ קולאָ — די גאַנצע טוירע. דאָ געמיינט: די גאַנצע קענטעניש; וויסנשאַפֿט.

— איר האָט אַ טאָעס, הער ראַבאָווסקי, מײַן טאָכטער איז ניט פון די דאָזיקע, וואָס טאַנצן און שפּרינגען, איר איינציק פאַרגעניגן איז נאָר ביכער און ווידער ביכער...

— ביכער? אַזוי? נו, — האָט זיך ראַבאָווסקי צוגעזעצט צו פּאָלינקען, — נו, פרײַלן, געוויס האָט איר שוין דורכגעלעזן גאַנץ פּאָל-דע-קאָק, דיומאַ, קסאַוויע דע מאָנטעפּען[1] און נאָך און נאָך?

כאַנע האָט פאַרשטאַנען, אַז ראַבאָווסקי האָט שוין כאַראָטע געקריגן, וואָס ער האָט אַזוי נישט איידל גערעדט מיט איר פּאָלינקאַ, דערפאַר האָט ער פאַרפירט מיט איר אַזאַ שמועס פון ביכער מיט אַזעלכע מאָדנע ווערטער. זי האָט אים שוין מוחל געווען, און דער קאַס איז איר פונעם האַרצן אַפּגעגאַנגען. דערפאַר האָט זיך אָבער פּאָלינקאַ אָנגעצונדן און איז געוואָרן רויט, ווי אַ רויז, און האָט אים שטיל געפרעגט:

— פונוואַנען נעמט איר, אַז איך האָב פּונקט געלייענט פּאָל-דע-קאָק מיט נאָך אַזעלכע ביכער?

— וואָס, ניין? נו, פאַרצײַעט מיר, — האָט ראַבאָווסקי זיך אופגעכאַפּט פון דעם בענקל און האָט זיך מיט אַ געלעכטער פאַרנייגט פאַר פּאָלינקאַ, — פּאַרדאָן, פּאַרדאָן, פרײַלן.

מוישע ליכטינאָוו האָט באַמערקט, אַז זײַן טאָכטער ווערט אַלעמאָל רויטער און קוקט אַף ראַבאָווסקין מיט בייזע אויגן, איז ער אופגעשטאַנען, האָט גענומען ראַבאָווסקין פאַר אַ האַנט און האָט אים געזאָגט:

— נו, איר וועט האָבן גענוג צײַט צו רעדן פון אײַערע ביכער. איצט קומט, וועל איך אײַך אַרײַנפירן אין אײַער צימער.

דאָס צימער, וווּ ליכטינאָוו האָט אים אַרײַנגעפירט, איז געווען אַ קליין ליכטיק שטיבל מיט זייער באַקוועם און רײַך מעבל. ראַבאָווסקי האָט באַטראַכט די גרויסע בראָנזענע שפּיגל, דאָס שיינע אײַזערנע בעטל מיט דעם העלן קאָבריץ, די קאַרטינעס אַף די ווענט, דעם שרײַב-טיש מיט די צוויי קרעסלעס און די פּריבאָרן, וואָס זענען געלעגן אַף דעם טיש, דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אַף דער קאַנאַפּע און האָט זיך פאַרטראַכט.

— דו ביסט אַלץ דער אייגענער עלנטער, וואָס דו ביסט געווען ביז אַהער, — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, — דער „וועטשני זשיד". פאָר ווײַטער, דו פּוסטע לאָדקע, אין דעם ברייטן טיפן ים, דאָס וואַסער וועט דיך שוין אַליין ערגעץ ברענגען צו אַ ברעג אָדער צום דנאָ, ווער ווייסט? אַ טיפער זיפץ האָט זיך דערבײַ אַרויסגעכאַפּט פון זײַן האַרץ...

2

שלוימע ראַבאָווסקי איז געווען עלנט, אָן עלטערן און אָן פרײַנט, האָט ער זיך גע-וואַלגערט ביז צוועלף יאָר אין דער טאַלמעטווירע אין דער שטאָט נ. ער האָט געליטן הונ-גער און קעלט. דער דאָרטיקער ראַבינער פלעגט אָפט אַרײַנקומען אַף אַ שאָ אין דער טאַלמעטווירע, אים איז אופגעפאַלן דאָס אָרעמע ייִנגל דורך זײַן פעיִקן קאָפּ, האָט ער אים גענומען צו זיך און האָט מיט אים געלערנט רוסיש און דײַטש דרײַ יאָר קעסיידער. דער-נאָך האָט ער אים אַוועקגעשיקט מיט אַ רעקאָמענדאַציע קיין זשיטאָמיר. דאָרט האָט ער איבערגעטראָגן די גרעסטע נויט אַ גאַנץ יאָר, ביז ער איז אַרײַנגעטראָטן אין ייִדישן לע-רער-אינסטיטוט. שוין אַף דעם צווייטן יאָר האָט מען דערקענט זײַן טאַלאַנט, און פון דעם דריטן קורס האָט ער זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צו דעם אוניווערסיטעט. מיט דער גרעסטער געדולד האָט ער געלערנט לאַטײַן און גריכיש און איז אין אינסטיטוט געווען דער בע-סטער שילער. ער האָט דערצו זייער פיל געלייענט, און אַלע כאַווײרים האָבן אים געאַכ-טעט און געליבט פאַר זײַן גוטן כאַראַקטער. אין דער שטאָט האָט ער געהאַט צוויי גוטע קאָנדיציעס (שטונדן), אין די רײַכסטע הײַזער; דאָך האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט קיין גראָשן אין דער קעשענע. פון דעם געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער אויסגעהאַלטן פיל אָרעמע שילער און האָט נאָך דערצו מיט זיי אַליין געלערנט אומזיסט. קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, ווי באַ אַזאַ „גיגאַנט" (וועליקאַן, ריז), — אַזוי האָבן אים אַלע גע-רופן, — וואָס האָט טאָמיד ליב געהאַט פון איטלעכן צו שפּעטן, זאָל זײַן אַזאַ גוט האַרץ. אין אינסטיטוט, באַ אַלע זײַנע כאַווײרים, איז ער געווען ראָש-ווערישן, קיין זאַך האָט זיך אָן אים ניט געטאָן. אַ קרוזשאָק פון זשיטאָמירער אינטעליגענציע (אופגעקלערטע מענטשן)

[1] דאָס זײַנען פאַרפאַסער פון באַקאַנטע פראַנצויזישע לײַכטע ראָמאַנען (באַמערקונג פונעם אויט.).

האָט אים ארײַנגענומען צו זיך פאר א טשלען, און ער איז דאָרט אויך באַלד געוואָרן דער רעדלפירער. מע האָט מוירע געהאט פאר דעם „סעמינאַריסט“, ווי זיי פלעגן אים דאָרט רופן. ראבאָווסקי האָט געהאט א באַזונדערע פעיקײַט יעדן זיך צו מאכן אונטערטעניק, און דאָס, וואָס אנדערע האָבן דערויף געדארפט אויסזיצן נעכט, האָט ער באַלד געגומען מיט דעם סייכל-האיאַשאָר אין עטלעכע מינוט. ער האָט געפילט בא זיך, אז ער שטייט העכער פון אַלע, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט אין זײַן לעבן, דערפאר האָט ער אף יעדן אראָפּגעקוקט מיט זײַנע שפּאָטישע אויגן. פון פרויען-צימער האָט ער געהאט גאָר א באַזונדער מיינונג. אין זײַנע אויגן זענען זיי נאָר פעיִק קינדער צו ניאַנטשען און ספּלעטניעס צו פירן. אין דעם פראַקטישן לעבן האָט ראבאָווסקי נאָך ווייניק זיך ארומגעזען. דער לעצטער זומער אין אינסטיטוט איז געקומען, די שילער פון דעם פערטן קורס האָבן אָנגעהויבן בויען שלעסער אין דער לופט, יעדער נאָך זײַן האַסאָגע. ראבאָווסקי איז שוין פאַרטיק געווען צו דעם אוניווערסיטעט, נאָר ער האָט קיין גראָשן געלט ניט געהאט. אף א קאַזיאָנע שטעלע האָט ער אזוי גיך קיין האָפענונג ניט געקענט האָבן, האָט ער געבעטן בא דעם אינספּעקטאָר, ער זאָל אים קריגן ערגעץ א שטעלע אף א יאָר, קעדיי ער זאָל קענען צונויפשלאָגן א קאַפּיטאַל און פאָרן קיין ק... אין דעם אוניווערסיטעט. דער אינספּעקטאָר איז געווען באַקאַנט מיט מוישע ליכטינאָוו, ער האָט בא אים אָנגעפרעגט, אויב ער דאַרף ניט א לערער, און האָט דערהאַלטן א טשוווע, אז ער דאַרף א לערער, וואָס קען ייִדיש אויך, און ער וויל צאָלן 500 רובל א יאָר אף אַלעם גרייטן. דעם 10-טן יול ...187 איז ראבאָווסקי געקומען קיין גאָטליב און האָט שוין דאָרטן געטראָפן מוישע ליכטינאָוו, וועלכער האָט אים גענומען צו זיך אין וואָגן און האָט אים געבראַכט קיין מאָהילאַ.

3

עס איז פארגאַנגען מער ווי א האַלב יאָר, זינט ראבאָווסקי איז שוין געוואָרן אן אייגענער בא ליכטינאָוון אין הויז. אַלע מענטשן האָבן אים ליב געקראָגן, פון גרויס ביז קליין; נאָר באַזונדערס איז צו אים צוגעבונדן געוואָרן דער אַלטער ליכטינאָוו. ער האָט אין אים דערקענט א זעלטן גוט האַרץ מיט איידעלע געפילן, א מענטשן, וואָס זוכט נאָר צו שאַרפן זײַן סייכל און צו פארגרעסערן זײַנע קענטעניש. די מענטשן פון דעם הויף, אז זיי האָבן געזען, וואָס פאר א כאָשעוו דער לערער איז באַם באַלעבאָס, האָבן זיי זיך שטענדיק געלאָזט צו אים מיט באַקאָשעס. טכילעס האָבן זיי גאָר מוירע געהאט צו אים צוצוטרעטן. אז זיי האָבן אָבער געזען, אז ער באַהאַנדלט זיי ווי זײַנס גלײַכן, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך מער צו אים צוצולאָזן. ער אַליין פלעגט אָפט גיין צו זיי אין די „נאָרעס“ — אזוי פלעגט ער רופן זייערע קליינע שטיבלעך, מיט קאַמיש געדעקט — פלעגט מיט זיי רעדן, שפּילן מיט זייערע קינדער.

— טיפּשים! — פלעגט ער צו זיי זאָגן. — וואָס מאַכט איר אָנשטעלן? איר האַלט מיך פאר א פּאָרעץ? איך בין דער זעלבער סלוזשיטעל, ווי איר, נאָר אין אן אנדער פעל. ווי לאַנג איז, אז איך בין געגאַנגען אין שמאַטעס און האָב געטראָגן „שאַלאַכמאָנעס“! — ער האָט זיך גאָר ניט געשעמט זיי צו דערציילן זײַן ביִאָגראַפיע (לעבנס-באַשרײַבונג).

ראבאָווסקי האָט פײַנט געהאט צו זיצן ליידיק. אז ער האָט פאר זיך קיין אַרבעט ניט געהאט, האָט ער זיך גענומען לערנען מיט די קינדער פון די אָרעמע סלוזשיטעלעס, וואָס האָבן ניט געקענט צאָלן קיין לערער. ער האָט זיך דערצו גענומען מיט זײַן גאַנצן קויעך, מיט דער גרעסטער ענערגיע. ער האָט אײַנגעפירט אן אָרט שולע אין מאָהילאַ, האָט דערצו אָפּגעדונגען א שטיבל באַם אופּראַוולייאושטשי, האָט געלאָזט מאַכן בענק, געקויפט ביכער און האָט געלערנט מיט די קינדער פיר שאָ אַלע טאָג. באַלד פון אָנהייב האָט ער געהאַט זעכצן טאַלמידים — זעקס ייִדישע און צען קריסטלעכע. ער האָט געפּויעלט בא פּאָלינקאַ, זי זאָל אויך געבן א שטונדע, ווײַל אין דער שולע האָבן זיך געמעלדעט דרײַ מיידלעך. דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער אויסגעגעבן אף דער שולע. מוישע ליכטינאָוו האָט אפילע נישט געוואָלט לײַדן, אז זײַן טאָכטער זאָל לערנען מיט די קינדער אין דער שקאָלע, נאָר ראבאָווסקי האָט אזוי לאַנג גערעדט, ביז ער האָט אויסגעפירט זײַנס. ביסלעכווײַז איז ראבאָווסקי נעענטער געוואָרן מיט פּאָלינקען. זי איז געווען דאָס ערשטע פרויענצימער, אין וועלכער ער האָט דערקענט אזוינע מײַלעס, וואָס ער וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געגלייבט: ער האָט אָנגעהויבן צו איר צו האָבן גרויס צוטרוי, מיט קיין מענטשן אין דער וועלט האָט ער אזוי אָפן און פרײַ נישט גערעדט, ווי מיט איר. נישט איין שאָ פלעגן

זיי אויסזיצן אין די שיינע זומער-נעכט אין גאָרטן און שמועסן פֿון ערנסטע זאַכן... דאָך האָט ראַבאָווסקי זײַן פּלאַן וועגן דעם אוניווערסיטעט נישט אופגעגעבן. ער האָט פֿלײַסיק געלערנט און האָט געהאָפט זומער אוועקצופאָרן קיין ק. און אָפּגעבן עקזאַמען. עס איז אָבער אוועקגעגאַנגען איין זומער און דער אַנדערער, עס איז שוין געקומען דער דריטער, און ראַבאָווסקי איז אַלץ נאָך געזעסן אין מאַהילאַ. עס איז אים גאָר נישט אײַנגעפאַלן זיך צו פֿרעגן, פֿאַרוואָס ער איז נאָך ניט אוועקגעפֿאָרן. נישט ראַבאָווסקי, נישט פֿאַלינקאַ האָבן דעריבער נאָכגעטראַכט. דאָס לעבן איז פֿאַר זיי ביידע זייער אָנגענעם געווען, און מיט זיי איז אין זייערע הערצער געוואַקסן א געפֿיל, וואָס זיי האָבן גאָר נישט פֿאַרשטאַנען... לע-סאַטע זענען זיי געווען צופֿרידן און גליקלעך...

4

דרײַ ליכטיקע גליקלעכע יאָר זענען שטיל אָן ראַש פֿאַריבערגעגאַנגען איבער פֿאַ-לינקען מיט ראַבאָווסקין. פֿאַלינקאַ פֿלעגט זיך זייער היימלעך פֿילן מיט אים; ווען ער פֿלעגט אַמאָל אוועקפֿאָרן אָף צוויי-דרײַ טעג, האָט זי ערשט דעמלט געפֿילט, אַז די וועלט איז אָן אים פּוסט און פֿינצטער. דעמלט פֿלעגט זי זיך דערמאָנען, אַז ער מוז אַמאָל אוועק-פֿאָרן, און אוועקפֿאָרן אָף אייביק!..

— נו, וואָס איז? — פֿלעגט פֿאַלינקאַ זיך אַליין פֿרעגן. — ער וועט אוועקפֿאָרן? גאָר-נישט, כ'לעבן גאָרנישט! עמעס, ער איז טאַקע זייער אָן אָרנטלעכער, א פֿײַנער מענטש, א גוטער, א געבילדעטער, א קלוגער מיט זייער פֿיל מײַלעס, איך שעץ אים געוויס זייער הויך... אָבער מער נישט... ער וועט געוויס קומען צו זײַן ציל, און די פֿרוי, וואָס וועט ווערן זײַנע, וועט געוויס גליקלעך זײַן... — אַזעלכע געדאַנקען פֿלעגן אָפֿט דורכפֿליִען בא פֿאַלינקען אין קאָפּ, נאָר בא דעם וואָרט „פֿרוי" פֿלעגט זי פֿילן, אַז עס טוט איר עפּעס א ברי אין האַרץ... ראַבאָווסקי האָט אויך נישט איין מאָל געקלערט, וואָס פֿאַר א קויעך אים האַלט אַזוי צוגעבונדן צו ליכטינאָווס הויז. ער האָט זיך אַליין אָפֿט פֿאַרווירפֿע געמאַכט דעריבער און פֿלעגט קלערן: „דיר איז דאָ גוט, דערפֿאַר גלוסט זיך נישט פֿונדאַנען אוועק-צופֿאָרן, דיר איז דאָ ליכטיק און וואַרעם, דו האָסט וואָס צו עסן, ביסט פֿרײַ, דעריבער ביסטו געוואָרן א דאַרמאָיעד, א בײַבאַק! דו פֿאַרגעסט גאָר, אַז דו ביסט א פֿרעמדער! מע שעצט דיך, ווײַל דו ביסט נוצלעך, און מע צאָלט דיר דערפֿאַר געלט!.. און פֿאַלינקאַ?.." בא דעם געדאַנק פֿלעגט ער בלײַבן שטיין און נישט גיין ווײַטער...

מוישע ליכטינאָוו האָט ניט געוואָלט אוועקלאָזן ראַבאָווסקין און האָט אים געמאַכט פֿאַר סעקרעטאַר בא אַלע זײַנע געשעפֿטן, וועלכע זענען מיט יעדן טאָג געוואַקסן. ליכטינאָוו איז געווען א גוטער פֿאָטער, ווי אַלע גוטע טאַטעס, ער האָט פֿיל געזאָרגט פֿאַר זײַנע קינ-דער און האָט זיי געוויס געוואָלט מאַכן גליקלעך, נאָר ער האָט זיי זייער ווייניק געקענט! עס איז אים אפֿילע קיינמאָל אָף די געדאַנקען נישט געקומען, ער זאָל זיך אַמאָל אויסרעדן מיט זײַן טאָכטער און אויסהערן איר ווילן; ער האָט טאָמיד גערעכנט, אַז קיינער קען נישט אַזוי זײַן טאָכטער, ווי ער קען זי, און אַז ער איז מעכויעו זי גליקלעך צו מאַכן נאָך זײַן פֿאַרשטאַנד און געפֿינען פֿון אירטוועגן א שידעך נאָך איר ווערט, דה., מיט א סאַך געלט און פֿון א גרויסער מישפּאָכע. פֿאַלינקאַ איז שוין אַרײַנגעגאַנגען אין דעם נײַנצנטן יאָר. אַז מוישע ליכטינאָוו האָט עפּעס אָפּגעקלערט צו טאָן, האָט דאָס באַלד געמוזט געשען. ער האָט אָנגעהויבן צו פֿירן א פֿערעפּיסקע מיט די וועלט-שאַדכאָנים, וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזט לאַנג אײַנבעטן און זענען געקומען קיין מאַהילאַ, איטלעכער מיט זײַן פּאַק כאַסאַ-נים אין קעשענע, איינער האָט איבערגעיאָגט דעם אַנדערן, און ווי די הונגעריקע וועלף האָבן זיי דערפֿילט מענטשן-פֿלייש... דער קאָרעספּאָנדענט בא ליכטינאָוון איז געווען ראַ-באָווסקי, און אָף אים איז געפֿאַלן דער גורל, ער זאָל פֿאַרן אָנקוקן דעם כאָסן, וואָס מע האָט אָנגעשלאָגן פֿאַר פֿאַלינקען אין דער שטאָט נ. — ביז צום לעצטן טאָג האָט פֿאַ-לינקאַ מיט ראַבאָווסקין נישט גערעדט קיין וואָרט וועגן זײַן רײַזע קיין נ. נאָר אַז פֿאַלינקאַ האָט געהערט, אַז דער פֿאָטער הייסט שוין אַרײַנלייגן ראַבאָווסקיס זאַכן אין וואָגן און שפּאַ-נען די פֿערד, איז זי צוגעגאַנגען צו ראַבאָווסקין און האָט אופגעהויבן אָף אים אירע פֿאַר-קלערטע אויגן. ראַבאָווסקי האָט א ציטער געטאָן, עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פֿאַלינ-קאַ קוקט אָף אים נישט אַזוי ווי אַלעמאָל.

— איר וועט געוויס מיר נישט אָפּזאָגן און וועט אַרויסגיין א ביסל אין גאָרטן, — האָט אים פֿאַלינקאַ שטילערהייט געזאָגט.

דאָס איז געווען אין איינעם פון די לעצטע טעג מײַ. די זון האָט שוין רעכט געבראָטן, דער גאָרטן איז שוין אינגאַנצן גרין געווען און פול מיט אַראָמאַט, די פייגעלעך האָבן געזונגען לוסטיק, די היישעריקן האָבן געבורטשעט, די קאָמאַרעס האָבן זיך אַרומגעדרייט און באַזעצט ראַבאָווסקיס שטרויענעם קאַפעליוש מיט די ברייטע ראַנדער, אונטער וועלכע מע האָט אַרויסגעזען זײַנע לאַנגע בלאָנדע האָר, וואָס האָבן זיך צעוואָרפן אַף זײַנע ברייטע אַקסלען. דעם קאַפעליוש האָט ער געטראָגן אַף דעם שפיץ קאָפּ, מע האָט אַרויסגעזען זײַן הויכן ברייטן שטערן מיט די גרויסע אויגן. ער איז געגאַנגען גיך, האָט געוואָרפן מיט זײַנע לאַנגע האָר און איז א ביסל ווי אונטערגעשפרונגען. ווי ער האָט דערזען פאַלינקען אין דער אַלייע, האָט ער אָנגעהויבן צו גיין שטילער און איז צוגעגאַנגען צו איר.

— וואָס זאָגט איר צו דער הײַנטיקער לופט? — האָט אים פאַלינקא געפרעגט און האָט געקוקט אַף די ביימער.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט ראַבאָווסקי געענטפערט מיט א שמייכל. — איך זאָג, אַז איבער דער לופט איז זייער גוט צו רעדן, ווען עס גייען אויס רייד אָדער ווען מע וויל זאָגן נישט דאָס, וואָס מע טראַכט.

פאַלינקא האָט א קוק געטאָן אַף אים מיט א פאַרוווּרף.

— עס איז שוין צײַט, איר זאָלט אופהערן צו שפעטן, יעדע זאַך האָט זיך איר צײַט. איך האָב אײַך עפעס צו זאָגן... צו פרעגן... צוליב וועמען פאָרט איר איצט קיין נ.?

— צוליב אײַך.

— איר האָט מיך דען געפרעגט, צי וויל איך, איר זאָלט פאָרן, צי איז דאָס פאַר מיר גוט, צי שלעכט?

ראַבאָווסקי איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. דאָס האַרץ האָט אים אַזוי געקלאַפט, אַז ער האָט נישט געקאָנט גיין ווײַטער. עס איז אים אופגעגאַנגען דער געדאַנק: עפשער נאַר איך מיך נישט אָפּ. עפשער האָט זי מיך טאַקע ליב.

— וויפל ווערטער האָט איר אויסגערעדט אַף דעם וואָרט „פרײַהײַט" (סוואָבאָדאַ), — האָט פאַלינקא ווײַטער געזאָגט, — וויפל מאָל האָט איר אַליין געזאָגט, אַז יעדער מענטש מוז זיך פריִער אָנפרעגן בא זײַן סייכל און דערנאָך בא זײַן האַרץ? צום סאָף האָט איר מיך נישט געפרעגט און האָט מיר קיין צײַט נישט געגעבן, איך זאָל מיך אָנפרעגן בא מײַן סייכל, בא מײַן האַרץ! אַ, ראַבאָווסקי! איר אַליין גיט אײַער האַנט דערצו מיר מײַן פרײַהײַט אַוועקצונעמען, דאָס איז נאָך ערגער...

— פאַלינקא! — האָט ראַבאָווסקי איר איבערגעשלאָגן די רייד. — איר ווילט נישט, אַז איך זאָל פאָרן קיין נ.? פאַרוואָס האָט איר מיר ביז הײַנט גאָרנישט געזאָגט?.. איך בין אַנטשלאָסן, איך פאָר נישט מער...

— שאַט, נישט געכאַפט, — האָט פאַלינקא געענטפערט און אים אָנגענומען בא דער האַנט, — פונוואַנען נעמט איר, אַז איך וויל נישט, איר זאָלט פאָרן קיין נ.? וואָס פאַר א רעכט האָט איר צו קלערן אַזוינס?

ראַבאָווסקי איז ווי אַראָפגעפאַלן פון דעם זיבעטן הימל... „אײַאַ, דו האָסט גאָר קיין צײַט נישט געהאַט, — האָט ער בא זיך געקלערט, — דו האָסט צו הויך געקוקט און האָסט פריִער באַדאַרפט וויסן דײַן אָרט".

מיטאַמאָל האָט מען דערהערט פונדערווײַטנס א דין זילבערן קעלכל: ראַזאַליע איז שוין אויסגעלאָפן דעם גאַנצן גאָרטן און האָט געזוכט ראַבאָווסקין, ער זאָל שוין פאָרן.

— גייט, — האָט פאַלינקא געזאָגט און האָט אים געגעבן די האַנט. ער האָט זי אַזוי צוגעקוועטשט, אַז פאַלינקא איז אַזש רויט געוואָרן. זי האָט אַף אים עטלעכע מינוט געקוקט מיט אַזוינע אויגן, אַז ראַבאָווסקי האָט די באַדײַטונג נישט פאַרשטאַנען.

„אוי, נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן, — האָט פאַלינקא געקלערט, אַז ראַבאָווסקי איז שוין געזעסן אין דעם וואָגן און דאָס קלאַפן פון די רעדער האָט זיך געהערט פון דעם הויף, — גאָט ווייסט, אַז נישט דאָס האָב איך אים געוואָלט זאָגן... פאַרוואָס האָב איך אים אַזוי געזידלט? אַ, טײַערער! ווי וואָלט ער זיך דערפרייט, ווען איך זאָל אים געווען זאָגן, וואָס איך טראָג אין האַרץ! און איך האָב אים אַזוי אָפגעהאַקט די פליגל!.. איך וועל שוין קליגער זײַן: ער וועט נאָר קומען פון נ., וועל איך אים באַלד זאָגן, אינגאַנצן אויסזאָגן!.."

עס זײַנען פאַרגאַנגען מער פון צוויי כאַדאָשים. ראַבאָווסקי איז שוין לאַנג צוריק געקומען פון דער שטאָט נ. מיט גוטע בסורעס. דער כאָסן איז אים געפעלן, און פאַלינקא האָט אים נאָך אַלץ נישט געזאָגט „אינגאַנצן", זי האָט אָפגעלייגט פון איין טאָג אַף דעם אַנדערן: מאָרגן, מאָרגן וועל איך אים זאָגן...

אז ראַבאָווסקי איז צוריק געקומען קיין מאַהילאַ, האָט ער געטראָפֿן א בריוו פון זײַנס א כאַווער פון ק. ער האָט אים גערופן קיין ק. און האָט אים פאַרזיכערט, אז דעם עקזאַ-מען וועט ער געוויס אויסהאַלטן און וועט נאָך האָבן א קאָנדיציע (א לערער-שטעלע) אויך אָף א יאָר. ראַבאָווסקי האָט אים מיט דאַנק אָפּגעענטפערט און האָט אים צוגעזאָגט צו קומען אין כוידעש אָקטיאַבער קיין ק. ער האָט געבעטן דעם כאַווער, ער זאָל אים שיקן עטלעכע ביכער. פאָלינקא האָט געזען, אז ער גרייט זיך אָן צו פאָרן... אָף אייביק...

עס איז געווען אין דער העלפט פון דעם כוידעש אווגוסט אין א וואַרעמען אָוונט. די פינצטערע נאַכט מיט איר שוואַרצן הימל האָבן אראָפּגעקוקט אָף דער ערד, די ביימער האָבן זיך געסוידעט צווישן זיך, די נאַטור איז געשלאָפֿן... ראַבאָווסקי איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן שפּאַצירן. אין דער פינצטערער נאַכט האָט מען קוים באַמערקט זײַן הויכע פיגור אַרומגיין טריט בא טריט אין דער אַלייע. פּלוצעם האָט ער זיך אָנידערגעשטעלט: צו זײַנע אויערן זענען צוגעפֿליוגן עטלעכע אַקאָרדן פון א באַקאַנטער מעלאָדיע. דאָס האָט פאָלינ-קא געשפּילט איר געליבטע אומעטיקע פאַנטאַזיע „דומקא“... ראַבאָווסקי האָט זיך פּאַרוווּנ-דערט: עס איז שוין געווען אַזייגער צוועלף, און זי שפּילט נאָך. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער פון איר שטוב. די אומעטיקע מעלאָדיע האָט אים גערעדט צום האַרצן, עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז עמעצער רעדט און וויינט... מיטאַמאָל האָט זיך דער געזאַנג איבערגעריסן אינמיטן... עס איז אַוועקגעגאַנגען א מינוט צען, האָט ער דערזען פון דעם אַנדערן עק אַלייע א ווײַסע פיגור אַקעגן אים... ער האָט זיך געלאָזט גיין און איז פּלוצעם געבליבן שטיין... ער האָט דערזען, אז דאָס איז א מענטשלעכע געשטאַלט, וואָס איז שוין ניט ווײַט פון אים געווען... דער פּאַכעד איז אַלע רעגע גרעסער געוואָרן, פונדעסטוועגן איז ער געגאַנגען ווײַטער און ווײַטער, ביז די ווײַסע פיגור איז אים אָף די הענט געפאַלן...

— ראַבאָווסקי!!!

— פאָלינקא!!!

. . . .

דער טונקעלער אָוונט האָט גאַנץ אומגעריכט צוזאַמענגעבראַכט די צוויי ליבנדע, וואָס האָבן זײַט לאַנגער צײַט געהאַלטן בעסאָד איינער פאַר דעם אַנדערן און פאַר זיך אַליין זייערע געפילן... ראַבאָווסקיס געזונטע הענט האָבן שטאַרק געהאַלטן די ציטערדיקע פאָלינקא, וועלכע האָט געוויינט מיט זיסע גליקלעכע טרערן... נאָר די שטילע נאַכט מיט דעם קליינעם ווינטעלע, וואָס האָט זיך אַרום זיי אַרומגעדרייט, האָבן געהערט, וואָס ראַ-באָווסקי מיט פאָלינקא האָבן גערעדט...

א העל-בלויער פּאַס האָט זיך געוויזן אָף דעם הימל; די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנ-גען, נאָר א קיל ווינטעלע האָט זיך צעשפּילט, די גרויע ראָסאַ (טוי) האָט פאַרזילבערט דאָס גראָז; פון דעם הימל האָבן מאַט אַראָפּגעקוקט די לעצטע שטערן, ווען די צוויי ליבנדע זענען זיך צעגאַנגען...

צען גליקלעכע טעג זענען אַריבערגעפֿלויגן פאַר ראַבאָווסקין און פאָלינקען, צען טעג, פאַר וועלכע זיי וואָלטן נישט געגעבן קיין צען יאָר לעבן. די עלטערן האָבן גאָרנישט געקענט פאַרשטיין, וואָס מיט פאָלינקען איז פֿירגעגאַנגען, וואָס מיט איר איז געוואָרן: זי האָט גאַנצע טעג געשפּילט און געזונגען פריילעכע ניגונים, געקושט די מוטער אַלע מינוט, אַוועקגעשענקט די דינסטן העלפט פון אירע קליידער. אפילו די קליינע ראַזאַליע האָט זיך אויך נישט געקענט גענוג פאַרוווּנדערן אָף דער פאַרענדערונג, וואָס איז פאָרגע-גאַנגען מיט פאָלינקען. די עלטערן האָבן גערעכנט, אז פאָלינקא איז געוויס צופרידן, וואָס זי וועט אײַנגיכן א קאַלע ווערן... אַ, עלטערן! איר האָט ליב אײַערע קינדער, נאָר איר-קענט זיי נישט!..

די צען טעג זענען געשווינד איבערגעלאָפֿן, ווי אַלע טעג פון דעם מענטשנס לעבן, און אָף מאַהילאַ האָט זיך אָנגערוקט א וואָלקן מיט א שרעקלעכן שטורעם, אָף וועלכן קיי-נער האָט זיך גאָר נישט געריכט... צו מוישע ליכטינאָוו איז אַראָפּגעקומען א כאָסן, זייער א רײַכער און א פײַנער יונגערמאַן. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ, גרויס, אַריסטאָקראַ-טיש, ער האָט פאַרבלענדט די אויגן מיט זײַן פראַנצויזיש און מיט זײַן אשירעס. ער איז מוישע ליכטינאָוו[ן] זייער געפעלן, און זײַן ווײַב כאַנע האָט פּאַשעט אָנגעקוואָלן פאַרן פאַר-געניגן. פון ראַבאָווסקין האָט ער זיך געהאַלטן פונווײַטנס און האָט אים גערופן „יונגערמאַן“. מוישע ליכטינאָוו האָט אים באַקאַנט מיט עטלעכע פּאַמעשטשיקעס, וואָס האָבן געזאָגט אָף אים, אז ער איז א „דזשענטלמען“ (אַן אײדעלער מענטש). אָף דעם פינפטן טאָג האָט ער מיט גרויס צערעמאָניע און אָף פראַנצויזיש געבעטן בא פאָלינקען די האַנט. זי האָט אים

2*

אָבער אַף ייִדיש אָפּגעזאָגט, און ער האָט נעבעך געמוזט מיט ביזוינעס אוועקפּאָרן פון מאַהילאָ.

פּאָלינקעס עלטערן זענען געווען אויסער־זיך און האָבן דאָס גאָר ניט געקאָנט פאַר־שטיין.

מוישע ליכטינאָוו איז אַרײַנגעקומען צו דער טאָכטער אין שטוב און האָט זיך געזעצט צו איר מיט די ווערטער:

— זאָג מיר כאָטש, מײַן יוריסט, מיט וואָס געפעלט דיר נישט דער כאָסן? וואָס פאַר א כיסאָרן האָסטו אין אים געפונען?

— איך האָב אין אים קיין שום כיסאָרן ניט געפונען, — האָט פּאָלינקא געענטפערט, — ווײַל איך האָב בא אים נישט געזוכט נישט קיין מײַלעס, נישט קיין כעסרוינעס.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו זאָגסט, — האָט איר דער פאָטער געזאָגט.

פּאָלינקא איז פּלוצעם אופגעשטאַנען און האָט מיט א ציטערדיק קאָל זיך געווענדט צום פאָטער:

— טײַערער פאָטער! איך קען דיך שוין מער נישט נאַרן... איך מוז דיר דעם עמעס זאָגן... איך קאָן נישט זײַן קיינעמס קאַלע... איך האָב ליב ראַבאָווסקין... אונדזער ראַבאָוו־סקין! און ער מיך אויך... איך וויל זײַן זײַנע...

ווי א דונער האָבן די רייד געטראָפן מוישע ליכטינאָוו, ער איז שיר נישט אַראָפּגע־פאַלן פון דער שטול און האָט זיך אָנגעכאַפּט באם עק טיש, די הענט האָבן אים געציטערט. עטלעכע מינוט איז ער געזעסן פאַרשטיינערט און האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. א שרעקלעכע קלאָלע האָט ער אַרויסגעלאָזט פון זײַן מויל און ניט מיט זײַן קאָל האָט ער א געשריי געטאָן: „כאַנע!!"

כאַנע איז אַרײַנגעפאַלן אין שטוב נישט טויט, נישט לעבעדיק. זי האָט געוואָרפן אירע אויגן באַלד אַף דעם מאַן, באַלד אַף דער טאָכטער, זי האָט געפילט, אַז דאָ איז געווען עפּעס שרעקלעכס.

מוישע ליכטינאָוו האָט איר מיט דעם פינגער אָנגעוויזן אַף פּאָלינקען, וועלכע איז געשטאַנען בלאַסער פון דער וואַנט:

— כאַנע, זי זאָגט... ראַבאָווסקין... זי האָט אים ליב. כאַ! כאַ! כאַ!! — ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט און מיט אַזא מעשונע קאָל, אַז די פענצטער האָבן געקלונגען.

דעם אייגענעם טאָג מיט צוויי שאָ שפּעטער איז שוין ראַבאָווסקי געזעסן אין דעם פאַעטאָן, וועלכער האָט אים פאַר דרײַ יאָר געבראַכט פון גאָטליב קיין מאַהילאָ. די דרײַ ריסאַקעס האָבן אים ווידער געטראָגן קיין גאָטליב, וווהין מע האָט אים געבעטן עקסטרענע פאָרן זיך זען מיט א מענטשן. הינטן איז נאָכגעפאָרן אין א געדעקטן טאַראַנטאַס מוישע ליכטינאָוו. פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען קיין גאָטליב און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין א קליין שטיבל. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטיבל דער סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו מיט א סאָלדאַט. א שאָ שפּעטער איז שוין ראַבאָווסקי געווען פאַרשלאָסן אין א פינצטערן כיידער: ער האָט בא זיך נישט געהאַט קיין פּאַספּאָרט. מוישע ליכטינאָוו האָט סייכל געהאַט אָפּצואַרבעטן א געשעפט!..

מוישע ליכטינאָוו איז גאָר נישט געווען אַזא שלעכטער מענטש, ווי די ליבע לעזער קענען קלערן. קיין גרויסער פאַנאַטיקער איז ער — ווי איר זעט — נישט געווען. ער איז נאָר געווען א גרויסער אַקשן, א קאַפּריזנע מענטש, וואָס האָט פון זיך געהאַלטן אויילעם־אומלויע. ווען מע זאָל אים געווען פריִער ביסלעכווײַז פאַרברייטן, וואָלט ער זיך עפּשער געווען באַקלערט, אַז ראַבאָווסקי איז ווערט צו זײַן פּאָלינקעס כאָסן, כאָטש ער איז נישט געווען רײַך, אויבפּראַט אַז זי האָט אים אַזוי ליב געקריגן; נאָר מע האָט אים מיטאַמאָל איבערגעצויגן דאָס שטריקל, דערפאַר האָט עס געמוזט איבערגעריסן ווערן. ער האָט גע־רעכנט, אַז אַזא אָרעם באָכער, ווי ראַבאָווסקי, וועלכן ער האָט צו זיך אַרײַנגענומען ווי אַן אייגן קינד, האָט געקאָנט האָבן דאָס אַזעס ליב צו קריגן זײַן איינציקע טאָכטער אָן זײַן וויסן — איז ער ווערט, מע זאָל אים הענגען אָדער טרינקען. מוישע ליכטינאָוו איז אַזוי אופגעבראַכט געווען, אַז ער האָט גאַרנישט געוואָלט איבערלייגן, צי טוט ער גוט, צי שלעכט. יוי ער האָט נאָר באַוואָרנט ראַבאָווסקין, איז ער געפאָרן אַהיים און האָט אָנגעהויבן אַרבעטן מיט פּאָלינקען, דאַפקע אָן קאַס, נאָר מיט ווייכע רייד. ער האָט איר דערציילט, אַז ראַ־באָווסקי, ווי ער איז געוואָר געוואָרן, אַז פּאָלינקע האָט זיך מוידע געווען פון זייער ליבע, האָט ער זיך געבעטן אוועקצופאָרן קיין ק... און האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נישט פאַר גרויס ליבע האָט ער פּאָלינקען געוואָלט, נאָר דערפאַר, ווײַל מע וועט איר געבן א גרויסן נאָדן, און נאָך אַזעלכע ווערטער, וואָס האָבן טכילעס ווייניק געווירקט אַף פּאָלינ־

קען, זי האָט גוט געקענט ראַבאָווסקין. נאָר מוישע ליכטינאָוו האָט נישט געשלאָפֿן, ער האָט זײַן טאָכטער ליב געהאַט און האָט נישט געזשאַלעוועט קיין קויכעס אַרויסצוטרײַבן פֿון איר קאָפּ די געדאַנקען פֿון ראַבאָווסקין. ער האָט איר געוויזן אַ וויכטיקן סימען, אַז ראַבאָווסקי האָט זי שוין לאַנג פֿאַרגעסן, ווײַל ער שרײַבט איר אַפֿילע קיין בריוו נישט. די אָרעמע פֿאַלינקאַ, זי האָט ניט געוווּסט, אַז ראַבאָווסקי זיצט פֿאַרשלאָסן. די לעצטע ווערטער האָבן שוין געהאַט אויף איר אַן אײַנדרוק, זי האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ בריוו אַ וואָך, און צוויי, און דרײַ, און פֿיר, פֿיל טרערן האָט זי פֿאַרגאָסן, זי האָט שוין אויפֿגעהערט צו באַשולדיקן די עלטערן: זיי זענען געווען אומגליקלעך גלײַך מיט איר.

אַזוי זענען אַוועק פֿאַר פֿאַלינקען צוויי שווערע כאָדאָשים. זי האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט גערעדט און נישט געוויינט. זי איז שטענדיק געזעסן באַם פֿענצטער און האָט אַרויסגעקוקט אין הויף — ביז זי איז שלאַף געוואָרן און האָט געמוזט זיך לייגן אין בעט אַרײַן. די עלטערן האָבן זיך איבערגעשראָקן און האָבן זיך אַנטשלאָסן זי צו פֿירן קיין גאָטליב צו אַ דאָקטער. כאַנע האָט געהאַט מיט מוישען אַ לאַנגן שמועס און האָט אים געבעטן, ער זאָל ראַכמאָנעס האָבן אויף איר קראַנקער טאָכטער און זאָל צוריק ברענגען ראַבאָווסקין. זי האָט אים געקושט די הענט און די פֿיס און האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן. איין מינוט האָט אים אַ בראָט געטאָן דאָס האַרץ, און אַ גוטער פֿונק האָט זיך דאָרט אויף אַ רעגע אָנגעצונדן — נאָר ער איז באַלד ווידער פֿאַרלאָשן געוואָרן: ער האָט זיך נישט געקענט איבערברעכן און איז שוין צו ווײַט פֿאַרגאַנגען... כאַנע איז יענע נאַכט נישט געשלאָפֿן. אַזייגער דרײַ איז זי שטילערהייט אַרײַנגעגאַנגען צו, וואָס פֿאַלינקאַ טוט. פֿאַלינקאַ איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און האָט ניט געוויינט, נאָר צוויי שמאָלע גרינע פּאַסן האָט מען באַמערקט אויף אירע בלאַסע אײַנגעפֿאַלענע באַקן.

— פֿאַלינקאַ! — האָט די מוטער געזאָגט און האָט זיך אײַנגעבויגן צו איר. — דו שלאָפֿסט נישט? וויין ניט, מײַן טײַער קינד, ער וועט נאָך קומען צו אונדז... צו דיר...

פֿאַלינקאַ האָט געוווּסט, וועמען די מוטער מיינט מיט דעם וואָרט „ער", זי האָט אַפֿילע קיין ריר נישט געטאָן מיט קיין אייווער, נאָר די שוואַרצע אויגן, אין וועלכע עס האָט געשפּילט אַ פֿײַערל, האָט זי אויפֿגעהויבן און געגלאָצט אויף דער מוטער און האָט שטיל געענטפֿערט:

— ניין, מאַמעניו, ניין, ער וועט שוין נישט קומען: ער איז באַ מיר געשטאָרבן...

דעם אַנדערן מאָרגן האָט מען פֿאַלינקען מיט גרויס מי אַרײַנגעזעצט אין פֿאַעטאָן. מוישע מיט כאַנען זענען געזעסן באַ די זײַטן, און מע איז שטיל געפֿאָרן קיין גאָטליב. עס איז געווען אַ וואָלקנדיקער מאָרגן מיט אַ גרויסער בלאָטע, עס האָט געמראַקעט אַ קאַלטער רעגן. מוישע איז געזעסן אײַנגעקוטעט און האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם וועג, ער האָט מוירע געהאַט צו קוקן אויף כאַנען, וועלכע האָט נישט אויפֿגעהערט צו וויינען. פֿאַלינקאַ איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אויף דעם פֿאָטער, אירע שוואַרצע אויגן האָבן הײַנט מער געגלאַנצט ווי אַלעמאָל, און אויף דעם פּאָנעם האָט געשפּילט אַ פֿאַרב. זי איז הײַנט געווען אַ ביסל מונטערער און האָט צוויי מאָל אַרומגענומען די מוטער און האָט זי געקושט. דערנאָך האָט זי אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ צום פֿאָטער אויפֿן האַרץ און האָט אים געקוקט גלײַך אין די אויגן. מוישע ליכטינאָוו האָט זי צוגעקוועטשט צום האַרצן. פֿאַלינקאַ האָט געכאַפּט זײַן האַנט און האָט זי געוואָלט צוטראָגן צום מויל, ער האָט געשווינד צוגעכאַפּט די האַנט: ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז ער אַליין איז דער גאַנצער כײַעוו... עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן נאַכט, ווען מוישע ליכטינאָווס פֿאַעטאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם ברעג טײַך, איבער וועלכן מע האָט זיך באַדאַרפֿט אַריבערשיפֿן אין שטאָט אַרײַן. דער גאָטליבער אָסטראָג שטייט באַ דעם אַנדערן ברעג. ראַבאָווסקי איז געזעסן באַם פֿענצטער און האָט געקוקט, ווי דער טײַך ווערט אײַנגעהילט אין אַ געדיכטן טומאַן. עס איז געווען שטיל, און מע האָט נאָר געהערט, ווי די פֿערד, וואָס האָבן ליכטינאָוון מיט זײַן סעמייסטווע געבראַכט צום ברעג, האָבן געפֿאָרסקעט און געקלאַפּט מיט די פּאָדקאָוועס אין דעם זאַמד. דער קוטשער איז אַראָפּגעקראָכן פֿון דער קאָזלע, האָט צוגעלייגט ביידע הענט צום מויל און אָנגעהויבן צו שרײַען:

— פּאַראָם!!! פּאַ-אַ-ראָם!!!

ראַבאָווסקי האָט זיך גוט צוגעקוקט צום קוטשער און האָט דערקענט זײַן קאָל. ער האָט אויך דערקענט דעם פֿאַעטאָן מיט די דרײַ ריסאַקעס פֿון מאָהילאַ, ער האָט זיך שטאַרקער צוגעקוקט און דערזען מוישע ליכטינאָוו, דערנאָך כאַנען און פֿאַלינקען! ראַבאָווסקי האָט זײַנע אויגן נישט געגלייבט, דאָס האַרץ האָט אים אַזוי געקלאַפּט, אַז ער האָט זיך געמוזט צוזעצן אויף עטלעכע מינוט. דער פּאַראָם איז דערווײַל שטיל געגאַנגען פֿון יענעם

ברעג. אַז ראַבאָװסקי איז װידער צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, איז שױן דער פֿאַעטאָן מיט די פֿערד געשטאַנען אױף דעם פּאַראָם, פֿיר פּאַראָמשטשיקעס האָבן זיך געלײגט אױף דעם שטריק, און דער פּאַראָם האָט זיך שטיל געגליטשט אױף דעם װאַסער, װי אױף גלאָז. דער װינט האָט שױן לאַנג צעשלאָגן די כמאַרעס, עס איז שױן געװאָרן נאַכט, און די שטערן האָבן אָנגעהױבן לײַכטן אײנער נאָך דעם אַנדערן. פֿאַלינקאַ האָט זיך געבעטן אַראָפּ אױף דעם פּאַראָם, זי האָט געזאָגט, אַז זי פֿילט זיך בעסער. מױשע ליכטינאָװ האָט זי, װי אַ קלײן קינד, אַראָפּגעשטעלט אױף דעם פּאַראָם. ראַבאָװסקי האָט דאָס געזען, ער האָט גערעכנט, אַז דאָס פֿאָרן זײ קײן גאָטליב צוליב אים. דאָס ערשטע מאָל, זינט ער איז געזעסן אין אָסטראָג, האָבן זיך זײַנע אױגן װי צװײ קװאַלן געעפֿנט און הײסע טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פֿון זײ. דאָס זײַנען געװען טרערן פֿון פֿרײד.

פֿאַלינקאַ האָט געזאָגט דעם פֿאָטער, ער זאָל רויִק זײַן, זי װעט זיך אַלײן אַ ביסל איבערגײן איבער דעם פּאַראָם. מױשע האָט זיך צוריק אַרײַנגעזעצט אין פֿאַעטאָן, און כאַנע האָט געדרעמלט. פֿאַלינקאַ איז צוגעגאַנגען צו די פּאַרענטשעס פֿון פּאַראָם, האָט זיך אָנגענומען אָן זײ מיט בײדע הענט און האָט אַראָפּגעקוקט אױף דעם שטילן װאַסער. נאָכדעם האָט זי אױסגעדרײט דעם קאָפּ צום פֿאַעטאָן, האָט געקוקט עטלעכע מינוט. דערנאָך האָט זי אַ װאָרף געטאָן די אױגן צום הימל און מיט די לעצטע קױכעס האָט זי זיך אָנגעכאַפּט באַ דער פּאַרענטשע, האָט זיך אױפֿגעהױבן אױף בײדע הענט און איז אַרײַנגעשפּרונגען אין װאַסער!.. די פּאַראָמשטשיקעס האָבן זיך דרײַ מאָל איבערגעצײלעמט, און אַז מױשע ליכטינאָװ מיט כאַנען זײַנען אױפֿן ברעג אַרױסגעשפּרונגען פֿון דעם פֿאַעטאָן און האָבן אַ קוק געטאָן אױפֿן טײַך, האָבן זײערע אױגן דערזען, װי אַ האַנט איז אַרױסגעשװומען אױף דעם װאַסער, גלײַך װי זי װאָלט געבעטן הילף, און איז פֿאַרפֿאַלן געװאָרן אין די גרױסע כװאַליעס...

ראַבאָװסקיס אױגן האָבן געזען די גאַנצע סצענע...

דאָס לעצטע װאָרט:

אױף דעם הײליקן אָרט פֿון דער שטאָט גאָטליב, אונטערן באַרג, שטײען צװײ שטײנער. הינטער זײ ליגן צװײ יונגע מענטשן: פֿאַלינקאַ ליכטינאָװ און שלומע ראַבאָװסקי. נאָך פֿאַלינקעס טױט האָט ראַבאָװסקי אָפּגעלעבט צװײ שרעקלעכע יאָר. בעשאַס פֿאַלינקאַ האָט זיך איבערגעקערט איבער די פּאַרענטשעס פֿון דעם פּאַראָם און האָט זיך אַרײַנגעװאָרפֿן אין טײַך, האָט זיך באַ ראַבאָװסקין איבערגעקערט דער מוח אין קאָפּ... פֿון דער צײַט אָן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט פֿון אײן שטאָט אין דער אַנדערער באָרװעס און אָפּגעריסן, און האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, צי מע האָט געהערט, װי פֿאַלינקאַ האָט נעכטן געשפּילט די פֿאַנטאַזיע „דומקאַ"... ביז ער איז אײן אַ װינטער געקומען קײן גאָטליב, װוּ די דאָרטיקע ײדלעך האָבן אים נישט געװאָלט אַרײַנלאָזן אין קײן שטוב איבערנעכטיקן, און מע האָט אים אָנגעװיזן אױף דער אַלטער שול. דאָרט זײַנען געזעסן עטלעכע דאַרע יונגען און האָבן באַם אױװן געבראָטן קאַרטאָפֿליעס. ראַבאָװסקי האָט פֿאַר קעלט געציטערט, װי אַ בלאַט, און איז צוגעגאַנגען צום פֿײַער. די יונגעלײַט האָבן מיט אים אַ ביסל לײצאָנעס געטריבן, האָבן אים אױסגעשמירט מיט קרײַד און מיט סאַזשע און האָבן זיך געקײַקלט פֿאַר געלעכטער. ראַבאָװסקי איז געשטאַנען אױף אײן אָרט, די אױגן האָבן זיך אים פּלוצעם אָנגעגאָסן מיט בלוט, ער האָט געכאַפּט אײנעם פֿון דער כעװרע און האָט אים װײַט פֿון זיך אַװעקגעװאָרפֿן. די יונגעלײַט האָבן זיך דערשראָקן און האָבן אים מיט שװערער מי אַרױסגעשטופּט אױף דער גאַס און פֿאַרשלאָסן די טיר. דעם אַנדערן טאָג האָט מען אים געפֿונען טױט אױף דער גאַס...

די גאָטליבער כעװרע-קאַדישע האָט געפֿונען, אַז מע מעג דעם געפֿראָרענעם לײגן לעם דער דערטרונקענער... מױשע ליכטינאָװ איז אין די צװײ יאָר שטאַרק אַלט געװאָרן, ער האָט פֿאַרלאָרן אַלע צײן און איז געװאָרן װײַס, װי אַ טויב. כאַנע קורירט זיך אין אױסלאַנד און האָט פֿון דאָרט צוגעשיקט אַ מאַרמאָרנע מאַציײװע מיט גילדענע אותיות און האָט איר מאַן געבעטן, ער זאָל לאָזן די מאַציײװע שטעלן אױף פֿאַלינקעס קײװער... דאָס גאָטליבער קאָהאָל האָט אָבער נישט דערלאָזט, אַז אױף זײער הײליקן אָרט זאָלן שטײן „גױישע מאַציײװעס"... מױשע ליכטינאָװ האָט אַװעקגעשיקט צום גובערנאַטאָר אַן אַדװאָקאַט, און דערװײַל ליגן אױף פֿאַלינקעס און ראַבאָװסקיס קװאָרים צװײ פּראָסטע שטײנער...

לובני, 1883

■ ■ ■

בלומען

(קליינע מײַסעלעך)

אוורעמל

אז איך האָב זיך מיט זיי באַגעגנט, זענען זיי ביידע צוזאַמען אַלט געווען קימאַט צוויי הונדערט יאָר.

— אוורעמל! מיר האָבן אַ גאַסט.

— ווער איז?

און דאָס פּאַרפּאָלק פון צוויי הונדערט יאָר האָבן מיך אופגענומען מיט פרייד, מיט פאַרגעניגן.

און איך האָב באַם פּאַרפּאָלק פון צוויי הונדערט יאָר פאַרבראַכט די צײַט מיט פרייד, מיט פאַרגעניגן.

ביידע נידעריקע, ווײַסע, ווי געפּאַלענער שניי, אָן ציין, אײַנגעבויגענע, נאָר פריילעכע, ציכטיקע, לעבעדיקע, ווײַזן אויס ווי אַ ברודער און שוועסטער, ניט ווי מאַן און ווײַב.

— איך געדענק נאָך אײַער זיידן, אײַער עלטערזיידן; געווען אַ ווױלער ייִד, גאָר אַ ווױלער, אָבער טאַקע גאָר אַ ווױלער, ניט אַזוי ווי הײַנטיקע ייִדן — ניין, אָבער טאַקע גאָר ניין! מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט אים, אפּאָנעם, — ווו האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט אײַער עלטערזיידן?

ער שמאַקעט מיט די ליפּן און דערציילט מיר אַלטע מײַסעס פון אַמאָליקע יאָרן, און דערמאָנט ער זיך אין יענע יאָרן, ווערט ער ווי מונטערער, פרישער, ייִנגער.

— הער נאָר, סערדצע! — זאָגט ער צו דער אַלטיטשקער. — געדענקסט ניט, נעשאָמע מײַנע, וויאַזוי האָט געהייסן דער פּאָרעץ, וואָס זײַן עלטער-עלטערזיידע האָט פון אים גע-האַלטן די אַרענדע? האַ, סערדצע?

— פאַן פּרזשעשרזשאַנסקי, — זאָגט זי, — אוורעמל, פּרזשעשרזשאַנסקי האָט ער גע-הייסן.

— יאָ, ביסט גערעכט, סערדצע, ביסט גערעכט: פאַן פּרזשעשרזשאַנסקי האָט ער גע-הייסן.

און זיי פּײַפן אויס מאָדנע דעם דאַזיקן נאָמען מיט דער צונג.

— דאָס האָט באַדאַרפט זײַן, סערדצע, ניט זייער לאַנג, איאָ? ווי מיינסטו, סערדצע?

— נישט לאַנג, אוורעמעלע, נישט לאַנג; אַ יאָר... אַ יאָר זעכציק אָדער זיבעציק; נישט מער, נישט מער ווי אַ יאָר זיבעציק, — ענטפערט אים די אַלטיטשקע.

און דער אַלטער יונגערמאַנטשיק דערציילט מיר אַלערליי מײַסעס, אַנעקדאָטן ביז שפּעט-שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

— קום שוין, אוורעמעניו, קום שוין שלאָפן!

און די אַלטיטשקע נעמט דעם אַלטן און פירט אים אָפּ פאַר אַ האַנט שלאָפן, ווי מע פירט אָפּ אַ קליין קינד, און אין עטלעכע מינוט אַרום קומט זי אַרײַן צו מיר שוין אַליין, אַ ביסל אויסגעטאָן, מיט אַ ווײַסן אָנגעקראַכמעלטן שלייער אפן קאָפּ און מיט עטלעכע שפּיל-קעס אין מויל. זי זעצט זיך צו צו מיר אַ ביסל שמועסן, און מיר שמועסן ווידער אַ היפּשע ווײַלע, און מיר קאָנען זיך גאָר זאַט ניט אָנרעדן; דאָס הייסט, ניט איך רעד — זי רעדט, די אַלטיטשקע רעדט, און איך הער זי אויס.

— איר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, — זאָגט זי צו מיר, אָנגעשפּאַרט אָף די אויס-געטריקנטע עלנבויגנס, — איר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, ווי שוואַך מײַן אוורעמל הייבט אָן צו ווערן די לעצטע צײַט. אָן איבעריקע האַלבע שאָ לאָז ער זיצן בא דער נאַכט, ווערט ער מיד און מוז גיין שלאָפן. נאָר לעמײַ זאָל איך זינדיקן? אַ דאַנק גאָט דערפאַר. קיין

סאך אוורעמלען, ווי מײַן אוורעמל, איז ניטאָ. איך האָב נאָך פֿון אים קיין איינציק מאָל, כאַלילע, קיין אומקאָוועד נישט געהאט, קיין קרום וואָרט ניט געהאָרכט. פֿון דער ערשטער שאָ נאָך דער כופּע ביז הײַנטיקן טאָג צו הונדערט און צוואַנציק יאָר. לעמײַ זאָל איך זאָגן? איך האָב צו אים גאָרניט, איך האָב צו אים גאָרניט, און מיר לעבן זיך, באָרעכהאַשעם, צו-פֿרידן, ווי גאָט האָט געבאָטן, און צום איבערשטן קיין טײַנעס האָבן מיר אויך ניט... ער פֿירט אונדז אויס פֿון קאַמע יאָרן, און מיר דאַרפֿן, כאַלילע, צו לײַטן ניט אָנקומען, און קיין פֿרעמדס האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט פֿאַרנומען, געלויבט איז גאָט באָרוך-הו...

— נו, און אײַערע קינדער?..

— מײַנע קינדער?.. עד-עד-עד! גאָט באָרוך-הו האָט מיך געשטראָפֿט, אויסגעשטאָרבן אַלע קינדער... אייניקלעך האָבן מיר, געלויבט דער איבערשטער, אורייניקלעך און אור-אורייניקלעך, קיין אײַנהאָרע ניט... נאָר קיין קינדער נישטאָ; אַלע אויסגעשטאָרבן.

די אַלטיטשקע האָט זיך פֿאַרטראַכט.

אין א מינוט אַרום רופֿט זי זיך אָן צו מיר:

— וואָס זאָגט איר עפּעס אָף אים?

— אָף וועמען?

— אָף מײַן אוורעמלען.

איך האָב נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס זי מיינט דערמיט, האָב איך נאָר א שמייכל געטאָן און האָב איבערגעטראָגן אונדזער שמועס אָף אַן אַנדער איניען.

מיר האָבן נאָך לאַנג-לאַנג פֿאַרבראַכט. מיר האָבן גערעדט וועגן אַלערליי זאַכן און וועגן פֿאַרשיידענע לײַט; נאָר מער און אָפֿטער פֿון אַלץ האָט זיך געדרייט בא איר אָף דער צונג אוורעמל, איר אוורעמל.

אוורעמל איז געווען א בײַשפּיל אָף יעדן אויפֿן, א פֿאַרגלײַכן צו יעדן מענטשן. אוו-רעמל! אוורעמל! אוורעמל!

עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז סע זיצט אַקעגן מיר א ווײַבל, א יונג ווײַבל, ניט קיין אַלטע ייִדענע פֿון קאָרעוו צו הונדערט יאָר.

איך וואָלט א באַלן זײַן וויסן, ווו איז אַצינד דאָס דאָזיקע פּאָרל?..

דער אויצער

אָף יענער זײַט באַרג, הינטערן אַלטן בעסמעדרעש, געפֿינט זיך אַן אויצער.

אַזוי האָט מען געשמועסט בא אונדז אין שטעטל.

נאָר קומען צום אויצער איז ניט אַזוי גרינג. אַז אַלע ייִדן אין שטעטל וועלן לעבן בעשאָלעם און וועלן זיך נעמען אַלע אים זוכן, דעמלט וועט מען אים געפֿינען.

אַזוי האָט מען געשמועסט בא אונדז אין שטעטל.

און אַז אַלע ייִדן וועלן לעבן צופֿרידן, עס וועט ניט זײַן קיין קינע בא ייִדן, קיין סינע, קיין קריג, קיין לאָשנהאָרע, קיין רעכילעס, און מע וועט זיך נעמען אַלע, וועט מען אָפּזוכן דעם אויצער, און אַז ניט — וועט ער אַרײַן טיף-טיף אין דער ערד אַרײַן...

אַזוי האָט מען געשמועסט בא אונדז אין שטעטל, און מע האָט אָנגעהויבן זיך צו שפּאַרן און איבערשפּאַרן, צו אַמפּערן זיך און צו ווערטלען זיך, צו זידלען און צו קריגן זיך, וואָס ווײַטער אַלץ מערער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבערן אויצער. דער האָט גע-זאָגט: ער דאַרף זײַן דאָ, דער האָט געזאָגט: דאָרטן, — און מע האָט ניט אויפֿגעהערט זיך צו שפּאַרן און איבערשפּאַרן, צו אַמפּערן זיך און צו ווערטלען זיך, צו זידלען און צו קריגן זיך, וואָס ווײַטער אַלץ מערער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבערן אויצער — און דער אויצער... — האָט געזונקען אַלץ טיפֿער און טיפֿער אין דער ערד אַרײַן.

אַן אוזעם

אָף דער ערד איז ער געזעסן, אָף דער ערד, בא דער טיר פֿון דער שול. ער איז גע-זעסן און האָט גערעכנט די גראָשנס, געציילט די פּרוטעס — די פּרוטעס, וואָס ער האָט דורכן טאָג געמאַכט, צונויפֿגעקליבן.

צוויי מאָל אין וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק, גייט ער איבער די הײַזער. פּרוטעס נעמט דער אָרעמער אָרעמאַן בא די רײַכע אָרעמעלײַט. די צוויי טעג זענען זײַנע.

ווי ליכטיק שײַנט די זון, ווי וואָרעם זענען אירע שטראַלן! איין האַנט האַלט ער אין בוזעם, און אין דער אַנדערער האַלט ער די גראָשנס, די פּרוטעס. ער וואַרפֿט זיי און קלינגט מיט זיי: ער ציילט זיי און רעכנט זיי. פּלוצעם...

ווער פֿאָרט דאָס אין דער דאָזיקער קאַרעטע, זעקס פֿערד געשפּאַנט? אַ! דאָס איז דער גראַף פֿונעם שטעטל.

די פֿערד טראָגן די קאַרעטע, און דער שטויב גייט נאָך, ווי צוויי וואָלקנס, בײַ די זײַטן.

דער שטויב האָט אים אַ ביסל פֿאַרשאָטן די אויגן מיטן מויל און האָט אים אויף צוויי מינוט פֿאַרשטעלט די שײַן פֿון דער ליכטיקער זון.

— אַ ביסל אַ האָזע! אַן אַזעס פֿון אַ גראַף! — האָט ער אַ מורקע געטאָן זיך אין באָרד אַרײַן, און האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, רעכענען די גראָשנס, ציילן די פּרוטעס...

אײַנגעטיילט זיך

הײַנט איז געוואָרן אַ מאָדע: „כעוורעס", „כאַדאָרים", „שקאָלעס", „סאַנאַטאָריע". אַמאָל האָבן מיר דערפֿון גאָר נישט אָנגעהויבן צו וויסן.

געשטאָרבן אַן אָרעמאַן און איבערגעלאָזט אַ טוץ קינדער יעסוימים — כאַטש נעם וואַרף זיי אַרײַן אין וואַסער אַרײַן! מאָלט אײַך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי; עס האָט זיך נאָך נישט געמאַכט, מע זאָל נעמען לעבעדיקע נעפֿאַשעס און וואַרפֿן זיי אין טײַך אַרײַן! עס רעדט זיך נאָר אַזוי...

אַזוי ווי הײַנט געדענק איך. קאַסריִעל דער וואַסערפֿירער איז געשטאָרבן, און באַלד נאָך אים איז געשטאָרבן זײַן ווײַב קאַסרילעכע, און ס'איז געבליבן פֿון זיי אַ היפּש ביסל קינדער, אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען, אָן אַ ווינקל, אָן אַ שטיקל ברויט — אַ גוואַלד, אַ כוישעך איז געוואָרן אין שטאָט, כוישעך צווישן די אָרעמעלײַט.

— ראָצכים! גאַזלאָנים! קוילערס! וואָס שווײַגט מען? ווי לאָזט מען דאָס אַזויפֿיל נעפֿאַשעס אויסגיין פֿון הונגער? פֿאַרוואָס טוט מען עפּעס ניט? ווו זענען די נעגידים אונדזערע? די גווירים?

די נעגידים, די גווירים זענען געווען פֿאַרנומען מיט זייערע געשעפֿטן, און די אָרעמע-לײַט האָבן ניט אויפֿגעהערט צו פּילדערן און צו ליאַרעמען, אַזוי לאַנג, ביז ס'איז געקומען אָפּדערנאַכט, האָט מען געמאַכט באַם ראָוו אַן אַסיפֿע, און ס'איז געבליבן, מע זאָל זיך מיט די קינדער אײַנטיילן.

אָט דאָ איז ערשט געוואָרן דער רעכטער געפּילדער: באַלאָנים אויף אַזאַ גרויסער מיצווע זענען געווען אַ סאַך, און קינדער — סאַכאַקל זיבן.

איך שעם זיך

איך האָב געהאַט אַ כאַווער. מיר האָבן געלערנט אין איין כיידער. אײנײנעם געלעבט, אײנײנעם געטאָן נאַרישקײַטן, אײנײנעם געטיילט פֿריידן און ליידן.

די בלינדע, וואָס מע רופֿט זי פֿאָרטונע, די האַצלאָכע, האָט זיך צוגעשמייכלט צו מײַן כאַווער, און מע האָט אים באַגליקט, און ס'איז אים אוועקגעגאַנגען בעסער און בעסער, און איז געוואַקסן העכער און העכער.

און איך בין געבליבן פֿון אונטן...

לאַנג, גאַנץ לאַנג האָבן מיר זיך ניט געזען, ניט באַגעגנט. מיר זענען געגאַנגען אויף פֿאַרשיידענע וועגן, מיר האָבן געוווינט אין פֿאַרשיידענע שטעט.

אײנמאָל בין איך געקומען אין דער שטאָט, ווו מײַן כאַווער האָט געוווינט, און בין געגאַנגען פֿאַרבײַ מײַן כאַווערס אויסגעצייכנטן הויז און האָב זיך אָפּגעשטעלט:

„יאָ אַרײַנגיין, צי ניט אַרײַנגיין?"
און איך בין אַרײַנגעגאַנגען.
שטעלט אײַך פֿאָר — ער האָט מיך דערקענט!..
— וואָס זשע מאַכסטו, ברודער? ווי גייט עס?
א היפּשע ווײַלע זענען מיר געשטאַנען פֿון פּאַרנט; אינווייניק צו זיך האָט ער מיך ניט אַרײַנגערופֿן.
ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז סע וווּנדערט מיך, האָט ער צו מיר געזאָגט, באַטראַכט מײַן האַלבאָשע:
— זײַ מיר מוחל, גוטערברודער, האָב קיין פּאַריבל, איך בעט דיך, זײַ מיר מוחל, איך קאָן ניט, איך שעם זיך!..
— דו שעמסט זיך? דו שעמסט זיך מיט מיר?
— אָך, ניין, כאַלילע, ניט דאָס מיין איך, ניט דאָס האָב איך געזאָגט! איך האָב געזאָגט, איך שעם זיך מיט... מיט מײַן גרויסאַרטיק הויז... פֿאַר דיר, פֿאַר מײַן אַלטן כאַווער, פֿאַר... פֿאַר... זאָג מיר, ווו שטייסטו? ווו וווינסטו? איך וועל קומען, איך וועל זײַן בא דיר, איך וועל זײַן בא דיר!
ער האָט געוואָרפֿן אַן אויג אָף מײַנע אויסגעדרייטע צעריסענע שטיוול און איז געוואָרן רויט פֿאַר בושע...
איך האָב אים פֿאַרשטאַנען און האָב אים מוחל געווען מיטן גאַנצן האַרצן, מיטן גאַנצן האַרצן!

עק וועלט

דאָרט, אָף יענער זײַט בעסוילעם, הינטער דער שטאָט, גייט זיך צונויף דער הימל מיט דער ערד.
דאָרט, אָף יענער זײַט בעסוילעם, הינטער דער שטאָט, איז עק וועלט.
אַזוי האָבן מיר אַלע אין כיידער אָפּגעפּאַסקנט און האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך — צונויפֿצוזאַמלען זיך שאַבעס באַטאָג, ווען דער אוילעם, ווען אַלע ייִדן, ווען די גאַנצע שטאָט שלאָפֿן מיטן זיסן שאַבעסדיקן שלאָף, און זיך לאָזן גיין און גיין ביזן עק וועלט.
שאַבעס באַטאָג, ווען דער אוילעם, ווען אַלע ייִדן, ווען די גאַנצע שטאָט זענען געשלאָפֿן מיטן זיסן שאַבעסדיקן שלאָף, האָבן מיר זיך צונויפֿגעזאַמלט און האָבן זיך געלאָזט גיין און גיין ביזן עק וועלט.
און מיר זענען געגאַנגען — צי אַ שאָ, צי צוויי, צי דרײַ — ווייס איך ניט; נאָר מיר זענען, באָרעכהאַשעם, מיט גאָטס הילף, געקומען בעשאָלעם ביז דער מיל, ביז דער ווינטמיל.
דאָ, בא דער ווינטמיל, האָבן מיר זיך געזעצט רוען. זיך צוגעזעצט, צוגעלייגט. צוגעלייגט זיך, אויסגעצויגן זיך אָפֿן גרינעם גראָז, אָפֿן שמעקנדיקן גראָז, און געכאַפּט אַ דרעמל.
יעדער פֿון אונדז איז פֿאַרנומען מיט זײַן זאַך, מיט זײַנע געדאַנקען, מיט זײַן פֿאַרגעניגן. ס'איז שטיל. קיינער זאָגט ניט קיין וואָרט: קיינער וויל, מע זאָל אים איבערשלאָגן, קיינער וויל יענעם איבערשלאָגן.
— ווו זשע איז עק וועלט? — האָט זיך אָנגערופֿן איינער פֿון אונדז.
— אָט דאָס איז דאָך עק וועלט, נאַרעלע! — האָט אים דער אַנדערער געענטפֿערט.
און ס'איז בא אונדז אַלע געבליבן דער העסקעם, אַז דאָ, הינטער דער ווינטמיל, איז עק וועלט; אַז ווײַטער פֿון דער מיל איז שוין די האַרי-כוישעך, די פֿינצטערע בערג, וואָס זענען באַדעקט מיט אַ שוואַרץ גראָז, און דאָרט, אָף די בערג, געפֿינען זיך נאָך אַדהײַנטיקע קליינע ייִדלעך מיט לאַנגע בערד ביז די שפּיץ פֿינגער פֿון די פֿיס, — די קליינע ייִדלעך, וואָס גאָט האָט זיי אַהער פֿאַרטריבן פֿאַר זייערע צינגער, פֿאַר זייערע לאַנגע צינגער, דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן געהאַרגעט איינער דעם אַנדערן מיט די צינגער; און אָף יענער זײַט בערג איז שוין דער פֿאַרגליווערטער יאַם, וואָס דער שטורעם-ווינט פֿאַרטרײַבט אַהין אַלע אָקרענטן מיט אַלע שיפֿן און וואָס קיינער קומט שוין פֿון דאָרט ניט צוריק...
— אין בעסמעדרעש אַרײַן! ווײַסכעווערניקעס! אין בעסמעדרעש אַרײַן! לײַטישע באַכערימלעך! דאַכט זיך, שענער צו זיצן אין בעסמעדרעש שאַבעס באַטאָג און לערנען

„פּיירעק"[1] איידער וואלגערן זיך, גלײַך מיט אלע שקאָצימלעך, הינטער דער מיל. אין בעס־מעדרעש אריַין, גויִים, אמעראצים, אין בעסמעדרעש אריַין!

דאָס איז געווען „מאָטיע רויטעבאק", א שיינער ייִד, א יוידייע־סייפער[2], א באלעבאָס מיט אן אייגענער שטוב און מיט א „שטאָט" אין מיזרעך־וואנט, די דריטע שטאָט פונעם אָרנקוידעש...

מאלעכהאמאָוועס

איך האָב געהערט אין כיידער. מײַן רעבע האָט מיר דערציילט. מײַן רעבע רעב מייער, זיכרוינע־ליווראָכאָ...

שרעקלעכע מײַסעס האָט ער זיך אָנדערציילט פונעם מעגטשנס סאָף, פונעם מאלעכ־האמאָוועס מיט די טויזנטער אויגן פון קאָפּ ביז פיס, פונעם מאלעך־האדוימע מיט די אײַזערנע ריטער, וואָס קומט אין קייווער אריַין מיט א דאָפּראָס:

— רשע! מה שמך?[3] ראָשע! וויאזוי רופט מען דיך? עסקת בתורה?[4] וואָס האָסטו געלערנט?

און נאָך פיל שרעקלעכע, בעעמעס מוירעדיקע מײַסעס. און עס איז איבערגעגאנגען א פראָסט איבערן לײַב, און די האָר האָבן זיך געשטעלט קאפּויר.

נאָר שרעקלעכער פון אלץ איז בא מיר געווען דער מאלעכהאמאָוועס, דער מאלעכהא־מאָוועס מיט די טויזנטער אויגן פון קאָפּ ביז פיס. און איך בין זיכער, אז ווען איך וואָלט דענסטמאָל זיך באגעגנט מיטן דאָזיקן פּארשוין, וואָלט איך געוויס געשטאָרבן פאר פּאכעד אליין.

אך, ווי עס בײַטן זיך די צײַטן!

אצינד, ווען איך זע זיך מיט „אים" קימאט יעדן טאָג, ווער איך גאָר ניט ניספּאָעל.

איך פיל „אים" נעבן זיך; איך הער „זײַן" אָטעמען אָט דאָ, נעבן זיך; איך ווייס, איך הער, אז „ער" גייט מיר נאָך פון הינטן פוסטריט — און גאָרניט!

— נו, גיכער, גיכער! — זאָגט „ער" מיר. — מאך א צאוואָע און קום...

— מאָרגן, אימײִרצעהאשעם, מאָרגן! — ענטפער איך „אים" און לייג דאָס אָפּ פון טאָג אף טאָג.

און אזוי ווי איר זעט, נארן מיר איינער דעם אנדערן. ער זאָגט מיר: „צאוואָע!" איך אים: „מאָרגן, מאָרגן... מאָרגן..."

---

1 דער טאלמודישער טראקטאט „באָות" (אָוועס).

2 א לערנער.

3 ראָשאָ! מא שמעכאָ?

4 אָסאקטאָ באטוירא?

אַרן וואָראָבייטשיק

אַין אַן אָפּגעלעגן ווינקעלע

ס׳איז פֿאַראַן אַזאַ אָפּגעלעגן ווינקעלע אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפֿן, וווּהין מיר קוקן זייער זעלטן אַרײַן, כאָטש עס פֿאַרדינט בעפֿײַרעש אונדזער גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט. מיר ריידן דאָ וועגן שאָלעם־אַלייכעמס 1) „לידער אין פּראָזע“, 2) וועגן זײַנע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן און 3) וועגן דעם צענדליק גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, וואָס ער האָט דירעקט געשריבן אויף רוסיש. סײַ אַלס אָריגינעלע ווערק, סײַ אַלס אויטאָרישע „איבערזעצונגען פֿון ייִדיש“.

די דאָזיקע ווערק ווײַזן אונדז שאָלעם־אַלייכעמען פֿון אַזאַ זײַט און אַנטפּלעקן אין אונדזער געני׳אַלן פֿאָלקס־שרײַבער אַזעלכע שטריכן, וואָס קאָנען אונדז ניט ווינציק מיטהעלפֿן באַם באַשטימען דעם אינערלעכן מעהוס פֿון זײַן גאַנצן שאַפֿן.

די „לידער אין פּראָזע“ (אַזוי האָט שאָלעם־אַלייכעם אָנגערופֿן אויף רוסיש זײַנע קליינע לירישע סקיצן), אָדער זײַן „פּאָעזיע אָן גראַמען“ (אַזוי האָט ער אָנגערופֿן די דאָזיקע סקיצן, בייס ער האָט זיי צום ערשטן מאָל געדרוקט אויף ייִדיש) האָט שאָלעם־אַלייכעם אָנגעשריבן אין די יאָרן 1888—1892, דהײַנו. אויף יענעם עטאַפּ פֿון זײַן שאַפֿן, ווען ער האָט נאָך עקספּערימענטירט מיטן קינסטלערישן וואָרט, ווען ער האָט ערשט געזוכט זײַן אייגנטימלעכן קינסטלערישן סטיל און האָט אויסגעפּרוּווט די פּען אין אַזעלכע זשאַנרען, וואָס זײַנען פֿאַר דעם שפּעטערדיקן, וועלטבאַרימטן שאָלעם־אַלייכעמען זייער ווינציק כאַראַקטעריסטיש. אין דער צײַט טאַקע (17־טן יאַנוואַר 1889) האָט מענדעלע אים געשריבן:

„....„סטעמפּעניו“ איז אַ געראָטענע זאַך. עס זײַנען אין אים [פֿאַראַנען] שטעלן אַזעלכע, וואָס ווײַזן באַשײַמפּערלעך, אַז גאָט האָט אײַך געבענטשט מיט אַ פֿילנד האַרץ, אַז איר האָט אין אײַך דעם ברען: דאָס פֿינטעלע פּאָעזיע און דער פֿונק פֿײַער אין אײַך וועט מיט דער צײַט זיך צעברענען, צעפֿלאַקערן...“

מענדעלעס אָפּשאַצונג פֿון שאָלעם־אַלייכעמס טאַלאַנט און זײַן פּראָגנאָז זײַנען נאָך מער ווי צו „סטעמפּעניו“ אָנגעמאָסטן געווען פֿאַר דעם גרעסטן טייל פֿון שאָלעם־אַלייכעמס „לידער אין פּראָזע“ און פֿאַר זײַנע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן (די לעצטע זײַנען, אַגעוו, אָנגעשריבן ערשט אין 1892—1898 י.). דאָ האָט בלענדנדיק אַ בליאַסק געטאָן שאָלעם־אַלייכעמס אויסעראָרדנטלעכער טאַלאַנט, דאָ האָט אָבער קימאַט אינגאַנצן געפֿעלט די ראָזשינקע פֿון שאָלעם־אַלייכעמס אייגנטימלעכקײַט — דער הומאָר: אָנשטאָט וויץ און הומאָר, האָבן זיך דאָ אָפֿט דורכגעריסן בײַ שאָלעם־אַלייכעמען סענטימענטאַלע טענער. אייניקע סקיצן און עטיודן פֿאַרציט גאָר אַ לײַכטער ראָמאַנטישער הויך אַזוי.

דער דאָזיקער כיסאָרן ווערט אָבער קאָמפּענסירט אין אַ געוויסער מאָס דורך דעם, וואָס אין די דאָזיקע סקיצן און עטיודן האָט שאָלעם־אַלייכעם אומיטלבאַר אַרויסגעוויזן אייניקע שטריכן פֿון זײַן כאַראַקטער, אייניקע זײַנע אָנשויוּנגען און אייניקע מאָמענטן פֿון זײַן וועלט־באַנעם, וואָס זעען זיך אַמאָל ניט אַזוי דײַטלעך אַרויס אין זײַנע שפּעטערדיקע

פֿון דער שפּעטערישער ירושה.

קלאַסישע ווערק, ווו דער אָנשטעקנדיקער הילכיקער געלעכטער פאַרטויבט שיר נישט דעם האַרצרײַסנדיקן וויגעשריי, ווו דאָס ראַפינירטע-איראָנישע שמייכעלע פאַרשטעלט אַמאָל דעם ראַכמאָנעס און טיפסטן מיטגעפיל, ווו דאָס אויסערלעך קאָמישע באַהעפט זיך אַזוי אָפט צו די טרויעריקסטע לעבנס-שילדערונגען.

שאָלעם-אַלייכעם שטעקט אָן זײַן לייענער מיט אַן אומיטלבאַרן, אומגעצווונגענעם געלעכטער, און יענער פאַרגעסט אַמאָל, אָדער ער באַמערקט אַפילע לעכאַטכילע ניט, ווי שטאַרק אָנגעזאָלעט עס איז דעם אַווטאָר אויפן האַרצן, ווי טיף אויפגערעגט ער איז פונעם באַאָבאַכטן און געשילדערטן. קינד און קייט כאַזערן איבער אָן אויפהער שאָלעם-אַלייכעמס „פרייליעכן" אַפאָריזם: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן"... נאָר איינער פון טויזנט פאַרגעסט ניט דערבײַ, אַז דער דאָזיקער אַפאָריזם איז נאָר אַן אומדערוואַרטער, ביטערלעך-זויערלעכער, האַלב איראָנישער, האַלב אָפּטימיסטישער אויספיר פון גאָר ניט קיין פריילעכער קאָנסטאַטאַציע. אָט איז זי וואָרט אין וואָרט:

„און דער שנײַדער נעבעך?.. און דער האָויצע-לאָנו-מיזע...[1] און דער מײַ-קאָמאַשמעלאָן[2] פון דער מײַסע? — וועט פרעגן דער לעזער. — צווינגט מיך נישט, קינדער! דער סאָף איז געווען נישט קיין גוטער סאָף. אָנגעהויבן האָט זיך די מײַסע זייער פריילעך, און אויסגעלאָזט האָט זי זיך, ווי דאָסראָוו פריילעכע געשיכטעס, וויי-וויי, זייער טרויעריק... און מאַכמעס איר קענט דעם מעכאַבער פון דער געשיכטע, אַז ער איז בעטעווע ניט קיין מאָרעשכוירעניק און האָט פײַנט קלאָגעדיקע און האָט ליב בעסער לאַכעדיקע מײַסעס, און מאַכמעס איר קענט אים און ווייסט, אַז ער האָט פײַנט „מאָראַל" און זאָגן מוסער איז ניט זײַן דערעך — לאָכיין געזעגנט זיך מיט אײַך דער פאַרפאַסער לאַכנדיק און ווינטשט אײַך, אַז יידן און גלאַט מענטשן אַף דער וועלט זאָלן מער לאַכן אײדער וויינען... לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן..." („דער פאַרקישעפטער שנײַדער"). אָט דאָס איז דער שלוס-אַקאָרד פון איינער פון די וויציקסטע קאָמישסטע און פריילעכסטע מײַסעס שאָלעם-אַלייכעמס. די גאַנצע מײַסע איז קונציק אויפגעבויט אַף אַ לוסטיקן, אומשולדיקן אַנעקדאָט: אַ „הינקעדיקער שנײַדער", אַ שיקער און אַ „פאַרשלעפּטע קרענק", אַ באַלמעלאָכע — אַ פאַרטאַטש און דערצו אַ שטיק „לאַמדן", וואָס האַקט אין קרויט אַמעראַציש-צעקאַליעטשעטע פסוקים, וועלכע ער פאַרטײַטשט, אַגעוו, אַף זייער אַ שאַרפזיניקן און וויציקן אויפן, לאָזט זיך פון זײַן שטעטל אין אַ שכייניש שטעטל קויפן אַ ציג! אונטערוועגנס פאַרגייט ער צו זײַנעם אַ קאָרעוו, אַ קרעטשמער, און מאַכט פון אים כויזעק, ווי פון אַ גראָבן ייִשוּווניק — אַן אַמהאָרעץ. דער פאַרגרעבטער ייִשוּווניק, וואָס האַלט זיך אָבער פאַר אַ ייִדן אַ באַלעבאָס, קוקט פון זײַן זײַט פון אויבן אַראָפּ אַפן „שנײַדער דעם פאַלגע", וואָס „ווי קומט ער זײַן אַ מיוון אַף ציגן!?" אויפגערייצט פון דעם „פאַלגעס" שטעכווערטלעך, בײַט ער אים אום די געקויפטע ציג אַף אַ צאַפּ. און צוויי ייִדישע געמיינדעס מיט זייערע ראַבאָנים און דאַיאָנים אין דער שפיץ פאַרפּלאָנטערן זיך אין אַ „פאַרקישעפטן קרײַז" און קאָנען בעשום-אויפן ניט פאַרענטפערן די רעטעניש, ווי אַ ציג ווערט פאַרוואַנדלט פּלוצעם אין אַ צאַפּ, נאָך מער, איייניקע פון די אָנטיילנעמער, ווי עס ווײַזט אויס, פאַרשטייען ביכלאַל ניט, פאַרוואָס זאָל זיך אַ צאַפּ ניט מעלקן.

אַף דער דאָזיקער אַנעקדאָטישער קאַנווע האָט שאָלעם-אַלייכעם אויסגעמאָלט אַ פרעכטיק, שפּילעוודיק, קינסטלעריש בילד מיט אויסעראָרדנטלעך קאָמישע, אַ ביסל שאַרזשירטע, געשטאַלטן; די גאַנצע דערציילונג איז איין קייט פון די לוסטיקסטע, שאַרפזיניקסטע וויצן, פאָלקסווערטלעך, ווערטער-שפּילן, האַמצאָלעך, טעוויע-טײַטשן און פאַראַדיעס אַף דעם ביבלישן, פּאַטריאַרכאַל-עפּישן סטיל. דער גרעסטער מאָרעשכוירעניק מוז אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכטער, הערנדיק די דאָזיקע קאָמישע מײַסע. שאָלעם-אַלייכעם האָט געפילט, אַז ער מוז וואָרענען דעם לייענער, אַז ער מוז אים געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז דער אַנעקדאָט איז, אין טאָך, גאָר קיין אַנעקדאָט ניט, אַז אונטער דעם וויץ און גראָטעסק ליגן גאַנצע פּלאַסטן פון טיף-רעאַליסטישע שילדערונגען, פון טרויעריקע לעבנס-בילדער, אויפגעדעקטע סאָציאַלע קאָנפליקטן און אויפוואַכנדיקן פּראָטעסט פון די דערשלאָגענע, פאַרפינצטערטע האָרעפּאַשנע מאַסן (דער פאַרקישעפטער שנײַדער טרעט שטענדיק אַרויס קעגן די קאָהאָלשע בלוטצאַפּערס). און די וואָרענונגען האָבן אויך ניט געהאָלפן. אין אַ 2-3 יאָר אַרום (דעם 3-טן יול 1903 י.) קומט שאָלעם-אַלייכעמען אויס צו דערקלערן איינעם זײַנעם אַ לייענער — אַ העברעיִשן שרײַבער, — אַז... הומאָר און באַדכאָנעס זײַנען צוויי פאַרשיידענע זאַכן:

[1] דער אויספיר.
[2] וואָס לאָזט עס מיך צו הערן.

„...שוין זשע דאַרף מען זײַן אַ מאַרשאַלעק, ווי איר זאָגט, מע זאָל שרײַבן אין „יוד" (דאָרטן איז, אַגעוו, געדרוקט געוואָרן אויך „דער פּאַרקישעפּטער שנײַדער" אאַוו.) אַזעלכע זאַכן ווי „טעפּל", „אָפּן פּידל", „קליינע מענטשעלעך", „ריאַבטשיק", „כאַנעקע-געלט", „אַ מײַסע מיט אַ פֿאָן" אאַוו...

...און כויץ-לאַזע, איז גלאַט אַ פּאַרדראַסיקע זאַך, לעמײַ אונדזערע לעזער ווילן נישט פאַרשטיין קיין הומאָר, האָבן פֿײַנט סאַטירע! וואָס זאָל איך טאָן, אַז עס קומט צום שרײַבן, עס מעג זײַן דער סוזשעט טרויעריק ביז גאָר, מאַכן מיר די בילדער לאַכנדיק? בערל דער רויטער, ווי אומגליקלעך ער זאָל ניט זײַן, הענעך דער באָכער, וואָס פֿאַר אַ שלימאַזל ער זאָל ניט זײַן, — קומען אַרויס בײַ מיר פֿריילעך לעבעדיק!

...וואָס דאַרפט איר מער — דער ערשטער בארמינען, וואָס איך האָב אין מײַן קינדהײַט געזען, האָט זיך מיר פֿאַרגעשטעלט, אַז ער פֿינטלט מיט די אויגן, און דער גדאַנק, אַז אַ באַרמינען פֿינטלט מיט די אויגן, און דאָס בילד פֿון דעם, האָט מיך געמאַכט אַזוי לעכערלעך, אַז איך האָב אַ צײַט ניט געקאָנט שלאָפֿן..." („מאָרגן-פֿרײַהײַט", 24/11, 1935 י.). אין 1910 יאָר אין אַ פֿאָרעדע צו דער רוסישער איבערזעצונג פֿון זײַנע ווערק קערט זיך שאָלעם-עליי-כעם ווײַטער אום צו דער דאָזיקער אַנגעווייטעקטער פֿראַגע:

„...איך סטאַרע זיך אויפֿצוכאַפּן דעם אינווייניקסטן זין אינעם לעבן פֿון די אײַנוווינער פֿונעם „טכום", און איך געפֿין דאָ דאָס ליכטיקע געשטאַלט פֿון דעם מענטשן, מיט אַלע זײַנע פֿריידן, טרויערן און שטרעבונגען צום אידעאַל. די ווידערשפּרוכן, וואָס מיר באַגעגענען צווישן די אויסערלעכע באַדינגונגען פֿונעם לעבן אין דעם פֿינצטערן „טכום" און די ריינע באַוועגונגען פֿון דער נעשאָמע, שאַפֿן צומאָל קאָמישע סיטואַציעס, וועלכע רופֿן אַרויס אַמאָל אַ שטילן שמייכל, אַמאָל אַ הויכן געלעכטער. און אָט די דערשײַנונג שרײַבן די לייענער צו גאַנץ אָפֿט ניט דעם לעבן גופֿע, פֿאַר וועלכן דאָס איז אייגנטימלעך, נאָר דער פֿאַנטאַזיע פֿונעם שרײַבער, וואָס איז געשטימט צו שפּאַסן..."

די ענגע ראַמען פֿון אונדזער איצטיקער טעמע דערלויבן מיר ניט צו אַנאַליזירן די קוואַלן פֿון שאָלעם-אַלייכעמס הומאָר און צו זוכן דעם סאָציאָלאָגישן עקוויוואַלענט זײַנעם. איך האָב נאָר געוואָלט דערמאָנען די אַלטע ניט-פֿאַרשטייעניש וועגן שאָלעם-אַלייכעמס „פֿריילעכן" געלעכטער, וועגן דער „טענדענציעזלאָזער", שיר ניט „אידייענלאָזער", וויציקײַט זײַנער אאַוו. שאָלעם-אַלייכעם האָט פֿײַנט געהאַט אונטערצורוקן דעם לייענער אַ פֿאַרטיקן מוסער-האַסקל. ער האָט געוואָלט, אַז יענער זאָל אַליין מאַכן די געהעריקע אויספֿירן. שאָלעם-אַלייכעם האָט געהאַלטן, אַז זײַנע פֿריילעכע מײַסעס לאָזן שטענדיק איבער באַם לייענער אַ ביטערן אָפּזאַץ (אַזוי האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו דינעזאָנען) און ער האָט עס, אָפּאָ-נעם, טאַקע געוואָלט, ערשטנס, ווײַל ער איז אויסן געווען צו געבן אָביעקטיווע רעאַליסטישע שילדערונגען פֿונעם טרויעריקן, מאַמעש טראַגישן יידישן לעבן פֿון זײַן צײַט, ווײַל די עצעם קאָמישקײַט פֿון זײַנע געשטאַלטן און סיטואַציעס האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַ ביטערן פּראָדוקט פֿון דעם דאָזיקן טראַגישן לעבן. צווייטנס, האָט שאָלעם-אַלייכעם באַהאַלטן הינ-טערן געלעכטער אַן אייגנאַרטיקן פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג ביכלאַל און קעגן דער צאַריש-פּאָליציייִשער מעלוכע-סיסטעם ביפּראַט.

שאָלעם-אַלייכעם איז געווען אַ דעמאָקראַט, אַ הומאַניסט. ער האָט אינערלעך שווער געליטן פֿון דער אומגערעכטיקײַט — אומגלײַכהײַט, וואָס האָט דאַן געהערשט אויף דער גאַנ-צער וועלט. אים האָט שאָקירט און געפּײַניקט די „אומענטשלעכקײַט פֿונעם מענטשן", דער עגאָאיזם פֿון איינצלנע מענטשן און דאָס פֿעלן פֿון ראַכמאָנעס און מיטגעפֿיל צום דערשלאָ-גענעם און אונטערדריקטן מיצאַד דער גאַנצער געזעלשאַפֿט. אין פֿאַרשיידענע פּעריאָדן און אויף פֿאַרשיידענע עטאַפּן פֿון זײַן שאַפֿן האָבן שאָלעם-אַלייכעמס דעמאָקראַטיזם און הומאַ-ניזם אָנגענומען פֿאַרשיידענע פֿאָרמען און זײַנען אויף אַ פֿאַרשיידענעם אופֿן געקומען צום אויסדרוק אין זײַנע ווערק. צײַטנווײַז און ערטערווײַז זײַנען זיי אָפּגעטראָטן אין הינטער-גרונט און זײַנען אַ ביסל פֿאַרשטעלט געוואָרן דורכן וויץ און דער גראָטעסקישער האַמצאָ-עלע. אָבער אויסגעפֿעלט האָבן זיי קיינמאָל ניט אין שאָלעם-אַלייכעמס שאַפֿן. פּונקט אַזוי ווי דער אָפֿענער אָדער פֿאַרשלייערטער פּראָטעסט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

אין שאָלעם-אַלייכעמס „לידער אין פּראָזע" און אין זײַנע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן איז דער עלעמענט פֿון הומאָר ביז גאָר שוואַך. דערפֿאַר אַנטפּלעקט זיך דאָ פֿאַר אונדז אינגאַנצן שאָלעם-אַלייכעם דער דעמאָקראַט, דער הומאַניסט, וועמען עס זײַנען אַפֿילע ניט פֿרעמד אי סענטימענטאַלע שטימונגען, אי, טיילווײַז, אַפֿילע ראָמאַנטישע אילוזיעס. אינגאַנצן גענו-מען איז ער אָבער אַ שטרענגער באַוווסטזיניקער רעאַליסט.

אָנהייב 1888 גיט שאָלעם-אַלייכעם אַרויס אַ קליין ביכעלע מיט 18 קורצינקע לירישע סקיצן און עטיודן אונטערן נאָמען: „אַ בינטל בלומען, אָדער פּאָעזיע אָן גראַמען״. דער ערשטער נאָמען שטאַמט פון דער ווידמונג (אפן פרישן קייווער פון זײַן זעליקן פאָטער לייגט דאָס דאָזיקע „בינטל בלומען״ אַנידער צום אָנדענק, זײַן זון — דער מעכאַבער), דער צווייטער כאַראַקטעריזירט שוין די ווערק גופע. די „בלומען״ האָבן ניט קיין גראַמען. אין זיי האָט געפעלט אויך אַ באַשטימטער, שטרענגער ריטם. כאָטש אַן אייגנאַרטיקער, אינערלעכער עפּיש-דערציילערישער ריטם איז דאָ יאָ געווען. דערפאַר זײַנען זיי אָבער דורכגעזאַפּט געווען מיט אַזאַ טיפן ליריזם, אַז זיי האָבן פולקום פאַרדינט דעם נאָמען „לידער אין פּראָזע״.

אין 1892, ווען שאָלעם-אַלייכעם האָט געלעבט אין אָדעס, האָט ער אַליין איבערגעזעצט, טיילווײַז אפילע היפּש איבערגעאַרבעט, 8 פון די דאָזיקע סקיצן, האָט צוגעשריבן, שוין אפּאָנעם דירעקט אף רוסיש, נאָך אַן אָנדערהאַלבן צענדליק און האָט זיי אָפּגעדרוקט אין דער ליבעראַלער, לויט דער מיינונג פון אָדעסער צאַרישע ביוראָקראַטן, — אפילע „פּאָליטיש ניט זיכערער״ «неблагонадежной». טעגלעכער רוסישער צײַטונג „אָדעסקיִע נאָוואָסטי״. לויט דער נומעראַציע פון דער צײַטונג, האָבן דאָ געזאָלט זײַן געדרוקט 27 „לידער אין פּראָזע״ (אונטער אַזאַ אַלגעמיין קעפּל זײַנען זיי געגאַנגען אין „אָד״. נאָוו.״), אָבער איך האָב געפונען אין די אַנטשפּרעכיקע נומערן פון דער צײַטונג (פון 7/11 1892 ביז 16/1 1893) נאָר 25 לידער. צי דאָ איז פאָרגעקומען אַ טאָעס מיצאַד דער רעדאַקציע, אָדער די איבעריקע צוויי לידער זײַנען געדרוקט געווען אין אַ בײַלאַגע, וואָס האָט געפעלט אין דעם קאָמפּלעקט, וואָס איך האָב געהאַלטן, ווייס איך ניט. גיכער ווי אַלץ איז דאָ פאָרגעקומען אַ טאָעס אין דער נומעראַציע פון דער צײַטונג.

אין 1889 האָט שאָלעם-אַלייכעם איבערגעדרוקט 12 פון די דאָזיקע רוסישע „לידער״ אין „וואָסכאָד״ (נומ. 11 — 12) און האָט ווײַטער איבערגעאַרבעט אַ פּאָר פון זיי (דאָ הייסן זיי, אַגעוו, „מײַסעלעך פון געטאָ״).

אין דער 28-בענדיקער קלעצקינס אויסגאַבע פון אַלע ווערק שאָלעם-אַלייכעמס זײַנען אַרײַן נאָר 9 פון די 35 „בלומען״.

העכער אַ צענדליק פון שאָלעם-אַלייכעמס „לידער אין פּראָזע״ איז מיר אף יידיש קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען. און איך מיין, אַז זיי זײַנען אף יידיש קיינמאָל טאַקע ניט דערשינען...

אײדער מיר וועלן צוטרעטן צום אַנאַליז פון די „בלומען״, ווילט זיך מיר ברענגען אַן איבערזעצונג פון אַ פּאָר פון די רוסישע „לידער אין פּראָזע״.

I. מיט וואָס זשע האָט ער געהאַנדלט?

אין אַן אײַנגעפאַלן הײַזל, בא די שווידערלעכסטע באַדינגונגען, איז שטיל אויסגעגאַנגען אַ פּאָעט.

אַן איינזאַמער, אַ באַשיידענער, ניט ווילסנדיק, וואָס הייסט אַזוינס זײַן באַרימט, האָט ער דאָך זײַן גאַנצן לעבן אָפּגעגעבן פאַרן נוצן פון זײַן לײַבלעך-אייגענער ליטעראַטור און האָט זײַן גאַנצע נעשאָמע אַרײַנגעלייגט אין זײַנע ווערק.

ווייטעקנדיק מיט די ווייטעקן פון זײַן געליבטן פאָלק, האָט ער געוועדט אין אים די בעסטע געפילן.

שטיל און אין אומעט פאַרזונקען, האָט זיך די לעווײַע געצויגן איבער די פוסטע גאַסן פון אונדזער פאַרוואָרפענעם העק.

— וועמעס לעווײַע איז עס? — האָט בא מיר אַ פרעג געטאָן איינער פון די, וואָס זײַנען נאָכגעגאַנגען נאָך דער מיטע, — אַ יוסטער באַלעבאָס — רעב נאַכמען ביאַלער.

איך האָב אים אָנגערופן דעם פּאָעטס נאָמען.

— הם... אַן אומבאַקאַנטער נאָמען, — האָט זיך געכידעשט דער כאָשעווער באַלעבאָס. — לאַכלוטן אַן אומבאַקאַנטער נאָמען!.. מיט וואָס זשע האָט ער געהאַנדלט?

II. אָט אַ פרעכער יונג!

קוים באַוועגנדיק זיך איבער דער פּאַראַדנער הויפּט-גאַס פון דער גרויסער שטאָט, האָט אין אַ שיינעם זומער-אָוונט סטאַטעטשנע שפּאַצירט אַ פּאַראַדנער האַמוין פון ליידיקגייערס.

סאַראַ שלאַל גלאַנציקע צילינדערס! וואָס פאַראַ אויסטערלישע וווּנדערלעכע דאַמען־קליידער, פאַראַסאָנען, פעכערס, היטעלעך — אַ יאַם מיט בלומען!

אין דער צײַט האָט עפּעס אַן אָרעם־געקליידעטער יונגערמאַן, זיך שטויסנדיק מיט די עלנבויגנס, געסטאַרעט דורכצושלאָגן זיך דורך דער קאַוואַלקאַדע פון די אויסגעפּוצטע ליידיקגייערס.

— אָט אַ פּרעכער יונג! — האָבן געבורטשעט די אויסגעפּוצטע ליידיקגייערס און האָבן מיט שרעק אָפּגערוקט זיך, דורכלאָזנדיק דעם „פּרעכן יונג״. און קיינעם איז גאָרניט אײַנגעפאַלן אַרײַנצוקוקן אין דעם אופגערעגטן, גאָרניט פּרעכן פּאָנעם פונעם „פּרעכן יונג״.

קיינעם האָט ניט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן אַפילע, וואָס קומט פאָר אין הארצן פון אָט דעם בידנעם פאַריער. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס האָט אים אַזוי געיאָגט: אַ מוי־רעדיקער אומגליק אָדער אַ גרויסע פרייד? עפּשער איז אין דער מינוט גראָד אויסגעגאַנגען דאָס טײַער לעבן פון אַ נאָענטן געליבטן פרײַנט און ער האָט יעדער רעגע געקענט פאַר־שפּעטיקן דעם לעצטן זײַ־געזונט? עפּשער האָט ער געײַלט אָפּ אַ באַגעגעניש מיט אַ ליב באַשעפעניש און פון דעם איז אָפּגעהאַנגען זײַן גאַנץ לעבן? עפּשער האָט דאָס רעדעלע פונעם מאַזל אַ דריי געטאָן זיך אין זײַן זײַט און ער האָט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס, אָף וועלכן עס וואַרטן טויזנטער מענטשן? עפּשער, און דאָס איז דאָך גיכער פון אַלץ, האָט ער אָפּגעהאָרעוועט אַ גאַנצינקן טאָג פון סאַמע אינדערפרי, האָט פאַרדינט אָף ברויט מיט טיי, און איצט אײַלט ער, דער עלנטער, אהיים, ווו ס׳וואַרטן אָף אים אַ קראַנק ווײַב, אַן אַלטיטש־קע מאַמע און הונגעריקע קינדערלעך, נעבעך, וואָס קוקן אַרויס אָף אַ שטיקל ברויט?

עפּשער... נאָר ס׳וויל ניט טראַכטן דער אויסגעפּוצטער האַמוין פון ליידיקגייערס, זיי רוקן זיך אָפּ מיט שרעק און לאָזן דורך דעם „פּרעכן יונג״.

III. מיר גייען אַרויס אָפן האַפן

(אַ בילדל פון דער נאַטור)

דער לערער פון די ייִנגערע קלאַסן איז בעעצעם געווען אַ גוטהאַרציקער און אַ גע־רעכטיקער מענטש, און צו זײַנע קליינע טאַלמידים האָט ער זיך באַצויגן מיט זעלטענער ליבע און עמעס רירנדיקער צערטלעכקײַט. ער איז נאָר געווען נערוועז און אופּרעגעוודיק, פלעגט זיך פּלוצעם אָנצינדן, ווי אַ שוועבעלע, נאָר פּונקט אַזוי גיך פלעגט ער אָפּגעקילט ווערן און, קומענדיק צו־זיך, פלעגט ער טיף אין האַרצן כאַראָטע האָבן אָף זײַן צאָרן־אויס־ברוך.

איינמאָל האָט זיך אין מיטן לימעד אַן עפן געטאָן די טיר און אין קלאַס איז ניט זיכער אַרײַן אַ קליין, נעבעכדיק באַשעפעניש, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, מיט אַ טאָרבעלע אָנשטאָט אַ ראַניעץ.

דער אָרעמער שילער האָט זיך מיט אַ דערשראָקן פּאָנעם אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר און איז געבליבן, ווי צוגעשמידט צום אָרט. דער לערער, אויסער־זיך פאַר קאַס, מאַכט אים איין אויסרייד, דראָעט אויסצושליסן פון שול. דערזען אָבער טרערן אין די אויגן פון דעם אָרעמען ייִנגעלע (ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין טרערן), האָט דער לערער, לויט זײַן געוווינ־הײַט, פרײַנטלעך אַ זאָג געטאָן:

— נו גוט, זעצט זיך שוין. הײַנטיקס מאָל בין איך אײַך מויכל נאַטירלעך. זאָגט מיר נאָר, פאַרוואָס פאַרשפּעטיקט איר אָפטער פון אַנדערע, און פאַרוואָס האָט איר הײַנט פאַר־שפּעטיקט?

— מיר... איך... דאָס הייסט מײַן טאַטע איז אַ שוואַרץ־אַרבעטער, — פאַרענטפערט זיך דער קליינער פאַרברעכער, — מיר גייען פאַרטאָג אַרויס אָפן האַפן...

— איר גייט אַרויס אָפן האַפן? וואָס הייסט עס? דערלויבט... איך הייב ניט אָן פאַר־שטיין. איך... בין איבעראַשט, איך בין געפּלעפט... און נאָך אַ מין געפּלעפּטן! — דער לערער האָט אויסגעטאָן די שפּאַקולן און האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן: — הייסט עס, איר גייט אַרויס אָפן האַפן?

— יאָ, אַז ס׳איז נאָר דאָ אַרבעט.

— זייער פײַן! אָבער דער אַרבעטער, האָט איר דאָך געזאָגט, איז אײַער פּאָטער?

— דער פּאָטער. נאָר ער איז אַ שטומער, דה. מײַן פּאָטער איז אַ טויב־שטומער, און ניט יעדערער פאַרשטייט אים... איך מאַך אָפּ, און אַרבעטן אַרבעט ער...

אַט די דריי „לידער" גיבן אונדז שוין א געוויסע פאַרשטעלונג וועגן שאָלעם-אַלייכעמס „קרעדאָ", וועגן זײַנע עמעסע שטימונגען. דער פּאָעט, דאָס בעסטע קינד פונעם פאָלק, וואָס ליבט בעעמעס זײַן פאָלק, — פּראָקלאַמירט שאָלעם-אַלייכעם, — דאַרף ניט קוקן אַף די יוסטע באַלעבאַטים — די האַנדליאַרעס, דאַרף ניט לייגן קיין אכט אַף זייער אָנערקענונג, צי ניט-אָנערקענונג, — ער דאַרף וועקן די בעסטע געפילן אינעם פאָלק. אין זײַנע קריטיש-פּובליציסטישע אַרטיקלען פון די יאָרן האָט שאָלעם-אַלייכעם ניט איינמאָל אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז די קינסטלערישע ליטעראַטור דאַרף זײַן א רעאַליסטישע, דאַרף געבן א ריכטיקע פאַרשטעלונג פונעם לעבן און דאַרף מיטווירקן צו דער דערציִונג און בילדונג פונעם לייענער. הומאָר און סאַטירע זײַנען, לויט זײַן מיינונג, נאָר א פאָרמע, וואָס מאַכט נאָך מער פאַרדײַבאַר דאָס באַלערנעוודיקע אין דער ליטעראַטור, דעם מוסער-האַסקל.

דער שרײַבער דאַרף, לויט שאָלעם-אַלייכעמס מיינונג, זײַן א לערער און א דערציִער, ער דאַרף אָבער עמעס ליב האָבן דאָס פאָלק און זײַן אים געטריי. אין דעם פּעריִאָד, ווען שאָלעם-אַלייכעם האָט געשריבן זײַנע „לידער אין פּראָזע", געפינט ער זיך באַשײַמפּערלעך אונטער דער ווירקונג פון רוסישע אופקלערער פון די 60-ער יאָרן און פון די שפּעטערדיקע דעמאָקראַטישע רוסישע פאָלקס-שרײַבער. אין זײַן קאַמף קעגן דער בולוואַר-ראָמאַנטיק נוצט ער אויס א פּאָר טעזיסן פּיסאַרעווס וועגן „רעאַליזם און אידעאַליזם". ער שעצט זייער הויך נעקראַסאָוון. נעמט איבער אייניקע זײַנע מאָטיוון און פּרוּווט אפילע שרײַבן פּאָעמעס, נאָכמאַכנדיק נעקראַסאָוון אאַוו.

שאָלעם-אַלייכעם פילט האַרציק מיט דעם אָרעמאַן, דעם הונגעריקן האָרעפּאַשניק, פון וועלכן די „פּניי" — די אויסגעפּוצטע לײַדיקגייערס — קערן זיך אָפּ מיט שרעק און פאַראַכטונג. זײַן מיטגעפיל צום עלנטן פלעכט זיך איבער מיט פאַראַכטונג און האַס צום „אויסגעפּוצטן לײַדיקגייערישן האַמוין", וואָס וויל ניט טראַכטן און קאָן ניט מיטפילן. שאָלעם-אַלייכעמען פּײַניקט דער געדאַנק, אַז אין די געציילטע גליקלעכע מינוטן, ווען א טויב-שטומער שוואַרץ-אַרבעטער האָט שוין יאָ אַרבעט און קאָן פאַרדינען אַף א טרוקן שטיקל ברויט, מוז ער אָפּרײַסן זײַן קליין קינד פון שול, פון לערנען און מוז אים שלעפּן מיט זיך אין האָפּן אַלס דאָלמעטשער! שאָלעם-אַלייכעם גייט נאָך ווײַטער: ער פרעגט גאָר קאַשעס וועגן די „גרונט-יעסוידעס" פון דעם „וועלט-סיידער" — פון דער עקזיסטירנדער קלאַסן-אָרדענונג. אין די „צוויי נעשאָמעלעך" שטעלט ער די האַרבע פראַגע: „האַיִטאָכן? איז טאַקע רעכט אַזוי? דעם גאָר און דעם גאָרנישט? דעם שטרוי, און דעם אַטלעס? דעם לאַקעטקעס, און דעם דאַכקעס?" („א בינטל בלומען". בערדיטשעוו, 1888, ז. 6.) און אי דער, אי יענער זײַנען דאָך אַלץ איינע מענטשן!.. דער „וועלט-הערשער" וויל אַף דער פריקרער פראַגע ניט ענטפערן, ריכטיקער, ער האָט זיך זײַן דערזשימאָרדישן ענטפער: „קוק און שווײַג!..". מיט אַנדערע ווערטער „האַלט ס'מויל!". שאָלעם-אַלייכעם קאָן אָבער ניט שווײַגן! ער קאָן עפּשער ניט אָנווײַזן דעם ריכטיקן אויסוועג פון דער פאַרשאָלטענער לאַגע, ער פּראָטעסטירט קעגן אומגערעכטיקײַט, קעגן אומגלײַכהײַט, ער רופט די מענטשהײַט צו לינדערן דעם שמערץ און די ווייטעקן פונעם עלנטן און באַאוולטן. אָדער... כאָטש שעמען זיך אין איר און ווײַטן האַלדז! ניט שטענדיק קומען אַזוינע פּראָטעסטן אַרויס געראָטן בא שאָלעם-אַלייכעמען. אין זײַן סקיצע „איך שעם מיך" דערציילט ער וועגן אַזא „שעמעוודיקן" מענטשן: „די בלינדע פאָרטונע", „די האַצלאָכע האָט אים א שמייכל געטאָן — און ס'האָט אים באַגליקט"; זײַן כאַווער איז אָבער דאַפקע ניט געגאַנגען; אַז זײַן כאַווער איז איינמאָל צו אים אַרײַן, האָט ער אים ניט פאַרבעטן אין זײַנע „אַפּאַרטאַמענטן" אַרײַן, ווײַל... ער האָט זיך געשעמט מיט זײַן רײַכקײַט:

„...איך שעם מיך מיט... מיט מײַן גרויסאַרטיקן הויז, מיט... מיט... פאַר דיר, פאַר אַן אַלטן כאַווער, פאַר... פאַר... זאָג מיר, ווו ווינסטו? ווו שטייסט? איך וועל קומען, איך וועל זײַן בא דיר, איך וועל זײַן בא דיר!.. („א בינטל בלומען", ז. 16).

דער אוטאָר און העלד שטאַמלען ביידע, זיי שעמען זיך מיט דער ניט יוישערדיקער וועלט-אָרדענונג, זיי פילן זיך אָבער נאָך ניט בעקויעך איבערצומאַכן א וועלט-סיידער. די סקיצע איז קינסטלעריש ניט איבערצײַגעוודיק, זי איז אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שאָלעם-אַלייכעמס דעמאָלטיקע שטימונגען. שפּעטער אַהינצו וועט שאָלעם-אַלייכעם בעסער באַנעמען די פּראָבלעם, ער וועט זיך פּאָנעם-על-פּאָנעם צונויפשטויסן מיט א געניִאַלן פּראָיעקט פון איבערמאַכן די אומגערעכטיקע וועלט-אָרדענונג, ער וועט זיך איבער דעם פאַרטראַכטן, ער וועט פּרוּוון דאָס אַלץ באַזיניקן קינסטלעריש, ער וועט לאָזן אייניקע זײַנע העלדן שטעלן די אַלטע פראַגע אַף אַט דער נײַער פלאַך... אָבער דאָס אַלץ וועט זײַן ערשט אין יאָרן אַרום, און דאָס געהערט שוין ניט צו אונדזער טעמע, דערווײַל קאָנען מיר אָפּמערקן נאָר שאָלעם-אַלייכעמס דעמאָקראַטיזם און הומאַניזם און קאָנסטאַטירן, אַז אין מעשעך

פון זײַן גאַנצן לעבן זײַנען זיי געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אין אַזאַ אָדער אין אַזאַ פאָרם.

דער אייגענער מאָטיוו פון לינדערן יענעמס שמערץ... איז דורכגעפירט אין איינעם פון די רוסישע לירישע עטיודן שאָלעם-אַלייכעמס און דאָס מאָל דאַפקע אַף זייער אַ קינסטלערישן אויפן. אין „ווער פון זיי ביידן?” שילדערט דער אווטאָר „אַן עלנדן פאַריער, דערשלאָגן דורך צאָרעס, הונגער, נויט און קעלט”, וואָס באַשליסט מיט איין מאָל מאַכן אַ סאָף צו אַלע זײַנע לײַדן און וויל זיך דערטרינקען. עפּעס „אַ מענטש מיט אַ זעלבסטצופרידענעם שמייכלענדיקן פּאָנעם” האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון, דעם „אָפּגעראַטעוועטן” האָט אַרומגערינגלט אַ טעמפּער, נײַגעריקער האַמוין. מע האָט אויסגעפרעגט, מע האָט דערציילט, מע האָט זיך געכידעשט... דער „געראַטעוועטער” האָט זיך צעוויינט, ווי גערעדט: „פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געלאָזט שטאַרבן?”

„...און דער נײַגעריקער האַמוין האָט אַלץ נאָך טעמפּ געגלאָצט אַף אים די אויגן, און דער באַכער מיטן זעלבסטצופרידענעם פּאָנעם האָט מיט קאָנטיקן פאַרגעניגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אויספירלעך דערציילט וועגן זײַן העלדישן טאַט, און ס׳איז עפּעס ניט קאָנטיק געווען, אַז עמעצער זאָל זיך כאַטש אַף אַ רעגע פאַרטראַכטן, ווי צו פאַרגרינגערן די לאַגע פון דעם דאָזיקן מענטשן...” („אָד. נאָװ”, דעם 9/11 1893 י.)

שאָלעם-אַלייכעם רופט זיך דאָ איבער באַשײַמפּערלעך (אויך אין אייניקע אַנדערע עטיודן) מיט דער גרופּע ראַדיקאַלע ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן זיך אין גאָר אַ קורצער צײַט אַרום גרופּירט אַרום פּערעצעס „יאָמטעוו-בלעטלעך”. שאָלעם-אַלייכעמס בליק איז אָבער געווענדט אַ ביסל אין אַן אַנדער זײַט. ער קאָן ניט ענדיקן זײַן עטיוד אַף אַזאַ אויפן, אַשטייגער, ווי פּערעץ וואָלט אים געענדיקט („באָנצע שווײַג”). שאָלעם-אַלייכעם זוכט דעם „מענטשן” (פאַראַן אַף דער וועלט נאָך גוטע מענטשן אויך!), דעריבער לאָזט ער אויפטרעטן אַ באַרעמהאַרציקע פרוי, וואָס פירט אָפּ דעם עלנטן צו זיך אַהיים, האָדעוועט אים אָן און טרייסט אים, און „דער אומגליקלעכער האָט פאַרשטאַנען, אַף וואָס פאַר אַן אומזיניקן שריט ער האָט זיך געהאַט אַנטשלאָסן, ווי שווער פאַרזינדיקן זײַן נעשאָמע ער האָט זיך געקליבן”.

„— ווייז, — האָט צו אים געזאָגט די פרוי, — עס וועט דיר גרינגער ווערן. איך בין זיכער, אַז מער וועט עס שוין ניט פּאַסירן. דו ביסט אָרעם, דאָס איז עמעס, דו ביסט אָבער געזונט און שטאַרק, דו קאָנסט אַרבעטן. גוטע מענטשן וועלן ניט אָפּזאָגן זיך צו געבן דיר אַרבעט”. „און זי האָט קיין טאָעס ניט געהאַט: אָפּגעוועקט דורך איר בײַשפּיל, האָבן לײַט געײַלט זיך איינער פאַר דעם אַנדערן צו געבן אים אַרבעט”. די ערשטע, גרעסערע העלפט פונעם עטיוד איז העכסט קינסטלעריש און באַלערעוודיק. אין אָדעס, אין ניקאָלײַעוו און אין צענדליקער אַנדערע שטעט פונעם צאַרישן רוסלאַנד האָבן טויזנטער אַרבעטסלאָזע זיך דאַן געוואַלגערט אונטערן פרײַען הימל, האָבן געהונגערט אין בוכשטעבלעכן זינען פונעם וואָרט, און קיינער האָט זיך אַף זיי ניט אומגעקוקט. די זעלבע „אָד. נאָוו.” וווּ שאָלעם-אַלייכעם האָט געדרוקט זײַן עטיוד, האָט מיט אַ פּאָר יאָר פריִער געשריבן, אַז די אָדעסער „באָסיאַקעס”, דה. די פּאָרט-אַרבעטער, וואָס רײַסן אונטער זייערע קויכעס איז מעשעד פון לאַנגע כאָדאָשים דורך אומענטשלעכער האָרעוואַניע, מוזן אין סעזאָן פון אַרבעטסלאָזיקײַט אַפילע לאָזן זיך אַף נישטיקע גבייוועלעך מיטן אײַנציקן צוועק אַרײַנצוכאַפּן זיך אין טורמע און איבערקומען אַף אַזאַ אויפן די שווערע צײַט! אין 1892 האָבן די אָדעסער צײַטונגען ווײַטער געבראַכט ענלעכע שוידערלעכע יעדיִעס פון ניקאָלײַעוו און אַנדערע ערטער.

די ערשטע העלפט פון שאָלעם-אַלייכעמס סצענע האָט, אַזויאַרום, אויך געקענט באַטיטלט ווערן מיט פולן רעכט (ווי „מיר גייען אַרויס אַפן האָפן”) אַלס „בילדל פון דער נאַטור”. הייסער מיטגעפיל צום אומגליקלעכן אַרבעטס-מענטשן און צאָרן קעגן דעם „טעמפּן גלײַכגילטיקן האַמוין”. אָבער שאָלעם-אַלייכעם זוכט נאָך דערווײַל דעם „מענטשן” און ער גיט צו צו זײַן עטיוד אַ גאָר ווינציק באַרעכטיקטן טאָלסטאָיִשן סאָף (טאָלסטאָיִשע מאָטיוון טרעפן מיר אין שאָלעם-אַלייכעמס שאַפן ווען-ניט-ווען אויך שפּעטער, אַשטייגער, אין „מיט טאַפּ”). אונדזער יונגער געניִאַלער קינסטלער ווערט נאָך דערווײַל צומאָל געשטרויכלט און גיט אַרויס זײַנע הומאַניסטישע כאַלוימעס פאַר ווירקלעכקײַט.

נישקאָשע, די צײַט און דאָס לעבן וועלן אים אויסניכטערן. צום סאָף פון זײַן לעבן וועט ער אינעם גלענצנדן עטיוד „בערל-אײַזיק” (1915 י.) נאָכאַמאָל אומקערן זיך צו זײַן אַלטן מאָטיוו און וועט דערציילן אין דער פאָרם פון אַ ביטערן אַנעקדאָט, אַז דאָס קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע איז אַ לאַנד פון „וווּנדירים”: „וואָס איר ווילט, דאָס טוט איר. ווילט איר אַ פאַבריקע — איז אַ פאַבריקע, עפענען אַ סטאַרקע — איז אַ סטאַרקע, שטופּן אַ פּושקאַר — איז אַ פּושקאַר. אַניט — נעמט איר זיך צו פּעדלען, אָדער איר גייט אַרבעטן אין אַ

שאַפֿ — אַ פּרײַזע מעדינע! איר קאָנט אײַך געשוואָלן ווערן פֿון הונגער, אויסציִען זיך אין גאַס וועט אײַך קיינער ניט שטערן, קיין וואָרט ניט זאָגן...״

וואָס פֿאַר אַ מעהאַלעך עס ליגט צווישן דעם סענטימענטאַל-טאָלסטאָיִשן סאָף פֿון „ווער פֿון זיי ביידן״? און דעם היפּערבאָליש-סאַרקאַסטישן שלוס-אַקאָרד פֿון „בערל-אײַזיק״:

„אַוואַדע איז עס אַ טרויעריקע לעווײַע (דעם אָרעמאַנס. — א. וו.), קיין שום צערעמאָ-ניעס... נאָר צוויי שאַמאָסים קומען צו גיין, די שאַמאָסים פֿוןביידע זײַטן און אין מיטן דער באַרמינען — און אַלע דרײַ שלעפּן זיי זיך, נעבעך, צופֿוס גלײַך ביז צום בייסאַלמען... אָן געלט, הערט איר, זאָל מען גאָר ניט געבאָרן ווערן. אַ פּאַסקודנע וועלט!..״

זײַן גאַנצן לעבן איז שאָלעם-אַליכעם געווען אַ דעמאָקראַט, אַ הומאַניסט, אַן עמעסער פֿרײַנט פֿון דעם עלנטן האָרעפּאַשניק. זײַן גאַנצן לעבן האָט ער ניט אופֿגעהערט טײַנען: „איז עס רעכט אַזוי? איינעם גאָר, דעם אַנדערן גאָרנישט?״ אין אַ סאַך פֿון זײַנע בעסטע דערציילונגען פֿאַרשטעלט נאָר אַ ביסל דאָס אויסערלעך קאָמישע זײַן פֿאַרבאַהאַלטענעם עמעסן מיין, און דער צווידײַטיקער הומאָר לאָזט אונדז ניט שטענדיק אַזוי גרינג אײַנזען שאָלעם-אַליכעמס הייסע ליבע צום אַרבעטנדיקן טייל פֿון זײַנע פֿאַרשווינדלעך. אין די „לידער אין פּראָזע״ איז אָבער אַלץ אַנטבלויזט, דעשיפֿרירט, דאָ זײַנען שוין קיין שום ספֿיי-קעס ניט מעגלעך!

פֿאַרענדיקנדיק דעם אַנאַליז פֿון שאָלעם-אַליכעמס לירישע סקיצן, וואָס באַרירן די פֿראַגע וועגן דער אומגערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג, מוזן מיר נאָך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פֿײַנער ליד „היט זיך פֿאַר גאַנאָווים״. די ליד איז אַרײַן אין „אַ בינטל בלומען״. שפּעטער האָט שאָלעם-אַליכעם זי אַ ביסעלע געענדערט און אָפּגעדרוקט אין „אָד. נאָוו.״. מיר גיבן זי דאָ לויט דער רוסישער רעדאַקציע.

„היט זיך פֿאַר גאַנאָווים״

„די דאָזיקע אופֿשריפֿט שײַנט אויבנאָן אויף אַ וואָקזאַל פֿון N-ער אײַזנבאַן. איך האָב זיך אָבער געײַלט און, שטופּנדיק זיך אין דער מאַסע, האָב איך זי אינגאַנצן ניט באַמערקט.

באַלד האָב איך דערפֿילט אַ פֿרעמדע האַנט בײַ זיך אין קעשענע; איך האָב זי אָנגע-כאַפּט און שטאַרק, שטאַרק צוגעהאַלטן. איך האָב אָנגעטאַפּט אַ קאַלטע, נאַסע, אויסגעדאַר-טע האַנט. איך האָב זיך אומגעקערט און דערזען...

ניין, איך פֿיל זיך ניט בעקויעך צו באַשרײַבן דעם ראַכמאָנעס-פּאָנעם, וואָס איך האָב דערזען, דעם אומענדלעך רירנדיקן בליק, וואָס האָט מיך באַגעגנט.

איך קאָן אײַך נאָר פֿאַרזיכערן, אַז אַ קוק טוענדיק אים אין פּאָנעם אַרײַן און דערזענ-דיק זײַן בליק, האָט זיך מײַן האַנט אַליין געעפֿנט און האָט אַרויסגעלאָזט די אָנגעכאַפּטע קאַלטע, נאַסע, אויסגעדאַרטע האַנט.

איך האָב אים דערלאַנגט אַ מאַטבייע, וועלכע ער האָט אונטערגעכאַפּט מיט זשאַד-נאָסט (!) פֿון אַ הונגעריקן מענטשן. ער האָט מיר אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אין יענער זײַט, ווו ס'האָט אויבנאָן געשײַנט די כאַכמעדיקע אופֿשריפֿט, — און איך האָב אים פֿאַרשטאַנען״.

יאָ, שאָלעם-אַליכעם האָט איינצײַטיק דערזען צוויי זאַכן: אַ הונגעריקן מענטשן, וואָס שטעקט אַרײַן אַ האַנט צו יענעם אין קעשענע מיט דער האָפֿענונג צו גאַנווענען אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט (און עפּשער גאָר מיטן צוועק אַרײַנצופֿאַלן אין טורמע און איבערקומען דאָרט די שווערע צײַט פֿון אַרבעטסלאָזיקײַט?), און אַ וואָרנענדיקע אופֿשריפֿט פֿון די „היטערס פֿון רעכט און אָרדענונג״, וואָס באַשיצן די קעשענעס פֿון „אויסגעפּוצטע לײַדיקגייערס״ פֿון אָט אַזוינע הונגעריקע „פֿאַרברעכערס״... שאָלעם-אַליכעם האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט באַרעכטיקן און האָט קיינמאָל ניט באַרעכטיקט קיין גניוועס, ער האָט נאָר פּראָטעסטירט קעגן אָט אַזאַ געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג, וואָס קאָן דערפֿירן אָרנטלעכע אַרבעטסלײַט ביז אַזאַ פֿאַרצווייפֿלונג, אַז אָדער נעם זיך דאָס לעבן, אָדער גאַנווע אום דאָס לעבן צו דער-האַלטן.

און וויפֿל געפֿיל, וויפֿל איבערלעבונגען, וויפֿל ביטערע ראַיוינעס — אין אַ פּאָר צענד-ליק שורעס! וויפֿל סאַרקאַזם אין עטלעכע געציילטע ווערטער! די דאָזיקע ליד איז אַפֿילע ניט פֿון די בעסטע „בלומען״, אָבער אַ פּרעכטיק, פֿריש, דופּטיק בלימעלע איז זי שוין אויסער יעדן סאָפֿעק...

3*

אָדער נעמען די ליד „אײַנגעטײלט זיך". זי איז אַרײַן אין שאָלעם-אַלײכעמס געזאַמלטע װערק און איז אַלעמען גוט באַקאַנט אין איר שפּעטערדיקער, נײַער רעדאַקציע. אין „אָד. נאָװו". האָט זי זיך אָנגעהױבן אַזױ:

„אַף װיפל איך געדענק, איז אין מײַן געבורט-שטעטל ניט געװען ניט קײן אָרעם-הײַזער, ניט קײן קינדער-פּריוטן. ס'זײַנען אָבער געװען אַ סאַך גוטע מענטשן, אָרעמעלײַט, װאָס האָבן זײער גאַנץ לעבן געמאַטערט זיך אַף טױט און װאָס האָבן אױסגעמאַכט שיר ניט נײַן צענדליק פון אונדזער גאַנצער געמײנדע"... װײַטער גײט די מײַסע װעגן דעם װאַסערפירערס טױט און דער אַסיפע. דאָס שטעכװערטל װעגן „די פּאַרנומענע נעגידים" פעלט דאָ אינגאַנצן, אַף דער אַסיפע בא דער אַלמאָנע (ניט באַם ראָװו!), װו מע האָט באַהאַנדלט די פראַגע, װי צו פאַרזאָרגן די יעסױמים, זײַנען געװען נאָר אָט די גוטהאַרציקע אָרעמעלײַט, און זײ האָבן בעעמעס געקריגט זיך צוליב דער גרױסער מיצװע צו פאַרזאָרגן אַ יאָסעם[1]. אין דער שפּעטערדיקער רעדאַקציע האָט די גאַנצע מײַסע באַקומען אַ סאַטירישן בײַגעשמאַק, אָנשטאָט דעם פרײַערדיקן סענטימענטאַלן, אָנשטאָט דער פרײַערדיקער גרונט-אידײ — „פאַראַן נאָך גוטע מענטשן אַף דער װעלט" — האָט שאָלעם-אַלײכעם איצט אַרױסגערוקט גאָר אַן אַנדערע: „שטאַרבט אַן אָרעמאַן און לאָזט איבער אַ טוץ יעסױמים — כאָטש נעם און װאַרף זײ אין טײַך אַרײַן!" דעריבער באַקומט שױן אַ צװײדײַטיקן, איראָנישן זין אויך דער פרײַערדיקער טמימעסדיקער שלום-אַקאָרד:

„באַלאָנים אַף אַזאַ גרױסער מיצװע זײַנען געװען אַ סאַך, און קינדער — סאַכאַקל זיבן..."

שאָלעם-אַלײכעם איז טאַקע געבליבן דער אײגענער הומאַניסט װאָס פרײַער, ער האָט זיך שױן אָבער אַנטױשט אינעם אַבסטראַקטן „מענטשן" — די קלאַסן-דיפערענציאַציע האָט אים שױן צו שאַרף געשטאָכן די אױגן! די דאָזיקע אַנטדעקונג, אַז אַף דער װעלט עקזיסטירן ניט סתם גוטע און שלעכטע מענטשן, נאָר מענטשן, װאָס האָבן זיך זײערע קלאַסן-אינטערעסן, האָט געצװוּנגען שאָלעם-אַלײכעמען איבערצוטראַקטירן שפּעטער נאָך אײנעם אַ פערל פון זײַנע אַמאָליקע „בלומען" — דעם „אוצער".

דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער אַלעגאָרישער ליד-מײַסעלע איז געבליבן קימאַט דער אײגענער: „אַף יענער זײַט באַרג, הינטערן אַלטן בעסמעדרעש, געפינט זיך אַן אוצער"... (נאָר דעם אַלטן רעפרען — „אַזױ האָבן מיר דערצײלט כאַװײרים — קינדער" — די גוטמוטיק-שמײכלענדיקע קאָנסטאַטאַציע פון אַ דערװאַקסענעם, װאָס דערצײלט װעגן קינדישער נאַיװער לײַכטגלױביקײַט, האָט איצט פאַרביטן אַ ביטער-איראָנישער: „אַזױ האָט מען געשמועסט בא אונדז אין שטעטל" — אַ קאָנסטאַטאַציע פון שטעטלדיקן אידיאָטיזם!), אָבער די טראַקטירונג פון דעם מײַסעלע איז געענדערט אין גרונט. אין דעם ערשטן (רוסישן) װאַריאַנט האָבן מיר פאָלגנדיקע באַדױעריש-מיטפילערישע שורעס פונעם שלום-אַקאָרד:

„אַך, װי עס האָט געבלוטיקט מײַן קינדיש הערצעלע יעדעס מאָל, װען איך האָב פונדערװײַטנס דערזען דאָס אָרט, װו ס'איז באַגראָבן געװען דאָס גליק פון אונדזער אָרעמער געמײנדע! װיפל האָב איך זיך אָנגעליטן, אױסהערנדיק די אומענדלעכע קריגערײַען, דאָס קלאָגן זיך, דאָס קרעכצן פון באַלײדיקטע בידנע מענטשן! אָ, פון פולן האַרצן האָב איך זײ געװוּנטשן פרידן, ליכט, ליבע!..

און די בידנע מענטשן פלעגן נאָך ניט באַװײַזן צו פאַרענדיקן מיט אײן באַרױגעז, מיט אײן קריגערײַ, װי זײ פלעגן זיך שױן צוכאַפּן צו אַ צװײטער, די צאָל פון אומצופרידענע איז אַלץ געװאַקסן און געװאַקסן, און דער טײַערער אוצער איז אַלץ טיפער געזונקען אין דער ערד אַרײַן!"

אין דער נײַער, ייִדישער רעדאַקציע איז דאָס ביטער-איראָנישע שמײכעלע איבער שטעטלדיקן אידיאָטיזם אַריבער אויך אין שלום-אַקאָרד: „און מע האָט זיך אָנגעהױבן צו שפּאַרן און איבערשפּאַרן, צו אַמפּערן זיך און װערטלען זיך, צו זידלען זיך און צו קריגן זיך, װאָס װײַטער אַלץ מערער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבערן אוצער... — און דער אוצער... האָט געזונקען אַלץ טיפער אין דער ערד אַרײַן!"

---

[1] די גאַנצע ליד אין דער רעדאַקציע דערמאָנט זײער שטאַרק טורגעניעװס „ליד אין פּראָזע" װעגן דעם פּױער, װאָס איז גרײט צו עסן זײַן פּאָכליאָבקע אָן זאַלץ, אַבי נאָר צו פאַרזאָרגן אַ יאָסעם. אַן ענלעכער מאָטיװ, אין אַן ענלעכער פאָרם רײַסט זיך דורך אין שאָלעם-אַלײכעמס אופרוף צו די ייִדישע שרײַבער װעגן העלפן ייִדישע ניסראָפים (1910 י.). דאָרט שרײַבט ער, אַז דעם שטאַרקסטן אײַנדרוק האָט אַף אים געמאַכט די ידיעה, אַז אַ שטעטל מיט אָרעמעלײַט האָבן באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון זײער שאַבעסדיקן מאָלצײַט און אָפּגעבן דאָס געלט לטובֿת די ניסראָפים.

אין פרידן און קעגנזײַטיקער ליבע, אין ברידערלעכער אכדעס שטעקט אַן אויצער, אָבער באַליידיקטע, דערשלאָגענע, עלנטע מענטשן רײַסן זיך און בײַסן זיך און פאַרשפּילן אזויארום זייער גליק. סאַרא ראַכמאָנעס אַף זיי איז, — דאָס איז דער אויספיר פון דעם אַלטן מײַסעלע...

אין פרידן און אכדעס — זאָגט מען — שטעקט אַן אויצער... אָבער... טאַקע צוליב די אויצערס רײַסט מען זיך און מע בײַסט זיך, פרידן און אכדעס קענען דעריבער ניט דערגרייכט ווערן! — דאָס איז דער ביטערער אויספיר פון דעם נײַעם מײַסעלע.

צו די שענסטע פּערלען פון שאָלעם-אַלייכעמס „בלומען" געהערן די פּאָר לידער וועגן יידישע ביידער-ייִנגלעך: „הינטערן הימל" (שפּעטער „פונעם באַרג סינײַ") און „עק וועלט" (די לעצטע ליד איז ניט אַרײַן ניט אין „א בינטל בלומען", ניט אין די רוסישע „לידער אין פּראָזע"; ווען זי איז צום ערשטן מאָל געדרוקט, וויס איך ניט). וויפל מיטגעפיל צום דערשלאָגענעם, צעמיימעסטן ביידער-ייִנגל, פון וועלכן די מיטלאַלטערלעך-פּאַטריאַרכאַלע סוויווע וויל אויסראָטן יעדן נאַטירלעכן קינדערשן געפיל, די פרײַע מוט, יעדע רעגונג פון נאַיווּן, לוסטיקן און שטענדיקן פאַרשערישן גײַסט! וויפל ליבע צום אומשולדיקן געזונטן קינד, וועלכן מע וויל איבערגוואַלד פאַרוואַנדלען אין א „ביניאָמין דעם דריטן"! וויפל מיטגעפיל און ליבע שפּאַרט פון יעדער שורע פון אָט די שאָלעם-אַלייכעמס פּערלדיקע לידער-מײַסעלעך! פײַנער, ראַפינירטער הומאָר באַהויכט אָט די צוויי פּערלען, אָבער לאַכן ווילט זיך אין דעם פאַל שוין בעשום-אויפן ניט. ס'איז אָן שום סאָפעק קאָמיש דער געוועט און גוזמעדיקפאַרקלערנדיקע פאַרגלײַכונגען פונעם בעסמעדרעשס מיט א קליין שטיבעלע, א טישל, א בענקעלע, א געמאַרע, א סידער, א וועלעש ניסל, א פאַסאָליע, אַן אַרבעסל, א מאַנדל, א מילב, א... א... א... און קיין קלענערס שוין ניט געקענט צוטראַכטן! ס'איז ניט ווינציקער קאָמיש, אַז „באַ אלעמען איז געבליבן דער העסקעם, אַז דאָ, הינטער דער ווינטמיל, איז עק וועלט, אַז ווײַטער פון דער מיל איז שוין די האַרע-כוישעך..." אָבער ווער לאַכט עס פון א נאַיוו קליין קינד, אַז עס ווײַזט אַרויס זײַן אינטעלעקטועלע באַגרענעצטקײַט, אָדער אַז עס קײַט אָן קריטיק דאָס, „וואָס דערוואַקסענע שפּײַען"... ניין, דאָ לאַכט זיך ניט! דאָ ווילט זיך גיכער וויינען, קריצן מיט די ציין! אין אַנדערע שאָלעם-אַלייכעמס דערציילונגען וועגן קינדער טרעט אויך זייער בוילעט אַרויס דער דאָזיקער מאָמענט, דאָרטן איז דער עלעמענט פון ליבע-ראַכמאָנעס אויך זייער שטאַרק, אָבער דאָרט טרעפן מיר דאָס קינד דאָסראָוו אין דער סוויווע פון דערוואַקסענע, אָדער דאָס קינד אַליין מאַכט אומשולדיק-קינדערישע, צי מאַמזערשע כיינדלעך, און מיר שמייכלען, מיר לאַכן דורך טרערן. אין די „בלומען" אָבער ווערט דער געלעכטער דערשטיקט! באַזונדערס דײַטלעך איז עס אין דער רוסישער רעדאַקציע פון „הינטערן הימל". אָט איז דער ערשטער אָבזאַץ:

„אינעם כוישעכדיקן שטעטעלע, ווו איך האָב פאַרבראַכט מײַן עלנטע קינדהײַט, אַף יענער זײַט „שול" שטייט א באַרג, א גאַדלעסדיק הויכער באַרג, הויך ביז דער כמאַרע, ביזן הימל. אזוי האָט ער מיר, לעפּאָכעס, אויסגעוויזן אין יענער צײַט, ווען איך, א דערשלאָגענער, עלנטער מאַרטירער פון דער שטרענגער שול (פאַרן רוסישן לייענער פאַרבײַט שאָלעם-אַלייכעם שטענדיק דאָס וואָרט „כיידער" אַף „שול" — א. וו.) האָב געהאַט די מעגלעכקײַט פון צײַט צו צײַט, אי דאָס נאָר אַף א מאָמענט, א קוק טאָן אַף דעם-אָ גאַדלען.

אָבער איינמאָל האָבן מיר זיך פּאָרט פאַרקליבן אַפן באַרג. מיר זײַנען געווען באַ א צענדליק קליינוואַרג, שלאָפינקע, אומגליקלעכע אַאוו."

ס'וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז שאָלעם-אַלייכעמס רײַכע רוסישע שפּראַך (דעם פּייזאַזש מאָלט ער זייער פאַרביק!) פאַרלירט מיטאַמאָל איר פאַרביקײַט און דאָס וואָרט «жалкий» מאָזאַלירט שוין אפילע א ביסל די אויגן! דערשלאָגן, עלנט, שלאָף, אומגליקלעך — אָט וואָס פאַר א ווערטער עס קריכן אַליין שאָלעם-אַלייכעמען אַפן צונג, בייס ער רעדט וועגן דעם יידישן ביידער-ייִנגל.

די בילדער פון דערשלאָגענע, עלנטע יידישע קינדער רופן אַרויס באַ שאָלעם-אַלייכעמען א ריי אַנדערע טרויעריקע אַסאָציאַציעס: פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווירקן אזוי דערשיטערנדיק אַפן קינדישן געמיט.

אין די רוסישע „לידער אין פּראָזע" טרעפן מיר אַן אַנדער וואַריאַנט פון דעם אייגענעם מאָטיוו. אין זײַן „ערשטער ליבע" שילדערט אונדז שאָלעם-אַלייכעם די טראַגעדיע פון א יידישן „באַרמיצווע-באָכער", וואָס פאַרליבט זיך אין אַן אומבאַקאַנט רוסיש מיידעלע, לײַדט פון דער דאָזיקער „זינד", קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן און גייט אַלע טאָג פאַרבײַ אירע פענצטער.

באַרירנדיק פאַרבײַגייענדיק די פּאָגראָמען און דעם אַנטיסעמיטיזם, פאַלט אָבער שאָלעם-אַלייכעם אַליין ניט אַרײַן אין קיין נאַציאָנאַליסטישער היסטעריק, וואָס האָט אַלס

עמעסע עפּידעמיע פאַרשפּרייט זיך דאָן אין זײַן קרײַז. פאַרקערט, שאָלעם-אַלייכעם פּרעגט אָפּ אין די „לידער אין פּראָזע“ דעם ראַסן-האַס, פּונקט ווי דאָס האָט געטאָן זײַן פריַינט און לערער מענדעלע מוכר-ספרים.

אין זײַן ליד אין פּראָזע „שכנים“ (אין „וואָסכאָד“ הייסט זי שוין „וואַניע“) שילדערט ער אונדז די אומזיסטע פרײַנטשאַפט פון שכנים-ייִנגלעך — אַ ייִדישן שנײַדערס אַ זון (שפּעטער — אַ קרעמערס) און אַ קריסטלעכן קליינעם גוטבאַזיצערס אַ זינדל. דער אַנטאַגאָניזם איז אַרויסגערופן געוואָרן, נאַטירלעך, אין דער ערשטער ריי דורך דער שאָוויניסטישער העצע פון די דערוואַקסענע. שאָלעם-אַלייכעם באַווײַזט אונדז, ווי דאָס קינסטלעכע שיידוועגטל צעפאַלט זיך ווי שפּינוועבס בײַ דער ערשטער נעענטערער באַקאַנטשאַפט פון ביידע קינדער — זיי ווערן גוטע פרײַנט. דעם מאָטיוו פון אינטימער פרײַנטשאַפט פון ייִדישן און קריסטלעכן קינד, וואָס ווערט געשטערט אַמאָל דורך די פאַרנאַרטע דערוואַקסענע, וועלן מיר שפּעטער טרעפן אין שאָלעם-אַלייכעמס דערציילונג „ערעוו-פּייסעך אין דאָרף“. אין „טעוויע“, אין „שמוליקן“, אינעם „מאַבל“ וועלן מיר זען שוין די נאַטירלעכסטע פרײַנטשאַפט פון דערוואַקסענע האָרעפּאַשנע ייִדן און קריסטן, וועלכע די הערשנדיקע קלאַסן ווילן צעקריגן און אָנרייצן איינע אָף די אַנדערע. שאָלעם-אַלייכעם האָט שטענדיק פּראָטעסטירט קעגן דעם קינסטלעך צעבלאָזענעם ראַסן-האַס, צי נאַציאָנאַלן האַס, ער האָט שטענדיק גערופן צו פעלקער-פרײַנטשאַפט.

אַ שאַרפן, טערפּקן רייעך האָט שאָלעם-אַלייכעמס „בינטל בלומען“, ער זעצט אין נאָז און רופט אַרויס טרערן אָף די אויגן! דאָס אָרעמע, רויִנירטע, אידיאָטישע ייִדישע שטעטל, אַרומגערינגלט פון אַ לאַנד, ווו ס'הערשט פּאָליציייִשער טעראָר, און פון אַ גאַנצער וועלט, ווו ס'הערשט אומגלײַכהײַט, אומגערעכטיקײַט, ברוטאַלע אומענטשלעכקײַט, — דאָס האָט אויפגערעגט שאָלעם-אַלייכעמען דעם דעמאָקראַט און הומאַניסט און ער האָט אויסגעפלאָכטן אַ קוואָרים-קראַנץ פאַר דעם אַלעמען.

נאָך אינטערעסאַנטער איז דער רוסישער וואַריאַנט פון „אַן אַזעס“. דער ייִדישער וואַריאַנט (1888) איז אַ גלענצנדער פּערל, אַן עכט שאָלעם-אַלייכעמישע ביטערע הומאָרעסקע וועגן דער אומגלײַכהײַט אָף דער וועלט. דער רוסישער וואַריאַנט (1893) האָט שוין עפּעס אַן אַנדער בײַגעשמאַק.

„ער איז אויך אַ מענטש“

„אויפן שוועל פון דער אַלטער, האַלב-אײַנגעפאַלענער שול איז געזעסן דער שוואַכער זאָקן רעב יאַנקע, וואָס האָט זיך קוים-קוים דערנערט דורך נעדאָוועס פון אָרעמע, אָבער גוטע מענטשן.

ווי ליכטיק שײַנט די זון! ווי וואַרעם זײַנען אירע שטראַלן!

אַז די נאַטור דערוואַכט, פאַרוואָס זשע זאָל רעב יאַנקע זי אויך ניט באַגריסן? אַז נאָכן לאַנגן שווערן ווינטער וואַכט אויף דער פרילינג, פאַרוואָס זאָל רעב יאַנקע אויך ניט זאָגן אים אַ גוט-מאָרגן?

פּלוצעם האָט איבער דעם ווייכן שטויביקן וועג אַ טראַג געטאָן זיך אַ קאַרעטע מיטן גראַפס הערב. דאָס איז געפאָרן דער „פּאַן קאָמיסאַר“ אַליין.

די קאַרעטע איז באַלד פאַרשוווּנדן. עס איז איבערגעבליבן נאָר אַ וואָלקן שטויב, וואָס האָט אָף אַ רעגע פאַרשטעלט פון דעם זאָקנס אויגן די הערלעכע זונען-שטראַלן און די ווונדערלעכע פּאַנאָראַמע פונעם פרעכטיקן פרילינג-טאָג.

— סאַראַ האָזע מיצאַד דעם יאַסנעוועלמאָזשנעם פּאָרעץ! — האָט רעב יאַנקע אַ מורקע געטאָן אין באָרד אַרײַן. — ניט שוין קען מען ניט פאָרן אַ ביסל שטילער אין אַזאַ פרימאָרגן? — אָבער באַלד האָט ער צוגעגעבן: — נאָר ווער ווייס, ער איז אויך אַ מענטש... עפּשער אײַלט ער זיך ערגעץ“.

אין דעם רוסישן וואַריאַנט פעלט, ערשטנס, די העכסט כאַראַקטעריסטישע הומאָריסטישע שילדערונג פונעם שנאָרער — „דעם אָרעמען אָרעמאַן, וואָס גייט איבער די הײַזער און נעמט פּרוטעס בײַ די רײַכע אָרעמעלײַט“. דאָ פעלט אויך דער כויזעקדיק-צווייִדײַטיקער פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אומגלײַכהײַט. אָנשטאָט דעם באַקומען מיר אַ מין סענטימענטאַלע אידיליע, וואָס איז שוין לאַכלוטן ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן דעמאָלטיקן ייִדישן לעבן.

ס'איז זייער מעגלעך, אַז כוצן ווילן צו ווײַזן אַן אידעאַלן מענטשן, וואָס איז אַלץ מויכל און זוכט אָף יעדערן אַ זכוס, האָט אָף שאָלעם-אַלייכעמען דאָ געווירקט נאָך דער צענזורדרוק. אין דעם רוסישן וואַריאַנט פון די „צוויי נעשאָמעלעך“, אַשטייגער, איז אַרויסגעפאַלן

די הארבע קאשע: „איז עס רעכט אזוי? איינעם גאָר, דעם אנדערן גאָרנישט!" די דאָזיקע קופּיור, מיין איך, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם אָדעסער צענזאָר, וואָס האָט מיט עטלעכע טעג פריִער געכאַפּט א גאָב פון נאַטשאַלסטווע, פאַרוואָס ער לאָזט דורך אין „אָד. נאָוו."[1] — אין א „פאָלקסצײַטונג, דה. אזוינער, וואָס איז באַשטימט ניט נאָר פאַרן פּובליקום, נאָר אויך פאַרן פאָלק, דה. פאַר די נידעריקע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג"[2] — צו שאַרפע פעליעטאָנען. אָפּגעבריט זיך אָף הייסע לאָקשן, האָט דער צענזאָר שוין געבלאָזן, אפּאָנעם, אפילע אָף קאַלטע פאַרפל. מעגלעך, אז שאָלעם-אַליכעם האָט דעריבער באַצײַטנס שוין געענדערט זײַן „אָן אזעס" און האָט אויסגעמיטן צו שטעלן די „קראַמאָלנע" קאַשע אפילע אין א כוויזעקדיק-צוויידײַטיקער פאָרם („ער איז אויך א מענטש" איז אָפּגעדרוקט אין „אָד. נאָוו". דעם 16 יאַנוואַר 1893). אָבער דער סענטימענטאַל-אידילישער טאָן, ווי מיר האָבן שוין געזען, איז דעם דעמלטיקן שאָלעם-אַליכעם אויך בעשום-אויפן ניט פרעמד געווען.

מיט דער צײַט האָט זיך שאָלעם-אַליכעם באַפרײַט פון זײַן אבסטראַקטן הומאַניזם, וואָס האָט פאַרזען דעם קלאַסן-מענטשן הינטערן „מענטשן סטאַם", דערפאַר איז נאָך בולעטער אַרויסגעטראָטן זײַן דעמאָקראַטישער הומאַניזם.

כוץ „לידער אין פּראָזע" האָט שאָלעם-אַליכעם געשריבן אין די 90-ער יאָרן אויך פאָלקסטימלעכע מײַסעס — „דער באָבעס מײַסעס", ווי ער האָט זיי אָנגערופן. די ערשטע צוויי מײַסעס האָט שאָלעם-אַליכעם געמוזט אָנשרײַבן סאָף 1892, אָדער אָנהייב 1893, ווען ער האָט זיי אָפּגעדרוקט אין „אָדעסקיִע נאָוואָסטי". איינע פון די מײַסעס — „פינטע-גאַזלען" — האָט ער שפּעטער, אין 1899, איבערגעדרוקט אין „כראָניקא וואָסכאָדא" (נום. 12), צווייטע — „די וווּנדערלעכע טאַבאַקערקע" — האָט ער אינגאַנצן איבערגעאַרבעט, מע קאָן אפילע זאָגן — געשאַפן א נײַע מײַסע „דעם גראַפס ראָק" (ער האָט דאָ פאַרשאַרפט די קריטיק פון פּאָרעץ — לײַבייגנטימער!) און אָפּגעדרוקט זי אין דעם אייגענעם וואָכנבלאַט (נום. 15). אין דער אייגענער צײַט שרײַבט ער אָן א שפּאָגל-נײַע מײַסע: „דעם ציידנס שקאַפּע". ער קלײַבט זיך אָנשרײַבן פונדאָסנײַ „די וווּנדערלעכע טאַבאַקערקע". די לעצטע מײַסע האָט שאָלעם-אַליכעם אָבער שוין ניט אָנגעשריבן, ווײַל די רעדאַקציע פון „וואָסכאָד" האָט ניט אָפּגעדרוקט אפילע די „שקאַפּע", ווײַזט אויס, צוליב עפּעס געוויסע באַדינגונגען, וואָס שאָלעם-אַליכעם האָט איר געשטעלט.

די דרײַ, ריכטיקער, פיר, פאָלקסטימלעכע מײַסעס זײַנען פאַר שאָלעם-אַליכעמען לאַכלוטן ניט כאַראַקטעריסטיש, זיי שטעלן מיט זיך נאָר פאַר דאָקומענטן, וואָס זאָגן איידעס וועגן א געוויסן געמיט-צושטאַנד פון אונדזער געניאַלן קלאַסיקער אין א באַשטימטער עפּאָכע און ווײַזן אונדז גלײַכצײַטיק, ווי אָרגאַניש ס'איז געווען פאַר אים די שטרעבונג צום שטרענגסטן קריטישן רעאַליזם.

שאָלעם-אַליכעם האָט שטענדיק געשעפּט מיט פולע הויפנס פונעם פאָלקס-קוואַל; ער האָט שטענדיק געזאַמלט און ברייט אויסגענוצט אין זײַנע ווערק דעם ייִדישן, און אפילע רוסיש-אוקראַיִנישן, פאָלקלאָר; מיט די פּערלען פון דער פאָלקס-כאָכמע האָט ער אַלעמאָל געווירצט און געפעפערט זײַן אייגענעם אומשטערבלעכן הומאָר. שאָלעם-אַליכעם האָט אָבער קיינמאָל ניט געשטרעבט צו עטנאָגראַפישער פינקטלעכקײַט באַם איבערגעבן פאָלקלאָר-מאַטעריאַלן; א שפּריכוואָרט, א פאָלקסווערטל, א מײַסע, אן אנעקדאָט האָט ער קיינמאָל ניט אויסגענוצט אלס זעלבסטשטיליקן מאַטעריאַל, נאָר בלויז אלס ציגל פאַר זײַנע אייגענע ביניאָנים. נאָר אין „דער באָבעס מײַסעס" איז שאָלעם-אַליכעם אָפּגעטראָטן פון זײַן שטייגער און האָט געשטרעבט אײַנצוהיטן מער-וויניקער דעם עטנאָגראַפישן קאָלאָריט, איבערצוגעבן זײַנע „מײַסעס שעהאָיו" (быль) קימאַט בוכשטעבלעך אזוי, ווי זיי זײַנען אַרויסגעקומען פונעם פאָלקס-מויל! אָבער אויך דאָ האָט זיך געלאָזט פילן שאָלעם-אַליכעם דער קריטישער רעאַליסט, וואָס האָט ניט געקאָנט באַציִען זיך נייטראַל צו נאַרישע זאַבאָבאָנעס און גלייבונגען און האָט זיי געמוזט אופרײַסן פון אינווייניק — דורך דער עצעם דערציילונג גופע.

א שטאַרקער אינטערעס פאַר דער פאָלקסמײַסע האָט זיך געפילט צום סאָף פון 19-טן יה. בא א ריי ייִדישע שרײַבער. צו דער פאָלקסמײַסע האָט זיי צוגעצויגן די אייגנאַרטיקע קינסטלערישקײַט אירע, דער „באַצויבערנדיקער" נאַיִווער גלויבן פונעם פאָלקסמענטשן — איר שעפער — זײַן „גאַנצקײַט" און זײַן עכט דעמאָקראַטישע וועלט-אָנשויונג. באַנאַנד מיט

---

[1] דאָ איז געדרוקט געוואָרן דעם 7 נאָיאַבער 1892 די „ליד".

[2] ווענדונג פון הויפּט־צענזור־פאַרוואַלטונג פון 5 נאָיאַבער 1892. דאָס איז שוין אָבער די צווייטע ווענדונג; די ערשטע איז נאָך געווען סאָף אָקטיאַבער.

דעם געזונטן דעמאָקראַטישן קערן פֿון דער פֿאָלקסמײַסע האָט מען, אַף אַזאַ אופֿן, אָפּט דורכגעשלעפּט אין דער ליטעראַטור אויך אַ היפּש ביסל ראָמאַנטיש-רעאַקציאָנערע שטימונגען, וואָס זײַנען גאָר אָנגעבונדן געוואָרן דעם האָרעפּאַשניק דורך די הערשנדיקע קלאַסן און זייערע מעשאָרסים — די קלייקוידעש.

שאָלעם-אַליכעם איז אָבער ניט פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיק, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער פֿאָלקסמײַסע און האָט אויסגעשיילט פֿון איר דאָפּקע דעם דעמאָקראַטישן קערן. שאָלעם-אַליכעם דערציילט זײַנע מײַסעס אין נאָמען פֿון אַן אַלטער באָבען, און דער הויפּט-העלד זייערער איז אַן עלטער-עלטערזיידע, אַ פּאָשעטער האָרעפּאַשניק, אָבער אַן „עמעסער ערלעכער ייִד". ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די באָבע פֿאַרשטייט ערלעכקײַט אין טראַדיציאָנעל-רעליגיעזן זינען פֿונעם וואָרט און גלייבט דעריבער פֿון גאַנצן האַרצן, אַז גאָט האָט געטאָן ניסים מיט דעם צאַדיק — דעם האָרעפּאַשניק. שאָלעם-אַליכעם צווינגט אָבער די באָבע צו ברענגען בײַשפּילן פֿון דעם זיידנס ערלעכקײַט, און דאַן ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער איז געווען ניט אַזוי פֿרום, ווי פּאָשעט ערלעך אין אונדזער זינען, און די ניסים ווערן עפּעס אויך אויס ניסים.

„מײַן זיידע און אײַער עלטער-עלטערזיידע, — דערציילט טמימעסדיק די באָבע, — איז געווען אַ גוטער, ערלעכער ייִד, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גוטן נאָמען און האָט באַם לעבן אויך געהאַט גרויס אַכטונג, און אַ לעוויײַע האָט ער געהאַט, אַז יעדער ערלעכער ייִד מעג זיך אַזוינס ווינטשן.

איך מיינט אַוואַדע, אַז ער איז געווען אַ גרויסער לאַמדן, אַ גוויר, אָדער ער האָט געשטאַמט פֿון גרויסן ייִכעס? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן! פֿאַרקערט, ער איז געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פֿאָלעס, דער ייִכעס זײַנער איז אויך געווען ניט אײַ-אײַ-אײַ — ניטאָ וואָס צו לייקענען — און קיין לאַמדן איז ער אויך ניט געווען, ווײַל ער איז געווען אַ יאָסעם, וואָס האָט פֿון קינדווײַז אָן געדאַרפֿט האָרעווען און פֿאַרדינען זיך אַף אַ שטיקל טרוקן ברויט. קורץ גערעדט, ער איז געווען, זאָל ער מיר מוחל זײַן, אַ פּאָשעטעק שנײַדער". („פֿינטע-גאַזלען").

אין אַן אַנדער מײַסעלע טײַנעט ווײַטער די באָבע:

„איר ווייסט דאָך, קינדערלעך, אַז מײַן זיידע און אײַער עלטער-עלטערזיידע, אָלעווהאַשאָלעם, איז געווען, זאָל ער מיר מוחל זײַן, אַ שנײַדער. נאָר ניט פֿון יענע שנײַדער, וואָס האָבן זיך איצט, — גאָט זאָל מיר ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, — צעפּלאָדיעט אַף דער וועלט. ניין! מײַן זיידע, און אײַער עלטער-עלטערזיידע, איז געווען, נעבעך, אָרעם, זייער אָרעם, עפּשער דער גרעסטער קאַפּצן אין מאַזעפּעווקע. אָבער אַ שעם האָט ער געהאַט אין דער גאַנצער געגנט ווי אַ ראָוו אַ מעפֿורסעם. איר פֿרעגט פֿאַרוואָס? איך האָב שוין אײַך אַמאָל געזאָגט, קיין גרויסער לאַמדן איז ער אַפֿילע ניט געווען, נאָר ערלעך און גערעכטיק איז ער געווען ווי דער גרעסטער צאַדיק, זאָל ער דאָרטן זײַן אַ גוטער בעטער פֿאַר אונדז אַלעמען".

און דעם זיידנס ערלעכקײַט איז באַשטאַנען דעריקערשט דערין, וואָס ער האָט ערלעך פֿאַרהאָרעוועט זײַן שטיקל ברויט, האָט ניט באַנוצט זיך מיט „ייִטער" (רעשטלעך פֿון צײַג, וועלכע שנײַדער נעמען צו געווײנלעך פֿאַר זיך) און האָט אומגעקערט איינעם אַ גראַף אַ מאַטמען מיט געלט, וואָס דעם גראַפֿס פֿאַרשטאָרבענער ברודער — אַ קאַרגער כאַזער און אַ מערדער אַ לײַבייגנטימער — האָט אַמאָל פֿאַרנייט אין זײַן אַלטן ראָק, וועלכן דער שנײַדער האָט גראָד איצט איבערגענייט. דער שנײַדער האָט אַפֿילע אין דעם פֿאַל ניט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז גאָט האָט אים באַשערט „אַ קאָשערע מעציע", און אומגעקערט דאָס געלט דעם פֿאַרשטאָרבענעם יוירעש, אויך אַ קאַרגן כאַזער, אַ מערדער אַ לייבייגנטימער (ער האָט געקאָנט פֿאַרשמײַסן אַף טויט אַ פּויער פֿאַר גאָרנישט מיט נישט!) און דערצו נאָך אַ צוירער-האַיהודים (אַ פֿאַרביסענער אַנטיסעמיט), וועלכן ייִדן האָבן אַנדערש ניט גערופֿן, ווי מאַלכאַמאָוועס!

אָט פֿאַר דער ערלעכקײַט האָט גאָט געטאָן מיטן זיידן „גרויסע ניסים". איינמאָל איז אים אין וואַלד באַפֿאַלן פֿינטע-גאַזלען און האָט אים געוואָלט דערהאַרגענען. דער זיידע האָט זיך קוים אײַנגעבעטן באַם גאַזלען, יענער זאָל אים לאָזן אָפּזאָגן ווידע. דערווײַל איז אומדערוואַרט אָנגעפֿאָרן דער איספּראַווניק, און דער גאַזלען איז אַנטלאָפֿן. דער קאַרגער גראַף, וואָס איז איבעראַשט געוואָרן פֿון דעם זיידנס ערלעכקײַט, האָט אים געשאָנקען אַ וווּנדערלעכע טאַבאַקערקע, וואָס דורך איר איז דעם שנײַדערס מישפּאָכע שפּעטער אויפֿגעריכט געוואָרן. און לעסאָף, די מײַסע מיטן פֿערדל — דעם גילגל. דער זיידע, פֿאַרשטייט איר מיך, האָט געהאַט אַ פֿערדל אַ פּגירע, וואָס האָט ביכלאַל קיין כיישעק ניט געהאַט צו שטעלן

פּיס. איינמאָל איז דער זיידע געפאָרן אַהיים, און דאָס פערדל האָט זיך פאַראַקשנט און ניט געריכט זיך פון אָרט. דער זיידע פּרוּווט מיט גוטן — עס העלפט ניט! ער הייבט אוף אפן פערדל א בייַטש, טוט דאָס פערדל א קוק מיט אזוינע אויגן, אז דער זיידע פארלירט זיך און לאָזט דאָס פערדל טאָן, וואָס עס וויל. דאָס פערדל פארקערעוועט אף צוריק און ברענגט דעם זיידן אין דער קרעטשמע, פונוואנען ער איז ערשט אָפּגעפאָרן. באלד ווייַזט זיך ארויס, אז דאָרטן אפן וועג האָבן געלויערט גאזלאָנים, וואָס האָבן שפּעטער א ביסל געהארגעט צוויי סאָכרים, און דער זיידע איז ניצל געוואָרן נאָר אדאנק דעם פערדלס געטלעכן כוש. פאַר קיינעם איז שוין מער קיין סאָפעק ניט געווען, אז אין פערדל שטעקט א גילגל.

„דער זיידע האָט, פארשטייט זיך, געבענטשט גוימל און האָט אלעמען דערציילט וועגן דעם נעס. אלע מאַזעפעווקער ייִדן האָבן כיישעק געהאט א קוק צו טאָן אפן ווּנדערבארן פערדל, נאָר קיינעם איז עס ניט באשערט געווען, ווייַל גראָד יענעם טאָג האָט דאָס בידנע באשעפעניש, צי פאַר הונגער, צי ווייַל די יאָרן זייַנען אים אויסגעגאנגען, אויסגעצויגן די פיס...“ („דעם זיידנס שקאפע“).

מיט פייַנעם, ביז גאָר פייַנעם הומאָר באלויכט שאָלעם-אַלייכעם דער באָבעס נאַיִווע דערציילונגען. ער שמייכלט אונטער, ווען די באָבע כאַזערט איבער דעם נעגידיש-ביטלדיקן „זאָל ער מיר מויכל זייַן, א שנייַדער געווען“. דער באָבעס היספּייַלעס פאַר גאָטס ניסים באלייַכט ער מיט א מין פארשטעלטער איראָניע, ווי אין דעם באוווּסטן פאָלקס-וויץ: „גאָטס ניסים: די קאַץ לויפט און דער עק נאָך!“ ניט נאָר אין די ערשטע פאַר דערציילונגען, ווּ דער נעס קאָן דערקלערט ווערן אף א גאַנץ נאַטירלעכן אויפן, נאָר אפילע אין דער לעצטער מייַסע, ווּ דער נעס איז שוין א „באשייַמפערלעכער“, פרעגט אים שאָלעם-אַלייכעם אויך אָפּ לאכנדיק.

„...ווער ווייס, — טייַנעט איין דער זיידע מיט זייַן ווייַב, — עפשער איז גאָר באַם פערדל פאראַן א נעשאָמע און עפשער גאָר א ייִדישע נעשאָמע, וואָס קומט אָפּ אלס גילגל פאַר אירע שווערע זינד! טו נאָר א קוק, מאלקע, ווי דאָס קוקט אף אונדז און מאכט מיט די אויערן, אז מיר ריידן וועגן אים. אָבער די באָבע, אָלעהאַשאָלעם, זאָל זי מיר מויכל זייַן, לאכט זיך אויס פון דער „זינדיקער נעשאָמע“ און זאָגט, אז דאָס פערדל קוקט אהער, ווייַל עס וויל עסן, און מאכט מיט די אויערן, ווייַל עס וויל אָפּטרייַבן די פליגן...“

דער „אמהאָרעץ — דער קרעטשמער“ לאכט אויס דעם זיידן, אז יענער דערציילט אים די ווּנדער פונעם פערדל, וואָס האָט זיך איינגעשפּארט און וויל ניט פאָרן אהיים... און וויפל אנדערע ערטער זייַנען פאראַן אין דער מייַסטערישער דערציילונג, ווּ ס׳ווערט אויסגעלאכט דער גלויבן אין גילגולים און ניסים! אפילע דאָס פייגערן פונעם פערדל, וואָס אן אנ-דער שרייַבער וואָלט זיכער געשילדערט דאָס אָפּטראָגן זיך פונעם גילגל נאָך זייַן אנטפלע-קונג, באשרייַבט שאָלעם-אַלייכעם מיט ביטל און איראָניע.

שאָלעם-אַלייכעמען האָט צוגעצויגן צו דער באָבעס מייַסעס די ווארעמע ליבע צום ערלעכן האָרעפּאשניק און דער אייגנארטיקער, פארשלייערטער פּראָטעסט פונעם באַלמע-לאָכע קעגן זייַן נידעריקן סאָציאַלן מאַצעוו און קעגן דעם ביטל צו אים מיצאַד די ייִכעס-דיקע פּאראזיטן! אויסטיילנדיק און אונטערשטרייַכנדיק אָט דעם געזונטן דעמאָקראטישן קערן פון דער פאָלקסמייַסע, ווארפט שאָלעם-אַלייכעם איינצייַטיק אָפּ די רעאקציאָנערע זאבאָבאָנעס, וואָס דער דערשלאָגענער ארבעטס-מענטש האָט באקומען בעירושע פונעם פינצטערן מיטלאלטער און וואָס דער הערשנדיקער קלאס האָט געסטארעט זיך אָפּצוהיטן און צו פארפעסטיקן אין מויכעס פון די עקספּלואַטירטע פאָלקסמאסן.

שאָלעם-אַלייכעם, דער דעמאָקראט און הומאניסט, האָט זיך געפּרוּווט אויסנוצן טכילעס פאַר זייַנע צילן די פאָלקסמייַסע אין איר ריין עטנאָגראפישער פאָרם, שפּעטער אָבער האָט ער געפונען מער פּאסיקע און צוועקמעסיקע אויפאַנים, ווי אייַנצופלעכטן זי אן איבערגעאר-בעטע אין זייַנע ווערק.

■ ■ ■

פון שאָלעם־אלייכעמס עפיסטאָלארישער יערושע

ווען אין 1941 איז אינעם מעלוכע־פארלאג „דער עמעס" דערשינען דער פופצנטער באנד פון שאָלעם־אלייכעמס אויסגעוויילטע ווערק, וועלכער איז באשטאנען פון זײַנע 210 בריוו, האָבן די צונויפשטעלער פון דעם דאָזיקן באנד י. מיטלמאן און כ. נאדעל געשריבן אינעם פאָרוואָרט:

„שאָלעם־אלייכעמס עפיסטאָלארישע יערושע איז אין גרעסטן טייל אירן נאָך ניט פארעפנטלעכט. דאָס, וואָס ס'איז יאָ פובליקירט, איז צעזייט און צעשפרייט אין פארשיידענע ייִדישע און ניט־ייִדישע פעריאָדישע אויסגאבעס, ווייניק באקאנטע, אָפטמאָל ווייניק צוטריטלעכע און ביבליאָגראפיש זעלטענע"[1].

צו יענער צײַט זײַנען שוין אָבער געווען באוווסט ניט ווייניק פובליקאציעס פון שאָלעם־אלייכעמס בריוו — סײַ אין אויסלאנד, סײַ בא אונדז אין לאנד. צווישן די באדײַטנדיקסטע קאָן מען אָנרופן אזעלכע, ווי „דאָס שאָלעם־אלייכעם־בוך", די 166 בריוו, וועלכע זײַנען געווען אָפגעדרוקט אין ניו־יאָרקער „טאָג", די פובליקאציעס אין מינסקער „צײַטשריפט" (1926), אין מאָסקווער „וויסנשאפטלעכע יאָרביכער" (1929), אין וו. ראבינאָוויטשעס בוך „מײַן ברודער שאָלעם־אלייכעם", אין די פארמילכאָמעדיקע זשורנאלן „שטערן" (מינסק) און „סאָוועטישע ליטעראטור" (קיִעוו), ווי אויך אינעם אלמאנאך „סאָוועטיש" (1941, נומ. 12) און אין א ריי צײַטונגען.

א היפש ביסל שאָלעם־אלייכעמס בריוו האָט פארעפנטלעכט אין מעשעך פון א ריי יאָרן „סאָוועטיש היימלאנד".

[1] שאָלעם־אלייכעם, אויסגעוויילטע בריוו. אָגיז, מעלוכע־פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע, 1941, ז. 28.

און דאָך איז שאָלעם־אלייכעמס עפיסטאָלארישע יערושע ניט אויסגעשעפט. האגאם זינט שאָלעם־אלייכעמס טויט זײַנען שוין דורכגעגאנגען קימאט זיבן יאָרצענדליקער, שטעלן ניט אָפ די ליטעראטור־פאָרשער די זוכונגען אין געביט פון זײַן עפיסטאָלארישער יערושע.

ניט איין מאָל איז שוין געשטעלט געוואָרן די פראגע וועגן ארויסגעבן א פולע זאמלונג פון שאָלעם־אלייכעמס בריוו. צו אָט דעם ציל איז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור־פאָרשונג צוגעגאנגען גאָר נאָענט נאָך פאר דער מילכאָמע. עס זײַנען גענומען געוואָרן אפן דיסקאָנט סײַ די שוין פארעפנטלעכטע, סײַ די נאָך ניט פארעפנטלעכטע בריוו, וועלכע האָבן זיך דעמלט געפונען אין א ריי מעלוכישע און פערזענלעכע ארכיוון. אזוי, לעמאָשל, איז אינעם פראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון דעם אלפארבאנדישן יובילײ־קאָמיטעט אף צו פײַערן דעם 80־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אלייכעמען, דעם 11 נאָיאבער 1938, אונטער דער פאָרזיצערשאפט פון א. א. פאדייעוו פארצייכנט געוואָרן צווישן אנדערע מאָסמיטלען:

„...בעטן דעם אינסטיטוט פאר וועלט־ליטעראטור אף מ. גאָרקיס נאָמען ארויסגעבן אין 1939 א וויסנשאפטלעכע זאמלונג פון שאָלעם־אלייכעמס בריוו, וועלכע געפינען זיך אינעם רעשוס פון דעם אינסטיטוט"[1].

אין 1948 דערשײַנט דער ערשטער באנד פון שאָלעם־אלייכעמס „אלע ווערק", וועלכע עס האָט זיך געקליבן ארויסגעבן דער „עמעס"־פארלאג. די אויסגאבע האָט געדארפט באשטיין פון 20 בענדער,

[1] צענטראלער מעלוכע־ארכיוו פון ליטעראטור און קונסט (צגאלי), פ. 2270, איניען נומ. 229, ז. 12.

פון וועלכע די לעצטע צוויי זאָלן אײַנשליסן שאָלעם־אַלייכעמס בריוו. ווי באַוווּסט, זײַנען פאַרווירקלעכט געוואָרן בלויז די ערשטע דרײַ בענדער. די אַרבעט אָבער איבער דער צוגרייטונג פון די בריוו איז שוין געגאַנגען נאָך פונעם סאָף פון די 40־ער יאָרן, און, אורטיילנדיק לויט די מאַטעריאַלן, וועלכע ווערן פאַרהיט אינעם צענטראַלן מעלוכע־אַרכיוו פון ליטעראַטור און קונסט (צגאַלי), האָבן איבער דעם 19־טן און 20־טן בענדער שוין געהאַט געאַרבעט די באַוווּסטע ליטעראַטור־פאָרשער אַרן גורשטיין, יעכעזקל דאָברושין און אַנד. וועגן דעם זאָגן איידעס די קאָפּיעס פון א ריי בריוו, וועלכע געפינען זיך אינעם גורשטיין־פאָנד פון צגאַלי. אייניקע פון די דאָזיקע בריוו זײַנען אין פאַרשיידענע צײַטן געווען פּובליקירט, אַנדערע זײַנען נאָך ביז הײַנט ניט פאַרעפנטלעכט.

די צונויפשטעלער פונעם בוך „אויסגעוויילטע בריוו", וועלכער איז דערשינען אין 1941, האָבן אינעם אַרײַנפיר אָנגעוויזן:

„גאַר א גרויסער טייל פון שאָלעם־אַלייכעמס בריוו־אוצער איז נאָך פאַרזיגלט און פאַרשלאָסן פאַרן ברייטסטן אוילעם לייענער און פאַר דער ליטעראַטור־פאָרשונג. א היפּשע צאָל ניט פאַרעפנטלעכטע בריוו פון שאָלעם־אַלייכעמען געפינט זיך בא אונדז אין מוזייען און ביבליאָטעקן (ווי, צום בײַשפּיל, אין ליטעראַרישן מוזיי אין מאָסקווע, אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אָפּן נאָמען פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין אין לענינגראַד) און בא פּריוואַטע פּערזאָנען — קרויווים. פרײַנט און באַקאַנטע"[1].

צום באַדויערן, קאָן מען שוין איצט, אין פיר צענדליק יאָר אַרום נאָך דעם, ווי עס זײַנען געווען אָנגעשריבן די אויבנדערמאָנטע ווערטער, ווייניק האָפן, אַז עס זאָל עפּעס אָפּגעזוכט ווערן פון שאָלעם־אַלייכעמס עפּיסטאָליאַרישער ירושע. וואָס עס האָט זיך געפונען אין פּריוואַטע הענט, — די מילכאָמע־יאָרן האָבן ניט געשאָנעוועט אויך די דאָזיקע אוצרעס. אַנדערש איז מיט די געזעלשאַפטלעכע פאָנדן, ביפּראַט מיט יענע, וועלכע געפינען זיך אין מאָסקווע און אין לענינגראַד (און עפּשער אויך אין א ריי אַנדערע שטעט). זיי זײַנען פאַר די פאָרשער פון שאָלעם־אַלייכעמס עפּיסטאָליאַרישער ירושע א גוואַלדיקער קוואַל, פון וועלכן מע קאָן נאָך שעפּן און שעפּן.

שאָלעם־אַלייכעם פלעגט פירן א רעגולערן לעבהאַפטן בריוו־אויסטויש ניט בלויז מיט קרויווים, פרײַנט, מיט ייִדישע שרײַבער און פאַרלעגער, נאָר אויך מיט א ברייטן קרײַז אַנדערע אַדרעסאַטן, דערונטער, ווי ס'איז שוין באַוווּסט, מיט אַזעלכע קאָריפייען פון דער רוסישער קולטור, ווי ל. נ. טאָלסטאָי, א. פּ. טשעכאָוו, וו. ג. קאָראָלענקאָ, מ. גאָרקי. דער בריוו־אויסטויש צווישן שאָלעם־אַלייכעמען און די דאָזיקע גרויסע רוסישע שרײַבער איז אין א היפּשער מאָס פאַרעפנטלעכט, האַגאַם אויך דאָ, ווי מיר האַלטן, זײַנען פאַראַן געוויסע בלויזן, וואָס מע דאַרף נאָך פאַרפולן...

[1] שאָלעם־אַלייכעם, אויסגעוויילטע בריוו, ז. 29.

מיט דער דאָזיקער האַשאָרע — אַז מע דאַרף נאָך זוכן און זוכן — זײַנען מיר, גרייטנדיק זיך צו שאָלעם־אַלייכעמס 125־טן געבורטסטאָג, אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם גרעסטן אין אונדזער לאַנד ליטעראַרישן אַרכיוו — דעם צענטראַלן מעלוכע־אַרכיוו פון ליטעראַטור און קונסט.

וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער דאָזיקער אַרכיוו, דאַרף מען ניט דערציילן. דאָ זײַנען אויפגעזאַמלט הונדערטער טויזנטער דאָקומענטן, און צווישן זיי א גרויסע צאָל נאָך ניט פאַרעפנטלעכטע.

מיר האָבן געוווּסט, אַז די מאַטעריאַלן אין אַרכיוו, וואָס אינטערעסירן אונדז, געפינען זיך ניט בלויז אינעם שאָלעם־אַלייכעם־פאָנד, נאָר אויך אין אַנדערע, צווישן זיי אין פאָנד פון וו. ג. טשערטקאָוון.

וולאַדימיר גריגאָריעוויטש טשערטקאָוו (1854 — 1936) איז געווען ל. נ. טאָלסטאָיס א נאָענטער פרײַנט, וועמען דער גאָניאַלער שרײַבער האָט פאַרטרויט אַלע זײַנע פאַרלעגערישע געשעפטן. וו. ג. טשערטקאָוו האָט איבערגעלעבט טאָלסטאָיען אויף 26 יאָר, און ווען אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן איז דער מעלוכע־פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן ל. נ. טאָלסטאָיס ווערק אין 90 בענדער, זײַנען 72 בענדער געוואָרן צוגעגרייט אונטער טשערטקאָווס רעדאַקציע. אין איינעם פון די דאָזיקע בענדער זײַנען פאַרעפנטלעכט טאָלסטאָיס באַוווּסטע „דרײַ מעיסעלעך", וועלכע ער האָט אָנגעשריבן לויט שאָלעם־אַלייכעמס איניציאַטיוו ספּעציעל פאַרן זאַמלבוך „הילף". וועגן דעם בריוו־אויסטויש צווישן ל. נ. טאָלסטאָיען און שאָלעם־אַלייכעמען אַרום דעם דאָזיקן עניין איז שוין א סאַך געשריבן געוואָרן. שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו ל. נ. טאָלסטאָיען האָט צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין דער פולער מאָס דער אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" (נומ. 12 פאַרן 1941), עמעס, אָן קיין שום קאָמענטאַרן. אָבער א היפּשער טייל פון שאָלעם־אַלייכעמס בריוו מיקויעך דער זאַמלונג „הילף" האָט ביז הײַנטיקן טאָג ביכלאַל ניט דערזען די לעבעדיקע וועלט. דעריבער האָט אונדז זייער דערפרייט דער געפינס אין צגאַלי, אין וו. ג. טשערטקאָווס פאָנד. 12 בריוו! און יעדערער פון זיי אַנטפּלעקט א נײַעם מאָמענט, א נײַעם שטריך פון שאָלעם־אַלייכעמס לײַדנשאַפטלעכער אַרבעט אַלס פאַרלעגער.

פּובליקירנדיק שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו וו. ג. טשערטקאָוון, דאַרפן מיר אָנווײַזן, אַז דעם לעצטן, דעם צוועלפטן בריוו, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" אין זײַנערצײַט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אין א ייִדישער איבערזעצונג (זע „סאָוועטיש היימלאַנד", 1966, נומ. 1, ז. 143). אָף וויפל אָבער דער דאָזיקער בריוו איז דאַן געגעבן געוואָרן מיט קירצונגען און דערצו נאָך אין ניט קיין פּינקטלעכער איבערזעצונג (כ. נאַדעל, וועלכער האָט אים פּובליקירט, האָט, ווײַזט אויס, ניט געהאַט פאַר זיך דעם עצעם אָריגינאַל), האַלטן מיר פאַר מעגלעך אים דאָ נאָכאַמאָל איבערכאַזערן, עס זאָל זיך דערבײַ באַקומען א פול בילד וועגן אָט דעם בריוו־אויסטויש.

בריוו צו וו. ג. טשערטקאָוון

1

סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש ראַבינאָוויטש (שאָלעם-אַלייכעם)

קיעוו, מ.־בלאַגאָוועשטשענסקאַיאַ, 27*

IX.24 (X.9) — 1903

פּילגעאַכטער וו. טשערטקאָוו!

ל. נ. טאָלסטאָיס „דרײַ מײַסעלעך" זײַנען, לויט מײַן איניציאַטיוו, אָנגעשריבן און מיט א כוידעש צוריק מיר צוגעשיקט געוואָרן, איך זאָל זיי איבערזעצן אפן ייִדישן זשאַרגאָן און אָפּדרוקן זיי אינעם זאַמלבוך, וועלכן מיר גיבן אַרויס לעטוויוועס די געליטענע אין קעשענעווער ייִדן. אין איינעם פון זײַנע בריוו טיילט מיר לעוו ניקאָלײַעוויטש מיט, אז צו מיר וועלן זיך ווענדן צוויי זײַנע פאַרלעגער-איבערזעצער: בולאַנזשע[1] (מאָסקווע) און טשערטקאָוו[2] (ענגלאַנד). בולאַנזשע האָט, ווירקלעך, זיך געווענדט צו מיר און מיר האָבן זיך מיט אים פאַרשטענדיקט ניט בלויז, ער זאָל דעם רוסישן אָריגינאַל אַרויסלאָזן איינצײַטיק מיט דער ייִדישער זאַמלונג, נאָר אַז דער גאַנצער ריינער רעווע זאָל אָנקומען צו אונדז פאַר די זעלבע צוועקן, וועלכע עס האָט אונדזער ייִדישע אויסגאַבע. פון אײַך איז קיין שום בריוו אָדער אַן אָנפראַגע ביז איצט ניט אָנגעקומען, און איך האָב אײַער אַדרעס ניט געוווּסט. און אָט, מיט א וואָכן צוויי צוריק האָט זיך צו מיר געווענדט מיטן זעלבן פאַרשלאָג m-r Ajlmer Maade[3], Chelmsford Baddow reat 9, וועלכער האָט אַליין פאַרגעלייגט זײַן טירכע סײַ איבערצוזעצן די „מײַסעלעך" אַף ענגליש, סײַ זיי אַרויסגעבן אין ענגלאַנד, אַז דער גאַנצער רעווע (דער ריינער) זאָל אָנקומען לעטויוועס אונדז. דערבײַ האָט ער זיך פאַרופן אַף בולאַנזשע און אַף לעוו ניקאָלײַעוויטשן. באַקומען פון בולאַנזשע א באַפרידיקנדיקן אָפּרוף, האָב איך טייקעף אַרויסגעשיקט דעם הער מאָאָד א קאָפּיע פונעם אָריגינאַל מיט עטלעכע טעג צוריק. און אָט, פּלוצעם אײַער ליבלעכער, נאָר עטוואָס פאַרשפּעטיקטער

* אַף וויפל אַף אַלע בריוו איז אָנגעוויזן שאָלעם-אַלייכעמס איין און דער זעלבער היימישער אַדרעס אין רוסיש און אין לאַטײַן (קיִעוו, מ.־בלאַגאָוועשטשענסקאַיאַ, 27, גיבן מיר דעם דאָזיקן אַדרעס אין דער ייִדישער איבערזעצונג בלויז צום ערשטן בריוו.

בריוו! פאַר מיר איז, פאַרשטייט זיך, הייליק דאָס, וואָס עס האָט מיקויעך אײַך געשריבן לעוו ניקאָלײַעוויטש, וועלכער האַלט אײַך פאַר איינעם פון זײַנע נאָענטע פרײַנט. לעוו ניקאָלײַעוויטשעס א נאָענטער פרײַנט קאָן ניט זײַן קיין סיבע פאַר א סיכסעך אין א באַלעבאַטיש הויז. דעריבער נעם איך זיך אָן מיט דרייסטקײַט צו בעטן אײַך (שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם, אַז איר זאָלט ניט אַרויסלאָזן אײַער אויסגאַבע אין ענגלאַנד ביז איר וועט ניט דערהאַלטן מײַן טעלעגראַם וועגן דעם דערשײַנען פון אונדזער ייִדישן בוך, ווי אויך אײַער (מאָסקווער) רוסישער אויסגאַבע) — צי וואָלט איר ניט געקאָנט ווי-ניט-איז זיך זען מיטן הער Ajlmer Maade, באַווײַזן אים דעם דאָזיקן בריוו און אײַנאָרדענען די זאַך אַזוי, איך זאָל ניט אויסזען פאַר א געמיינעם מענטשן אין די אויגן פונעם ה׳ מאָאָד, ווען איך וועל, אַגעוו, נאָך הײַנט אָנשרײַבן וועגן דעם. ווײַל איך האָב מוירע, עס זאָל פון אָט דעם qui pro qvo ניט אַרויסקומען קיין שאָדן אונדזער וווילטעטיקער זאַך. עס גייט דאָך א רייד וועגן הונדערטער און טויזנטער באַאוולטע מענטשן. אײַך איז, מעגלעך, באַוווּסט, אַז אין האַמעל איז אויך געווען א קליינע האַריגע פון ייִדן[4], דערבײַ איז אונדז ניט דערלויבט געוואָרן אָפיציעל צו זאַמלען קיצווע און איך האָב אויסגערעכנט אַף דער דאָזיקער אויסגאַבע אין ענגלאַנד, מע זאָל קאָנען ווי-ניט-איז עפּעס אויסלייזן, ווי ווײַט מעגלעך פריִער, לעטויוועס די האַמלער ייִדן. כ׳האָב אפילע געבעטן דעם ה׳ מאָאָד מיר צושיקן עפּעס-וואָס אַלס אַוואַנס.

איצטער, וואָס איז שײַעך דעם טערמין פונעם דערשײַנען פון אונדזער ייִדישן בוך, וועט, אַפּאָנעם, דורכגיין נאָך אַרום א כוידעש צײַט, און איר וועט, ווײַזט אויס, נאָך באַווײַזן סײַ איבערזעצן און סײַ אָפּדרוקן די „דרײַ מײַסעלעך" צו אָט דער צײַט. ביפראַט, אַז אונדזער ייִדישע אויסגאַבע איז דירעקט אָפּהענגיק פון דער רוסישער (מאָסקווער) אויסגאַבע, וועלכע געפינט זיך איצט באַם צענזאָר. מיר האָבן אָפּגערעדט מיט דער דאָזיקער מאָסקווער אויסגאַבע, ווי אויך מיט דער דײַטשישער איבערזעצונג אין בערלין, אויב זי וועט קומען צו שטאַנד[5], אַז יעדערער פון אונדז וואַרט מיטן אַרויסלאָזן זײַן אויסגאַבע ביז עס וועט דערהאַלטן ווערן מײַן טעלעגראַם, ווײַל בלויז באַ אַזאַ שטרענגער אָרגאַניזאַציע וועלן קאָנען דערגרייכט ווערן די

בעסטע רעזולטאַטן, ניט אַנרירנדיק קיינעמס אינטערעסן.

אין דערוואַרטונג פון אײַך אַנגענעמע מי־טיילונגען, בין איך גרייט צו דינען

ס. ראַבינאָוויטש
שאָלעם־אַלייכעם

2

1903 — X/IX.30—13

פילגעאַכטער וו. טשערטקאָוו!

אַלס צוגאָב צו דעם, וואָס איך האָב אײַך געשריבן, דאַרף איך אײַך מיטיילן, אַז פונעם הער Ajlmer Maade איז אָנגעקומען 100 רובל אַפן כעזשבן פון אַרויסגעבן די „מײַסעלעך" אַף ענגליש, וואָס זייער קאָפּיע האָט ער שוין באַקומען און איז, ווײַזט אויס, צוגעטראָטן איבערצוזעצן. דאָס איז איינס. צווייטנס, האָב איך הײַנט דער־האַלטן א בריוו פון וואַרשע, ווו עס דרוקט זיך אונדזער (יידישער) זאַמלבוך[6], אַז, איבער אומשטענדן, וועלכע זײַנען ניט אָפּהענגיק פון דער רעדאַקציע, דאַרפן אייניקע זײַנע וויכטיקע אַרטיקלען געענדערט ווערן. אַזוי־אַרום וועט זיך די אויסגאַבע פאַרצײַען נאָך אַף א כוידעש צי צוויי, אַזוי אַז פריִער פונעם סאָף כוידעש קאָן מען אַפילע ניט קלערן. וועגן דעם האָב איך שוין געשריבן דעם הער מאָאַד, און אויך אײַך בעט איך עס נעמען אין אַכט. וועגן דעם ווירקלעכן אַרויסלאָז וועט אײַך געמאָלדן ווערן מיט 2 וואָכן פריִער. איך וואַרט אַף אַן ענט־פער אַף די פּאַריקע און אַף דעם.

גרייט צו דינען

ס. ראַבינאָוויטש

3

(אַף א טעלעגראַפישן בלאַנק)

1903 — X.IV.3

פילגעאַכטער ה' וו. טשערטקאָוו!

איר וועט מיר, האָף איך, מויכל זײַן, וואָס איך בין געצוווּנגען וועגן דעם אינצי־דענט מיט מאָאַדן מיטיילן לעוו ניקאָלײַע־וויטשן, ווײַל אין רעזולטאַט פון אײַער שפּע־טער ווענדונג צו מיר, בין איך געצוווּנגען געווען זײַנערצײַט אַרײַנטרעטן אין א פאַר־שטענדיקונג מיט מאָאַדן, פון וועלכער איך קען איצט ניט אַרויסגיין[7]. אין געגעבענעם פאַל פאָלגן מיר דאָך אַלע נאָך איין ציל, דע־ריבער מיין איך, אַז אײַך קאָסט ניט גאָר־נישט, אויב איר וועט אַרויסגעבן די „מײַסע־לעך" אַף רוסיש (אין ענגלאַנד), און זייער איבערזעצונג און דאָס אַרויסגעבן זיי אַף ענג־ליש וועט איר אָפּטרעטן דעם הער מאָאַד, וועמען איך האָב זיי שוין פון לאַנג אַרויסגע־שיקט. אַלנפאַלס, אַף וויפל אונדזער יידישע אויסגאַבע, איבער די צענזור־באַדינגונגען, האָט זיך פאַרצויגן און וועט דערשײַנען, האָ־לעווײַ זאָל איך א ליגן זאָגן, ניט פריִער פו־נעם 1־טן דעקאַבער, — האָב איך טאַקע זיי־ער מוירע, אַז עמעצער זאָל אונדז ניט איבערכאַפּן אין ענגלאַנד און זאָל דערמיט ניט אָנטאָן שאָדן דאָ, אין רוסלאַנד, סײַ פאַר דער יידישער אויסגאַבע, סײַ פאַר דער רוסישער אויסגאַבע אין מאָסקווע („פּאָסרעדניק"[8] דורך בולאַנזשע), וואָס עס וואָלט געווען זייער און זייער זינדיק.

זײַט מיר מויכל, וואָס איך שרײַב אַף א טעלעגראַפישן בלאַנק, איך קלײַב זיך איצט קיין האָמעל אַפן אָרט פונעם פּאָגראָם און דע־ריבער שרײַב איך אײַך פונעם וואָקזאַל דעם דאָזיקן בריוו.

איך וואַרט אַף אײַערע אַנגענעמע ידיִעס.

מיט אַכטונג צו אײַך

ס. ראַבינאָוויטש

קיִעוו, מאַל־בלאַגאָוועשטשענסקאַיאַ, 27
ס. נ. ראַבינאָוויטש

4

(אַ פּאָטשט־קאַרטל)

1903 —X .(27/26) 14/13

פילגעאַכטער וו. טשערטקאָוו!

ענדלעך האָב איך דערהאַלטן א ידיִע, אַז פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָט מען געבעטן דעם הער מאָאַד די „מײַסעלעך" ניט איבערזעצן און ניט אַרויסגעבן. הייסט עס, אַז די אויסגאַבע פאַרבלײַבט אײַערע. דאַנקען גאָט. אַלץ איז גוט, וואָס עס פאַרענדיקט זיך גוט. אַליין דער הער מאָאַד האָט מיר מודיִע געווען וועגן דעם. זײַנען מיר מיט אים קוויט. איצט בעט איך אײַך נעמען אין אַכט פאָלגנדע פּונקטן:

1) אויב איר האָט ניט קיין פּינקטלעכע אויסגעבעסערטע קאָפּיע פונעם קסאוויאַד פון לֿ[עוו] נ[יקאָלײַעוויטשן], קאָן איך אײַך דאָס צושטעלן.[9]

2) צי ווילט איר באַ די „מײַסעלעך" אַרײַנשטעלן אויך 3-4 בריוו פון לֿעוו ניקאָ-לײַעוויטשן, וועלכע האָבן אַן אינטערעס אַלס אויסדרוק פון זײַן באַציִונג צו די ייִדן?[10]

3) דער טערמין, ווי איך האָב אײַך שוין געשריבן, איז ניט פריִער פונעם 13/1 דעקאַ-בער.

4) אַזוי ווי איר דאַרפט שוין ניט אויסצאָלן יענע 100 רובל מאָאַדן, צי וואָלט אײַער פאַר-לאַג ניט געקאָנט אונדז צושיקן אַלס אוואַנס אַ רובל 300—400 אַפּן כּעזשבן פון די קומענ-דיקע סכירעס. געלט דאַרף מען פאַר די האָמ-לער, פאַר וועלכע עטלעכע הונדערטער זײַנען ווי אַ טראָפּן אין יאַם. בעסער פון אַלץ איבער-שיקן דורכן „רוסישן פאַר אויסערן-האַנדל באַנק" אין לאָנדאָן, קיִעווער אָפּטײלונג, מײַן נאָמען.

5) צי ווילט איר באַקומען דעם קסאוויאַד און די קאָפּיעס פון די בריוו דורך מאָאַדן, אָדער דירעקט פון מיר.

6) דעם הער לעווענפעלד[11] קיין בערלין האָב איך געשריבן. אַ דאַנק. פאַרשטענדיקט זיך אויך מיט אַמעריקע.[12]

7) מיטן פּאַריזשער פאַרלעגער פאַרענדיקט אַליין און, איך בעט אײַך,— די פאַראַנטוואָרט-לעכקײַט נעמען אַף זיך (באַזונדערס מיקויעך דעם טערמין).

ס. ראַבינאָוויטש

פון וואַרשע שרײַבט מען מיר, אַז מע דאַרף לייגן די אויפמערקזאַמקײַט אַף דער ענג-לישער אויסגאַבע, וועלכע קאָן אונדז, אויב זי וועט זיך באַווײַזן אין אײַער זשורנאַל[13], שטאַרק שאַטן. אויב דערנאָך, איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין אומגליק...

זאָל באַשטעטיקן דעם איניען, ווי אויך יעדיעס פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

איך וואַרט אויך אַף אײַער בריוו מיקויעך דעם קסאוויאַד. צי דאַרפט איר לעוו ניקאָלײַ-עוויטשעס רוסישן קסאוויאַד, אָדער איר האָט אים? און צי האָבן פאַר אײַך אַן אינטערעס לעוו ניקאָלײַעוויטשעס בריוו אין שײַכעס מיט דער דאָזיקער אויסגאַבע?[14]

איך האָב אײַך געבעטן אויך מיקויעך אַן אוואַנס. די סומע 100 ר. פון מאָאַדן איז שוין געדעקט און אײַער פאַרלאַג דאַרף מיט אים זיך ניט צערעכענען. איך האָף, אַז די דאָזיקע באַ-קאַשע, אַף וויפל ס'איז נייטיק אַ גיכע הילף, וועט איר באַפרידיקן אין אַן אַלמעגלעך ברייטן פאַרנעם.

וואָס שײַך דער דײַטשישער אויסגאַבע, האָב איך, גלײַך נאָכן באַקומען פון אײַך דעם לעצטן בריוו (דעם גרויסן), די פאַרהאַנדלונגען מיט דער פריִערדיקער פירמע אָפּגעשטעלט, ווײַל זיי זײַנען נאָך געווען אַף אַזאַ שטופע, אַז מע האָט זיי געקאָנט אין אַ באַליביקער צײַט איבעררײַסן, און איך האָב, לויט אײַער אָנווײַ-זונג, זיך געווענדט צו לעווענפעלדן. איצט גע-פינען זיך אַלע 4 אויסגאַבעס (די ייִדישע — מײַנע, די רוסישע — בולאַנזשעס, די ענגלי-שע — אײַערע און די דײַטשישע — לעווענ-פעלדס) אין פולקום, דאַכט זיך, זיכערע הענט, און מע קאָן האָפן אַף באַשיידנקײַט, אַקוראַט-קײַט און פולער האַרמאָניע. צום 1-טן (13) דעקאַבער, מיין איך, וועלן די „מײַסעלעך" דערזען די ליכטיקע וועלט אַף אַלע שפּראַכן (די פראַנצויזישע וואָלט איך געבעטן נעמען אויך אין אײַערע הענט און טאָן דאָס אַלמעג-לעכע, קעדיי צו פאַרגרעסערן דעם רעווער פון דער זאַך. וואָס לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט אָנגעשריבן לויט מײַן איניציאַטיוו און אויס-שליסלעך לטובֿעס דעם ציל, וואָס מיר האָבן אָנגעמערקט, — אַרויסווײַזן הילף די געליטע-נע, וועלכע זײַנען געשטעלט אויסערן געזעץ). עס שרײַט אַרויס דער דאַלעס, נאָר די הילפ-לאָזיקײַט און דער ווילקיר זײַנען פיל מאָל מערער!

ש[טענדיק] אַ[ײַערער]
ס. ראַבינאָוויטש

5

14/27. X — 1903

פילגעאַכטער וו. טשערטקאָוו!

נעכטן האָב איך אײַך געשריבן פון קיִע-ווער פאַרשטאָט און איצטער כאָזער איך איבער, אַז איך בין אומגעהייער צופרידן, וואָס דער אינצידענט איז בעשאָלעם פאַרענדיקט און וואָס די ענגלישע און די אַמעריקאַנער אויסגאַבע געפינען זיך אין אײַערע, ווי איך פאַרשטיי, זי-כערע הענט.

וואַרט איך איצט אַף אײַער בריוו, וואָס

P. S. פון דער צוגעשיקטער צײַטונג וועט איר זיך באַקאַנען מיט דעם עקלהאַפטן באַ-ריכט פון די קאַסאַציִעס איבערן עקלהאַפטן איניען.[15] אויב איר וועט דרוקן, דערמאָנט ניט, ביטע, דעם נאָמען פון דעם, ווער עס האָט אײַך צוגעשיקט. ביכלאַל וואָלט איך ניט געוואָלט פאַרבינדן אונדזער ווילטעטיקן איניען מיט פּאָליטיק. אַליין דאָס באַווײַזן זיך פון די „מײַ-סעלעך", לעמאָשל, אין אומלעגאַלער אויס-

לענדישער אויסגאַבע קאָן פּאַטערן אונדזער אויסגאַבע נאָך קאָלאָסאַלע געלט-הוצאָות און גײַסטיקע קויכעס. די רעדאַקציע בעט, איר זאָלט זײַן פּאַרזיכטיק באַזונדערס מיט די ענגלישע פאַרלעגער. אָבער איך קען אײַך אַלס לעוו ניקאָלײַעוויטשעס פּערזענלעכן פרײַנט, און דעריבער, אויסדריקנדיק זיך אַף מײַן ייִדישן זשאַרגאָן, „שלאָף איך מיט אײַך רויק". טײלט מיר מיט אײַער טעלעגראַפישן אַדרעס. צוליב איבערשיקן געלט רעקאָמענדיר איך אײַך די לאָנדאָנער אָפּטײלונג פונעם רוסישן פאַר אויסערן-האַנדל באַנק, קיִעווער אָפּטײלונג, אַף מײַן נאָמען. גוט וואָלט געווען א רובל 500.

ש. א.

6

21/3.X/XI — 1903

פּילגעאַכטעטער וו. טשערטקאָוו!

פונעם X.27/14, נאָך דעם ווי איך האָב אײַך געשריבן, האָב איך נאָך פון אײַך קיין ענטפער ניט געהאַט. אַנשטאָט דעם האָב איך הײַנט פּלוצעם דערהאַלטן א בריוו פונעם ה' מאָאַד, אַז איר האָט אים איבערגעגעבן דאָס אַרויסגעבן די „מײַסעלעך" דעם ערשטן. וואָס באַטײַט אָט דער כאַלעם און ווער איז דער עמעסער פאַרלעגער? עפּשער וועט אײַער בריוו, וואָס געפינט זיך אין וועג, אַלץ דערקלערן. אָבער איך קאָן נישט זיך ניט טײלן מיט אײַך.

איך וואַרט אַף אַן ענטפער אין א בריוו.

דער איבערגעגעבענער אײַך

ס. ראַבינאָוויטש

פון לעווענפעלדן (דײַטשלאַנד) קיין שום ענטפער.[16]

7

(א פּאָסט-קאַרטל)

15/28.XI — 1903

פּילגעאַכטעטער ה' טשערטקאָוו!

עס דערגעענטערט זיך דאָס דערשײַנען פון די „דרײַ מײַסעלעך". אָך וואָרן אײַך וועגן דעם. איך מיין, אַז אין די ערשטע טעג פון דעקאַבער (לויטן אַלטן סטיל). אָבער איבער אונדזערע צענזורישע באַדינגונגען קאָן עס זיך פאַרציִען ביזן 28/15 דעקאַבער אָדער שפּעטער. איך רעד וועגן דער ייִדישער אויסגאַבע. וואָס שײַך דער רוסישער אויסגאַבע (אין מאָסקווע), האָט דער מאָסקווער צענזאָר ניט דורכגעלאָזט. מ'איז אוועקגעפאָרן זיך מישטאַדל זײַן קיין פּעטערבורג[17]. איך בעט אײַך דאָס האָבן אין זינען און מיר ענטפערן אַף דעם דאַזיקן בריוו.

ס. ראַבינאָוויטש

א רוף וועגן צדאָקע אינעם ביכל גופע האַלט איך פאַר ניט אינגאַנצן אַנשטענדיק. אַן אַנדער זאַך — רעקלאַמירן די בראָשור אין די צײַטונגען. און וואָס [הערט זיך] מיט דער פראַנצויזישער אויסגאַבע?

8

22/5.XI/XII — 1903

פּילגעאַכטעטער וו. טשערטקאָוו!

איך האָב די מעגלעכקײַט צו מיטײלן אײַך וועגן דעם ענדגילטיקן טערמין פון אַרויסלאָזן ל. נ. טאָלסטאָיס „מײַסעלעך": דעם 28 דעקאַבער, מאָנטיק (דה. אָנהייב פונעם 15-טן).

צווויסנגעבנדיק אײַך וועגן דעם, בעט איך דאָס נעמען אין אכט באַם פאַרעפנטלעכן אײַערע אויסגאַבעס, וועלכע דאַרפן זיך באַווײַזן ניט פריִער פונעם 28 דעקאַבער.

איך גיב צו, אַז אונדזער צענזור האָט אינגאַנצן פאַרבאָטן איינס פון די דרײַ מײַסעלעך, אַזוי אַז עס זײַנען געבליבן בלויז צוויי מײַסעלעך. אויב א וועלכע-ניט-איז אויסלענדישע אויסגאַבע וואָלט זיך באַוויזן אין רוסלאַנד פאַרן טערמין, וואָלט עס געבראַכט צו אַן ענדגילטיקן פאַרבאָט פונעם טיראַזש פון טאָלסטאָיס בראָשור, און איר פאַרשטייט, וואָס עס וואָלט דערפון זיך באַקומען. איך בעט אַן ענטפער.

מיט קאָווועד

ס. ראַבינאָוויטש

צי האָט איר געשריבן קיין פּאַריזש?

P.S. צי וואָלט איר ניט געווען אַזוי גוט און געבן צו וויסן דעם ה' מאָאַד, האַגאַם איך שרײַב דירעקט אויך אים.

9

(א פּאָסטשט-קאַרטל)

27/10. XII/XI — 1903

פיִלגעאַכטער וו. טשערטקאָוו!

איך האָב אײַך הײַנט טעלעגראַפירט זיך צוטײַלן מיט דער אויסגאַבע צום 14/1 דעקאַבער, ווײַל אײַער פראַנצויזישער איבערזעצער אָדער פאַרלעגער האָט — אוי וויי! — מיסגעברויכט מיט אײַער צוטרוי און האָט זיך דערלויבט אין דער פראַנצויזישער צײַטונג «Temp» אָפּדרוקן טאָלסטאָיס ערשט מײַסעלע (אַלנפאַלס, ווייס איך וועגן איינס — „אַסאַרכאַדאָן“). ווען כ'האָב זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָב איך שיר ניט געכאַלעשט. דאָס ערשטע, וואָס כ'האָב געטאָן, — איך האָב טעלעגראַפירט אין אַלע ערטער: קיין מאָסקווע, וואַרשע (די ייִדישע), בערלין און ענגלאַנד, מע זאָל צוטײַלן צום 14/1. דער אומגליק איז נאָך אין דעם, וואָס דעם רוסישן אָריגינאַל האָט פאַרהאַלטן דער צענזאָר, דעם ייִדישן אויך. און פּלוצעם באַווײַזט זיך די פרעמדע איבערזעצונג אין רוסלאַנד פריִער, איידער אונדזער אָריגינאַל. האַקלאַל, איך בין דערהאַרגעט, פאַרניכטעט! שרײַבט, איך בעט אײַך, ווער איז אײַער איבערזעצער אין פּאַריזש און דער פאַרלעגער? און וואָס [הערט זיך] בא אײַך? איך וואַרט.

אײַער ס. ראַבינאָוויטש

ביטע, שיקט מיר צו אין פאַרמאַכטע קאָנווערטן 1 עקז. פון אײַער איבערזעצונג.

10

29 נאָיאַבער (12 דעקאַבער) 1903

פיִלגעאַכטער וו. טשערטקאָוו!

נאָרוואָס דערהאַלטן אײַער צווייטע טעלעגראַם, אין וועלכער איר טײלט מיר מיט, אַז ס'האָט זיך, ווײַזט אויס, באַקומען א מיספאַרשטייעניש און אַז איר האָט טעלעגראַפירט קיין פּאַריזש, מע זאָל פאַרהאַלטן דעם אַרויסלאָז. אוי וויי! דאַכט זיך, אַז ניט קיין מיספאַרשטייעניש איז דאָ, נאָר פּאָשעט א שווינדל מיצאַד אײַער פראַנצויזישן איבערזעצער, וואָס זײַן נאָמען האָט איר פאַרגעסן מיר מיטטײלן. באַ עמעצן האָב איך באַוויזן זיך צו דערוויסן, אַז פון דער צײַטונג «Temp» האָט איבערגעזעצט אײַן (דאָס 1-טע) מײַסעלע אָף רוסיש פאַר א רוסישער צײַטונג וו. בינשטאָק (פאַרן 5-טן פונעם נײַעם סטיל). כ'האָב מוירע, אַז אין «Temp» אָדער אין אַנדערע זשורנאַלן זײַנען שוין אָפּגעדרוקט אויך די אַנדערע צוויי, וועלכע וועלן זײַן עקלהאַפט איבערגעזעצט אָף רוסיש, ביפראַט אַז דער רוסישער אָריגינאַל בא בולאַנזשע האָט געדאַרפט דערשײַנען בלויז צום 28/15 דעקאַבער, און איצטער, נאָך מײַנע דרינגענדע טעלעגראַמעס, איז א סאָפּעק, צי מע וועט באַווײַזן צו די ערשטע טעג פון דעקאַבער, וואָרעם די צענזור האָט פאַרהאַלטן די דאַזיקע „מײַסעלעך“ און האָט דערלויבט ערשט אין די לעצטע טעג און דערבײַ נאָר צוויי, דאָס דריטע האָט זי פאַרבאָטן.

נאָך מער! וואָס פאַר אַן ערגערניש וועט האָבן לעוו ניקאָלײַעוויטש, אויב ער וועט זיך דערוויסן, אַז זײַן ווערק איז איבערגעזעצט אָף רוסיש פון פראַנצויזיש פריִער, איידער [ס'איז פאַרעפנטלעכט] דער אָריגינאַל! און וויפל העזעק וועלן מיר האָבן איבער אָט דעם שווינדלער! אונדזער ייִדישע זאַמלונג, ווידער איבער דער צענזור, וועט דערשײַנען בלויז צום נײַעם יאָר (אַלטער סטיל). איך בין שוין געצוווּנגען געווען צו טעלעגראַפירן אומעטום, מע זאָל אַרויסלאָזן די אויסגאַבע צום 15/1 דעקאַבער. אָבער וואָס פאַר א טאַכלעס, ווען געוויסע פענשמירער זעצן שוין איבער פון פראַנצויזיש — צוליב זייערע גראַשנס פּאַטערן זיי אונדז הונדערטער, און מיר — דאָס בלוט און דאָס לעבן. איך בעט מיר מיטיילן, ווער עס איז אײַער פראַנצויזישער איבערזעצער אָדער דער פאַרלעגער. ניט שוין זשע וועט עס אים אָפּגיין גלאַטיק? און איר האָט מיך פאַרזיכערט מיקויעך אײַערע אַרויסגעבער, וואָרענענדיק מיך וועגן מײַנע דײַטשישע פאַרלעגער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן א סאַך אָרנטלעכער פון אײַערע פראַנצויזן, דער רוער זאָל זיי נעמען!

אײַער ס. ראַבינאָוויטש

11

8 (21) XII — 1903

פיִלגעאַכטער וו. טשערטקאָוו!

אָף אײַער בריוו אײַל איך זיך צו ענטפערן, אַז „אַסאַרכאַדאָן“, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין «Temp» און איז איבערגעזעצט אין דער היגער צײַטונג, אונטערשיידט זיך שאַרף פון מײַן וואַריאַנט. איך בין געווען איבעראַשט, וואָס אַסאַרכאַדאָן, וועלכער האָט פריִער זיך פאַרוואַנדלט אין לאַליִע, איז פּלוצעם מעגולגל

געוואָרן אין אַן אײזל[13]! דאָס באַטײַט אַ נײַער וואַריאַנט פון לעוו ניקאָלײַעוויטשן גופע, וועלכער האָט גלײַך אַנגעטראָפן קיין פּאַריזש. גאָט זאָל מיך שוימער אומאצל זײַן צו באַשולדיקן אײַך אין עפּעס־וואָס. דערנאָך האָבן אין פּעטערבורגער „נאָוואָסטי" אויך זיך באַוויזן 2 מײַסעלעך פון «Berliner Tageblatt». די „נאָוואָסטי" *האָב איך נאָך ניט געזען. מאָרגן וועל* איך זען. דער איינצל־פאַרקויף פון די „נאָוואָסטי" איז מיצאַד דעם מיניסטער פאַרבאָטן געוואָרן. כ'האָב מוירע: צי ניט פאַר דעם דריטן מײַסעלע? די צענזור האָט פאַרבאָטן דעם „פּאָסרעדניק" „אַרבעט, טויט און קרענק". מאָאָדס אויסגאַבע האָב איך באַקומען. אײַערע איז ניטאָ. איך וואַרט אַף אײַער בריוו.

ס. ר א ב י נ אָ ו ו י ט ש

12

1904 —II .23/10

פּילגעאַכטער וו. טשערטקאָוו!

איך שיק אײַך אַרויס איין עקזעמפּליאַר פון אונדזער „זאמלבוך" (דעם ייִדישן)[19] און בעט אײַך גנעדיק איבערגעבן דעם הער ראַפּאַפּאָרט אין לאָנדאָן אַף אַן אָפּרוף, ווײַל איך האָב ניט אין דעם מאָמענט אונטער דער האַנט זײַן אַדרעס.

צוזאַמען דערמיט גיב איך אײַך צו וויסן, אַז איך האָב באַצײַטנס באַקומען אויך אײַער אויסגאַבע פון די „מײַסעלעך", וועלכע איז, פאַרשטייט זיך, אַ סאַך גלענצנדיקער, איידער *אונדזער רוסיש־ייִדישע. נו, אוואדע, רוסלאַנד* איז ניט ענגלאַנד, און וואַרשע איז ניט לאָנדאָן. וועגן דעם, אַז איר האָט איבערגעשיקט דעם בוך, בעט איך מיר געבן צו וויסן*.

וואָס איז דער גורל פון אײַער אויסגאַבע? צי איז זי זיך צעגאַנגען, ווי מיר אַלע האָבן עס געווּנטשן?

פון פּאַריזש האָב איך באַקומען פון עמעצן אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט 440 פראַנק, נאָר אָן אַ וועלכן־ניט־איז בריוו. איז דאָס ניט לויט אײַער פאַראָרדענונג?[20]

איך וואַרט אַף אײַער ענטפער און בלײַב מיט טיפער אַכטונג.

ס. ר א ב י נ אָ ו ו י ט ש

* איר קאָנט זיך לײַכט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ שטערונגען מיר האָבן געהאַט, אויב דער בוך האָט געקאָנט דערשײַנען בלויז איצט, אין ברען פון דער אויסגעבראָכענער מילכאָמע. אָבער מיר האָבן דעם בוך אַרויסגעלאָזט — און ער וועט זיך צעגיין! (שאָלעם־אליינכעמס באַמערקונג).

קאָמענטאַרן און באַמערקונגען

1) בולאַנזשע פּאַוועל אַלעקסאַנדראָוויטש (1865—1925) — צוערשט געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דער פאַרוואַלטונג פון מאָסקווער־קורסקער אײַזנבאַן, זיך באַקאַנט מיט ל. נ. טאָלסטאָיען אין 1886, געוואָרן איינער פון זײַנע הייסע אָנהענגער, אָנגעשריבן אַ ריי אַרטיקלען וועגן אים. ל. נ. טאָלסטאָי האָט אים אָנפאַרטרויט צו פירן אין מאָסקווע אייניקע זײַנע פאַרלעגערישע ענינים, צווישן זיי — דאָס אַרויסגעבן אין אַ באַזונדערער בראָשור די „דרײַ מײַסעלעך".

2) אין אַ בריוו צו וו. ג. טשערטקאָוון שרײַבט ל. נ. טאָלסטאָי דעם 25 אויגוסט 1903:

„איך האָב זיי (די „דרײַ מײַסעלעך". — וו. ק.) אָפּגעגעבן אין אַ ייִדישן זאמלבוך לטובֿת די געליטענע אין קעשענעוו. זיי ווילן איבערזעצן אַף זשאַרגאָן און אַרײַנשטעלן אין זאמלבוך. איך מיין, אַז מע דאַרף זיי נישט אַרויסגעבן ניט אַף רוסיש, ניט אַף ענגליש, ניט אַף קיין שום [שפּראַך] (פאַרשטייט זיך, אויב מע וועט געפינען, אַז זיי זײַנען ווערט, מע זאָל זיי דרוקן און איבערזעצן) ביז דעמלט, ווען ס'וועט דערשײַנען דער זאמלבוך און אפילע אַ ביסל שפּעטער..."

דעם 7 סענטיאַבער 1903 שרײַבט ל. נ. טאָלסטאָי וו. ג. טשערטקאָוון:

„...ווען איך גיב איצטער אָפּ עפּעס־וואָס אין דרוק, האָב איך שטענדיק מוירע, אַז כ'וועל עמעצן דערערגערן און ס'וועט מיר זײַן ניט אָנגענעם. די ייִדישע פאַרלעגער ווילן אָפּדרוקן אין קיִעוו אויך לטובֿת די קעשענעווער ייִדן, און דעריבער דאַרף מען טאָן אַזוי, אַז עס זאָל ניט אָנטאָן שאָדן זייער אויסגאַבע. מע דאַרף זיך מיט זיי צונויפשרײַבן. זײַן אַדרעס איז אַזאַ: סאָלאָמאָן נאומאָוויטש, קיִעוו, מאַלאַיאַ־בלאַגאָוועשטשענסקאַיאַ, 27..."

פונדאַנען דרינגט אַרויס, אַז ווען שאָלעם־אליינכעם האָט געשריבן דעם דאָזיקן בריוו צו וו. ג. טשערטקאָוון, האָט וו. ג. טשערטקאָוו שוין געהאַט ל. נ. טאָלסטאָיס אָנווײַזונג מיקויעך אָט דעם עניין.

3) מאָאָד, עלמער (אַלעקסיי פראַנצאָוויטש, 1858—1938) — דער איבערזעצער אַף ענגליש און דער פאַרלעגער פון ל. נ. טאָלסטאָיס ווערק אין ענגלאַנד.

דעם 12־טן אָקטיאַבער 1903 שרײַבט וו. ג. טשערטקאָוו ל. נ. טאָלסטאָיען, אַז מאָאָד האָט זיך געווענדט דירעקט צו שאָלעם־אליינכעמען, אַז ער האָט באַקומען פון אים די קאָפּיעס פון ל. נ. טאָלסטאָיס „דרײַ מײַסעלעך" און זעצט זיי שוין איבער אַף ענגליש. מיטיילנדיק, אַז אַן אַנאַלאָגישע אויסגאַבע האָט שוין צוגעגרייט דער פאַרלאַג «The Free Age Press», שרײַבט וו. ג. טשערטקאָוו, אַז דער גאַנצער

רעוועך אויך פון דער דאָזיקער אויסגאַבע וועט גיין לעטויווס די געליטענע קעשענעווער ייִדן. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט ל. נ. טאָלסטאָי, פון זײַן זײַט, געבעטן פאַרהאַלטן אויך דאָס אָפּדרוקן די „מײַסעלעך" אַף ענגליש, ביז עס וועט ניט דערשײַנען דער ייִדישער זאַמלבוך. דעם 29 אָקטיאַבער דערוויסט זיך ל. נ. טאָלסטאָי (סײַ פון שאָלעם־אַלייכעמען, סײַ גופא פון טשערטקאָוון) וועגן דער *פאַרשטענדיקונג צווישן וו. ג. טשערטקאָוון און ע. מאָאָדן, אַז די „מײַסעלעך" דאַרפן דערשײַנען אין* אויסלאַנד בלויז נאָך דעם, ווי זיי וועלן זיך באַווײַזן אַף ייִדיש, דה. אין דער זאַמלונג „הילף".

4) דער פּאָגראָם אין קעשענעוו איז פֿאָרגעקומען דעם 6—7 אַפּרעל 1903 און אין האָמעל — דעם 29 אווגוסט — 1 סענטיאַבער 1903.

5) שאָלעם־אַלייכעם האָט דעמלט געפירט אונטערהאַנדלונגען אויך מיט דײַטשישע איבערזעצער און פאַרלעגער מיקויעך אַרויסגעבן ל. נ. טאָלסטאָיס „מײַסעלעך" אין בערלין.

6) דער זאַמלבוך „הילף" האָט זיך געדרוקט אין דער וואַרשעווער טיפּאָגראַפיע פונעם פאַרלאַג „טושיאָ".

7) דעם 3 אָקטיאַבער 1903 שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם וועגן דעם דאָזיקן איניען צו ל. נ. טאָלסטאָיען: „איך געפין זיך אין זייער ניט קיין אָנגענעמער לאַגע. טשערטקאָוו האָט אַ לאַנגע צײַט מיר ניט געשריבן, און ווּהין אים צו שרײַבן, האָב איך ניט געוווּסט, דעריבער בין איך אײַנגעגאַנגען אַף דעם פאָרשלאַג, וואָס עס האָט מיר געמאַכט מאָאָד (ער רעכנט זיך פאַר אײַער בעסטן איבערזעצער) און האָב אים צוגעשיקט אַ קאָפּיע אַף איבערצוזעצן און אַרויסגעבן אין ענגליש. איך בעט אײַך — דערלויבט טשערטקאָוון צו דרוקן זיי אין ענגלאַנד אין רוסיש, און די ענגלישע איבערזעצונג און די אויסגאַבע זאָל טשערטקאָוו אָפּטרעטן מאָאָדן. איך האָב מוירע, אַז איבערן קאָנפליקט זאָל זיך ניט טרעפן דאָס, וואָס עס שרעקט מיך אַמערסטן, נעמלעך: אַז עמעצער פון זיי ביידן זאָל ניט פאַרלויפן דעם וועג דעם צווייטן און ניט אַרויסלאָזן די „מײַסעלעך" פאַר דער צײַט און אַזויאַרום אָנטאָן שאָדן סײַ דעם ייִדישן זאַמלבוך און סײַ אונדזער רוסישער אויסגאַבע אין מאָסקווע" (זע „שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו די רוסישע קלאַסיקער", אַלמאַנאַך „סאָוועטיש", 1941, נום. 12, ז. 245). ל. נ. טאָלסטאָי האָט זיך גלײַך אַרײַנגעמישט, לויט שאָלעם־אַלייכעמס ביטע, אין אָט דעם איניען, און וו. ג. טשערטקאָוו האָט טאַקע אָפּגעטראָטן ע. מאָאָדן די איבערזעצונג און דאָס אַרויסגעבן די „מײַסעלעך" אין ענגליש.

8) אַרויסגעבן ל. נ. טאָלסטאָיס „מײַסעלעך" האָט גענומען אַף זיך דער מאָסקווער פאַרלאַג „פּאָסרעדניק", וועלכן ס'האָט געשאַפן וו. ג. טשערטקאָוו מיט דער הילף פון ל. נ. טאָלסטאָיען. די האַכנאָסע פון אָט דער אויסגאַבע איז אויך באַשטימט געוואָרן צוהילף די געליטענע אין קעשענעווער און האָמלער פּאָגראָמען.

9) וו. ג. טשערטקאָוו האָט באַקומען אַ פּינקטלעכע אויסגעבעסערטע קאָפּיע פון די „מײַסעלעך" דירעקט פון ל. נ. טאָלסטאָיען.

10) אייניקע בריוו פון ל. נ. טאָלסטאָיען מיקויעך די קעשענעווער געשעענישן זײַנען שוין ערטערווײַז געוווען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס (זע דאָס אַרטיקל פון א. שיפּמאַן „לעוו טאָלסטאָי און שאָלעם־אַלייכעם", „סאָוועטיש היימלאַנד", 1978, נום. 9).

11) לעווענפעלד, ראַפאַיל (1854—1910) — דײַטשישער געלערנטער־סלאַוויסט, ליטעראַטור־קריטיקער, ל. נ. טאָלסטאָיס איבערזעצער אַף דײַטש. אַוטאָר פונעם בוך „גראַף לעאָ נ. טאָלסטאָי. זײַן לעבן, זײַנע ווערקע, זײַנע וועלטאַנשאַונג" און „געשפּרעכע איבער אונד מיט טאָלסטאָי". וו. ג. טשערטקאָוו האָט רעקאָמענדירט שאָלעם־אַלייכעמען זיך פאַרבינדן מיט ר. לעווענפעלדן מיקויעך דער איבערזעצונג פון די „מײַסעלעך" אַף דײַטש.

12) ווײַזט אויס, אַז אַרויסגעבן די „מײַסעלעך" אין אַמעריקע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. אַלנפאַלס, זײַנען וועגן דעם קיין שום ידיעס ניטאָ. אויך שאָלעם־אַלייכעם דערמאָנט שוין ניט שפּעטער, אַז אַזאַ אויסגאַבע דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן.

13) שאָלעם־אַלייכעם מיינט, ווײַזט אויס, די צײַטונג „סוואָבאָדנאָיע סלאָוואָ" („דאָס פרײַע וואָרט") אָדער „ליסטקי סוואָבאָדנאָוואָ סלאָווא" („די בלעטלעך פון דעם „פרײַען וואָרט"), וואָס וו. ג. טשערטקאָוו האָט, געפינענדיק זיך אין ענגלאַנד, אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אין די יאָרן 1897—1908.

14) ל. נ. טאָלסטאָיס בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען מיקויעך דער ייִדן־פראַגע אין צאַרישן רוסלאַנד זײַנען ניט אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין די אויסגאַבעס פון די „מײַסעלעך".

15) וועגן וואָס פאַר אַן „עקלהאַפטן באַריכט פון די קאַסאַציעס איבערן עקלהאַפטן איניען" גייט אַ רייד, איז ניט באַוווּסט, ווי אויך, וואָס פאַר אַ צײַטונג האָט שאָלעם־אַלייכעם צוגעשיקט וו. ג. טשערטקאָוון. אַלנפאַלס, האָבן אין דעמלטיקן צאַרישן רוסלאַנד ניט געפעלט קיין שוואַרצמייִשע אויסגאַבעס, וועלכע האָבן געפּרוווט פאַרטיידיקן די פּאָגראָמשטשיקעס. ס'האָבן ניט אויסגעפעלט אויך „קאַסאַציעס" מיצאַד די פּאָגראָמשטשיקעס גופא, וועלכע האָבן באַמיט זיך צו ריינוואַשן אין די אויגן פון דער אָפּגעבראַכטער רוסישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקײַט.

16) ר. לעווענפעלד האָט מיט דער איבערזעצונג און מיט אַרויסגעבן די „מײַסעלעך" אַף דײַטש זיך ניט פאַרנומען. שאָלעם־אַלייכעם האָט דרינגענד זיך פאַרבונדן מיט אַן אַנדערן דײַטשישן איבערזעצער — אווגוסט שאָלץ. די דײַטשישע אויסגאַבע פון ל. נ. טאָלסטאָיס „דרײַ מײַסעלעך" איז דערשינען אין בערלין אין אָנהייב 1904 (מיט אַן אָנווײַזונג: „איבערגעזעצט פונעם מאַנוסקריפּט — א. שאָלץ"). גענויער וועגן דעם — אין „סאָוועטיש היימלאַנד", 1979, נום. 5 — „שאָלעם־אַלייכעמס 5 ניטפאַרעפנטלעכטע בריוו", פּובליקאַציע פון ש. סימאָווסקי־וויטקאָוו.

17) פון דער שטאדלאָנעס האָט זיך גאָרנישט ניט באקומען. דער רוסישער טעקסט פון די ערשטע צוויי מײַסעלעך איז געווען צוגעגרייט צום פארקויף דורכן פארלאג „פּאָסרעדניק“ שוין אין נאָיאבער 1903 מיט אן אָנווײַזונג: „דערלויבט דורך דער צענזור דעם 10 נאָיאבער 1903“. דאָס דריטע מײַסעלע איז אין דער רוסישער אויסגאבע דעמלט טאקע ניט דורכגעלאָזט געוואָרן, און ס'האָט זיך באוויזן בלויז אין 1904 אין וו. ג. טשערטקאָווס „סוואָבאָדנאָיע סלאָוואָ“.

18) שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך מיט דער גרעסטער פאראנטוואָרטלעכקײַט באצויגן צו דער איבערזעצונג פון ל. נ. טאָלסטאָיס „מײַסעלעך“. עטלעכע זײַנע בריוו צום גרויסן רוסישן שרײַבער זײַנען געווידמעט אייניקע דעטאלן, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער דאָזיקער איבערזעצונג. דעם 27 אווגוסט 1903, לעמאָשל, שרײַבט ער ל. נ. טאָלסטאָיען: „צי וועט איר ניט זײַן אזוי פרײַנטלעך מיר מיטצוטיילן, פונוואנען האָט איר גענומען דעם נאָמען פון דעם קיניג לאַיליִע?.. וואָס אָנבאלאנגט לאַיליִע, ווייס איך ניט, צי זאָל איך שרײַבן [פּאָשעט]לאַיליִע (אין זשארגאָן), לעאָליִאָ (ניט צו גאָט), (אין העברעיִש) לאאליה, לאַילאָ (נאכט), (אין העברעיִש) לילה“ (זע „שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו די רוסישע קלאסיקער“, אלמאנאך „סאָוועטיש“, 1941, נומ. 12, ז. 240). אין דער זאמלונג „הילף“ האָט שאָלעם־אַלייכעם אָנגערופן דעם קיניג אזוי, ווי ער האָט פאָרגעלייגט: לאַיליִע.

19) אן עקזעמפּליאר פון דער זאמלונג „הילף“ האָט שאָלעם־אַלייכעם גלײַך צוגעשיקט אויך ל. נ. טאָלסטאָיען. אינעם צוגעלייגטן בריוו פארן 14 פעווראל 1904 שרײַבט ער: „...נעמט ניט פאר אומגוט, לעוו ניקאָלײַעוויטש, צו באקומען דעם דאָזיקן ערשטן עקזעמפּליאר פון אונדזער זאמלבוך אלס אויסדרוק פון אופריכטיקער דאנקבארקײַט פון דעם ייִדישן לעזער־פּובליקום, פון די פארלעגער און פון דעם איבערזעצער אײַערן“ (זע אלמאנאך „סאָוועטיש“, 1941, נומ. 12, ז. 246).

20) דער סקאנדאל ארום דער פּובליקאציע פון ל. נ. טאָלסטאָיס ערשט „מײַסעלע“ אין פאריזשער «Temp» האָט, אפּאָנעם, אופגעבראכט די פראנצויזישע פּראָגרעסיווע ליטערארישע קרײַזן, ביפראט נאָך ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט מאָביליזירט קעגן די שווינדלער די פראנצויזישע געזעלשאפטלעכקײַט. דאָס האָט, ווײַזט אויס, געצווונגען די פראנצויזישע פארלעגער צו מאכן א פּרווו פארווייכערן די שולד סײַ לעגאבע דעם גרויסן רוסישן שרײַבער, סײַ לעגאבע דער ווילטעטיקער זאך, צוליב וועלכער שאָלעם־אַלייכעם האָט פאָרגענומען די אויסגאבע פון די „מײַסעלעך“. לויט וועמענס פאראָרדענונג האָט פאריזש ארויסגעשיקט די 440 פראנק, איז ניט אינגאנצן קלאָר, אף וויפל וו. ג. טשערטקאָווס ענטפער אף שאָלעם־אַלייכעמס אָנפראגע האָבן מיר ניט. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אז דאָס איז סײַ וו. ג. טשערטקאָווס און סײַ ע. מאָאָדס איניציִאטיוו —ביידע האָבן זיי געהאט שאָלעם־אַלייכעמס קיִעווער אדרעס.

וו. קאָוויטש

איינע פון די עקספּאָזיציעס פונעם שאָלעם־אַלייכעם־מוזיי אין פערעיאסלאוו־כמעלניצקי

בערל רויזען

שאָלעם-אַלייכעמס קאָרעספּאָנדענץ און זײַנע באַגעגענישן מיט גרויסע רוסישע שרײַבער

ווי באַוווּסט, האָט שאָלעם-אַלייכעם מיט אַ באַזונדערן אינטערעס און אָפּשײַ זיך באַצויגן צו דער רוסישער ליטעראַטור בכלל און צו די רוסישע שרײַבער פון דער צווייטער העלפט פונעם 19-טן יאָרהונדערט בפרט.

עס איז אויך אַלעמען באַוווּסט, ווי שטאַרק די שאַפונג פון שאָלעם-אַלייכעמען איז באַווירקט געוואָרן פון די ווערק פון נ. גאָגאָל און סאַלטיקאָוו-שטשעדרין, פון נעקראַסאָווס דיכטונג און אָסטראָווסקיס דראַמעס, ווי הויך אונדזער קלאַסיקער האָט געשעצט די ווערק פון אי. טורגעניעוו, וו. קאָראָלענקאָ, א. טשעכאָוו און מ. גאָרקי.

מיט גאָר אַ באַזונדערן דרעכערעץ און ייִראַס-האַקאָוועד האָט שאָלעם-אַלייכעם זיך אַרויסגעזאָגט וועגן ל. נ. טאָלסטאָיען, וועגן זײַן „אומגעהייער גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט". ער האָט טאָלסטאָיען אָנגערופן „דער אויג-מעלעך-האַבאָשן פון דער ליטעראַטור", „דער שימשן-האַגיבער פון דער מענטשהײַט", געהאַלטן אים פאַר זײַן גרויסן לערער, אָנגעוויזן, אַז צו אים דאַרף מען זיך קומען לערנען די קונסט פון פּאַשטעס, עמעסדיקײַט, אופריכטיקײַט אין ליטעראַרישן שאַפן.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור-פאָרשונג איז די דאָזיקע האַשפּאָע טאָלסטאָיס אויף שאָלעם-אַלייכעמס שאַפן ניט איין מאָל אָפּגעמערקט געוואָרן. הערש רעמעניק, למשל, שרײַבט אין זײַן אָפּהאַנדלונג „שאָלעם-אַלייכעם און די רוסישע ליטעראַטור": „צו טאָלסטאָיען האָט שאָלעם-אַלייכעמען געצויגן און דערנעענטערט די עכטע נאַטירלעכקײַט און אָרגאַנישקײַט אינעם שילדערן מענטשן און לעבנס-דערשײַנונגען, די אַבסאָליוטע אָפּוועזנהײַט פון יעדער מין ליטעראַרישער מאַנירלעכקײַט, די טיפע לעבנס-וואָרהאַפטיקײַט, וואָס ווישט קימאַט אָפּ דעם אונטערשייד צווישן לעבן און קונסט, צווישן „דיכטונג און וואָרהײַט". טאָלסטאָיס שאַפונג, זײַן מעכטיקער געני האָט באַגײַסטערט שאָלעם-אַלייכעמען"[1].

טאָלסטאָי האָט באַגײַסטערט שאָלעם-אַלייכעמען ניט נאָר מיט זײַן מעכטיקן שרײַבער-טאַלאַנט, נאָר אויך אַלס מענטש פון אַ גרויסער מאָראַלישער קראַפט. שאָלעם-אַלייכעם האָט געפילט דעם ריזיקן קויעך פון טאָלסטאָיס וואָרט, געגלייבט אין זײַן פּאָזיטיווער ווירקונג אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פונעם לאַנד און פון אויסלאַנד.

„איך האָב קאָל-יאָמאַי זיך געריסן, — האָט שאָלעם-אַלייכעם געשריבן אין אַ קורצער צײַט אַרום נאָך טאָלסטאָיס טויט, — צו דער דאָזיקער שײַנענדיקער, לײַכטנדיקער און וואַרעמענדיקער זון, וואָס האָט געהייסן „טאָלסטאָי". (...) איך האָב ניט געהאַט קיין מאַזל צו זײַן אין יאַסנע פּאָליאַנע... ניין! איך האָב ניט זוכע געווען צו קענען טאָלסטאָיען פּערזענלעך — און דאָס וועט מיר באַנק טאָן ביז מײַן לעצטן טאָג אויף דער וועלט. ווײַזט אויס, אַז עס איז באַשערט, מיר זאָלן זיך שוין טרעפן ערגעץ דאָרט, אויף יענער זײַט לעבן, דאָרט, וווּ — לאָמיר האָפן — ס'איז ניטאָ קיין שום „טשערטאַ אָסעדלאָסטי" און קיין שום „יעווריסקי וואָפּראָס". זאָל עס נאָר ניט

---

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 5, 1973, ז. 155.

זײַן אַזוי גיך. עס ווילט זיך נאָך אַ ביסל אָנמוטשען זיך דאָ אַף דער וועלט און זען, וואָס עס וועט זײַן ווײַטער״ (פון אַ בריוו צום רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „וועגעטאַריאַנסקאָיע אָבאָזרעניִע", ד״ר פּערפּער, דעם 1 דעקאַבער 1910).

אַז דאָס איז ניט אַרויסגערופן געוואָרן פון פּאַשעטע סענטימענטן, נאָר אין שײַכעס מיט די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון דער צײַט, קאָן מען זען פון די פאָלגנדיקע שורעס אין דעם זעלבן בריוו:

„מיך האָט געצויגן צו אַנדער זאַך. איך האָב מיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז דער גרעסטער מענטש פון אונדזער יאָרהונדערט זאָל קאָנען צוזען די גרעסטע אומרעכט, די שרעקלעכסטע אַכזאָריעס, וואָס ווערן באַגאַנגען אין זײַן לאַנד מיט עטלעכע מיליאָנען אומגליקלעכסטע באַשעפענישן פון מײַנע אומגליקלעכע ברידער — און ער זאָל ניט אַרויסטרעטן מיט זײַן מעכטיק וואָרט, וואָס זאָל אָפּקלינגען פון איין עק וועלט צום צווייטן...״

און ווײַטער:

„איך האָב געגלייבט בעעמונע שליימע, אַז באַ אַ פּערזענלעכער געלעגנהייט וועט מיר גרינגער זײַן צו איבערצײַגן דעם גרויסן קינסטלער און דענקער, אַז אין דער גרויסער מענגע פון מיליאָנען מענטשן, וואָס זייַנען אַלע אומגליקלעך יעדער אַף זײַן אויפן, געפינען זיך עטלעכע מיליאָן אומגליקלעכסטע פון די אומגליקלעכסטע, געריבטע פון יעדע מענטשן-רעכט, וואָס קוקן אַרויס אַף זײַן מעכטיק וואָרט, ווי אַף מאָשיִכן...״

פון די דאָזיקע שורעס איז לײַכט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ל. נ. טאָלסטאָי איז געווען צווישן די ערשטע, צו וועמען שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך געווענדט נאָך הילף נאָכן פּאָגראָם אין קעשענעוו אין די פּאַסכע-טעג פון 1903.

שאָלעם-אַלייכעם האָט אין יענע שווערע טעג פאַרפּלאַנירט אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך לעטויוועס די געליטענע פונעם פּאָגראָם. ער האָט זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו ל. נ. טאָלסטאָיען, וו. ג. קאָראָלענקאָ און א. פּ. טשעכאָוון און זיי געבעטן זיך באַטייליקן מיט עפּעס-וואָס אין דעם פאַרפּלאַנירטן זאַמלבוך.

אָבער מאַטעריעלע הילף איז ניט געווען דער איקער. שאָלעם-אַלייכעם שטרײַכט אונטער די געזעלשאַפטלעך-מאָראַלישע זײַט פון דער פאַרטראַכטער אַקציע.

דעם ערשטן בריוו צו טאָלסטאָיען האָט שאָלעם-אַלייכעם געשריבן סאָף אַפּרעל 1903, אַף די פרישע שפּורן פון די גרויזאַמע געשעענישן אין קעשענעוו:

„הויכגעשעצטער לעוו ניקאָלײַעוויטש!

אורטיילנדיק לויט דעם, מיט וואָס פאַר אַ וואַכזאַמקײַט איר פאָלגט נאָך אַלע שטרעמונגען און דערשײַנונגען אין לעבן פון דער געזעלשאַפט און פון די פעלקער, איז אוממעגלעך זיך פאַרצושטעלן, אַז איר וואָלט געקאָנט פאַרבײַגיין אָן דער געהעריקער אויפמערקזאַמקײַט די הימלשרײַענדיקע מײַסים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעטאָן אין די טעג פון דעם „ליכטיקן״ קריסטוס-יאָמטעוו אין דער גובערנסקער שטאָט קעשענעוו, אַלס רעזולטאַט פון דער העצע פון שלעכטע לײַט, אַזעלכע ווי קרושעוואַן און זײַנס גלײַכן.

לייענענדיק די צײַטונגען, איז ניט מעגלעך, אַז איר זאָלט ניט געווען אויפּציטערן באַם געדאַנק, אַז אין אונדזער יאָרהונדערט זײַנען מעגלעך אַזעלכע מײַסים-טאַטויִם, ווי דאָס מאָרדן ייִדן אין קעשענעוו אין משך פון צוויי טעג, די שענדלעכע פאַרגוואַלדיקונגען פון מיידלעך אין דער קעגנוואַרט פון זייערע עלטערן, דאָס הארגענען זויג-קינדער און ענלעכע גרויזאַמקײַטן פון די באַרבאַרישע צײַטן.

דער מעכאַבער פון די דאָזיקע שורעס האָט דעם קאָוועד ניט נאָר צו געהערן צו דעם דאָזיקן אייביק-פאַרפאָלגטן, רעכטלאָזן, פאַראַכטעטן, נאָר אַף זײַן אויפן גרויסן פאָלק; ער איז אויך דער באַשיידענער מאַן, וואָס דריקט אויס זײַנע פאָלקס-געפילן, געדאַנקען און אידעאַלן. בעקיצער — איך בין אַ ייִדישער פאָלקס-שרײַבער, וועלכער שרײַבט אונטערן פסעוודאָנים „שאָלעם-אַלייכעם״ שוין העכער 20 יאָר אַף דער ייִדישער אומגאַנגסשפּראַך, וואָס ווערט אָנגערופן זשאַרגאָן.

מיך האָט מען באַפולמעכטיקט צונויפשטעלן אַ זאַמלבוך צוהילף די געליטענע פונעם קעשענעווער פּאָגראָם. אין זאַמלבוך באַטייליקן זיך די בעסטע ייִדישע קויכעס. קעדיי צו פאַרזיכערן דערפאָלג דעם זאַמלבוך, וועל איך וואַגן צו בעטן אײַך, דעם גרויסן שרײַבער פון דער רוסישער ערד, איר זאָלט אונדז עפּעס געבן, לעכאָלהאַפּאָכעס אַ טרייסט-בריוו. דאָס פאַרומערטע און פאַרצווייפלטע אַכטמיליאָניקע ייִדנטום אין רוסלאַנד נייטיקט זיך אין אַזאַ וואָרט עפּשער מער, ווי אין עפּעס אַנדערש. איך נעם זיך אונטער איבערזעצן אײַער שריפט אַף דער ייִדישער (פאָלקס)שפּראַך. מענטשן מעווינים האַלטן, אַז איך בין איינער פון די בעסטע סטיליסטן.

מיר וואַרטן אַף אײַער באַלדיקן ענטפער, פאַר וועלכן די רעדאַקציע פונעם זאַמלבוך דאַנקט אײַך פאָרויס.

מיט טיפער אַכטונג צו אײַך
סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש".

שאָלעם-אַלייכעם איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך געווענדט צו טאָל-סטאָיען אין דער צײַט פון פאַרצווייפלונג נאָכן פּאָגראָם. צווישן די, וואָס האָבן גע-וואַרט אַף טאָלסטאָיס וואָרט פון פּראָטעסט, אַף זײַן סימפּאַטיע און טרייסט, איז אויך געווען איינער פון טאָלסטאָיס באַקאַנטע ע. ב. לינעצקי, וועלכער האָט אים געבעטן, ער זאָל אַרויסזאָגן זײַן מיינונג אין דעם איניען. פּונקט דאַן, ווען שאָלעם-אַלייכעם האָט געשריבן אָט דעם דאָזיקן בריוו זײַנעם, האָט טאָלסטאָי געשיקט זײַן ענטפער לינעצ-קין. צווישן אַנדערס, מערקט ער אָפּ אין זײַן בריוו:

„מײַן באַציִונג צו ייִדן קאָן ניט זײַן קיין אַנדערע, ווי א באַציִונג צו ברידער, וואָס איך האָב זיי ליב, ניט דערפֿאַר, וואָס זיי זײַ-נען ייִדן, נאָר דערפֿאַר, וואָס מיר און זיי, ווי אַלע מענטשן, זײַנען די זין פון איין פאָ-טער גאָט, און די דאָזיקע ליבע פאָדערט ניט פון מיר קיין שום אָנשטרענגונג, דערפֿאַר, וואָס איך קען זייער גוטע מענטשן ייִדן.

וואָס איז שײַעך מײַן באַציִונג צום קע-שענעווער פאַרברעכן, איז זי אויך א פּועל-יוצא פון מײַנע רעליגיִעזע אָנשויונגען. נאָך ניט ווייסנדיק אַלע שרעקלעכע פּראָטים, וועל-כע זײַנען שפּעטער באַוווּסט געוואָרן, שוין לויט דער ערשטער ידיעה אין די צײַטונגען, האָב איך אין גאַנצן פאַרנעם פאַרשטאַנען די שרעקלעכקײַט פון דעם, וואָס עס איז אָפּגע-טאָן געוואָרן, און כ'האָב איבערגעלעבט א שווערן געמישטן געפיל — מיטלײַד צו די אומשולדיקע קאָרבאָנעס פון דער בעסטיִאַ-לישקײַט פונעם האַמוין, שטוינונג, וויִאַזוי די דאָזיקע מענטשן, וואָס האַלטן זיך נאָך פאַר קריסטן, האָבן געקענט אַזוי פאַרכײַעשט ווערן, און א געפיל פון עקל און מיִעסקײַט צו די אַזוי-גערופענע געבילדעטע לײַט, וועל-כע האָבן אָנגערייצט דעם האַמוין און מיט-געפילט זײַנע מײַסים... דאָס קעשענעווער פאַרברעכן איז א דירעקטער רעזולטאַט פון פריידיקן ליגן און גוואַלדזאַמקײַט..."[1]

ווענן אָט דעם בריוו רעדט זיך אין טאָל-סטאָיס ענטפער שאָלעם-אַלייכעמען דעם 6 מײַ 1903:

„סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש!

דאָס שרעקלעכע פאַרברעכן, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין קעשענעוו, האָט מיך שטאַרק געטראָפן. איך האָב טיילווײַז אויס-געדריקט מײַן באַציִונג צו דער פראַגע אין א בריוו צו מײַנעם א באַקאַנטן ייִדן, די קאָפּיע פונעם בריוו איז בײַגעלייגט. ניט לאַנג צוריק האָבן מיר פון מאָסקווע געשיקט א קאָלעקטיוון בריוו צום קעשענעווער „גאָלאָ-ווא", אין וועלכן מיר האָבן אויסגעדריקט אונדזערע געפילן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיקן שרעקלעכן איניען.

איך וועל זײַן זייער צופרידן באַהילפיק צו זײַן אין אײַער זאַמלבוך, און איך וועל זיך באַמיִען אָנשרײַבן עפּעס-וואָס, וואָס זאָל זײַן פּאַסיק אין די געגעבענע אומשטענדן.

צום באַדויערן, האָב איך ניט די מעג-לעכקײַט אויסצודריקן אין א רוסישער לעגאַ-לער אויסגאַבע דאָס, וואָס איך וואָלט גע-וואָלט זאָגן: דער שולדיקער ניט נאָר אין די קעשענעווער גרויזאַמקײַטן, נאָר אויך אין דער סינע, וואָס וואָרצלט זיך אײַן אין א געוויסן קליינעם טייל — און ניט אין דעם פאָלקסטימלעכן טייל — פון דער רוסישער באַפעלקערונג — איז נאָר די רעגירונג.

לעוו טאָלסטאָי".

עס איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז שאָלעם-אַלייכעם האָט, קאָן זײַן, געוואַרט אַף טאָלס-טאָיס מער אויספירלעכן ענטפער. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער זײַן אויבנדערמאָנטן בריוו צו ד״ר פערפער געשריבן:

„...איך האָב נאָר געהאַט די געלעגנהײַט זיך מיט אים (מיט טאָלסטאָיען. — **ב. ר.**) איבערצושרײַבן אין שײַכעס מיט דער ערשטער עקסטערנער פראַגע נאָך דעם ערשטן גרויסן קלאַסישן פּאָגראָם אין קעשענעוו אין 1903. אַף דער דאָזיקער פּרינציפּיִעלער פראַגע, וואָס איך האָב אים געשטעלט, האָט ער מיר גע-ענטפערט מיט עטלעכע געציילטע שטאַרקע ווערטער".

אין א צווייטן בריוו מײַדט ניט אויס שאָלעם-אַלייכעם ווידער צו ווענדן טאָלסטאָיס אויפמערקזאַמקײַט אַף דער גרייס פון דער טראַגעדיע און אַף דער נויטווענדיקײַט פון א שטאַרקן פּראָטעסט און קעגנווירקונג. ער גיט אים אויך אַף אַן איידעלן אויפן אָנצו-הערן ווענן די ניואַנסן, וואָס פילן זיך אין זייער ביידנס צוגאַנג צו דער פראַגע:

„הויכגעשעצטער לעוו ניקאָלײַעוויטש!

א דאַנק אײַך פאַר אײַער גיכן ענטפער, פאַר די וואַרעמע ווערטער און פאַר דער גרייטקײַט אָנטיילצונעמען אין דעם גוטן איניען, וואָס מיר טוען. עס וואָלט געווען

[1] Л. Н. Толстой. Юбилейное издание, том 74, письмо № 130.

אַנגענעם צו האָפן, אַז די זאַך, וואָס איר זאָגט צו, וועט געשיקט ווערן וואָס גיכער, און, יעדנפאַלס, וואָלט געוועזן גוט, ווען איר וואָלט פאַר אונדז באַשטימט אַ טערמין. מיר וואָלטן דאַן געקאָנט וועגן דעם מעלדן אין די ייִדישע צײַטונגען, וואָס דערשײַנען אַף זשאַרגאָן, און די צאָל אַבאָנענטן אַף אונדזער זאַמלבוך וואָלט זיך פאַרגרעסערט אין אַ באַ־דײַטנדיקער מאָס.

דאָס מיטגעפיל, וואָס אונדזערע אומגליק־לעכע ברידער האָבן באַגעגנט צווישן די קריסטן פון דער גאַנצער וועלט, איז אַ דערשטוינענדיקס און רירט אונדז ביז די טיפענישן פון דער נעשאָמע(...).

וואָס איז שײַעך אײַער בריוו צו אײַער באַקאַנטן ייִדן, זײַנען פאַר מיר אייניקע ווערטער (באַזונדערס דעם שלוס־טייל) אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך און איך וואָג ניט אים קריטיקירן.

איך לייג צו צום בריוו אַ רעליגיעז־מאָראַ־לישן פלוגבלאַט, וואָס מ'האָט פאַרקויפט פּאַס־כע־צײַט באַם מיכאַילאָווסקי מאַנאַסטיר פאַר 1 קאָפּעקע אַ שטיק, און איך ווענד אײַער אויפמערקזאַמקײַט אַף דעם, אַז דאָס בלעטל איז ניט געוועזן אומלעגאַל, נאָר מיט דער דער־לויבעניש פון דעם פּעטערבורגער דוכאָוונע צענזאָר פון פעברואַל 1903 יאָר.

איך וואַרט אַף אײַער באַלדיקן ענטפער וועגן דעם, וואָס איר האָט אונדז צוגעזאָגט, און פאַרבלײַב מיט דער טיפסטער איבערגעגעבנ־קײַט און ליבע צו אײַך.

אײַער סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש, שאָלעם־אַליכעם".

א פאָר כאַדאָשים זײַנען אַריבער, און טאָלסטאָי האָט די צוגעזאָגטע דערציילונגען ניט צוגעשיקט. אין יענער צײַט איז דער־שינען דער ערשטער באַנד פון דער פולער אויסגאַבע פון שאָלעם־אַליכעמס ווערק אַף ייִדיש אין פאַרלאַג „פּראָגרעס". שאָלעם־אַליי־כעם האָט געשיקט טאָלסטאָיען דעם בוך אַלס אַ מאַטאָנע און באַ דער געלעגנהײַט אים געבעטן אין בײַגעלייגטן בריוו, ער זאָל ניט פאַרהאַלטן דאָס דערשײַנען פונעם זאַמלבוך און צושיקן דעם צוגעזאָגטן מאַטעריאַל. און ווידער געפינט שאָלעם־אַליכעם פאַר נייטיק אונטערצושטרײַכן אינעם בריוו, אַז דאָס איז ניט זײַן פּערזענלעכער איניען:

„איך בעט אײַך אין נאָמען פון דעם גאַנצן רוסישן ייִדנטום אונדז אָנטאָן דעם קאָוועד מיט אײַער אָנטייל אין אונדזער אונטערנעמונג" (בריוו פונעם 11 יול 1903).

אין אַ צווייטן בריוו אין צוויי וואָכן אַרום האָט שאָלעם־אַליכעם ווידער דערמאָנט טאָל־סטאָיען אין זײַן צוזאָג:

„...דאָס גאַנצע גראַמאָטנע ייִדנטום — און וואָסער ייִד איז ניט גראַמאָטנע אַף ייִדיש? — וואַרט און האָפט צו הערן דאָס אויטאָריטעטע וואָרט פון איינעם פון די סאַ־מע גרעסטע שרײַבער און מענטשן. דאָס וואָרט וועט צום ערשטן מאָל איבערגעזעצט ווערן פונעם מאַנוסקריפּט און עס איז באַ־שטימט ספּעציעל פאַר אַ גוטער זאַך און פאַר אַ סימפּאַטישער אויסגאַבע" (בריוו פונעם 24 יול 1903).

שאָלעם־אַליכעם האָט באַקומען דאָס צו־געזאָגטע ערשט אין אויגוסט. טאָלסטאָי האָט צוגעשיקט דרײַ מײַסעלעך:

1. „אַסאַרכאַדאָן דער קיניג פון אַשור (סיריע)".

2. „האַרעוועז, שטאַרבן, קרענקען".

3. „דרײַ זאַכן".

די מײַסעלעך זײַנען דערשינען אין זאַמל־בוך „הילף" אין שאָלעם־אַליכעמס איבער־זעצונג, און דעם בריוו, וואָס טאָלסטאָי האָט נאָכגעשיקט מיט געוויסע פאַרפינקטלעכונ־גען צו זײַנע „מײַסעלעך", האָט שאָלעם־אַליכעם פאַרעפנטלעכט אין רוסישן אָריגי־נאַל אַלס האַקדאָמע.

באַם באַשטעטיקן דאָס באַקומען דעם מאַטעריאַל, אין זײַן דאַנק־בריוו פאַרן 25 אויגוסט 1903, שרײַבט שאָלעם־אַליכעם טאָלסטאָיען, אַז ער האַלט זיך ניט פאַר באַרעכטיקט צו דאַנקען אים אין זײַן אייגע־נעם נאָמען, ערשטנס דערפאַר, ווײַל:

„...אַ דאַנק וועלן אײַך זאָגן טויזנטער באַ־ליידיקטע קעשענעווער ייִדן און צענדליקער (און עפשער אויך הונדערטער) טויזנטער לייענער, וועלכע וועלן צום ערשטן מאָל זען אײַערע ווערק, וואָס זײַנען פאַר זיי באַשטימט, און — זײַט מיר מויכל פאַר מײַן ניט באַ־שיידנקײַט — פון מיר איבערגעגעבענע אַפן ייִדישן זשאַרגאָן. און איך קאָן אײַך דרייסט פאַרזיכערן, אַז איך האָב זיי איבערגעגעבן מײַסטערהאַפט. איך פאַרשטיי גאָר אַנדערש דאָס וואָרט „איבערזעצונג". אויפהיטנדיק דעם זין, גײַסט און דעם אינהאַלט, האָב איך זיך באַמיט זיי צוצוגעבן די שיינקײַט, וואָס איז אייגנטימלעך אונדזער פאָלקס־שפּראַך, אַן אויסערגעוויינלעך פּאַשטעטע און איינצײַטיק אויך אַ בילדערישע. צוליב דעם צוועק איז מיר אויסגעקומען אין אייניקע ערטער אָפּ־טרעטן פון די אויסדרוקן אין אָריגינאַל, פאַר־בײַטנדיק זיי מיט זאַפטיקע, ריין־ייִדישע אויסדרוקן און ווענדונגען. איר זײַט צו גוט באַקאַנט מיט די אייראָפּעיִשע שפּראַכן, אַז

איך זאָלט ניט פאַרשטיין כאָטש אינטואיטיוו, ווי אַ גרויסער קינסטלער — דעם ייִדיש-דײַטשישן זשאַרגאָן".

נאָכן ברענגען אַ גאַנצע רײ קאָנקרעטע בײַשפּילן פון דעם טעקסט, שרײַבט שאָלעם-אַלייכעם וועגן די העברעיִזמען:

„וואָס איז שײַעך די העברעיִשע ווערטער, וואָס זײַנען פאַראַן אַ סאַך אין מײַן איבערזעצונג, באַדאַרף איך אײַך דערקלערן, אַז דער ייִדישער זשאַרגאָן, וואָס רײַכער ער איז מיט העברעיִשע סובסטאַנטיוון און ווערבן, אַלץ שענער איז ער; אַ גרויסע צאָל אַזעלכע ווערטער האָבן שוין לאַנג באַקומען בירגער-רעכט אין דער שפּראַך, און דאָס פֿאָלק איז מיט זיי באַקאַנט. אַזאַ (העברעיִשע) פֿאָרם פּאַסט באַזונדערס גוט אײַערע „מײַסעלעך".

אין אַלגעמיין דאַרף איך אײַך זאָגן, אַז די מײַסעלעך האָבן זיך באַקומען אין דער איבערזעצונג אַזוי, גלײַך ווי איך וואָלט זיי געשריבן אַף ייִדיש. קיין שום שפּורן פון אַן איבערזעצונג איז אין זיי ניטאָ.

איצט דערלויבט מיר אײַך זאָגן, לעוו ניקאָלײַעוויטש, אַ דאַנק פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס איר האָט מיר פערזענלעך פאַרשאַפן מיט די „קליינע ווערק" און פאַר דעם קאָוועד, וואָס איר האָט מיר אָפּגעגעבן, פאַרטרויענדיק מיר זייער איבערזעצונג.

דער טיף אײַך איבערגעגעבענער

ס. ראַבינאָוויטש,
שאָלעם-אַלייכעם

אין דער קאָרעספּאָנדענץ אַרום טאָלסטאָיס צושטײַער צו דעם זאַמלבוך „הילף" האָבן, כּוץ אַליין טאָלסטאָיען, אויך אָנטיילגענומען אייניקע פון זײַנע מעקוראָווים. אַזוי האָט זיך, לויט טאָלסטאָיס אויפטראַג, געווענדט צו שאָלעם-אַלייכעמען מיט אַ בריוו פּ. אַ. בולאַנזשע, אַ מיטאַרבעטער אין פאַרלאַג „פּאָסרעדניק". ער האָט געשריבן, אַז טאָלסטאָי איז פאַראַרגט, ווײַל עס קאָנען זיך געפינען געשיקטע פאַרלעגער-געשעפטסמאַכער, וועלכע וועלן איבערזעצן טאָלסטאָיס מײַסעלעך פון ייִדיש צוריק אַף רוסיש, זיי פאַרעפנטלעכן און אַזויאַרום אונטערטראָגן זיי דעם לייענער אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרם. איבער דעם האָט בולאַנזשע פאַרגעלייגט, אַז דער רוסישער אָריגינאַל פון די „מײַסעלעך" זאָל פּובליקירט ווערן טייקעף-אומיאַד, אין אַ וואָך אַרום נאָך זייער דערשינען אינעם זאַמלבוך.

אין זײַנע בריוו צו טאָלסטאָיען פונעם 3-טן און 8-טן סענטיאַבער 1903 דערקלערט שאָלעם-אַלייכעם, אַז ער קאָן מיט דעם ניט זײַן מאַסקים, וואָרעם דאָס באַווײַזן זיך אַזוי גיך אַפן ביכער-מאַרק פון טאָלסטאָיס „מײַסעלעך" אין רוסיש וואָלט, אָן ספק, געבראַכט שאָדן דער פאַרשפּרייטונג פונעם זאַמלבוך „הילף" און, אַזויאַרום, אויך דעם ציל צו העלפן די געליטענע. ער באַרויִקט טאָלסטאָיען, אַז ער וועט אין אַ ספּעציעלער וואָרענונג אינעם זאַמלבוך זען אויסמײַדן אַזאַ ניט געוווּנטשענע אַנטוויקלונג.

און ווירקלעך, אין „הילף" איז דערשינען די פֿאָלגנדיקע „באַמערקונג פון דער רעדאַקציע" צו טאָלסטאָיס „מײַסעלעך":

„מיר בעטן די לעזער, וואָס וועלן האָבן כּיישעק איבערזעצן די „דרײַ מײַסעס" פון ל. נ. טאָלסטאָי אַף רוסיש, אַז זיי זאָלן זיך ניט מאַטריח זײַן. ערשטנס, וועלן זיי אין דער בעסטער איבערזעצונג פון ייִדיש צוריק אַף רוסיש קיינמאָל ניט אויסקומען אַזוי, ווי זיי זײַנען געשריבן פון גראַף טאָלסטאָי אַליין, און, צווייטנס, דער קסאַוויאַד פון ל. נ. טאָלסטאָי אין רוסיש וועט זיך אָפּדרוקן אין אַן אַנדער אָרט און וועט מיט דער צײַט אַרויסגיין אין אַ באַזונדער בוך".

אין דער ווײַטערדיקער קאָרעספּאָנדענץ אין מעשעך פון סענטיאַבער און אָנהייב אָקטיאַבער 1903 ווערט אויך באַהאַנדלט די פראַגע פון אַרויסגעבן די „מײַסעלעך" אין לאָנדאָן אַף רוסיש און אַף ענגליש. צוליב דעם האָט טאָלסטאָי געשטעלט שאָלעם-אַלייכעמען אין פאַרבינדונג מיט זײַן נאָענטן פרײַנט און נאָכפאָלגער וו. ג. טשערטקאָוון און מיט זײַן איבערזעצער אַף ענגליש ע. מאָאָד. אַ טייל האַכנאָסע פון די איבערזעצונגען איז אויך געווען באַשטימט אַלס הילף די געליטענע.

„סאָוועטיש היימלאַנד" (נומ. 1, 1966) האָט צום 50-טן יאָרצײַט פון שאָלעם-אַלייכעמען פאַרעפנטלעכט צווישן אַנדערס זײַנעם אַ בריוו צו טשערטקאָוון וועגן דעם איניַן.

צוליב די ייִדישע יאָמטויווים און נאָך מער, איבער צענזור-שוועריקײַטן, האָט דאָס דערשינען פונעם זאַמלבוך זיך פאַרהאַלטן נאָך אַף אַ צײַט, און ערשט אינמיטן נאָיאַבער 1904 האָט שאָלעם-אַלייכעם אין אַ בריוו געמאָלדן טאָלסטאָיען, אַז ער שיקט אים אַן עקזעמפּליאַר פון „הילף", וואָס איז געווען גאַנץ שיין אַרויסגעגעבן.

דערמיט האָט זיך דער בריוו-אויסטויש צווישן די צוויי שרײַבער ניט געענדיקט. עס איז געגאַנגען דאָס שטורמישע 1905 יאָר, ווען די צאַרישע מאַכטהאָבער האָבן געפּרוּווט דערטרינקען דעם רעוואָלוציאָנערן אויפבּרויז, צווישן אַנדערס, אין בלוט פון די ייִדן. אין

לאנד האָט זיך אָנגעהויבן א נײַע כוואַליע פּאָגראָמען. שאָלעם-אַליכעם ווענדט זיך ווידער צו טאָלסטאָיען און בעט, ער זאָל אויפהייבן זײַן קאָל אין אָט דער שווערער צײַט:

„דעם 30 אָקטיאַבער 1905

גרויסער שרײַבער פון דער רוסישער ערד!

נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם האָט איר מיר געהאַט אָנגעוויזן אין אײַערן א בריוו אַף די ווירקלעך שולדיקע אין די שענדלעכע געשעענישן. אײַערע ווערטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן נעוויִעסדיקע. אַלס די בעסטע באַשטעטיקונג קאָן דינען דער בריוו פונעם פּראָפעסאָר פונעם קיִעווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט מ. טיכווינסקי.

צי קאָן געמאָלט זײַן, אַז אײַער מעכטיקע שטים וועט זיך ניט לאָזן הערן איצט, ווען אונדזער געמיינזאַם פּאָטערלאַנד איז אײַנגעטונקען אין שאַנד און אומגליק, און מער פון אַלע האָט זיך דער צאָרן אויסגעגאָסן אַף אונדז, אַף די אומגליקלעכע ייִדן?! מער ווי ווען-עס-איז נייטיקן מיר זיך אין דעם איצט. קיין שום באַווײַזן דאַרף מען ניט. 6 מיליאָן ייִדן אין רוסלאַנד און אומגעפער א מיליאָן מײַנע ברידער אין אַמעריקע וואַרטן כאָטש אַף א וואָרט פון טרייסט פון אײַך.

איך קאָן פאַרעפנטלעכן אײַער ענטפער אין אַלע היגע און אַמעריקאַנער אויסגאַבעס. מיר וואַרטן אַף אים.

שאָלעם-אַליכעם".

שאָלעם-אַליכעם האָט טיף פאַרשטאַנען די סאָציִאַל-דערציִערישע ראָל פונעם קינסטלערישן ווערק, די גרויסע באַדײַטונג פון דעם פּראָגרעסיוון רעאַליסטישן שאַפן אין קאַמף קעגן רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם, און דערפאַר איז זײַן טרוים געווען — קומען צום רוסישן לייענער מיט זײַן עמעסדיק טרײַען בילד פונעם ייִדישן לעבן, „אַרויסשווימען אין דעם אָקעאַן פון דער רוסישער ליטעראַטור", ווי ער דריקט זיך אויס אין זײַנעם א בריוו צו א פרײַנט.

אין די יאָרן 1910—1913 זײַנען דערשינען אין רוסיש שאָלעם-אַליכעמס געזאַמלטע ווערק אין דער איבערזעצונג פון י. פּינוס. שאָלעם-אַליכעם האָט זיך דאַן געפונען אין אויסלאַנד, אין איטאַליע, א שווער-קראַנקער.

ווען דער ערשטער באַנד איז אַרויס פון דרוק, האָט שאָלעם-אַליכעם געבעטן שיקן טאָלסטאָיען אַן עקזעמפּליאַר און בײַ דער געלעגנהײַט אָנגעשריבן אים דעם פאָלגנדן בריוו:

„דעם 10 אַפּרעל 1910

טײַערער לעוו ניקאָלײַעוויטש!

איך האָב געבעטן דעם מאָסקווער ביכער-פאַרלאַג אַרויסשיקן פאַר דעם פאָלקס-לייענזאַל אַף אײַער נאָמען אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ אַן עקזעמפּליאַר פון מײַן בוך „די קינדער פון טכום".

איך וואָלט קיינמאָל ניט געהאַט די כוצפּע אײַך צו באַלעסטיקן מיט די שאַפונגען פון מײַן פּען. נאָר פאַר אײַער לייענזאַל האָב איך ריזיקירט עס צו טאָן — און אָט פאַרוואָס:

„אונדזער שרעקלעכע צײַט, — שרײַבט אַמפיטעאַטראָוו אין זײַנער א רעצענזיע אַף דעם בוך, — גיסט אַרײַן אינעם לעבן אַזאַ שלאַל גיפטיקע סינע, אַז ווען מע טרעפט אין דער ליטעראַטור א קעגנגיפט — איז עס א גרויסע פרייד. שאָלעם-אַלייכעמס בוך איז א מעכטיקער און טיף אַרײַנדרינגענדיקער קעגנגיפט". דערפאַר טאַקע רעקאָמענדירט ער הייס דאָס דאָזיקע בוך אַלע רוסישע עלטערן, וואָס ווילן, אַז זייער יונגער דאָר זאָל אויפוואַקסן מיט א געפיל פון יוישער, פון ליבע צום נאָענטן און פאַר אַלמענטשלעכער גלײַכהײַט.

וויסנדיק, וויִאַזוי דער אוילעם נודעט אײַך, אָנהייבנדיק מיט פראַגן וועגן בײַטן דעם גלויבן און ענדיקנדיק מיט בעטן אַן אייצע, אַף וועלכער זײַט מע דאַרף ליגן, קעדיי דער מאָגן זאָל בעסער פאַרדײַען די שפּײַז, זאָג איך זיך אָפּ פון בעטן אײַך ענטפערן אַף מײַן בריוו. נאָר איך וואָלט געווען אומענדלעך גליקלעך, ווען איך ווער געוווירע, אַז מײַן באַשיידענע מאַטאָנע איז אויפגענומען געוואָרן מיט דעם זעלבן ברידערלעכן געפיל, מיט וועלכן זי איז צו אײַך געבראַכט געוואָרן.

מיט ליבע צו אײַך

שאָלעם-אַלייכעם".

דער בריוו-אויסטויש צווישן די צוויי גרויסע שרײַבער איז אויסגעפאַלן אין א טרויעריקער, שווערער צײַט, אין א צײַט פון ליידן, אונטערדריקונג און שווערן גערანגל פון דעם פּאָשעטן מענטשן אין דער „טורמע פון די פעלקער" — אין צאַרישן רוסלאַנד.

אָבער מיט א געפיל פון נאַכעס-רוּעך און מאָראַלישער באַפרידיקונג באַקאַנען מיר זיך באַם לייענען די בריוו סײַ מיט דער ווירדיקער שטעלונג פונעם ייִדישן שרײַבער, וועלכער פאָדערט שטאָלץ, אַלס א פאָרשטייער פון זײַן פאָלק, גערעכטיקײַט פאַר די פאַרפאָלגטע, סײַ מיט דעם, וואָס איינער פון די בעסטע זין פון דעם רוסישן פאָלק האָט

אין דער דאָזיקער שווערער צײַט זיך אָפּגע-
רופן אַף אַט דער שטעלונג מיט א טרייסט-
וואָרט און אויסגעשטרעקט זײַן האנט, גרייט
צו העלפן אין א נויט.

וולאדימיר גאלאקטיאָנאָוויטש קאָראָלענ-
קאָ איז געווען שאָלעם-אַלייכעמס מיטצײַט-
לער און זײַן „זעמליאַק",ביידע זײַנען גע-
בוירן געוואָרן אַף דער אוקראַיִנישער ערד.
קאָראָלענקאָ האָט פאַרבראַכט זײַנע קינדער-
יאָרן אין זשיטאָמיר, דערנאָך א צײַט גע-
לעבט אין ראָוונע און אין רײַפן עלטער זיך
באַזעצט אין פּאָלטאַווע, ווו ער האָט געוווינט
ביזן סאָף פון זײַנע יאָרן. דאָס זײַנען געווען
שטעט מיט א געדיכטער ייִדישער באַפעל-
קערונג, און קאָראָלענקאָ האָט געהאַט די
מעגלעכקײַט, מער ווי פיל אַנדערע רוסישע
שרײַבער, זיך צו באַקאַנען מיטן ייִדישן לעבנס-
שטייגער אין די שטעט פונעם טכום-האַמוי-
שעוו. דאָס האָט געפונען זײַן אָפּשפּיגלונג
אין א ריי זײַנע ווערק („די ברידער מענדל",
„דער בלינדער מוזיקאַנט", „יאָמקיפּער" אאַ.).

קאָראָלענקאָ איז שאַרף אַרויסגעטראָטן,
מיט וואָרט און טאַט, קעגן די רעדיפעס און
גזיירעס אַף ייִדן מיצאַד דער צאַרישער מאַכט.
אין זײַנע פּובליציסטישע ווערק האָט ער זיך
קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט פאַר ייִדישער
גלײַכבאַרעכטיקונג, גענומען אַן אַקטיוון
אָנטייל אינעם קאַמף פון דער רוסישער
פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקײַט קעגן דעם
בלוט-בילבל בײַלים-פּראָצעס.

נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם אין 1903
איז ער געפאָרן אין דער „שכיטע-שטאָט",
געווען אַפן אָרט פון די בלוטיקע געשעענישן,
גערעדט מיט די געליטענע און דערנאָך
אָנגעשריבן א פּרעכטיקע פאַרצייכענונג „דאָס
הויז נומער 13", וועלכע איז א לאַנגע צײַט
ניט פּובליקירט געוואָרן איבערן פאַרבאָט פון
דער צאַרישער צענזור און ערשט אין 1905
איז זי דערשינען אין כאַרקאָוו אין א באַזונ-
דערער אויסגאַבע.

פאַרשטייט זיך, אַז קאָראָלענקאָ איז גע-
ווען פון די ערשטע, צו וועמען שאָלעם-
אַלייכעם האָט זיך געווענדט וועגן באַטייליקן
זיך אינעם זאַמלבוך „הילף".

נאָכן אומקערן זיך אַהיים פון קעשענעוו
קיין פּאָלטאַווע האָט קאָראָלענקאָ באַקומען
פון שאָלעם-אַלייכעמען א בריוו, אין וועלכן
ער האָט געשריבן:

„פיל געאַכטער וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָ-
וויטש!

דער ייִדישער ביכער-פאַרלאַג „טושיאַ"
וועלכער רעדאַקטירט די ייִדישע בלאַט
„יודישע פאָלקס-צײַטונג", האָט פאַרגענומען
אַרויסצוגעבן א זאַמלונג אַף דער ייִדישער
שפּראַך, וועלכע ווערט אָנגערופן זשאַרגאָן,
לעטויוועס די ייִדן, געליטענע אין קעשענעוו,
און ער האָט מיך באַאופטראָגט זיך ווענדן צו
די אָנגעזעענסטע רוסישע שריפטשטעלער
מיט א באַקאָשע, צי זיי וועלן ניט מאַסקים
זײַן אָנטיילצונעמען אין אָט דער ווילער
אונטערנעמונג דירעקט אָדער אומדירעקט.

דירעקט רוף איך אָן, אויב איר וועט
מאַסקים זײַן עפּעס-וואָס אָנצושרײַבן פאַר
דער זאַמלונג אַף רוסיש, וואָס איך וועל עס
אַליין טאַקע איבערזעצן אין ייִדישן זשאַרגאָן;
אומדירעקט — אויב איר וועט מיר דערלויבן
איבערזעצן עפּעס-וואָס פון אײַערע אָפּגע-
דרוקטע ווערק.

מיט פונקט אַזאַ באַקאָשע האָב איך זיך
געווענדט צום גראַף ל. נ. טאָלסטאָי, וועל-
כער האָט צוגעזאָגט אָנשרײַבן „עפּעס-וואָס
אַנטשפּרעכיק צו די אומשטענדן". דאָס זעל-
בע האָבן מיר געענטפערט אַנדערע. מײַן
אויפמערקזאַמקײַט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף
אײַער העכסט טאַלאַנטפול ווערק „דער בלינ-
דער מוזיקאַנט", פון וועלכן איך האָב איבער-
געזעצט, און האָב די דרייסטקײַט צו מיינען,
אַז זייער געלונגען, די ערשטע קאַפּיטלען,
אײַגנטלעך דעם געבורט פונעם „בלינדן" און
זײַן סאַמע פריִע קינדהײַט, אַזוי אַז וועגן
מוזיקאַנט ווערט דאָ אין דער איבערזעצונג
ניט גערעדט. עס איז פאַראַן בלויז א בלינד
קינד, אַזוי אַז מיר איז אויסגעקומען צו באַ-
טיטלען די איבערזעצונג בלויז מיט איין
וואָרט — „דער בלינדער".

איך בעט אײַך, ערשטנס, מיר געבן דע-
רוף אײַער דערלויבעניש, און צווייטנס, צי
האָט איר ניט עפּעס-וואָס קעגן מײַן קעפּל.
עפּשער וועט איר געפינען פאַר בעסער צו
באַטיטלען דאָס אַזוי: **די ערשטע קאַפּיטלען**
פונעם „בלינדן מוזיקאַנט" פון וו. ג. קאָראָ-
לענקאָ? ווײַטער, צי וועט איר ניט זײַן אַזוי
גוט און שוין פאַריינס אַרויסזאָגן אײַער קוק
און אײַערע געפילן מיקויעך דער טרויערי-
קער קעשענעווער געשיכטע?

מיט טיפסטער אַכטונג

ס. ראַבינאָוויטש
(שאָלעם-אַלייכעם)".
(בריוו פון מײַ 1903).

**קאָראָלענקאָ האָט זיך באַלד אָפּגערופן
מיט אַן ענטפער:**

„...דערווײַל קומט מיר אויס זיך צו באַ-
גרענעצן מיט דערלויבן אָפּצודרוקן די קאַפּיט-
לען פונעם „בלינדן מוזיקאַנט" אין אײַער

איבערזעצונג. אײַער אײַנלאַדונג טרעפֿט מיך אין אַזאַ מינוט, ווען איך קאָן אַבסאָליוט גאָרניט צוזאָגן עפּעס-וואָס נײַס — איך קאָן זיך קוים ספּראַווען מיט דעם, וואָס עס שטייט פֿאַר אופּצוטאָן אין דער נאָענטער צײַט.

וואָס זאָגן וועגן דעם קעשענעווער פּאָגראָם? דוכט זיך, אַז דאָ קאָנען ניט זײַן קיין צוויי מיינונגען. אַלע דאַרפֿן זיך צונויפֿגיסן אין איין געפֿיל. דאָס איז עפּעס אַ סטיכייִשע דערוואַכונג פֿון ווילדע איבערלעבונגען, וואָס רײַסט אַדורך, ווי אַ וווּלקאַנישער אויסברוך, די דינע קאָרע פֿון אונדזער קולטור. שוין לאַנג האָב איך ניט איבערגעלעבט אַזעלכע שווערע מינוטן, ווי אין די עטלעכע טעג, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין קעשענעוו.
איך ווינטש דערפֿאָלג אײַער זאַמלונג

וול. קאָראָלענקאָ".
(בריוו פֿונעם 17 יוני 1903).

כאָטש שאָלעם-אַלייכעם האָט געהאַט דעם מעכאַבערס האַסקאָמע אויף צו פֿאַרעפֿנטלעכן אין זאַמלבוך „הילף" די ערשטע קאַפּיטלען פֿונעם „בלינדן מוזיקאַנט", האָט ער דאָך געפֿונען פֿאַר ריכטיק אײַנצושליסן אַ גאַנץ אַנדערע פֿאַרענדיקטע דערציילונג — „באַנאַכט" אין זײַן אייגענער איבערזעצונג.

א. פּ. טשעכאָוו האָט געוויינלעך ניט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפֿטלעכן און פּאָליטישן לעבן, אָבער אַלס פּראָגרעסיווער שרײַבער האָט ער זיך שאַרף אָפּגעגרענעצט אין דער עפֿנטלעכקייט פֿון יעטווידער רעאַקציאָנערער דערשײַנונג. אין דער צײַט פֿונעם דרייפֿוס-פּראָצעס איז די טרויעריק-באַרימטע רעאַקציאָנערע צײַטונג „נאָוואָיע ווערעמיא" אָפּט אַרויסגעטראָטן מיט העצערישע אַרטיקלען קעגן די ייִדן, מיט רעכילעס אויף דרייפֿוסן און זײַנע פּאַרטיידיקער. טשעכאָוו האָט דאַן ענדגילטיק איבערגעריסן יעטווידע באַציִונג מיט סוואָרינען, דעם רעדאַקטאָר פֿון „נאָוואָיע ווערעמיא", און אים געמאָלדן אין אַ בריוו זײַן פּראָטעסט קעגן דער שענדלעכער טעטיקייט פֿון דער צײַטונג.

שאָלעם-אַלייכעם האָט הויך געשעצט טשעכאָווס טאַלאַנט. זײַן איידעם י. ד. בערקאָוויטש דערמאָנט זיך, אַז „מיט טשעכאָוון האָט ער זיך געקוויקט. אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן קראַנק זײַן פֿלעגט ער לײַדן פֿון שלאָפֿלאָזיקייט, און גאַנץ אָפֿט פֿלעגט זײַן פֿרוי, אָדער ווער פֿון זײַנע קינדער פֿאַרלייענען אים אינמיטן דער נאַכט עפּעס פֿון טשעכאָווס שריפֿטן, וועלכע ער האָט געקאָנט הערן צום צענטן מאָל מיטן זעלבן פֿאַרגעניגן". (שאָלעם-אַלייכעם-בוך, ז. 189).

שאָלעם-אַלייכעם האָט געהאַלטן, אַז טשעכאָוו איז, באַגלײַך מיט טאָלסטאָיען, זײַן מוירע-דערעך אין ליטעראַטור. י. ד. בערקאָוויטש ברענגט (אין „שאָלעם-אַלייכעם בוך", ז. 158) שאָלעם-אַלייכעמס ווערטער: „אַ וועגווײַזער מעג זײַן אַזאַ ווי טאָלסטאָי, אַזאַ ווי טשעכאָוו, וועלכע מאַכן ניט קיין אָנשטעלן, שרעקן ניט דעם אוילעם מיט זייער טיפֿער כאָכמע, וואָס מע באַדאַרף האָבן אַ באַזונדערע זכיִע זי צו פֿאַרשטיין — זיי זײַנען אַזוי עכט און אַזוי אויפֿריכטיק, אַז אַלע פֿאַרשטייען זיי. אָט בא ווע-מען מע דאַרף זיך לערנען, וויאַזוי צו שרײַבן!".

א טייל ליטעראַטור-פֿאָרשער (נ. מײַזיל, ה. רעמעניק אאַ.) האַלטן, אַז עס איז פֿאַראַן פֿיל בעשוטפֿעסדיקס אינעם שאַפֿן פֿון די צוויי שרײַבער. זייערע ביידנס ווערק זײַנען דורכגעדרונגען מיט לירישן הומאָר, די הויפּט-העלדן זײַנען „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס", וואָס דערציילן וועגן זייער לייד און פֿרייד, וועגן זייער שווערן גוירל. ביידע שרײַבער האָבן אויסגעקליבן די קורצע דערציילונג און די נאָוועלע אַלס הויפּט-זשאַנער. זייער מײַסטערשאַפֿט באַשטייט אין טיפֿן אָפּשפּיגלען דאָס לעבן, שילדערנדיק די געוויינלעכע וואַכעדיקע ווירקלעכקייט. פֿאַר ביידע איז כאַראַקטעריסטיש עכטער רעאַליזם, פּאָשעטקייט און נאַטירלעכקייט פֿונעם סטיל. עס איז אויך פֿאַראַן פֿיל געמיינזאַמס אין זייערע דראַמאַטישע ווערק: קרוויווישע סוזשעטישע ליניעס, נאָענטע קאָמישע סיטואַציעס און פּסיכאָלאָגישע קאָנפֿליקטן.

איז טאַקע דער דריטער גרויסער רוסישער שרײַבער, צו וועלכן שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך געווענדט וועגן דעם טראַגישן איניען, געווען א. פּ. טשעכאָוו, וועלכער איז שוין דאַן געווען זייער קראַנק (בערעך אַ יאָר פֿאַר זײַן פֿריצײַטיקן טויט אין 1904). ניט קוקנדיק אויפֿן שווערן פֿיזישן צושטאַנד, האָט טשעכאָוו ניט געלאָזט שאָלעם-אַלייכעמס בריוו אָן אַן ענטפֿער. עס זײַנען אין זײַן אַרכיוו פֿאַראַן צוויי בריוו, וועלכע מיר ברענגען דאָ ווײַטער:

„19 יוני 1903.
פֿיל געשעצטער סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש!
איך שרײַב אײַך אצינד ביכלאַל ניט, אָדער איך שרײַב זייער ווייניק, אַזוי אַז אַ צוזאָג קאָן איך געבן מיט אַ טנײַ: כ'וועל אָנשרײַבן מיט פֿאַרגעניגן אַ דערציילונג, אויב די קראַנקייט וועט ניט שטערן. וואָס איז שײַעך מײַנע שוין אָפּגעדרוקטע דערציילונגען, זײַנען זיי פֿולקום אין אײַער רעשוס, און דאָס איבערזעצן זיי אויף ייִדיש און דאָס אָפּדרוקן אינעם זאַמלבוך לעטוויועס די ייִדן, וואָס האָבן געליטן אין קע-

שנעעו, וועט מיר פאַרשאַפן בלויז א האַרציקן פאַרגעניגן.

מיט אופריכטיקער אכטונג און איבערגעגעבנקײַט.

א. טשעכאָוו.

אײַער בריוו האָב איך באַקומען נעכטן דעם 18־טן יוני".

„גנעדיקער הער סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש!

...איך שרײַב אַצינד גאָרניט. כ'האָב ניט קיין איין שורע, וואָס איך זאָל קאָנען אײַך פאָרלייגן. אנטשולדיקט, זײַט אזוי גוט. אויב דאָס געזונט וועט דערלויבן, וועל איך אַהייב נאָך איבער זײַן אין מאָסקווע, דאַן זאָלט איר אזוי גוט זײַן מיר צושיקן אײַער דערציילונג מיט אַן אָנווײַזונג, אין וואָס פאר א זשורנאַל, נעמלעך, וואָלט איר זי געוואָלט אָפּדרוקן. דערווײַל אָבער אין יאַלטע (כ'זאָג עס לויט דער דערפאַרונג) קאָן איך ווייניק-וואָס טאָן.

איך ווינטש אײַך אלדאָס גוטס.

אופריכטיק אײַך שעצנדיק

א. טשעכאָוו

6־ער אווגוסט 1903, יאַלטע".

פונעם אינהאַלט פון די בריוו איז לײַכט צו זען דעם גוטן ווילן און די גוטע קאַוואַנע פונעם אוטאָר לעגאַבע שאָלעם-אַלייכעמען און זײַן אונטערנעמונג. צום באַדויערן, האָט טשעכאָווס שוואַכער געזונט-צושטאַנד ווירקלעך ניט דערלויבט אים אויסצופילן זײַן צוזאָג עפּעס אָנשרײַבן פאַר „הילף", און זײַן נאָמען פיגורירט ניט צווישן די מעכאַברים, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אינעם זאַמלבוך.

וועגן די לאַנגיאָריקע פרײַנטלעכע באַציִונגען צווישן מאַקסים גאָרקין און שאָלעם-אַלייכעמען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אין די ערשטע יאָרן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און אָנגעהאַלטן ביז שאָלעם-אַלייכעמס טויט, איז פיל געשריבן געוואָרן. באַזונדערס אָפט ציטירן די פאָרשער גאָרקיס באַגײַסטערטן אָפּרוף וועגן „מאָטל פייסי דעם כאַזנס". אזוי אז מיר וועלן דאָ בלויז דערמאָנען די ווייניקער באַוווּסטע אומשטענדן, ווי·אזוי די צוויי גרויסע שרײַבער האָבן זיך באַקאַנט און דערנעענטערט.

בײַס גאָרקי איז געזעסן אין טפיסע אין 1901 פאַר זײַן רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט אין ניזשני-נאָווגאָראַד, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַרויסצוגעבן אין דער רוסישער איבערזעצונג א גאַנצע סעריע ליטעראַריש-קינסטלערישע זאַמלביכער, אין וועלכע ס'זאָלן אײַנגעשלאָסן ווערן די בעסטע ווערק פון שרײַבער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן — ערשטנס, אַלס א ווירקזאַם מיטל קעגן דער פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער סינע און שאָוויניזם, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געפירט בעשוטפעס מיט דער רעאַקציאָנערער פּרעסע, און, צווייטנס, מיטן ציל מיטצוווירקן דער דערנעענטערונג און פאַרברידערונג פון די פעלקער.

דער ערשטער אין דער סעריע האָט, לויט גאָרקיס קאַוואָנע, געזאָלט זײַן א זאַמלבוך אויף רוסיש פון די בעסטע ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור. וועגן דעם, אז גאָרקי איז מיטן זאַמלבוך אויסן געווען ניט נאָר ריין ליטעראַרישע צילן, קאָן מען קלאָר זען פון דער פאָלגנדיקער שטעלע אין זײַנעם א בריוו:

„דאָס אַרויסגעבן פון אזא מין זאַמלבוך אין דער רוסישער שפּראַך וועט האָבן, אַכוץ דעם אומיטלבאַרן ציל, אויך א גרויסע אַגיטאַציאָנעלע און פּאָליטישע באַדײַטונג, ווײַל עס וועט העלפן אין א געוויסער מאָס צעווייען דעם שאָוויניסטישן נעפּל, וועלכן עס לאָזן אָן מיט גרויס פלײַס די צאַרישע אַדמיניסטראַטאָרן און „עכט-רוסישע לײַט" מיקאָל האַמינים."

אַלס רעדאַקטאָרן פונעם זאַמלבוך האָט גאָרקי פאַרבעטן די מאָסקווער זשורנאַליסטן א. ב. גאָלדאָווסקין און וו. ד. פּאָטיאָמקינען. גאָרקי האָט געזאָלט אָנשרײַבן די האַקדאָמע, און אינעם זאַמלבוך האָבן געדאַרפט אײַנגעשלאָסן ווערן די ווערק פון שימען פרוג, י.-ל. גאָרדאָן, י.-ל. פּערעץ, מאָריס ראָזנפעלד, כ.-נ. ביאַליק. די רעדאַקטאָרן האָבן זיך גענומען צום אָפּקלײַבן דעם מאַטעריאַל, און אין זײַנעם א בריוו פון מאָסקווע גיט גאָלדאָווסקי צו וויסן גאָרקין: „עטלעכע איבערזעצונגען האָבן מיר שוין אָפּגעקליבן... אַלס א זייער וויכטיקן מיטאַרבעטער איז נייטיק צוצוציִען צום אָרגאַניזירן דעם זאַמלבוך דעם באַוווּסטן ייִדישן בעלעטריסט שאָלעם-אַלייכעם (ס. נ. ראַבינאָוויטש, קיִעוו, ב. וואַסילקאָווסקאַיאַ-גאַס, 5), וועלכער האָט אײַך געווידמעט איינע פון זײַנע לעצטע דערציילונגען (ווײַזט אויס, אז גאָלדאָווסקי מיינט דאָס קאַפּיטל „כאַווע" אין „טעוויע דעם מילכיקן". — ב. ר.). ער וויל זיך מיט אײַך באַקאַנען. עפשער וואָלט איר אים אָנגעשריבן אײַער אַדרעס. אייניקע פון זײַנע דערציילונגען פּאַסן זייער פאַרן זאַמלבוך. כוץ דעם, איז ער דער בעסטער איבערזעצער און דער בעסטער קענער פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור. אויב איר וועט אים אָנשרײַבן, וועלן מיר זיך אײַנשאַפן אין זײַן פּערזאָן דעם בעסטן מיטאַרבעטער. ביטע". גאָלדאָווסקי האָט אויך איבערגעשיקט גאָרקין שאָלעם-אַלייכעמס א בריוו צו אים, אין וועלכן ער, שאָלעם-אַלייכעם, לייגט פאָר א ריי דערציילונגען פון ייִדי-

שע שרײַבער מיט קורצע כאַראַקטעריסטיקעס פון יעדן איינעם פון זיי.

אין א בריוו צו גאָרקין אין האַרבסט 1901 פאַרעכנט שוין פּאָטיאָמקין שאָלעם-אליכעמען צווישן די בעסטע מיטאַרבעטער. פּאָטיאָמקין שרייַבט דערבייַ: „נעכטן האָב איך באַקומען דאָס צעטל פון די מוסטער-ווערק פון ייִדישע בעלעטריסטן, וואָס שאָלעם-אליכעם האָט צונויפגעשטעלט, און ער לייגט פאָר אליין איבערזעצן זייַנע ווערק. מע וואָלט באַדאַרפט ברייטער אויסנוצן זייַן אָנגעבאָטענע הילף". אין סאָף 1901 אָדער אין אָנהייב 1902 האָט שאָלעם-אליכעם באַקומען דעם פאָלגנדיקן בריוו פון אָליִעז (איטאַליע), ווו גאָרקי האָט דאַן געוווינט:

„ליבער הער סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש!

קעדיי צו באַקאַנען דעם רוסישן אוילעם מיט דער ייִדישער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, האָבן מיר צוזאַמען מיט א כעווּרע לייַט, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך „הילף", פון וועלכן איר ווייסט מיסטאַמע, זיך אונטערגענומען אַרויסגעבן א זאַמלונג דערציילונגען פון ייִדישע אַווטאָרן. די האַכנאָסע פון דער אויסגאַבע — אויב עס וועט נאָר זייַן א האַכנאָסע — וועט אויסגענוצט ווערן צוהילף די ייִדן פון די מייַרעוודיקע גובערניעס.

כ'בעט אייַך אָנטיילנעמען אינעם זאַמלבוך. די פאָרם פון אייַער אָנטייל, ווי אויך די לוין פאַר אייַער אַרבעט, וועט איר זייַן אַזוי ליב אַליין צו באַשטימען. כ'וואָלט געבעטן מיר ענטפערן אַף דעם בריוו אַפן אַדרעס: מאָסקווע, פּעטראָווער ליניע, א. ב. גאָלדאָווסקי.

מיט אַכטונג

מ. גאָרקי".

(מ. גאָרקי, געזאַמלטע ווערק, ב. 28, זייַט 209).

שאָלעם-אליכעם איז געוואָרן דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פונעם פאַרפּלאַנירטן זאַמלבוך, וועלכער האָט געזאָלט דערשייַנען אינעם פאַרלאַג „זנאַניִע". ער האָט זיך א לענגערע צייַט אָפּגעגעבן דערמיט, נאָר מאַכמעס פאַרשיידענע סיבעס איז די זאַך ניט צו שטאַנד געקומען און דער זאַמלבוך איז ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אין האַרבסט 1904 איז שאָלעם-אליכעם געפאָרן קיין פּעטערבורג, קעדיי זיך צו דערשלאָגן בא דער צאַרישער מאַכט א דערלויבעניש אַרויסצוגעבן א ייִדישע צייַטונג. אין פּעטערבורג האָט ער בא דער געלעגנהייַט זיך באַקאַנט מיט א ריי אָנגעזעענע רוסישע שרייַבער פון יענער צייַט. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז גאָרקי געפינט זיך אין דער שטאָט, האָט ער אָפּגעלייגט אַלע אַנדערע אינייאָנים און דעם 15-טן נאָיאַבער געקומען זיך צו טרעפן פּאָנעם-על-פּאָנעם מיט „דעם באַהערשער פון געדאַנקען", ווי ער האָט אָנגערופן גאָרקין. שפּעטער האָט ער דערציילט אין א בריוו צו זייַנע קינדער, אַז גאָרקי האָט אים אויפגענומען העכסט פרייַנטלעך, ריין כאַוועריש, און עס איז אַוועק א שמועס וועגן אינייאָנים פון ליטעראַטור ביכלאַל און פון דער ייִדישער ביפראַט. אָט איז אַן אויסצוג פונעם בריוו:

„...נאָך דעם, ווי ער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט ער מיך פאַרבעטן אין עסצימער אַרייַן צו טיי. און עס איז אַוועק בא אונדז א געשפּרעך וועגן אינייאָנים פון ליטעראַטור, פון דער אַלגעמיינער און דער ייִדישער, און, כלעבן, איך האָב מיך אַפילע ניט אומגעקוקט, ווי עס איז אַריבער א שאָ (פון 11 ביז 12). ער האָט געבעטן אַרייַנקומען צו אים גאַנץ פּאָשעט. אַליין גענומען אַף זיך צו באַקאַנען מיך מיט די בעסטע פאָרשטייער פון דער פּרעסע — האַקלאַל, געוועזן פרייַנטלעך, גאָרניט אַפן מאַקסימישן שטייגער... זייַן אויסזען איז גאָרניט דאָס, וואָס מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, א מענטש מיט א גוטן אָפענעם פּאָנעם און מיט א ברייטער נאָז. אַליין א הויכער, כאָטש א ביסל א קאַנטיקער, אין א בלוזע, פאַרשטייט זיך, און אין הויכע שטיוול".

אין גאָרקי-אַרכיוו האָט זיך אויך אויפגעהיט א קורץ דאַנק-בריוועלע פאַר א סוווּעניר, וואָס שאָלעם-אליכעם האָט בא א געלעגנהייַט אים געשיקט מיט יאָרן שפּעטער, ווען זיי ביידע האָבן זיך געפונען אין אויסלאַנד:

„סענטיאַבער 1911, קאַפּרי.

איך דאַנק אייַך פון גאַנצן האַרצן, טייַערער קאָלעגע, פאַר אייַער פייַנער מאַטאָנע. כ'ווייס ניט, צי מיר וועט אויסקומען צו שרייַבן מיט אַן אַגאַטעוון בלייַפעדער, איך וועל אים אָבער זאָרגזאַם אופהיטן, ווי א מאַטאָנע פון א שרייַבער, וועמענס ביכער איך לייען שטענדיק מיט א געפיל סייַ פון פריידיקער אופרעגונג און סייַ מיט טרויער.

זייַט געזונט און — נאָכאַמאָל — אַדאַנק!

א. פּעשקאָוו".

(מ. גאָרקי, געזאַמלטע ווערק, באַנד 29, ז. 189)

גאָרקיס באַציִונג צו שאָלעם-אליכעמען און צו זייַן שאַפן האָט זיך ניט געענדערט אויך אין פיל יאָרן אַרום נאָך יענעמס טויט. אַפן ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרייַבער האָט גאָרקי גערעדט וועגן שאָלעם-אליכעמען ווי וועגן „אַן אויסשליסלעך טאַלאַנטפולן סאַטיריקער און הומאָריסט".

אין פּעטערבורג האָט שאָלעם-אַלייכעם זיך אויך באַגעגנט מיט אַל. קופּרינען. קופּרין איז געווען באַקאַנט מיט שאָלעם-אַלייכעמס ווערק. אין אַ בריוו צו אים האָט ער געשריבן: „אייניקע לאַכן, לייענענדיק אײַער טרויעריקן הומאָר, און איך וויין" (ציטירט לויט אַ. ד. בערקאָוויטשעס זיכרוינעס).

מיר ווייסן ניט, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק דער דאָן שוין באַרימטער רוסישער שרײַבער האָט געמאַכט אויף שאָלעם-אַלייכעמען. קופּריגען האָט זיך די באַגעגעניש פאַרגעדענקט אויף לאַנג, און מיט בערעך אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין עמיגראַציע, האָט ער געשריבן וועגן איר אין זײַן פאַרצייכענונג „דאָס שטיבעלע":

„...נעכטן איז געווען דער ייִדישער פּייסעך, און יאַשע האָט אונדז באַ דער געלעגנהײַט פאַרבעטן אין ייִדישן רעסטאָראַן אויפן עק ניעווסקי פּראָספּעקט און דער פאָנטאַנקע, און דאָרט האָט ער אונדז מעכאַבעד געווען מיט אַן אויסגעצייכנטן מיטיק, וועלכער איז באַשטאַנען פון געפילטע פיש (העכט) און הינער-פלייש, געקאָכט קאָשער — אַ מיטיק, וואָס איז „באַנעצט" געוואָרן מיט פּייסעכדיקן בראַנפן 70% און זיסן קאַרמעל-ווײַן. אָבער ניט אין די דאָזיקע קולינאַרישע מערקווירדיקײַטן איז באַשטאַנען דער איקער פונעם מאָלצײַט, נאָר אין דעם, וואָס יאַשע האָט אונדז באַקאַנט געמאַכט מיטן גרויסן ייִדישן שרײַבער און אומפאַרגלײַכלעכן הומאָריסט — שאָלעם-אַלייכעמען. דער דאָזיקער קליינוויקסיקער אַלטיטשקער מיט קנייטשן אויפן פּנים און מיטן שאַרפן גוטמוטיק-כיטרען בליק דורך די האָרן-ברילן, האָט אונדז גערן געלייענט אייניקע פון זײַנע קורצע דערציילונגען. ער האָט זיי געלייענט אין „זשאַרגאָן", נאָר אויב מע פאַרמאָגט די מינדסטע קענטעניש פון דער דײַטשישער שפּראַך, האָט מען אים גרינג געקאָנט פאַרשטיין, אַזוי אויסדרוקספול האָט ער אַרויסגערעדט יעדעס וואָרט און אַזוי קלאָר און רײַך איז געווען זײַן אינטאָנאַציע. כוץ דעם, האָט אַלץ, וואָס שאָלעם-אַלייכעם האָט געלייענט, ניט ווילנדיק, זיך טייקעף אָפּגעשפּיגלט אויף דעם אַרטיסט אוראַלאָוו באַוועגלעך געזיכט. אוראַלאָוו איז געבוירן געוואָרן און די יונגע יאָרן פאַרבראַכט אין טכום-האַמוישעוו, ער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען „זשאַרגאָן".

אַך, דאָס איז געווען אַ דאָפּלטער טײַנעג — איינעם הערן און קוקן אויפן צווייטן..."

ווען מיר מערקן אָפּ דעם יובילײַ פון אונדזער באַליבטן שרײַבער, געדענקען מיר, אַז זײַן גרויסער קערנדיקער טאַלאַנט האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער מאַזלבראָכעדיקער האַשפּאָע פון די גרויסע מײַסטערס פון דער רוסישער ליטעראַטור, און מיר קאָנסטאַטירן מיט פרייד, אַז זײַן טרוים „אַרויסצושווימען אין דעם אָקעאַן פון דער רוסישער ליטעראַטור" איז פולקום מעקוייעם געוואָרן אין אונדזער סאָוועטישער צײַט.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם ליטעראַטאָר און איבערזעצער בערל רויזען אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 70-טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אַריכאַס-יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

ל. שומסקי

שאָלעם־אַלייכעם אינעם אָקעאַן פון דער וועלט־ליטעראַטור

אין אָקטיאבער 1958, ערעוו דעם 100־יאָריקן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אלייכעמען, האָט, לויט דער איניציאַטיוו פונעם מעכאבער פון די דאָזיקע שורעס, דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק וו. באראשענקאָוו ארויסגעשיקט בריוו צו סאָוועטישע און אויסלענדישע ביבליאָטעקן און צו שאָלעם־אלייכעמס קרוווים — אָנפראגעס וועגן דעם לעבן און שאפן, וועגן אויסגאבעס און איבערזעצונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק. די באקומענע ענטפערס און די בײַגעלייגטע צו זיי רעשימעס שטעלן מיט זיך פאָר א וועזנטלעכן אינטערעס, העיויס זיי זײַנען ביז הײַנט־צו־טאָג אין ערגעץ ניט פובליקירט געוואָרן.

אונדז האָבן אינטערעסירט דרײַ פראגעס: ערשטנס. אף וויפל שפראכן זײַנען צו יענער צײַט געווען איבערזעצונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק? צווייטנס. ווען האָט זיך אָנגעהויבן דער איבערזעצונגס־פראָצעס? דריטנס, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט „דאָס נײַגעבאָרענע", וואָס שאָלעם־אלייכעם האָט פארפאסט אין 1904 און וועגן וועלכן עס טיילט מיט א באמערקונג אינעם „שאָלעם־אלייכעם־בוך": „דאָס נײַגעבאָרענע" — אן אלעגאָרישע סאטירע אף דער צארישער רעגירונג פון יענע טעג — געפינט זיך אין שאָלעם־אלייכעמס ארכיוו אין דער פאָרם פון אן אויסשניט פון א ניו־יאָרקער צײַטונג; עס איז אָבער שווער צו דערגיין, וועלכע צײַטונג דאָס איז געווען. די סאטירע איז באגלייט מיט א באמערקונג פון דער רעדאקציע, אז די רוסישע צענזור האָט די זאך ניט דורכגעלאָזט. די באמערקונג איז, ווײַזט אויס, געשריבן פון שאָלעם־אלייכעמען אליין. די זעלבע סאטירע, אין דער העברעיִשער איבערזעצונג, איז אין יענער צײַט געווען געדרוקט אין „הצפירה" אונטערן טיטל „רסל" (רוסלאנד)".

עס זײַנען באקומען געוואָרן פאָלגנדע ענטפערס:

פונעם סאָוועטנפארבאנד — פון דער אלפארבאנדישער ביכער־פאלאטע און פון דער אָפטיילונג פאר ליטעראטור פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד בא דער לענינגראדער עפנטלעכער ביבליאָטעק; פון די הויפט־ביבליאָטעקן פון די פאָלקס־דעמאָקראטישע לענדער:

פון בולגאריע — פון דער אינפאָרמאטיוו־ביבליאָגראפישער אָפטיילונג פון דער מעלוכישער ביבליאָטעק „וואסיל קאָלאראָוו" אין סאָפיע; פון אונגארן — פון דער מעלוכע־ביבליאָטעק אין אונגארן; פון יוגאָסלאוויע — פונעם ביבליאָגראפישן אינסטיטוט פון דער פעדעראטיווער פאָלקס־רעפובליק יוגאָסלאוויע, דאטירט דעם 2 אפרעל 1959; פון כינע — פון דער מעלוכישער פעקינער ביבליאָטעק, דאטירט דעם 7 מארט 1959; פון פוילן — פונעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע, פונעם 6 דעקאבער 1958; פון בראזיליע — פונעם מיניסטעריום פאר דערציִונג און קולטור, פונעם 10 פעוורואל 1959; פון ייִסראָעל — פון דער יערושאָלאיִמער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק; פון שאָלעם־אלייכעמס איידעם י.־ד. בערקאָוויטשן (1885—1967), פונעם 12 נאָיאבער 1958 און פונעם 28 יאנוואר 1959; פון פשא — פון שאָלעם־אלייכעמס טאָכטער מאריִע גאָלדבערג, פונעם 2 יאנוואר 1959; א באריכט פון דער פאָלקס־קאָנפערענץ צו פײַערן דעם הונדערטסטן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אלייכעמען, אָפגעהאלטן דעם 11 יאנוואר 1959 אין ניו־יאָרק.

אף וויפל אלע אינפאָרמאטיווע קוואלן וועגן שאָלעם־אלייכעמס איבערזעצונגען האָבן זיך געצויגן צו י.־ד. בערקאָוויטשן און צו שאָלעם־אלייכעמס טאָכטער מאריִע גאָלדבערג, איז לאָמיר טאקע אָנהייבן פון זיי, קעדיי צו האָבן א מעגלעכקײַט דערנאָך צו פארגלײַכן, וואָס פאר א נײַע אָנגאבן עס האָט דאן באקומען די לענינגראדער ביבליאָטעק אדאנק אירע בריוו־אויסטוישן.

דעם 12 נאָיאבער 1958 האָט י.־ד. בערקאָוויטש געשריבן א בריוו צו וו. באראשענקאָוון (דעם בריוו, ווי אויך די פאָלגנדע מאטעריאלן, גיב איך איבער אין דער ייִדישער איבערזעצונג):

„איך ענטפער אף אײַער בריוו פונעם 31 אָקטיאַבער וועגן דעם הונדערטיאָריקן יובילײ פון שאָלעם־אַלייכעמען.

1. אף וויפל מיר איז באַוווסט, איז אף דער יאַפּאַנישער שפּראַך עפּעס יאָ איבערגעזעצט פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. וועגן אַנדערע איבערזעצונגען אין אַזיע אָדער אַפריקע ווייס איך ניט.

2. אף העברעיִש זײַנען ביז הײַנט־צו־טאָג פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מײַן איבערזעצונג 15 בענדער, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן נײַן אויסגאַבעס (אויסער די פאַריקע אויסגאַבעס אינעם פאַר־רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד).

3. לויט דעם, וואָס מיר איז באַוווסט, זײַנען שאָלעם־אַלייכעמס ווערק איבערגעזעצט אף די פאָלגנדע שפּראַכן: רוסיש, ענגליש, דײַטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש, האָלענדיש, רומעניש און העברעיִש. ווי אויך אפן אַלט־עלזאַסן דיִאַלעקט (старо-эльзасское наречие) „טעוויע דער מילכיקער", אף לאַדינאָ (שפּאַניש־ייִדישער דיִאַלעקט) און אף עספּעראַנטאָ.

4. די לעצטע אויסגאַבע פון דער פולער זאַמלונג פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין ייִדיש, אין 28 בענדער, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו־יאָרק דורך די יאָרשים פונעם אַווטאָר. די דאָזיקע אויסגאַבע איז ניט פאַרענדיקט. ס'זײַנען פאַראַן נאָך 12 ניט קיין פאַרעפנטלעכטע בענדער.

5. שאַפן א רעשימע פון דער קריטישער ליטעראַטור וועגן שאָלעם־אַלייכעמען איז ניט אַזוי לײַכט. איך וועל זיך באַנוגענען און אָנווײַזן אייניקע באַוווסטע קריטיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי באַלמאַכשאָוועס, ניגער, טרונק (אַלע אף ייִדיש). אף ענגליש איז פאַראַן דער בוך «Maurice Samuel: The World of Sholom Aleichem», דער אויסגעבער: Alfred A. Knopf, New York.

6. „דער ייִדישער שאָלעם־אַלייכעם־בוך" איז ניט לאַנג צוריק פאַרעפנטלעכט געוואָרן צום צווייטן מאָל אין א סטערעאָטיפּישער אויסגאַבע.

7. שאָלעם־אַלייכעמס לעבן און שאַפונג זײַנען פּילזײַטיק באַלויכטן אין די לעצטע פינף בענדער פון דער זאַמלונג פון מײַנע ווערק, וועלכע, ווי איר טײַלט מיט, געפינען זיך אין אײַער רעשוס. דער העברעיִשער לייענער קאָן מיט זיי זיך באַנוצן, ווי ער וויל.

מיט אכטונג

י.־ד. בערקאָוויטש".

י.־ד. בערקאָוויטשעס צווייטער בריוו איז דאַטירט דעם 28 יאַנוואַר 1959:

„געשעצטער הער באַראַשענקאָוו!

מײַן ענטפער אף אײַער לעצטן בריוו פונעם 30 דעקאַבער 1958 האָט זיך א ביסל פאַרצויגן. איך האָב איבערגעשיקט אײַער ביטע צו באַקומען א קאָפּיע פון דער אַלעגאָרישער סאַטירע פון שאָלעם־אַלייכעמען „דאָס נײַגעבאָרענע" קיין ניו־יאָרק, ווו עס געפינט זיך א טייל פון שאָלעם־אַלייכעמס אַרכיוו. איצט האָב איך באַקומען א מיטיילונג פון דאָרטן, אַז מע שיקט אײַך אַרויס א קאָפּיע. איך דאַרף אײַך מעלדן, אַז די סאַטירע שטעלט מיט זיך פאָר מער א ביבליאָגראַפיש ווערק, איידער א וועזנטלעכס. וואָס שײַעך „רסל", אין העברעיִש איז עס די איבערזעצונג פון דער זעלבער אַלעגאָריע, פאַרפאַסט פון אן אומבאַוווסטן איבערזעצער.

אויסנוצנדיק אײַער ליבלעכן פאָרשלאָג מיר שיקן עטוואָס פון די סאָוועטישע אויסגאַבעס, וועלכע האָבן א שײַכעס צו שאָלעם־אַלייכעמען, בעט איך, אויב עס איז מעגלעך, מיר שיקן דעם אַלבאָם מיט איליוסטראַציעס צו שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונג „דער פאַרקישעפטער שנײַדער", פאַר וואָס איך דאַנק פון פאָרויס.

מיט אכטונג

י.־ד. בערקאָוויטש."

פּ.ס. „דאָס נײַגעבאָרענע" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1904 אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג „פאָרווערטס". איינצײַטיק האָט זיך באַוויזן אן איבערזעצונג „רסל" אין דער וואַרשעווער צײַטונג „הצפירה"[1].

דעם 20 יאַנוואַר 1959 האָט געשריבן שאָלעם־אַלייכעמס טאָכטער:

„געערטער הער באַראַשענקאָוו,

איך בין שאָלעם־אַלייכעמס טאָכטער און איך ענטפער אײַך וועגן „נײַגעבאָרענע" אפן סמאַך פונעם אופטראַג פון מײַן שוואָגער י.־ד. בערקאָוויטש, וועלכער געפינט זיך אין טעל־אַוויוו (ייִסראָעל). אין אונדזער אַרכיוו, וועלכער איז אָפּגעהיט אין ניו־יאָרקער באַנק, געפינט זיך דאָס דאָזיקע ווערק. איך וועל קאָנען צוגרייטן פאַר אײַערטוועגן א פאָטאָפילם, נאָר דאָס וועט דויערן א פאָר וואָכן.

איך וועל אײַך גלײַך אים אַרויסשיקן, ווי נאָר דער פילם וועט זײַן גרייט.

איך וואָלט שטאַרק וועלן וויסן, ווען גענוי וועט מען פײַערן דעם הונדערטיאָריקן יובילײ פון מײַן פאָטער?

גאַנץ מעגלעך, אַז איך וועל קומען אַלס א טוריסטן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד.

איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, געוואָלט פאָרן אַהער אין דער זעלבער צײַט, ווען מע וועט אָרגאַניזירן די פײַערונגען.[2]

מיט אכטונג

מאַריע וו. גאָלדבערג."

פון די דערמאָנטע בריוו קומען מיר צום פאָלגנדן אויספיר.

אין רעשוס פון שאָלעם־אַלייכעמס יאָרשים זײַנען דאַן געווען אָנגאַבן וועגן איבערזעצונגען פון זײַנע ווערק אין 12 שפּראַכן: איטאַליעניש, אַלט־עלזאַסער דיִאַלעקט, דײַטש, האָלענדיש, העברעיִש, לאַדינאָ, ענגליש, עספּעראַנטאָ, פראַנצויזיש, רומעניש, רוסיש און שפּאַניש. די צאָל פון שפּראַכן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַלס ווײַט ניט קיין אויסגעשעפּטע. לויט די אָנגאַבן פון דער אַלפאַרבאַנדישער ביבליאָטעק אף וו. אי. לעונינס נאָמען, האָט שוין צו יענער צײַט געדאַרפט צוגעגעבן ווערן נאָך 11

[1] י.־ד. בערקאָוויטש האָט געהאַט א טאָעס. „דאָס נײַגעבאָרענע" איז געדרוקט ניט אין 1904 און ניט אין „פאָרווערטס", נאָר אין דער וואַרשעווער צײַטונג „דער וועג" דעם 15 (2) דעקאַבער 1905. וועגן דעם זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11, 1976 (רעד.).

[2] מאַריִע ווײַף־גאָלדבערג האָט באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין 1966. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 8, 1966.

שפּראַכן (זע „שאָלעם־אַלייכעם. ביכער, וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אינעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד אין 1928—1958 אין איבערזעצונגען אויף די שפּראַכן פֿון די פֿעלקער פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד (אויסער רוסיש). מאָסקווע, 1958" און די ידיעות פֿון דער לענינגראַדער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק אויף מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען).

לאָמיר ברענגען די איבערזעצונגען לויטן אַלפֿבייס פֿון די שפּראַכן.

אויף אוקראַיִניש

אויסדערוויילטע ווערק. צוזאַמענגעשטעלט דורך ד. פֿ., איבערז. פֿון יע. רײַצין. כאַרקאָוו, 1930. 7000 עקזעמפּליאַרן.

אויסדערוויילטע ווערק. אַ נײַע איבערזעצונג, אונטער דער רעדאַקציע פֿון נ. מ. אָסיפּאָוויטש. מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון אי. ד. פֿאַלקעוויטש. אָדעס, 1932. 4000 עקז. (די „נײַע איבערזעצונג" באַשטייט פֿון 2 טיילן: ט. 1. טעוויע און זײַנע טעכטער. ט. 2. די צאָרעס פֿון מענאַכעם־מענדלען און אַנדערע דערציילונגען).

אויסדערוויילטע ווערק. איבערז. פֿון יידיש פֿון יע. כ. רײַצין, קיִעוו, 1939. 8.000 עקז.

אויסדערוויילטע ווערק. קיִעוו, פֿאַרלאַג פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון אוססר (קאַבינעט פֿון דער יידישער ליטעראַטור, שפּראַך און פֿאָלקלאָר), 1940. 3.070 עקז.

אויסגעוויילטע ווערק [איבערזעצונג פֿון יידיש דורך יע. רײַצין] מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿונעם אַקאַדעמיקער א. יע. קאָרנייטשוק, קיִעוו, 1948. 15.000 עקז.

האָדל. פֿונעם ציקל „טעוויע דער מילכיקער". איבערז. פֿון יידיש יע. רײַצין, כאַרקאָוו, 1930. 20.000 עקז.

דאָס גרויסע געווינס. איבערז. פֿון יידיש יע. רײַצין, כאַרקאָוו, 1930, 20.000 עקז.

גימנאַזיע. כאַרקאָוו, 1930. 25.000 עקז.

צוויי אַנטיסעמיטן [און אַנדערע דערציילונגען. כאַרקאָוו, 1928]. 7.160 עקז.

דאָקטוירים. אַ שפּאַס אין איין אַקט. איבערז. וו. בוריאַק (דאָס אָרט פֿון דער אויסגאַבע ניט אָנגעוויזן). 1919. 30.000 עקז.

די צאָרעס פֿון מענאַכעם־מענדלען. איבערז. וו. מ. אונטער דער רעד. פֿון נ. מ. אָסיפּאָוויטש. [אָדעס], 1929. 3.000 עקז.

לעכלעכאָ. איבערז. פֿון יידיש יע. רײַצין, כאַרקאָוו, 1930, 20.000 עקז.

יאָסיף. איבערז. פֿון יידיש יע. רײַצין. כאַרקאָוו, 1930. 20.000 עקז.

קאָמעדיעס. איבערז. פֿון יידיש מיט אַן אַרטיקל וועגן שאָלעם־אַלייכעמען פֿון ג. מיכײַליק. כאַרקאָוו, 1929. 3.000 עקז.

מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם [דערציילונגען]. נאָכוואָרט פֿון ב. צוקער, כאַרקאָוו, 1930. 20.000 עקז.

מײַן ערשטער ראָמאַן [און אַנדערע] אויסדערוויילטע דערציילונגען. אונטער דער רעדאַקציע פֿון ד. פֿעלדמאַן. [כאַרקאָוו], 1928. 3.160 עקז.

קיין אײַנהאָרע [כאַרקאָוו], 1930. 20.000 עקז.

דער דײַטש. איבערז. פֿון יידיש. כאַרקאָוו, 1929. 15.000 עקז.

דאָס מעסערל. דערציילונגען פֿאַר קינדער. איבערז. פֿון יידיש און באַמערקונגען פֿון יע. כ. רײַצין. קיִעוו, 1941. 20.000 עקז.

דאָס מעסערל. איבערז. פֿון יידיש ע. טוראַש. קיִעוו, 1958. 115.000 עקז.

שיר־השירים. איבערז. פֿון יידיש יע. רײַצין. כאַרקאָוו, 1930.

מיר זײַנען שוין אין אַמעריקע. איבערז. פֿון יידיש יע. רײַצין. כאַרקאָוו, 1930. 20.000 עקז.

דער מאַבל. איבערז. פֿון יידיש הערשבין און מילאָטשענקאָ. פֿאָרוואָרט פֿון הערשבין. קיִעוו, 1928. 2.600 עקז.

דערציילונגען („פֿון אַ קאַמיוואָיאַזשאָר"). קיִעוו, 1947. 20.000 עקז.

פֿונעם פּריזיוו. איבערז. פֿון יידיש. כאַרקאָוו, 1931. 20.000 עקז.

פֿינף און זיבעציק טויזנט. איבערז. פֿון יידיש אַ. סטאָיאַנאָווסקי. כאַרקאָוו, 1930. 5.000 עקז.

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט. איבערז. פֿון אַ. ווישנעװעצקי, כאַרקאָוו, 1930. 15.000 עקז.

אָן אייצע — [שאַ, מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע] דערציילונגען. איבערז. פֿון יידיש וו. אַטאַמאַניוק און ב. שאַבאַשקעוויטש. [קיִעוו, 1928] 30.000 עקז.

אָן אייצע. איבערז. פֿון יידיש יע. רײַצין, כאַרקאָוו, 1930.

דרײַ קוֹכעס [צוויי דערציילונגען]. איבערז. פֿון יידיש יע. רײַצין. כאַרקאָוו, 1930. 20.000 עקז.

דרײַצן פֿאַריינקטע שטאַטן. איבערז. פֿון יידיש [כאַרקאָוו, 1928]. 7.160 עקז.

באַם דאָקטער. איבערז. פֿון יידיש יע. רײַצין, כאַרקאָוו, 1930. 20.000 עקז.

אַ זעקס־און־זעכציק. איבערז. פֿון יע. רײַצין, כאַרקאָוו, 1930. 20.000 עקז.

מיטן עטאַפּ. דער דײַטש. [צוויי דערציילונגען. כאַרקאָוו, 1928].

ס'אַ ליגן. — איבער אַ היטל, איבערז. פֿון יידיש יע. רײַצין, כאַרקאָוו, 1930. 20.000 עקז.

אויף אַזערבײַדזשאַניש

מאָטל. פֿאָרוואָרט פֿון אַ. גורשטיין „שאָלעם־אַלייכעמס שאַפֿונג". איבערז. פֿון אַ. סאַדיק. באַקו, 1939. (צו שאָלעם־אַלייכעמס 80־יאָריקן יובילײַ. 1859—1939). 10.000 עקז.

אויף אַרמעניש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. פֿון רוסיש איבערז. אַ. אוואַנעסיאַן. יערעוואַן, סעקטאָר פֿאַר קינדערישער און יוגנטלעכער ליטעראַטור באַם צק פֿונעם אַרמענישן קאָמסאָמאָל, 1937. 2.000 עקז.

אויף גרוזיניש

טעוויע דער מילכיקער און זײַנע טעכטער. איבערז. און פֿאָרוואָרט פֿון אי. קורטשישווילי. טבילִיסי, 1947. 5.120 עקז.

אף דער אזוּיגערופענער „היגער ייִדישער שפּראַך"

הונדערט איינס. טאַשקענט, 1937.

בויאז. 1934.

אף ווײַסרוסיש

דערציילונגען פאַר קינדער. איבערז. פון ייִדיש ז. ביאַדוליא. מינסק, 1939. 10.000 עקז.

קסאָווים פון א קאָמיוואָיאזשאָר. אײַזנבאַן־געשיכטעס. איבערז. פון ייִדיש ז. ביאַדוליא. מינסק, 1939. 6.000 עקז.

דערציילונגען. איבערז. פון ייִדיש זמיטראָק ביאַדוליא. מינסק, 1940. 5.000 עקז.

דאָס ייִנגעלע מאָטל. איבערזעצונג פון ייִדיש ז. ביאַדוליא. מינסק, 1930 (שול־ביבליאָטעק). 7.000 עקז.

דאָס ייִנגעלע מאָטל. איבערזעצונג ז. ביאַדוליא. מינסק, 1936. 10.185 עקז.

דאָס ייִנגעלע מאָטל. איבערז. פון ז. ביאַדוליא. 3־טע אויסגאַבע. מינסק, 1938. 15.000 עקז.

אף טאַדזשיקיש

דער בלוטיקער שפּאַס. טאַשקענט, 1931.

אף טאַטיש

דערציילונגען. באַקו, 1937.

אף ליטוויש

טעוויע דער מילכיקער [פאָרוואָרט פון א. גורשטיין]. איבערז. ד. אורבאַס. ווילניוס, 1949. 8.000 עקז.

אף לעטיש

דערציילונגען. [פאָרוואָרט מ. שאַץ־אַנין]. ריגע, 1946. 8.000 עקז.

אף מאָלדאַוויש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. איבערז. פון ייִדיש אי. קאַרקפּעלד. טיראַספּאָל, 1939. 2.000 עקז.

דאָס ייִנגעלע מאָטל. איבערז. פון ייִדיש מ. ברוכיס. קעשענעוו, 1958. 5.000 עקז.

די מעלוכע־ביבליאָטעק „וואַסיל קאָלאַראָוו" פון סאָפיע האָט מיטגעטיילט פאָלגנדע איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק:

אף בולגאַריש

Биографични бележки и разкази. ביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען און דערציילונגען. סאָפיע. 1938.

Как да спечели човекът... и други разкази. ...און אַנדערע דערציילונגען. סאָפיע, 1918.

Хумор. библ. (הומאָריסטישע ביבליאָטעק) נום. 36—35.

Менахем-Мендел מענאַכעם־מענדל. איבערז. פון דײַטש ר. פאַרין. שומען, 1925.

Млекарят Тевье. טעוויע דער מילכיקער. איבערז. פון וו. אַלעקסאַנדראָוו. סאָפיע, 1949.

Момчето Мотъл. דאָס ייִנגעלע מאָטל. מיט א פאָרוואָרט פון ג. בעליאַיעוו. סאָפיע, 1941.

Худож. библ. (קינסטלערישע ביבליאָטעק), ערשטער יאָרגאַנג, בוך נומער 5.

Песен на песните. שיר־השירים. דערציילונגען. איבערז. פון רוסיש ק. קאַלטשעוו. סאָפיע, 1948.

Песен на песните. שיר־השירים. איבערז. ב. סטאָיאַנאָוו. 2־טע אויסגאַבע. סאָפיע, 1919. Малка универс. библ. (קליינע אוניווערסאַלע ביבליאָטעק). נום. 4.

Песен на песните. שיר־השירים. א פּאָעמע אין פּראָזע. איבערז. פון נ. סאָקאָלאָוו. סאָפיע, 1918(?) — אין Нова библ. (די נײַע ביבליאָטעק), נום. 31.

Песен на песните. שיר־השירים. איבערז. פון ב. סטאָיאַנאָוו. סאָפיע (דאָס יאָר פון דער אויסגאַבע ניט באַצייכנט. אין Малка универс. библ. (קליינע אוניווערסאַלע ביבליאָטעק), נום. 103.

Първата еврейска република. די ערשטע ייִדישע רעפּובליק. 1927.

Пътници в трета класа. פּאַסאַזשירן פון 3־טן קלאַס. דערציילונגען. איבערז. איס. נאַימאַוויטש, סאָפיע, 1939.

Трапезата. איבערז. פון ר. באַומסקא (מאָסקווע, 1947).

Часовникът. איבערז. א. פּעלער. סאָפיע, 1935.

אין דער רעשימע פון דער אונגאַרישער מעלוכע־ביבליאָטעק זײַנען פאַרצייכנט פיר איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין אונגאַריש אין א בוכפאָרם.

די אָפּגעבראַכטע נעגידים. איבערז. שאַבאָ אימרע־גלוי, 1922.

דרײַצן ראַבינאָזנען. א פריילעכע היסטאָריע פון דער ערשטער ייִדישער רעפּובליק. בודאַפּעשט, 1921.

טעוויע דער מילכיקער. איבערז. גערגעלי וויאָלאַ. בודאַפּעשט, 1947.

טעוויע דער מילכיקער. איבערז. פון בראָדסקי. בודאַפּעשט, 1958.

אין דער רעשימע זײַנען אויך געבראַכט 19 דערציילונגען פון שאָלעם־אַלייכעמען, געדרוקטע אין די פאַרייִדישע אויסגאַבעס אין די יאָרן 1905—1950. צווישן זיי: „ראַבטשיק", „צוויי אַנטיסעמיטן", „ווען איך בין ראָטשילד", „דאָס ייִנגעלע מאָטל", „עסטער", „דער גליקלעכסטער אין קאָדני" און אַנדערע.

מ. איוואַנושיטש, דער דירעקטאָר פונעם ביבליאָגראַפישן אינסטיטוט פון דער יוגאָסלאַווישער פעדעראַטיווער רעפּובליק האָט דעם 2 אַפּרעל 1959 מיטגעטיילט, אז שאָלעם־אַלייכעם איז איבערגעזעצט אין יוגאָסלאַוויע בלויז אף דער סערביש־כאָרוואַטישער שפּראַך, זײַן רעשימע באַשטייט פון דרײַ אויסגאַבעס אין א בוכפאָרם:

אויסדערוויילטע ווערק. איבערז. פון רוסיש מ. פּעשיץ. בעלגראַד, 1951.

מאַריענבאַד. בעלגראַד, 1955.

דאָס ייִנגעלע מאָטל. איבערז. פון רוסיש אַנגעלינא זובאַטש, סאַראַיעוואָ, 1956.

מאָא צין, דער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג פאַרן צווישנפעלקערלעכן ביכער־אויסטויש פון דער מעלוכישער ביבליאָטעק אין פעקין, האָט מיטגעטיילט דעם 7 מאַרץ 1959, אז אף כינעזיש זײַנען איבערגעזעצט 16 ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמען, צווישן זיי:

שאָלעם - אַלייכעמס ווערק אין דער איבערזעצונג אף רוסיש, אוזבעקיש, דײַטש, אזערבײַדזשאניש, כינעזיש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. אויסגאַבע פון דעם שאַנכײַער יוגנטלעכן און קינדערישן פאַרלאַג, 1957.

קורצע דערציילונגען. איבערז. פון שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען אין רוסיש: «Три головки». אין זשורנאַל „אי ווען", 1957, נומ. 7.

דער גליקלעכסטער אין קאָדני. באַשטייט פון זיבן דערציילונגען.

דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס. זאַמלונג פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע דערציילונגען. איבערזעצער שען יאַן־בין (מאַאָ דון). שאַנכײַ, 1925. אַנטהאַלט זעקס דערציילונגען: „בערל־אײַזיק דערציילט וועגן אַמעריקע", „גימנאַזיע", „אַן אומגליק", „דער אויצער" און אַנדערע.

זאַמלונג פון ייִדישע דערציילונגען. איבערז. לו יאַן. שאַנכײַ, 1926.

פונעם „ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט" אין וואַרשע האָט מיטגעטיילט זײַן דעמלטיקער דירעקטאָר פּראָפ. ב. מאַרק דעם 6 דעקאַבער 1958:

„אף אײַער אָנפרעגע פונעם 18 נאָיאַבער 1958 טײַלן מיר מיט:

1. מיר לייגן דאָ בײַ א רעשימע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פוילן און געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק פון אונדזער אינסטיטוט.

2. אין אַרכיוו פונעם אינסטיטוט געפינט זיך דער אָריגינאַל פון שאָלעם־אַלייכעמס א בריוו (מיט אַן אויטאָגראַף) צום שרײַבער דאַוויד פרישמאַן. אויב איר ווילט, קאָנען מיר איבערשיקן אײַך א מיקראָפילם פונעם דאָזיקן בריוו.

די רעשימע פון ייִדישע אויסגאַבעס באַשטייט פון 82 איינסן, פאַרעפנטלעכטע פון 1898 ביזן 1959 אין וואַרשע, ווילנע און ווראָצלאַוו אין די פאָלגנדע פאַרלאַגן:

1. „אונדזער לעבן". וואַרשע.
2. [דאָס בוך פאַר אַלעמען]. (אין דער רעשימע אף רוסיש: «Книга для всех»). וואַרשע.
3. „בילדונג". וואַרשע.
4. „האור" (ליכט). וואַרשע.
5. „יובליי־קאָמיטעט". וואַרשע.
6. [יוגנט־ביבליאָטעק]. (אין דער רעשימע אף רוסיש: (Библ. для молод.). וואַרשע.
7. „ייִדיש־בוך". וואַרשע.
8. „ליטעראַרישע בלעטער". וואַרשע.
9. [מעלוכע־פאַרלאַג פאַר שילער]. (אין דער רעשימע: (Гос. изд. для школьн.), וואַרשע.
10. „נידערשלעזיע". ווראָצלאַוו.
11. „נײַע ייִדישע שול". ווילנע.
12. „פּראָגרעס". וואַרשע.
13. „פאַמיליען־ביבליאָטעק". וואַרשע.
14. „פאָלקס־בילדונג". וואַרשע.
15. „צענטראַל". וואַרשע.
16. „קולטור־ליגע". וואַרשע.
17. „קינדער־פרײַנד". וואַרשע.
18. „קלעצקין". ווילנע און וואַרשע.
19. „שול־ביבליאָטעק". וואַרשע.

אויסער דעם זײַנען אין 9 איינסן ניט אָנגעוויזן די פאַרלאַגן.

די רעשימע פון די העברעיִשע איבערזעצונגען ציילט דרײַ איינסן, פאַרעפנטלעכטע אין וואַרשע פון 1899 ביז 1911 אין צוויי פאַרלאַגן „השחר" (האַשאַכאַר) און „תושיה" (תושיאָ).

די רעשימע פון די פוילישע איבערזעצונגען באַשטייט פון 2 איינסן, פאַרעפנטלעכטע אין וואַרשע אין די יאָרן 1903 און 1925 אין צוויי פאַרלאַגן Библ[иотека] избр[анных] дел (ביבליאָטעק פון אויסדערוויילטע ווערק) און „ספרות" (סאָפּרוס).

דער דירעקטאָר פון דער ירושאָלאַיִמער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק האָט מיטגעטיילט אין זײַן בריוו:

ערשטנס. איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אף שפּראַכן פון די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע (אויסער העברעיִש) זײַנען ניט באַוווּסט.

צווייטנס. אין די קאַטאַלאָגן פון דער ירושאָלאַיִמער ביבליאָטעק זײַנען פאַראַן שאָלעם־אַלייכעמס איבערזעצונגען אף ענגליש, בולגאַריש, קראָאַטיש, שפּאַניש, איטאַליעניש, דײַטש, פויליש, רומעניש, רוסיש, אוקראַיִניש, פראַנצויזיש און עספּעראַנטאָ.

די בײַגעלייגטע רעשימע צום בריוו איז די סאַמע גרעסטע. זי איז אָנגעדרוקט אף 9 בלעטער און אַנטהאַלט 224 נומערן. די רעשימע איז א באַגרענעצטע. אין איר זײַנען אויסגעמיטן די אָנגאַבן, וועלכע זײַנען פון פריִער באַוווּסט אין דער ליטעראַטור פון זאַלמען רייזענס „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור" און פון די אַרבעטן פון א. בען־אור (לייען: בען־אָר, פריִער אָרינאָווסקי), וועלכע זײַנען געווידמעט דער געשיכטע פון דער הײַנטצײַטיקער העברעיִשער ליטעראַטור.

די רעשימע פון ירושאַלאַיִמער אוניווערסיטעט באַשטייט פון 4 אָפּטיילונגען און אַנטהאַלט באַשרײַבונגען פון אויסגאַבעס אין בוכפאָרמען:

א. אין העברעיִש: בוך־סעריעס — 7 אויסגאַבעס, איינצלנע ווערק — 27 אויסגאַבעס, בריוו — 2 אויסגאַבעס. די פריסטע דאַטירונג פון אַן איבערזעצונג אין העברעיִש איז אָנגעוויזן אַפן שאַרבלאַט פון „הרב והרבנית" — 1908. דאָס ווערק איז, אַגעוו, מערקווירדיק דערמיט, וואָס פאַרפאַסט האָט עס שאָלעם־אַלייכעם אין 1904 אין ייִדיש אַלס אַ קינדער־פּיעסע „דער ראָוו מיט דער רעבעצן" פאַרן פאַרלאַג „מוריה" אין אָדעס, נאָר דער ייִדישער אָריגינאַל איז פאַרפאַלן געוואָרן.

ב. אין לאַדינאָ — צוויי ווערק, געדרוקט אין סאַלאָניקי. דאָס ערשטע — אין די 1920־ער יאָרן (די דאַטע איז געבראַכט אין קוואַדראַטע קלאַמערן) און דאָס צווייטע — אין 1931.

ג. אין ייִדיש — 13 סעריעס פון ווערק און 148 איינצלנע אויסגאַבעס. דאָס עלטסטע — „רעב סענדער בלאַנק און זײַן פילגעשעצטע פאַמיליע". פעטערבורג, לעווי, 1888. אַגעוו, אַף וויפל דאָס בוך איז אַ זעלטנס, איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז אין די אָנגאַבן פונעם „שאָלעם־אַלייכעם־בוך" פאַרן דאַזיקן יאָר איז אַזאַ אויסגאַבע אין בוכפאָרם ניט פאַראַן.

ד. ביכער אין העברעיִש, ייִדיש און אין אייראָפּעיִשע שפּראַכן, געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמס לעבן און שאַפונגען.

קעדיי די ידיִעס וועגן שאָלעם־אַלייכעמס איבערזעצונגען, און קוידעמקאָל אַף די שפּראַכן פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד (אויסער רוסיש, ווו איבער זייער גרויסער צאָל האָב איך זיך באַגרענעצט מיט די פאַרעפנטלעכונגען ביז 1913), זאָלן אָפּשפּיגלען זייער הײַנטצײַטיקן צושטאַנד, איז אויסגעקומען פאַרשן נײַע מעקוירים, ווי אויך אָפּסנײַ דורכקאָנטראָלירן די שוין געבראַכטע. אין רעזולטאַט פון דער דאַזיקער אַרבעט איז געלונגען צו פעסטשטעלן נײַע איבערזעצונגען.

אַף די שפּראַכן פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד

אַף אוזבעקיש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. 1959.
דער זייגער. דערציילונגען. 1961.
טעוויע דער מילכיקער. — סטעמפּעניו. 1966.

אַף אוקראַיִניש

אין דער כראָנאָלאָגישער באַגרענעצטער רעשימע פון דער אַלפאַרבאַנדישער ביכער־פּאַלאַטע פעלט די ערשטע איבערזעצונג אַף אוקראַיִניש „מאַזלטאָוו", קיִעוו, 1910, וועלכע איז פאַראַן אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין דער אויסגאַבע „טעאַטראַלע ביבליאָטעק". (Видавництво «Театральна бібліотека» Книжка четверта).

דער טיטל: «Мазель-тов!» (Алтерове сватання). Комедія на одну дію. В перекладі Ш. Полонера. Київ, 1910.

אין 1959 זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן שאָלעם־אַלייכעמס אויסדערוויילטע ווערק אין דער איבערזעצונג פון יע. רײַצין.

אין 1963 — „בלאָנדזנדע שטערן". איבערז. פון ייִדיש מיט באַמערקונגען פון יע. רײַצין. די לידער זײַנען איבערגעזעצט דורך מ. טערעשטשענקאָ.

אין 1967—1968 זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן 3 בענדער פון דער פּלאַנירטער פירבענדיקער זאַמלונג פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק.

אַף אַזערבײַדזשאַניש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. 1961.
דאָס דריידל. 1962.

אַף אַרמעניש

שיר־השירים. 1958.
דערציילונגען. 1964.

אַף גרוזיניש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. 1947 (פעלט אין דער רעשימע פון דער אַלפאַרבאַנדישער ביכער־פּאַלאַטע).
אויסדערוויילטע ווערק. 1961.
דערציילונגען. 1975.

אַף ווײַסרוסיש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. 1935 (פעלט אין דער רעשימע פון דער אַלפאַרבאַנדישער ביכער־פּאַלאַטע).

אַף טאַדזשיקיש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. 1959.

אַף טורקמעניש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. 1961.

אַף ליטוויש

דרײַ אַלמאָנעס. 1959.
דרײַ אַלמאָנעס. 1968.

אַף לעטיש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. 1913.
בלאָנדזנדע שטערן. 1966.

אַף מאָלדאַוויש

בלאָנדזנדע שטערן. 1962.

אַף עסטאָניש

אַ זעקס־און־זעכציק. 1959.
דערציילונגען. 1966.

אַף קאַזאַכיש

בלאָנדזנדע שטערן. 1965.
בלאָנדזנדע שטערן. 1979.

אַף קירגיזיש

טעוויע דער מילכיקער. 1966.

די ערשטע איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אַף רוסיש

ווער עס האַלט, אַז דער ערשטער איבערזעצער פון שאָלעם־אַלייכעמען אין רוסיש איז געווען יולי יאָסיפאָוויטש פּינוס, האָט אַ טאָעס. דער נאָמען פונעם ערשטן איבערזעצער איז אַדהײַנט ניט פעסט־

געשטעלט. ער האָט זי אויסבאַהאַלטן אונטער די איניציאַלן אין רוסיש: Г. С. Г—чъ. אים האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען פֿאַרן אַרויסגעבן «Мир и согласие» (שאָלעם און איינשטימיקייט), וואָס איז אַן איבערזעצונג פֿון שאָלעם־אַלייכעמס „דער פּעטער פּיניע און די מומע רייזע".

די צאַרישע צענזור האָט אײַנגעזען אין די ביידע פֿאַרעפֿנטלעכונגען אַ געפֿאַר פֿאַרן צאַריזם. אין אַ קאָנפֿידענציעלן צירקוליאַר פֿונעם אינערן־מיניסטעריום, ווו עס אַנטהאַלט זיך אַ באַוואָרענונג ניט דערלויבן אַף ווײַטער איבערצודרוקן „שעדלעכע ווערק", ווערן זיי געגעבן אינעם פֿאָלגנדן סיידער: 1. „מיר אי סאָגלאַסיע". 2. קאַרל מאַרקס. דער דאַלעס פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע. 3. קאַרל מאַרקס, די בורזשואַזיע, דער פּראָלעטאַריאַט און דער קאָמוניזם. 4. ק. מאַרקס און פֿ. ענגעלס. וועגן קאָמוניזם. 5. פֿ. לאַסאַל. וועגן דעם טאָך פֿון דער קאָנסטיטוציע.

דעם זעלבן איבערזעצער געהערט אויך די ערשטע איבערזעצונג פֿון שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונג „גימנאַזיע", פֿאַרעפֿנטלעכט צום ערשטן מאָל אין קיִעוו אין 1906 און צום צווייטן מאָל — אין באַקו, אין 1908.

אין דער זעלבער צײַט, ווען יו. י. פּינוס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן אויטאָריזירטע איבערזעצונג פֿון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין 8 בענדער (1910 — 1913), האָבן זיך באַוויזן איבערזעצונגען נאָך פֿון צען איבערזעצער. מיר גיבן זיי אין ייִדישן אַלעפֿבייס־סיידער: יאַ. דאַנולין, ט. ווײַנשטאָק, יו. אַ. יור־לין, ג. מ. ליעדאָווסקאָי, אי. מיכאַלאָוויטש, מ. קאָ־ראַגאָדסקי, אי. קראַסניאַנסקי, אי. שאַפּער און ס. פּ. שטיינבערג. געדרוקט האָבן זיך די דאָזיקע איבער־זעצונגען אין אָדעס, באַקו, בערלין (אויסגאַבע פֿון אי. פּ. לאַדישניקאָוו), מאָסקווע און קיִעוו.

אַף אַנדערע שפּראַכן

אַף דײַטש

די ערשטע איבערזעצונג פֿון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין דײַטש האָט זיך אײַנגעפֿונען: „מאַריענ־באַד". אַאוס דעם ייִדישען איבערטראַגען פֿאָן זיעג־פֿריִעד שמיץ. ווין, 1921.

אַפֿן ייִדיש־פֿראַנצויזישן דיִאַלעקט פֿון עלזאַס

די געשיכטע פֿון טעוויען. 1925.

אַף טשעכיש

טעוויע דער מילכיקער (אין דער איבערזעצונג פֿון יאַקאָב מאַרקאָוויטש אונטערן טיטל „Tovje vdává dcery". פּראַג, 1958.

אַף כינעזיש

דערציילונגען פֿון שאָלעם־אַלייכעמען (די זאַמ־לונג אַנטהאַלט 16 דערציילונגען). 1959.

אַף מאָנגאָליש

דאָס ייִנגעלע מאָטל. 1959.

וואָס פֿאַר אַן אויספֿירן קאָן מען מאַכן?

ערשטנס. שאָלעם־אַלייכעמס ווערק זײַנען ביז הײַנט־צו־טאָג איבערגעזעצט געוואָרן אַלקאַלפֿאָנעם ניט ווייניקער ווי אַף 38 שפּראַכן און דיִאַלעקטן, קימאַט אַ העלפֿט פֿון וועלכע עס שטעלן מיט זיך פֿאָר די שפּראַכן פֿון די פֿעלקער פֿונעם סאָוועטנ־פֿאַרבאַנד. מיר גיבן זיי איבער אינעם אַלעפֿבייס־סיידער, אונטערשטרײַכנדיק די פֿון זיי, וועלכע זײַ־נען ניט געווען באַוווסט שאָלעם־אַלייכעמס יאָרשים (זע העכער י.־ד. בערקאָוויטשעס בריוו):

אוזבעקיש, אוקראַיִניש, אַזערבײַדזשאַניש, **איטאַ־ליעניש**, אַרמעניש, בולגאַריש, גרוזיניש, **דײַטש**, **האָלענדיש**, אונגאַריש, **אַזיגערופֿענע** „היגע שפּראַך באַ ייִדן", **העברעיִש**, ווײַסרוסיש, טאַדזשיקיש, טאַ־טיש, טורקמעניש, טשעכיש, **יאַפּאַניש**, **ייִדיש־פֿראַנ־צויזישער דיִאַלעקט פֿון עלזאַס**, כינעזיש, **לאַדינאָ**, ליטוויש, לעטיש, מאָלדאַוויש, **מאָנגאָליש**, **סערביש־**כאָרוואַטיש, **ענגליש**, **עספּעראַנטאָ**, עסטאָניש, **פּוי־ליש**, **פֿראַנצויזיש**, קאַזאַכיש, קירגיזיש, קראָאַטיש, **רומעניש**, **רוסיש**, **שפּאַניש**.

צווייטנס. די ביז־איצטיקע אָנגאָבן דערלויבן פֿאַרלויפֿיק (אויב נײַע פֿאָרשונגען וועלן ניט אַרײַנ־טראָגן אין זיי קיין ענדערונגען) פֿעסטשטעלן די פֿאָלגנדע כראָנאָלאָגישע ריי פֿונעם אָנהייב פֿון שאָ־לעם־אַלייכעמס איבערזעצונגען פֿון די פֿאָלגנדע שפּראַכן:

1903 — פּויליש, 1904 (?) — העברעיִש, 1905 — אונגאַריש און רוסיש, 1910 — אוקראַיִניש, 1913 — לעטיש, 1918 — בולגאַריש, 1921 — דײַטש, 1925 — כינעזיש, ייִדיש־פֿראַנצויזישער דיִאַלעקט פֿון על־זאַס, 1920־ער יאָרן — לאַדינאָ, 1930 — ווײַסרוסיש, 1931 — טאַדזשיקיש, 1934 — „היגע שפּראַך באַ ייִדן", 1937 — אַרמעניש, טאַטיש, 1939 — אַזערבײַד־זשאַניש, מאָלדאַוויש, 1947 — גרוזיניש, 1949 — ליט־וויש, 1951 — סערביש־כאָרוואַטיש, אַלנפֿאַלס פֿאַרן 1958 — יאַפּאַניש, עספּעראַנטאָ, קראָאַטיש, 1958 — טשעכיש, 1959 — אוזבעקיש, מאָנגאָליש, עסטאָניש, 1961 — טורקמעניש, 1965 — קאַזאַכיש, 1966 — קיר־גיזיש.

דריטנס. דער פּראָצעס פֿון איבערזעצונגען פֿון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק האָט זיך לאַכלוטן ניט אָפּגעשטעלט. פֿאַרקערט, ער נעמט אַרום אַלץ מער און מער שפּראַכן.

דאָ איז קעדײַ נאָכאַמאָל איבערכאַזערן די ווער־טער פֿון איינעם פֿון די ערשטע איבערזעצער פֿון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין רוסיש יו. י. פּינוס: „איך האָב געגלויבט... פֿאַרווירקלעכן שאָלעם־אַליי־כעמס באַגער „אַרויסשווימען אין אָקעאַן פֿון דער רוסישער ליטעראַטור". ווי מיר האָבן זיך איבער־צײַגט, איז שאָלעם־אַלייכעמען געלונגען ניט נאָר „אַרויסשווימען אין אָקעאַן פֿון דער רוסישער לי־טעראַטור", נאָר אויך אין טײַכן, יאַמען און עפּשער אויך אָקעאַנען פֿון צענדליקער אַנדערע שפּראַכן.

■

קינסטלער

זינאָווי טאָלקאַטשאָוו

(1977—1903)

שאָלעם-אליכעם
און זײַנע געשטאַלטן



שאָלעם-אַלייכעמס לעצטע ליטעראַרישע רײַזע

שאָלעם-אַלייכעם און מאָרדכע סגעקטאָר.
וואַרשע, 1914

זעקס יאָר — פון 1908 ביזן 1914 — איז שאָלעם-אַלייכעם געצוווּנגען געווען, איבער א שווערער קראנקײַט, זיך היילן אין איטא-ליע און אין דער שווייץ. זעקס יאָר האָט ער געטרוימט וועגן דעם, וויאַזוי וואָס גיכער זיך אומקערן אהיים. ער האָט פּלאַנירט צו קומען קיין וואַרשע נאָך אין סאָף פון 1913, אָבער ער איז פּלוצעם ווידעראַמאָל קראנק געוואָרן. דערווײַל האָבן זײַנע פרײַנט גענומען גרייטן פאָרלעזונגען אין א ריי שטעט און שטעט-לעך פון פוילן און רוסלאנד. דאָס איז אָבער געגאנגען זייער שווער — מע האָט געמוזט באקומען א דערלויבעניש אף יעדער זאַך, וואָס ער וועט לייענען, און די צענזור האָט זיך ניט געײַלט מיט אזא דערלויבעניש. די פּאָליציי האָט, פון איר זײַט, אויך גענאַרפּט זיך איבערצײַגן אין שאָלעם-אַלייכעמס „בלאַ-גאָנאַדיאָזשנאָסט".

שאָלעם-אַלייכעם האָט לאנג געוואַרט, ביז עס וועלן דערלויבט ווערן זײַנע אַרויסטרע-טונגען אין רוסלאנד און אין פוילן. אין א בריוו צו מאָרדכע ספּעקטאָרן שרײַבט ער פון נערווי דעם 17 פעווראַל 1914:

„פרײַנט ספּעקטאָר!

...דו פרעגסט, וואָס קאָנסטו טאָן, ביכדיי מיר זאָלן זיך זען אינגיכן אין וואַרשע? אָט א נאַיִווער מענטש ספּעקטאָר! דו ווייסט ניט, אַז מע וואַרט אף א „ראַזרעשעניִע"? זיצסט צוואַנציק יאָר אין וואַרשע, צי נאָך מער, ביסטו קראַנק א זאָג טאָן דאָרט דעם פּאָליצ-מייסטער א פּאָר ווערטער, ער זאָל ניט מאַכן קיין אָנשטעל? „פּאַני, — זאָג אים מיט א מויל אף דײַן רישעס, — פּאַני! ווי דומאיע-טע שאָלעם-אַלייכעם רעפּעראַט טאָוואַרישטשי קיש-קיש-קורי נא סוואָבאָדו? אי ניע נאַטשי-נאַיעטסאַ! צע נע באָלי מעני דאָברע בראַ-טיקל טשיטאַיעט פּאָ נאַשעמו, פּאָ זשאַרגאָנ-סקעמו, א מי, יעווריייטשיקי, דערזשימסאַ זאַ סטאָראָני אי קאַטשאַיעמסאַ נא זעמליאַ!"

...אָט אַז דו טרעטסט אַרויס מיט אזא לאָשן, באַקומט ער דאָס נײַניעריקע און טוט זיך א שרײַב אונטער: „שאָלעם-אַלייכעם ראַזרע-שאַיו אי קאָניעץ!"[1]

ס'איז, פאַרשטייט זיך, געווען ווײַט פון געלעכטער. האָגאַם שאָלעם-אַלייכעם, ווי דער שטייגער, האָט אפילע אין די טרויעריקסטע מאָמענטן פונעם לעבן ניט פאַרלוירן דעם אָפּטימיזם און דעם הומאָר.

ענדלעך איז אַלץ געלייזט. אין אָנהייב אַפּרעל 1914 שרײַבט ער פון לאָזאַן (שווייץ) צו מאָרדכע ספּעקטאָרן:

„איך קום דיר צו מעלדן, אַז דעם צווייטן טאָג כאָלעמויעד פּייסעך, דינסטיק 11 אַינדער-פרי, מיט דער באַן פון בערלין, זעען מיר זיך, אימירצעשעם, אין וואַרשע..."[2]

אין דער וואַרשעווער צײַטונג „דאָס לעבן" באַווײַזט זיך דעם 28 מאַרט (10 אַפּרעל) 1914 א מודאָע:

[1] שאָלעם-אַלייכעם. אויסגעוויילטע בריוו, אָגיז. מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס", מ., 1941, ז. 270.
[2] זע „שאָלעם-אַלייכעם-בוך", ז. 253.

„טעאַטער „מיניאַטור", בעליאַנסקאַ, 5. דינסטיק דעם 2-טן טאָג כאָלעמויעד פּייסעך 8 אַזייגער אין אָוונט — א גראַנדיעזע פאַרלעזונג פון שאָלעם-אַלייכעמען. בילעטן צו באַקומען יעדן אָוונט אין „האַזאַמיר" אין בוכהאַנדלונג גיטלין, נאַלעווקאַ, 1, „קולטורא", דזיקאַ, 13".

שאָלעם-אַלייכעמס א פרײַנט, דאָקטער גערשן לעווין, שרײַבט וועגן אָט דער געשעעניש:

„דינסטיק, דעם צווייטן טאָג כאָלעמויעד פּייסעך, איינס אַזייגער באַטאָג, איז שאָלעם-אַלייכעם מיט זײַן פרוי אָנגעקומען קיין וואַרשע מיטן שנעלצוג פון בערלין. און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס וועגן זײַן קומען איז ניט געווען געמאָלדן אין די צײַטונגען, האָט זיך אַף דעם אַזויגערופענעם ווינער באַנהויף פאַרזאַמלט א גרויסער עולם, וואָס איז געקומען באַגריסן דעם באַליבטן פאָלקס-דיכטער. עס זײַנען אויך געווען דער קאָמיטעט פון „האַזאַמיר" מיט י.-ל. פּערעץ אין דער שפּיץ, דאָוויד פרישמאַן, יאַקאָוו דינעזאָן און אַנדערע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן.

שאָלעם-אַלייכעם האָט אויסגעזען זייער גוט און איז געווען פריש און מונטער. באַלד דרײַ באַטאָג איז פאָרגעקומען אַן אינטימער מיטיק לעקאָוועד דעם גרויסן גאַסט, וועלכער האָט אונדז אַלעמען פאַשעט אָנגעשטעקט מיט זײַן גוטן הומאָר.

די פאָרלעזונג איז פאָרגעקומען דעם זעלבן אָוונט אינעם גרויסן זאַל פון „מיניאַטור" (בעליאַנסקאַ, 5)...

די פאָרלעזונג האָט צוגעצויגן אַן אומגעהייער גרויסן עולם, און עטלעכע טעג פאַר דער פאָרלעזונג זײַנען שוין אַלע בילעטן געווען אויספאַרקויפט. דער הויף פון „מיניאַטור" און די גאַנצע בעליאַנסקאַ-גאַס איז געווען פאַשעט באַלאַגערט פון הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט, לעכאָלעהאַפּאָכעס, זען דעם ליבן פאָלקס-דיכטער, און די אָוואַציעס, וואָס מע האָט אים געמאַכט אין גאַס און אינעם זאַל, זײַנען געווען איין לעשאָר..."[1]

אינעם נומער פאַרן 2(15) אַפּרעל דרוקט די צײַטונג „דאָס לעבן" נאָך איין מודעאָ:

„טעאַטער „מיניאַטור", בעליאַנסקאַ, 5. זונטיק דעם 19 (6 אַפּרעל) 8 אָוונט — די צווייטע און די לעצטע שאָלעם-אַלייכעמס פאָרלעזונג".

אין אָט די טעג איז שאָלעם-אַלייכעם בײַגעווען אַף אַן אָוונט אין „האַזאַמיר"... ס'האָט זיך ווידעראַמאָל צונויפגעזאַמלט א גרויסער עולם ניט בלויז אינעם זאַל גופע, נאָר אַפּילע אַף די טרעפּ. ווען שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך באַוויזן, האָט דער באַגײַסטערטער עולם אים געמאַכט א גרויסע אָוואַציע, וואָס האָט געדויערט עטלעכע מינוט. א קאָבאָלעספּאָנעם-רעדע האָט אַפן אָוונט געהאַלטן י.-ל. פּערעץ.

נאָך פּערעצן זײַנען געווען פיל אַנדערע רעדעס. צום סאָף איז אַרויסגעטראָטן שאָלעם-אַלייכעם, וועלכער האָט צווישן אַנדערס געזאָגט:

„מיט זעקס יאָר צוריק האָב איך געהאַט די ערע נעענטער צו באַקאַנען זיך מיטן מאַלכאַמאָוועס, און לעסאָף האָט ער מיך פאַרטריבן אין גאָלעס קיין איטאַליע, אונטער א ליכטיקן הימל. אָבער פונעם לאַנד מיט דעם בלויען הימל האָב איך שטענדיק געבענקט נאָך מײַן קאַסרילעווקע; מײַן קערפּער איז געווען אין איטאַליע, און דאָס האַרץ, די נעשאָמע — דאָ בא אײַך..."[2]

„עטלעכע טעג מיט שאָלעם-אַלייכעמען"

(פון ז. ווענדראָפס זיכרוינעס)

...די פּאָליציי איז שטאַרק ניט צופרידן מיטן „טומל" און „טאַראַראַם", וואָס די ייִדישע וואַרשע האָט אויפגעהויבן אַרום דעם אויטאָר פון דעם „פּעטער פּיניע און די מומע רייזע", וואָס דער אינהאַלט און מיין פון דעם איז איר, דער זשאַנדאַרמעריע, ווי עס שײַנט, גוט באַקאַנט געווען.

צווישן דעם גרויסן עולם ייִדן, וואָס באַגעגענען שאָלעם-אַלייכעמען אַפן וואָקזאַל, האָבן געגישטערט פאַרשווינדלעך, וואָס האָבן מיט דער ייִדישער ליטעראַטור גאָר א קנאַפּע שײַכעס... דער וואַרשעווער פּאָליצמייסטער מײַער, א כאַבאַרניק פון דײַטשישער אָפּשטאַמונג, שמועסט מען אין שטאָט, האָט צו זיך געלאָזט רופן דעם אייגנטימער פונעם זאַל, ווו שאָלעם-אַלייכעמס פאַרלעזונג האָט געדאַרפט פאָרקומען, און געמאַכט אים פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג אַפן אָוונט. „געזעלשאַפטלעכע טוער" זײַנען אַוועק מיט א וויזיט צום פּאָליצמייסטער. דער דעמלטיקער צענזאָר פון דער ייִדישער פּרעסע און ליטעראַטור אין וואַרשע איז א פאַרשוויצטער אומגעלאָפן אין דער צענזור און צוריק. עס האָט זיך גע-

[1] „שאָלעם-אַלייכעם-בוך", ז. 280.
[2] „שאָלעם-אַלייכעם-בוך", ז. 281.

טומלט, נאָר דער פּאָליצמייסטער מייַער איז געווען א מענטש, וואָס לאָזט זיך ריידן. און נאָך דעם, ווי מע האָט אים, אפּאָנעם, צוגעשטעלט „זאכלעכע באווייַזן", אז אלץ וועט זייַן אין אָרדענונג, זייַנען מער קיין שטערונגען ניט געמאכט געוואָרן.

גרויס, אומבאזיגבאר האָט געמוזט זייַן בא שאָלעם-אלייכעמען דער דראנג צו די פֿאָלקסמאסן, אויב ער האָט זיך באשלאָסן אונטערצונעמען די דאָזיקע רייַזע זייַנע — א רייַזע, דייַטלעך ניט נאָך זייַנע פיזישע קויכעס. מייַן ערשטער אייַנדרוק בא דער ערשטער באגעגעניש מיט שאָלעם-אלייכעמען איז געווען, אז איך זע פאר זיך אָן ערנסט-קראנקן מענטשן. דאָס פּאָנעם איז בא אים געווען ערד-פארביק און פֿול מיט טיפֿע קנייטשן, דער רוקן — געבויגן, דער גאנג — לאנגזאם, זייער לאנגזאם, א גאנג פון א מענטשן, וואָס איז געצווּנגען צו ציילן און מעסטן זייַנע טריט. אין דרויסן איז געווען א ווארעמער ווארשעווער פרילינג, נאָר שאָלעם-אלייכעם איז אָנגעטאָן געווען אין א ווארעמען הארבסט-מאנטל, אין קאלאָשן און מיט א גרויסער וואָלענער טוך אף די אקסלען. אזוי איז ער נאָכדעם די גאנצע צייַט ארומגעגאנגען איבער ווארשע.

געהאלטן האָט ער זיך דאפקע זשוואווע און מונטער, אָבער ס'איז ניט שווער געווען צו זען, אז דאָס קאָסט אים היפּשע אָנשטרענגונג.

און אָט שטייט אָן דער אָוונט פון זייַן ערשטער פאָרלעזונג אין ווארשע. דער גרויסער זאל פונעם קינאָ-טעאטער „אפּאָלאָ" אף בעליאנסקא-גאס איז איבערפולט ביז צו דער לעצטער מעגלעכקייַט. דער ענטוזיִאזם, די אָוואציעס און די היץ פון די פארזאמלטע, בייס שאָלעם-אלייכעם באווייַזט זיך צום ערשטן מאָל אף דער בינע, איז אומגעהייער גרויס. די היץ אין זאל — נאָך גרעסער. פון זאל שלאָגט צו דער בינע א כוואליע פון היץ און א פארע, ווי אין א באָד, און פון הינטער די קוליסן ציט אהין א קעלט, ווי פון א קעלער. און אָט, צווישן די צוויי שטראָמען פון היץ און קעלט, זיצט אף דער בינע שאָלעם-אלייכעם אין זייַן פּאראדנעם שווארצן סמאָקינג און לייענט זייַנע הומאָר-שפּרודלענדיקע דערציילונגען, אָנשטרענגענדיק אלע זייַנע קויכעס, מע זאָל אים הערן אין אלע ווינקלעך פונעם זאל.

אָבער זייַנע קראנקע לונגען זייַנען צו שוואך, מע זאָל קאָנען הערן זייַן שטים אינעם גאנצן שייַערארטיקן זאל מיט דער שלעכטער אקוסטיק. אין די הינטערשטע רייען הייבט זיך אָן אן איבערײַדעניש, אן אומרויִקער גערודער. עס הערן זיך איינצלנע ניט-דרייסטע אויסרופֿן: „העכער!" פון די פאָדערשטע רייען ענטפערט מען דערוף מיט: „ששש! שטילער!" שאָלעם-אלייכעמען, זעט מען, דענערווירט עס ביז גאָר.

מיר, א גרופּע יִדישע שרייַבער, זייַנען דענערווירט נאָך מער איידער שאָלעם-אלייכעם — אי פון דער אומרויִקייַט אין זאַל, אי פון דעם, וואָס „שאָלעם-אלייכעם קוילעט זיך אוועק". דאָס זיצן צווישן צוויי שטראָמען פון הייסער און קאלטער לופט וועט אים גלאַט ניט אָפּגיין, האָבן מיר מוירע...

יאקאָוו דינעזאָן, יִצחאָק-לייבוש פּערעץ און שאָלעם-אלייכעם. ווארשע, 1914

אין איבערײַס זײַנען מיר אוועק הינטער
די קוליסן, ווו מיר האָבן געפונען שאָלעם-
אַלייכעמען נאַס פון שווייס, ארומשפּרײַזנדיק
הין און צוריק אין מאַנטל און מיט דעם וואָ-
לענעם טוך ארום האַלדז. קיינעם פון אונדז
האָט זיך ניט געוואָלט קאַליע מאַכן אים די
אַזוי אויך גענוג שלעכטע שטימונג זײַנע.
מיר האָבן אים דעריבער גאָרנישט געזאָגט
וועגן דער סקאַנדע, און וועלכער ער שטעלט
זיך, זיצנדיק אפן צוק פון צוויי קעגנזײַטיקע
שטראָמען לופט.

באַגלייטנדיק אים נאָך דער פאַרלעזונג
צו זײַן האָטעל, האָב איך זיך דאָך ניט
אײַנגעהאַלטן און אין זייער פאָרזיכטיקע ווער-
טער געפרעגט: צי רעכנט ער ניט, אַז די
אונטערגענומענע רײַזע וועט זײַן אַ צו גרוי-
סע אָנשטרענגונג פאַר זײַן געזונט...

שאָלעם-אַלייכעם האָט אַ ווײַלע געשוויגן,
ווי ער וואָלט אינערלעך געמאָסטן די מאָס
אָנשטרענגונג, וואָס אים שטייט פאָר. נאָכ-
דעם האָט ער מיך גענומען אונטערן אָרעם
און שטיל, און לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט גע-
רעדט מער צו זיך אַליין, ווי צום צוהערער,
געזאָגט:

— עפּשער וועט עס זײַן... ס'וועט גע-
וויס זײַן אַ צו גרויסע אָנשטרענגונג פאַר
מײַן געזונט... אָבער... אָבער איך האָב גע-
מוזט מאַכן די רײַזע... איך האָב זיך פאַר-
בענקט נאָך ייִדן, מײַן פרײַנט, נאָך פּאַשע-
טע ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, נאָך ייִדן-האָרע-
פּאַשניקעס, נאָך ייִדן-באַלמעלאָכעס, נאָך ייִדן-
קרעמער און לופט-מענטשן, נאָך אמכאָ... איך
מוז זען ייִדן מיט זייער הוילעך, מיט זייערע
טנועס און האַוויײַעס. איך מוז הערן ייִדן
ריידן, שרײַען, זידלען זיך, שעלטן זיך... ייִדן,
ווי זיי זײַנען. ייִדן, אַז מע זעט זיי ניט צו
לאַנג, פאַרלירט מען דעם כוש: אָנשטאָט
צו לעבן מיט ייִדן, הייבט מען אָן צו לעבן
מיט דערינערונגען וועגן ייִדן. דאַן הייבן אָן
ארויסצוקומען פון אונטער דער פּען שאָטנס
פון מענטשן, אָנשטאָט מענטשן... פאַר די
זעקס יאָר אין דער שווייץ, אין איטאַליע האָב
איך געזען טשאַכאַטשאַטשניקעס, געסט, באַ-
זוכער, טוריסטן, נאָר ניט קיין ייִדן, אַפילע,
ווען די טשאַכאַטשאַטשניקעס, געסט און באַ-
זוכער זײַנען געווען ייִדן... איך וויל זען,
ריידן, אָטעמען איין לופט מיט ייִדן פון די
נאַלעווקעס, פון קרעשטשאַטיק, פון פּאָדאָל,
פון דעריבאַסאָווסקע און מאָלדאַוואַנקע... זען
ייִדן קאָסט געלט, מײַן פרײַנט. געלט דאַרף
מען פאַרדינען... פאַרשטייט איר שוין, פאַר-
וואָס איך האָב אונטערגענומען, פאַרוואָס איך
האָב געמוזט אונטערנעמען די רײַזע?..

איך האָב פאַרשטאַנען, אָבער די אומרוי-
קײַט פאַר שאָלעם-אַלייכעמען איז דערפון ניט
קלענער געוואָרן.

מאַטעריאַלן אין דער וואַרשעווער „דאָס לעבן"

א בריוו אין רעדאקציע

באַגײַסטערט פון פרייד דורך דעם צוריקומען
פון אונדזער באַליבטן פאָלקס-דיכטער שאָלעם-אַליי-
כעם צו אונדז, רוסישע ייִדן, שיקן מיר אים אונד-
זער הייסן גרוס: בואך לשלום! — און ווינטשן אים
אַף לאַנגע יאָר נאָך צו שאַפן און וועקן דעם ייִדישן
געלעכטער...

ש. ליבערמאַן, ג. גלעמבאָצקי, דוויו ווי-
נאָגראַד, ב. עפּשטיין, אווראַס שקילעוו-
סקי, עפראַים-עליִאָו רודיע, דוויו זאַקאָן,
דאָוויד זעליקאָוויטש, א. איינשטיין, א.
קונסט, מ. רזשעפּינסקי, מ. ליפּשיץ,
א. פאַלאָנסקי, צווי יאַכעס, י. שישלע-
דיאַן, פײַוול בענדעטאָוויטש, דאָוויד
גאָטליב, לייב לעווין, י. ל. אין, מ. יעליי-
נאָוויטש, מ. זאַלקין, י. פּוריע, מ. ווײַ-
נאָב-קרינקי, גראָדנער גובערניע.

(7 (20) אפּרעל 1914)

שאָלעם-אַלייכעם אין רעדאַקציע „דאָס לעבן"

נעכטן, 12 אזייגער באַטאָג, איז שאָלעם-אַלייכעם
געווען בא אונדז אין רעדאַקציע.

לעערעך אַ שאָ האָט דער באַריִמטער שרײַפט-
שטעלער פאַרבראַכט אין רעדאַקציע, געשמועסט מיט
די מיטאַרבעטער, צווישן וועלכע עס זײַנען דאָ זײַנע
אַלטע באַקאַנטע.

ווי אַלעמאָל, איז שאָלעם-אַלייכעם געווען זייער
אופגעלייגט, מונטער און וויציק. ער האָט זיך אינ-
טערעסירט מיט אַלע איינצלהײַטן פון דער צײַטונג-
אָרגאַניזאַציע.

הויפּטזאַכלעך האָט זיך שאָלעם-אַלייכעם פאַרינ-
טערעסירט מיט פאַרשיידענע קוריאָזע מאַנוסקריפּטן,
וואָס ווערן צוגעשיקט אין רעדאַקציע.

איינעם זייער אַ קוריאָזן מאַנוסקריפּט האָט שאָ-
לעם-אַלייכעם צוגענומען פאַר זײַן אַרכיוו פון אַזעל-
כע אויסטערלישע קוריאָזיטעטן.

7 (20) אפּרעל 1914

שאָלעם־אַלייכעם אין „צענטראַל"

נעכטן, איינס אזייגער באַטאָג, האָט שאָלעם־אַלייכעם באזוכט דעם הויפּט־סקלאַד פונעם ביכער־פאַרלאַג „צענטראַל" (נאַוואָליפּקע, 7). בעשאַס שאָלעם־אַלייכעם איז ארויס פונעם סקלאַד, האָט אים ארומגערינגלט א גרויסער אוילעם, געמאַכט אים א שטורמישע אָוואַציע און געשריִען: „לעבן זאָל שאָלעם־אַלייכעם!"

(9 (22) אפּרעל 1914)

שאָלעם־אַלייכעם קומט קיין לאָדז

נעכטן פיר מיט 55 מינוט נאָך מיטיק איז שאָלעם־אַלייכעם אוועקגעפאָרן מיט דער ווינער באַן קיין לאָדז, ווו ער וועט האַלטן א פאָרלעזונג.

די ידיעה וועגן זײַן אָפּפאָרן איז געהאַלטן געוואָרן שטרענג בעסאָד, אזוי אז צו דער באַן איז געקומען באַגלייטן א קליינע צאָל פרײַנט און פאַרערער.

שאָלעם־אַלייכעם קומט אין אייניקע טעג ארום צוריק קיין וואַרשע, ווו ער וועט אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן האַלטן א דריטע פאָרלעזונג.

(10 (23) אפּרעל 1914)

שאָלעם־אַלייכעם אין לאָדז

די ידיעה, אז שאָלעם־אַלייכעם קומט קיין לאָדז, האָט ארויסגערופן א גוואַלדיקן אינטערעס בא דער היגער ייִדישער באַפעלקערונג.

אין פאַרלויף פון אייניקע טעג זײַנען פאַרקויפט געוואָרן פאַר 600 רובל בילעטן אױף דער פאָרלעזונג, וואָס ער וועט האַלטן.

די „דראַמאַטישע קונסט", וואָס אָרדנט אײַן די פאָרלעזונג, רופט צונויף אױף מיטוואָך א ספּעציעלע באַראַטונג מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון היגע פאַריינען, קולטורעלע אינסטיטוציעס און פּרעסע, אױף וועלכער ס'וועט אויסגעאַרבעט ווערן די גענויע פּראָגראַם פונעם קאַבאָלעס־פּאָנעם.

א דעפּוטאַציע וועט אויך באַגעגענען אונדזער גרויסן פאָלקס־שרײַבער אױף דער סטאַנציע קאַלושקי.

(8 (21) אפּרעל 1914)

שאָלעם־אַלייכעם אין אָטוואָצק

אינגיכן קומט שאָלעם־אַלייכעם קיין אָטוואָצק, ווו ער וועט זײַן צוויי וואָכן, דערנאָך וועט דער באַליבטער פאָלקס־שרײַבער פאָרן קיין פּעטערבורג און מאָסקווע.

(6 (19) מײַ 1914)

פון דער לעצטער מינוט
שאָלעם־אַלייכעם אין פּעטערבורג

נעכטן איז אין דער קאַלאַשניקאָווער בערזע בא א פולגעפּאַקטן זאַל פאָרגעקומען שאָלעם־אַלייכעמס פאָרלעזונג.

שאָלעם־אַלייכעמען האָט מען געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס און צוגעטראָגן בלומען־קרענץ.

זונטיק וועט פאָרקומען א דראַמאַטישער אָוונט, געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. אינעם אָוונט וועט זיך אויך באַטייליקן שאָלעם־אַלייכעם. נאָכן ספּעקטאַקל וועט פאָרקומען א באַנקעט לעקאָוועד דעם געליבטן פאָלקס־דיכטער.

(8 (21) מײַ 1914)

בא שאָלעם־אַלייכעמען אין ווילנע

נאָך פּעטערבורג קומט שאָלעם־אַלייכעם צו פאָרן קיין ווילנע. ווי אומעטום, האָט ער דאָ א ברייטן קאַבאָלעס־פּאָנעם. אין א געשפּרעך מיט פאָרשטייער פון דער צײַטונג „דאָס לעבן" רעדט ער וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור. די צײַטונג גיט איבער זײַנע ארויסזאָגונגען:

„ייִדישע ליטעראַטור! מיר פאַרמאָגן שוין א ייִדישע ליטעראַטור! אונדזער אוילעם האָט זיך דאָך אויסגעלערנט שרײַבן ייִדיש. עס איז דאָך א פאַרגעניגן צו לייענען.

איך דערמאָן מיך, וואָס פאַר א מין ייִדיש איך אליין האָב געשריבן מיט 25 יאָר צוריק. איך שעם מיך, זאָג איך אײַך, ווען איך זע, ווי מע שרײַבט הײַנט.

די ייִדישע ליטעראַטור שטעלט זיך מיר פאָר ווי א קינד, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזט אין מערכאַקים און איז רײַך געוואָרן. דער אַלטער פאָטער איז געקומען צום קינד, און אז ער האָט דערזען עס רויוו גאָדליי וואָשרוי (זײַן גרויסקײַט און רײַכקײַט), איז ער מעוווּלוול געוואָרן.

איך בין געווען אין אַלע ייִדישע רעדאַקציעס, ביכער־פאַרלאַגן און ייִדישע קולטורעלע אינסטיטוציעס, און איך האָב אָנגעקוואָלן פון נאַכעס און גדולע, זעענדיק, ווי אַלץ האָט זיך צעבליט, צעצווײַגט און צעוואַקסן אינדערלענג און אינדערברייט. דאָס האַרץ פרייט זיך, וואָס טראָץ די שווערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואַקסן מיר אַלס פאָלק. דאָס פאָלק וואַקסט און בליט, און די צוקונפט פון אונדזער פאָלק איז דאַפקע דאָ, אין דעם דאָזיקן לאַנד, ווו מיר לעבן. די שווערע צײַט וועט פאַריבער, די פינצטערע וואָלקנס וועלן פאַנאַנדערגיין, דער הימל וועט לויטער ווערן און די זון וועט אונדז באַווײַזן אירע שטראַלן..."

מיט גרויס באַגײַסטערונג האָט שאָלעם־אַלייכעם גערעדט וועגן דער פּראָווינץ.

„עס בײַסן מיר זיך פּאַשעט די הענט. עס בעט זיך מאַמעש שרײַבן פון מײַנע ליבע קאַסרילעווקער, פונעם לעבן פון די קליינע מענטשעלעך, אָט די קליינשטעטלדיקע מענטשן, וואָס ווילן נאָכמאַכן די גרויסשטאָטישע. וועגן דעם ווילט זיך שרײַבן, אָבער ניט ריידן.

עס איז נאָך, אַדאַנק גאָט, פאַראַן וועגן וואָס צו שרײַבן. גוואַלד, ווו נעמט מען יאָרן, ווו נעמט מען געזונט דערצו".

אױף דער פראַגע, מיט וועלכע ליטעראַרישע פּלענער שאָלעם־אַלייכעם טראָגט זיך ארום, וואָס האָט ער בעדייע צו שרײַבן, האָט שאָלעם־אַלייכעם געזאָגט:

„איך וועל שרײַבן, ווי שאָלעם-אַלייכעם שרײַבט. גאָר נײַע טיפּן, שפּאָגל־נײַע, שוועבן פאַר מײַנע אויגן. דאָס לעבן שטייט ניט אַף איין אָרט און דער שריפטשטעלער אויך ניט. קאַסרילעווקע פּראָגרעסירט. מיר האָבן איצט צו טאָן מיט א פּראָגרעסיווער קאַסרילעווקע, ניט מיט דער אַמאָליקער".

(נומ. 108, 8 (21) מײַ 1914)

שאָלעם-אַלייכעמס פאַרלעזונג אין ריגע

ריגע. דאָנערשטיק, דעם 15 מײַ, וועט דער באַליבטער פאָלקס־דיכטער שאָלעם־אַלייכעם לעזן זײַנע ווערק.

דער אינטערעס צו דער פאַרלעזונג איז זייער גרויס. די בילעטן ווערן שנעל צעכאַפּט.

(11 (24) מײַ 1914)

ריגע. מיט א קאָלאָסאַלן דערפאָלג איז דאָ דורכגעגאַנגען די שאָלעם-אַלייכעם-פאַרלעזונג. דער זאַל איז געווען איבערפולט. דאָס פּובליקום האָט געמאַכט שאָלעם-אַלייכעמען שטורמישע אָוואַציעס און האָט אים לאַנג ניט אָפּגעלאָזט פון דער טריבונע.

(20 (2) מײַ 1914)

ריגע. איך האָב אײַך שוין מודיע געווען טעלעגראַפיש וועגן שאָלעם-אַלייכעמס אָנקומען צו אונדז. אָפן וואָקזאַל האָט אים דערוואַרט א פּיִערלעכער *קאַבאַלעס-פּאָנעם, און ער מיט זײַן פרוי* זײַנען באַשאָנקען געווען מיט אָוואַציעס און בלומען.

אין זאַל, ווו ער האָט געלייענט, איז געווען פולגעפּאַקט, און דער דערפאָלג פון זײַן לייענען איז געווען א גוואַלדיקער. די אַפּלאָדיסמענטן האָבן אופגעהערט נאָר דאַן, ווען מע האָט אויסגעשלאָסן די לאָמפּן.

אַף דער גאַס האָט אָפּגעוואַרט דעם פאָלקס-דיכטער א גרויסער אוילעם, וועלכער האָט ניט געקאָנט אַרײַנדרינגען אין זאַל, און אַרום שאָלעם-אַלייכעמס קאַרעטע האָט זיך צונויפגעקליבן קימאַט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. די פּאָליציי האָט צעטריבן דעם אוילעם.

ווי מע רעכנט, וועט שאָלעם-אַלייכעם אין סאָף זומער א צווייט מאָל באַזוכן אונדזער שטאָט.

א. וו.

(23 (5) יון 1914)

א מיטיילונג פון ווילנע

ווילנע. שאָלעם-אַלייכעם האָט דאָ פאַרבראַכט דעם יאָמטעוו און איז אַרויסגעפאָרן פונדאַנען קיין מינסק, פולשטענדיק געזונט. דעם 28־טן וועט ער צוריקומען קיין ווילנע, ווו ער וועט האַלטן א פאַרלעזונג.

(21 (3) יון 1914)

שאָלעם-אַלייכעם אין מינסק

מינסק. הײַנט קומט דאָ פאַר שאָלעם-אַלייכעמס פאַרלעזונג. דער אינטערעס צו דער פאַרלעזונג איז זייער גרויס. די בילעטן האָט מען צעכאַפּט. נאָך מינסק וועט שאָלעם-אַלייכעם לייענען אין גראָדנע (דעם 22־טן) און אין ווילנע (דעם 24־טן).

(20 (2) מײַ 1914)

פאַרלעזונגען אין אַנדערע שטעט
(פון רעקלאַמע-בלעטלעך)

ראַדאָם. מיטוואָך, דעם 15 יול, וועט פאַרקומען א פאַרלעזונג פונעם גרויסן פאָלקס-דיכטער שאָלעם-אַלייכעם.

(1 (14) יול 1914)

שעדלעץ. זונטיק, דעם 19 יול, וועט פאַרקומען א פאַרלעזונג פון שאָלעם-אַלייכעמען.

(**6** (**19**) יול 1914)

מאַטעריאַלן אין דער צײַטונג „לאָדזער טאָגבלאַט"

שאָלעם-אַלייכעמס פאַרלעזונג אין בענדין

א ליבן און טײַערן גאַסט האָט דאָס יידישע בענדין געהאַט הײַנטיקן שאַבעס. אינמיטן טומל פון דער ברענענדיקער „ראַבאָנים-פראַגע" (מע האָט געוויילט א נײַעם ראָוו!) איז פּלוצעם שאָלעם-אַלייכעם אָנגעקומען צום ערשטן מאָל קיין בענדין.

פרײַטיק פאַרנאַכט איז שאָלעם-אַלייכעם מיט זײַן פרוי געקומען קיין בענדין מיטן קוריער־צוג.

אַף אַלע סטאַנציעס האָט אים דערוואַרט א גרויסער אוילעם, און אומעטום איז ער באַגריסט געוואָרן פון דעם פאַרזאַמלטן פּובליקום.

שאָלעם-אַלייכעמס אָנקומען קיין בענדין האָט אַרויסגערופן אין שטאָט אַן אומגעהייערע פרייד. באַלד נאָך מיטיק, ווי עס איז דערהאַלטן געוואָרן די ידיעה, אַז שאָלעם-אַלייכעם קומט, איז אים א גרויסער אוילעם פון די אָנגעזעענע יידישע פּערזענלעכקייטן פון דער שטאָט אַנטקעגנגעפאָרן ביז צו דער סטאַנציע זאַמבקאָוויץ.

פרײַטיק פאַרנאַכט האָט דאָס גאַנצע יידישע בענדין, יונג און אַלט, פרויען און מענער, כסידים און „דײַטשן", זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם וואָקזאַל פון דער סטאַנציע אַלט-בענדין און די אַרומיקע גאַסן, קעדיי צו באַגעגענען דעם ליבן גאַסט און פאָלקס־דיכטער.

בייס שאָלעם-אַלייכעם איז ארויס פונעם וואַגאָן, האָט דער גרויסער אוילעם, וועלכער האָט באַלאַ־גערט דעם וואָקזאַל און די אַלע ארומיקע גאַסן, אים געמאַכט אַ הארציקן באַרעכהאָבע, און אַפּן גאַנצן וועג ביז צום האָטעל אים באַגלייט מיט שטורמישע אָוואַציעס און אויסרופן: „זאָל לעבן שאָ־לעם-אַלייכעם!".

אייערנעכטן שאַבעסצונאַכטס איז אינעם טעאַטער „קאָרסאָ" פאָרגעקומען שאָלעם-אַלייכעמס פאָרלע־זונג. פון אַלע ארומיקע שטעטלעך און אויך פון סאָסנאָוויץ איז דער ייִדישער אוילעם אָנגעקומען צו גיין, שאַבעס נאָך מיטיק, צופוס.

צו דער פאָרלעזונג האָבן נאָך פריַיטיק אויסגע־פעלט בילעטן, און הונדערטער מענטשן, צווישן זיי פיל פון די נאָענטע עסטרײַכישע און דײַטשישע שטעטלעך, האָבן געמוזט זיך אומקערן אַהיים.

שאָלעם-אַלייכעם האָט פאָרגעלעזן אייניקע פון זײַנע ווערק, וועלכע האָבן באַם אוילעם ארויסגע־רופן גרויס היספּײַלעס, און ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז דער אוילעם האָט זיך געקאָנט באַרויִקן.

דעם גאַסט זײַנען צוגעטראָגן געוואָרן פארשיי־דענע אַדרעסן, באַגריסונגען פון היגע ייִדישע אינ־סטיטוציעס און פאַריינען, קרענץ און בלומען, מיט וועלכע דאָס פובליקום האָט פּאַשעט אים פאַר־וואָרפן. די שטורמישע אָוואַציעס אַף דער גאַס האָבן גאָר קיין ענדע ניט געוואָלט נעמען.

צום לעצט איז פאַר אַן ענגן קרײַז, צוזאַמען מיטן געערטן גאַסט, געפּײַערט געוואָרן אַ געמיטלעכער באַנקעט, ווו דער אוילעם האָט פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

(23 יון (6 יול) 1914)

שאָלעם-אַלייכעם אין טשענסטאָכאָוו

טשענסטאָכאָוו. הײַנט, מיטוואָך, וועט דער באַרימטער ייִדישער פאָלקס-דיכטער שאָלעם-אַליי־כעם קומען קיין טשענסטאָכאָוו, ווו ער וועט ארויס־טרעטן אַף אַן אָוונט, וואָס ווערט לעקאָוועד אים אײַנגעאָרדנט. נאָכן אָוונט אָרדנט אײַן דער פאַריין „לירא" אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט. מע גרייט זיך אויך אין שטאָט צו אַ פּײַערלעכן קאַבאָלעס-פּאָנעם.

(25 יון (8 יול) 1914)

שאָלעם-אַלייכעמס פאָרלעזונגען אין פאַרשיידענע שטעט

אין מעשעך פון הײַנטיקער וואָך האָט אונדזער ליבער גאַסט שאָלעם-אַלייכעם געהאַלטן פאָרלעזונ־גען אין דרײַ שטעט — אין סאָסנאָוויץ, קאָטנאָ און אייערנעכטן מיטוואָך אין טשענסטאָכאָוו.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער באַליבטער פאָלקס־דיכטער האָט אומעטום געהאַט דעם הערצלעכסטן און וואַרעמסטן קאַבאָלעס-פּאָנעם.

צוועלף דעפּוטאַציעס פון 12 ייִדישע קעהילעס פון דער אומגעגנט האָבן דעם ליבן גאַסט באַגריסט און צוגעטראָגן אַדרעסן.

אַ באַזונדערס שיינעם קאַבאָלעס-פּאָנעם האָט שאָלעם-אַלייכעם געהאַט אין טשענסטאָכאָוו, ווו ער איז שוין צום צווייטן מאָל.

גלײַך אַפּן וואָקזאַל האָבן דעם טײַערן גאַסט מעקאַבל-פּאָנעם געווען די אָנגעזעענסטע מענטשן פון שטאָט. דערנאָך איז ער מיט גרויס פּאַראַד אַרײַנגעפירט געוואָרן אין שטאָט אַרײַן, ווו שאָלעם־אַלייכעם האָט פאָרגעלייענט אייניקע זאַכן פון זײַנע ווערק אין זאַל „לירא".

די באַגײַסטערונג פונעם גרויסן אוילעם איז געװען אָן אַ שיר, אויך די היגע „אַסימיליאַטאָרן" האָבן ארויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס צום קאַ־באָלעס-פּאָנעם פון דעם אָנגעלייגטן גאַסט.

נעכטן אינדערפרי איז שאָלעם-אַלייכעם אין דער באַגלייטונג פון זייער אַ גרויסן אוילעם צוריק אָפּ־געפאָרן קיין וואַרשע.

(27 יון (10 יול) 1914)

אַ בריוו אין רעדאַקציע

געערטע רעדאַקציע!

דערלויבט מיר דורך אײַער געערטער צײַטונג אויסדריקן מײַן טיפסטן דאַנק פאַר דער זייער וואַ־רעמער אופנאַמע, וואָס איך האָב געהאַט פון מײַנע פיל באַקאַנטע און נאָך מער אומבאַקאַנטע פרײַנט אין וואַרשע, לאָדז, בריסק, ביאַליסטאָק, פּעטערבורג, ריגע, מינסק, גראָדנע, ווילנע, לידע, דווינסק, בענ־דין, סאָסנאָוויץ, קאָטנאָ, טשענסטאָכאָוו, ראַדאָם, ליובלין, סעדלעץ. אין פיל פון די אויסגערעכנטע שטעט און שטעטלעך איז די אופנאַמע געווען אַזאַ בעזעמעס פרײַנטלעכע און אַזאַ ניט געקינצלט ברי־דערלעכע, אַז עס האָט מיך פּאַשעט גערירט ביז טרערן.

עס האָט מיך געפרייט צו זען, ערשטנס, אַז אין די עטלעכע יאָר פון מײַן אָפּגעריסן זײַן פון דער היים איז דער לעזער שטאַרק אויסגעוואַקסן און, צווייטנס, אַז צווישן אים און צווישן שריפטשטע־לער איז פאַראַן עפּעס אַ באַזונדערע הירקאַרוועס, אַן אינווייניקסטע פאַרוואַנדשאַפט, וואָס מאַכט אונדז נאָענט און בינדט אונדז צוזאַמען.

אָפּפאָרנדיק ווידעראַמאָל אַהין, אין די ווײַטע מעדינעס, „אַפּריכטן גאָלעס", ווינטש איך מיר נאָכ־אַמאָל זיך באַגעגענען דאָ מיט אַלע מײַנע פרײַנט, נאָר באַ בעסערע אומשטענדן און מיט מער פריי־לעכע הערצער.

שאָלעם-אַלייכעם

וואַרשע, 10 (23) יול 1914

(„דאָס לעבן", 11 (24) יול)

אין דרײַ וואָכן ארום...

פול מיט האָפענונגען אַף „בעסערע אומשטענדן", איז שאָלעם-אַלייכעם אָפּגעפאָרן פון וואַרשע ווידער־אַמאָל אין דער שווייץ. אַפּן וועג האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט אין אַלבעק, דײַטשלאַנד, באַם באַלטישן יאַם, ווו ער האָט גערעכנט צו פאַרברענגען די זו־מערדיקע כאַדאָשים. אָבער דאָ האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און שאָלעם-אַלייכעם, ווי אַ רוסישער אונטערטאַנער, האָט געמוזט צוזאַמען מיט דער מיש־

פאָכע לויפן פון דײַטשלאנד. דעם 4 (17) אויגוסט 1914 פארעפנטלעכט די צײַטונג „דאָס לעבן" צוזאמען מיט אנדערע טעלעגראמעס, פול מיט אומרו אין צוזאמענהאנג מיט דער צעפלאקערטער וועלט־סרייפע, אויך אזא מיטיילונג:

שאָלעם-אליי כעם אין קאָפּענהאגען

א דעפּעשע פון דעם 31 יול מעלדעט, אז צווישן די רוסישע אונטערטאנער, וואָס געפינען זיך אין קאָפּענהאגען, איז אויך דאָ דער בארימטער ייִדישער שריפטשטעלער שאָלעם־אלייכעם מיט דער פאמיליע.

אין פינף טעג ארום דרוקט „דאָס לעבן" אין דער עקסטרא־בײַלאגע א נאָטיץ אונטערן קעפּל „א גרוס פון שאָלעם־אלייכעמען":

קאָפּענהאגען, 6־טער אויגוסט.

איך גיב אײַך צו וויסן, אז איך מיט א העלפט פון מײַן פאמיליע (די צווייטע העלפט איז פארבליבן אין בערלין, אדרעס: ווישייד־שטר. 3־א) האָבן מיט גרויסע צאָרעס אריבערגעכאפּט זיך אהער קיין דעבעמארק אָן געלט און אָן קליידער, קימאט אין איינע העמדער — איך און בערקאָוויטש און מײַן צווייטער איידעם קויפמאן און מײַן עלטערער זון. איך בין געווען אונטער דער דײַטשישער וואך, געריזיקירט, אז איך און די קינדער זאָלן בלײַבן אין געפענקעניש, די קינדער זאָלן געווען מוזן דינען אין דער דײַטשישער ארמיי. א דאנק גאָט, וואָס מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו א ייִשעוו, ווו ס'זײַנען פאראן ייִדן, וואָס קענען מיך און ליבן מיך. אף א פּאָר וואָכן צו לעבן האָבן מיר נאָך קליינגעלט, און פון הונגער וועלן מיר דאָ ניט אויסגיין — מע וועט ניט לאָזן. דערווײַל זײַנען מיר געזונט און מונטער, ווי נאָר ס'איז מעגלעך.

מיט גרוס

שאָלעם־אלייכעם

אָט אזוי דראמאטיש האָט זיך פארענדיקט שאָלעם־אלייכעמס צווייטע און לעצטע ליטערארישע רײַזע איבער די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאנד און פוילן. אין נאָיאבער 1914 זעצט ער זיך ארײַן מיט דער מישפּאָכע אין דער אָקעאן־שיף „פרעדעריק דער 8־ער" און שווימט אָפּ פון קאָפּענהאגען קיין ניו־יאָרק. דעם 2־טן דעקאבער קומט ער אָן קיין אמעריקע. אים איז באשערט נאָך צו לעבן און ארבעטן אינגאנצן אָנדערהאלבן יאָר...

אנדערע מאטעריאלן צו דער טעמע

שפּאצירנדיק איבער די גאסן פון ווארשע...

(פון ז. ווענדראָפס זיכרוינעס)

...שאָלעם-אלייכעם איז לאנגזאם ארומגעגאנגען איבער „די סאמע ייִדישע גאסן" פון דער ייִדישער ווארשע — איבער די נאלעווקעס, איבער דזיקע, פּאוויע, נאָוואָליפּקע און נאָוואָליפּיע, איבער די גאסן פונעם ווארשעווער ייִדישן דאלעס און ייִדישן אונטערוועלט — סמאָטשע, קראכמאלנע, מלינארסקע... שאָלעם-אלייכעם איז געגאנגען איבער גראָשענע ייִדישע געוועלבלעך, אָפּגעשטעלט זיך לעבן שוסטערשע און שנײַדערשע ווארשטאטן, פארפירט שמועסן, נאָכגעפרעגט זיך אף פּארנאָסע, וועגן דער גרייס פון די פארדינסטן און די געזינדלעך, געוויצלט זיך, געזאָגט און אויסגעהערט ווערטלעך. מע האָט געזען, אז דער מענטש באָדט זיך מאמעש אין דער אטמאָספער פון פאָלקסטימלעכקײַט.

אין די בארימטע ווארשעווער „האלעס" — „דעם בויך פון ווארשע" — האָט ער מיט דײַטלעכן פארגעניגן צוגעהערט זיך צו דער ווירטואָזער זידלערײַ און שילטערײַ צווישן צוויי פישערקעס און נאָך דעם געפּרוווט שאָלעם מאכן צווישן זיי...

בייס די דאָזיקע שפּאצירן זײַנע, צווישן דער רעכטער געדיכטעניש פון די פאָלקסמאסן, איז שאָלעם-אלייכעמען געווען ניט צו דערקענען. די גאנצע מידקײַט, די גאנצע געבויגנקײַט, די גאנצע קראנקײַט זײַנע איז ווי אראָפּגעפאלן פון אים. ער האָט געשפּרודלט מיט לעבן, מיט ענערגיע, מיט נײַגער, מיט וויץ און שארפזין. קוקנדיק אף אים, האָט זיך אָנגעהויבן צו גלייבן, אז עפּשער וועט אים די דאָזיקע לופט ברענגען מער נוצן, ווי די לופט פון איטאליע...

(אלמאנאך „סאָוועטיש", 1941, נומ. 12, זז. 303—304)

פון שאָלעם-אלייכעמס בריוו

(צו מ. וואָרקעל פון ביאליסטאָק, 15 (28) אפּרעל 1914)

„...בין איך, הייסט עס, אין „דער היים". געווען ווארשע—לאָדז—בריסק — ביאליסטאָק. איך פאָר ווילנע—מינסק—גראָדנע—סוּוואלק און ווײַטער...

בעזע האָרעגע באקומען א דעפּעש פון פּעטערבורג, אז דאָרט בין איך 2, 3, 4 מײַ"[1].

---

[1] שאָלעם־אלייכעם, אויסגעוויילטע ווערק, ז. 272.



די מאַפּע פון שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַרישער רײַזע אין 1914; פון אויבן — רעקלאַמע פון שאָלעם־אַלייכעמס פאָרלעזונגען אין די יידישע צײַטונגען; אין צענטער — שאָלעם־אַלייכעם אין גראָדנע

(צו ש. שרעבערק פון דווינסק, 6 (19) יון 1914)

„...אזא עמפּפאַנג, ווי אין דווינסק, האָב איך ניט געהאט אין ערגעץ. דער וואָקזאַל איז געווען פאַר־פּלייצט מיט יידן (יוגנט), אויסער די בוקעטן, פּראַכטפולע בוקעטן, האָט מען מיך באַשאָטן מיט בלומען און דעם גאַנצן וועג פון וואַגאָן ביז דער קארעט אויסגעבעטן מיט בלומען. די קאַרעט גופא איז געווען דעקאָרירט מיט בלומען. בלומען, בלו־מען, בלומען! געשרייען הייִדאַ און הורא האָט פארהילכט. אָפיצערן, זשאַנדארמען, פּאָליציע האָבן מיט איבעראַשונג באַוואונדערט דעם עמפּפאַנג. איי־ניקע האָבן דערקלערט, אַז ס'איז דער יידישער גאָרקי געקומען. אויך אין האָטעל איז געווען מיפּע לעפּע. אומעטום הייִדאַ און הורא. די בילעטן אַלע קימאַט צעכאַפּט, כאָטש דער אָוונט ערשט איבער־מאָרגן, זונטיק, און מע רעדט שוין אומבאַדינגט פון א צווייטן אָוונט אף דינסטיק"[1]

שאָלעם-אַלייכעם וועגן זײַן רײַזע איבער רוסלאַנד

(וואַרשע, לאָדז, ווילנע, גראָדנע, ריגע, ביאַליסטאָק, פּעטערבורג און מינסק)

א קאָרעספּאָנדענט באַשרײַבט זײַנעם א געשפּרעך מיט שאָלעם-אַלייכעמען.

„מיר שפּאַצירן אין ווילנע, אין באָטאַנישן גאָרטן.

— אוי, ווי גוט! — זאָגט שאָלעם-אַליי־כעם, — זעט, עס וואַקסט קראָפּעווע, קראָ־פּעווע וואַקסט! עמעסער קאַסרילעווקער קראָ־פּעווע, פון וועלכן ס'ווערן אף די פיס בלאָ־טערן... זעט נאָר, ווי ס'פליִען פליטערלעך, ווי שנייעלעך פאַלן זיי! נאָר בא אונדז אין רוס־לאַנד זעט איר זיי אזוי פיל פליִענדיק און פאַלנדיק!.. ס'א מעכײַע! יאָ, שווייץ איז שיין, א רײַכע נאַטור, אָבער שוין צופיל קולטיווירט, אפן שפּיץ פון העכסטן באַרג... באַם וואַסער־פאַל... אומעטום זעסטו צייכנס פון מענטשנס הענט, וועלכע האָבן די נאַטור אין „אָרענדע גענומען"... שטרײַכן קינסטלער איר שיינקײַט אונטער... מאַכן פון איר געשעפט און ביזנעס...

א נאַטור ניט גערירט, אָט אזוי ווי זי איז, פון זײַן ליבן נאָמען, „קראָפּעווע-נאַ־טור" — זעט איר נאָר דאָ, אין רוסלאַנד! און כ'פיל זיך דאָ עפּעס אזוי היימיש, ס'דערמאָנט מיר מײַן יוגנט, מײַן קינדהײַט...

— איר פרעגט, ווען איז בא מיר גע־בליבן צו פאָרן אין רוסלאַנד? אייגנטלעך, נאָך מיט דרײַ יאָר צוריק, באַלד ווי כ'האָב זיך אָנ־געהויבן פילן בעסער.

מיילע, אז מע טאָר ניט פאָרן, ווען ס'איז דיר דאָס שטרענג פאַרבאָטן, איז די בענק־שאַפט ניט אזוי גרויס. וויבאַלד אָבער, אז די דאָקטוירים האָבן מיר אזא נעסיִע דערלויבט, איז מיר דאָס זיצן געוואָרן מאַמעש אומדער־טרעגלעך. כ'האָב דערשפּירט א קרענקלעך בענקעניש... כ'האָב זיך קיין אָרט ניט געפו־נען... דערווײַל איז מיר אונטערגעקומען די בײַליס-געשיכטע. און פונוויטנס, אין א פרײַ לאַנד, איז די מײַסע אזוי מעגושעמדיק ווילד און די אוולע אזוי גרויס!

נאָר באַם ערשטן שטראַל פון גערעכטי־קײַט האָב איך מײַן טשעמאָדאַנטשיק גענומען און געפאָרן קיין רוסלאַנד.

וואָס נעענטער צו דער רוסישער גרענעץ, אַלץ מער איז מײַן אומגעדולד געוואַקסן... כ'האָב אין די וואַגאָן-שײַבעלעך געקוקט: שוין?

און אז איך האָב דערזען דעם ערשטן רוסישן סלופּ מיט די שוואַרץ-ווײַסע פּאַסן, דעם ערשטן רוסישן זשאַנדאַרם מיט די גאַזונ־טע פּלייצעס און דער ברייטער ברוסט, האָט מיך א מאָדנער געפיל באַהערשט, א געפיל, אויסגעמישט מיט וואַרעמקײַט און קעלט, ליב־שאַפט און שרעק...

אינדערפרעמד, ווײַט פון דער היים, אָנ־לייענענדיק זיך מיט אַלע צײַטונג-ידיִעס, האָט מיר אויסגעוויזן, אַז אין קאַסרילעווקע ליגט שוין דער הימל אף דער ערד און מײַנע קאַסרילעווקער ליגן אף די פּנעמער. עט, „ניע טאַק טשאָרט סטראַשען!" כ'האָב זיי געטראָפן ניט ערגער, ווי פריִער. אַלטע באַקאַנטע ביל־דער: אָט שטייט א גאָראָדאָוואָי, אַרומגע־רינגלט פון א מאַכנע ייִנגלעך, און עפּעס א קאַסרילעווקער האַלט אים באַם קנעפּל פון מונדיר, מאַכט מיט די הענט, היצט זיך און רעדט גיך, גיך. ער מוז אים דערציילן א מײַ־סע...

עט, נאָך נישקאָשע, אַלץ ווי אמאָל!..

אונדזער יונגן דאָר האָב איך געפונען אין א סאַך א בעסערן מאַצעוו, ווי כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט.

---

[1] שאָלעם-אַלייכעם, אויסגעוויילטע בריוו, זז. 272—273.

א נײַער דאָר וואקסט, א געזונטע יוגנט, ניט קיין באטלאָנים! הײַנט ייִדיש, ווי עס האָט זיך דאָס א הייב געטאָן! מע רעדט דאָך מאַמע-לאָשן!...

אין ווילנע, זעט איר, האָב איך גראָד געטראָפן א „באַרישניע”, וואָס האָט זיך, גלײַך מיט אלע, מיט מײַנער א פאָטאָגראפישער קארטע, געשטופּט הינטער די קוליסן, און אז זי האָט זיך ענדלעך ארײַנגעשטופּט, א פארשוויצטע, מיט א צעפלאמט פּאָנעם, האָט זי מיך זייער געבעטן: „פּאָזשאלויסטא, נאפּישיטיע מניע כאָטש טשטאָ-ניבוד, פּאָ רוסקיִ!”

און געבעטן האָט זי דאָס מיט אזא טמימעס, אז כ'האָב איר טאקע אָנגעשריבן אף רוסיש: „פּאָרא פּראָסיט פּאָ-יעווריסקי”...

נאָר אזעלכע זײַנען דאָ וויניק. אין דער זעלבער צײַט איז לעבן דער „באַרישניע” געשטאנען א יונגערמאן, פון די אינטעליגענטן, וואָס האָט מיר א שאָ צײַט געשאָטן מיט בראָכעס און „ווינטשעוואניעס” אף ייִדיש און דאפּקע צום גראם. און ווען כ'האָב אים געוואָלט א ביסל אָפּקילן און אים באמערקט, אז צו „שאָלעם-אלייכעם” איז ניטאָ קיין גראם, איז „מײַנער” ניט ניספּאָעל געוואָרן און טאָך קעדיי דיבער א זאָג געטאָן:

„כאָטש צו שאָלעם-אלייכעם איז ניטאָ קיין גראם,
ווינטש איך דאָך אים בראָכעס א יאם!”...

ייִדיש, הערט איר, דאָס איז אזא מין גראָז, ווי מע זאָגט בא אונדז אין וואָלין: „ס'וואקסט מיט רוכעס!”... זײַענדיק צוגעדריקט פון איין זײַט דורך די אָרטיקע שפּראכן, ווי רוסיש, פּויליש, דײַטש אאוו., פון דער אנדער זײַט, דורכן העברעיִש, — און דאָך ס'לעבט, ס'וואקסט און ס'לאָזט זיך הערן.

אזא קויעך האָט עס שוין!

אפילע אין אונדזער רעזידענץ, אין סאמע פּעטערבורג, די טאָן-געבערן אין ייִדישער פּאָליטיק, ווו די קאָנקורענץ-פּאָליטיקערײַ איז אזוי גרויס, ווו מע לויפט און מע „ווישציגעוועט” זיך איינס איבערן אנדערן, כאָלילע, ניט צוליבן קאָוועד, נאָר אלץ לעשעם-שאָמאַיִם און טויוועס-האקלאל, — אויך דאָרט, האָב איך באמערקט, כאלעשט מען מאמעש נאָך אָן עכט-ייִדישן וואָרט. פון דער האלב-דײַטשישער ריגע איז דאָך אָפּגערעדט. אוועק די יאָרן פון שעמען זיך מיט ייִדיש. מע רעדט הויך בעראָש גאָלוי, ווי זאָגט איר, ביפניי קאָל אם ווערידע!

אָט נעמט, לעמאָשל, ווארשע. פונוואנען האָט זיך דאָרט גענומען אזא ווארעמע, היציקע יוגנט? גאָר פלוצלינג, אינמיטנדערינען, פּייסעך, בא דער גרויסער שול, א גאנצע מאכנע באָכערימלעך מיט קנעפּלעך אף די מונדירלעך און צאצקעס אף די היטעלעך, פארפלייצט א גאס, און באלד ווילעריש באשאפן א ראָד, אויסגעפלאָכטענע הענט, ברענענדיקע אויגן און — „ס'לעבט שאָלעם-אלייכעם!” סאָקאָנעס נעפאָשעס!

ווי קאָן איך פארגעסן יענע קריגערישע, אָבער זיסע מינוטן פון דעם ניצאָכן, איבער וועלכן כעוורעס אין פארײנען האָבן זיך — אלץ פון מײַן קאָוועד-וועגן — געאמפּערט און געקריגט, מאמעש ווי יאנקעוו אָווינוס שטיינער אין זייער צײַט...

לאָדז — כ'וועל זי ניט פארגעסן!

כ'בין געווען דאָרט מיט זעקס און מיט נײַן יאָר צוריק. אויך דאן האָט איר יוגנט

שאָלעם-אלייכעם אין גראָדנע, 1914

געמאַכט אויף מיר דעם בעסטן רוישעם! געזונטע כעוורעלײַט און ניט קיין באַטלאָנים! געפּוצטע יונגען און קנאַקן ייִדיש אויף וואָס די וועלט שטייט!

און אויב לאַדזשער יוגנט האָט זיך איצט געענדערט, איז דאָס נאָר צום גוטן!

דאָ, אין ווילנע, איז מער ייִכעס, ווילנער אדל. ס'פּאַסט זיך ניט קאָכן — „טעוויע איז ניט קיין ייִדענע”... מער מעיושעוודיק. איר טרעפט נאָך דאָ די פאַרכאַלעמטע יונגעלײַט פון יענע יאָרן... א שוואַרצע בלוזע... לאַנגע האָר... מער קאָפּ, לאָגיק און ווינציקער ברען און היספּײַלעס...

און נאָך וואָס האָב איך באַמערקט:

עפּעס ליגט אין דער ליטווישער יוגנט א שטיק שרעק. בעשאַס זיי פּאַטשן בראַוואָ, קוקן זיי זיך אום אויף אַלע זײַטן, צי שטייט ניט ווער, וועמען דאָס זאָל ניט געפעלן...

דערהויפּט איז דאָס מיר אויסגעקומען צו זען און באַמערקן אין גראָדנע. הונדערטער יונגוואַרג האָבן מיך באַגעגנט און באַגלייט. און געשטאַנען זײַנען זיי אַזוי שטיל, רויִק. ס'האָט זיך נאָר געפילט, ווי זיי אַפּלאָדירן מיט די אויגן... געשפּירט האָב איך באַהאַלטענע אויסגעשרייען, מיט גוואַלד-פאַרשטיקטע „הוראַס”, און געשטאַנען זײַנען זיי אַזוי „סטאַטיק” און נאָר געקוקט אויף אַלע זײַטן, אַז מע זאָל ניט האָבן צו וואָס זיך צו טשעפּען...

אין ענגלאַנד איז א מאָדע — קינדער שפּילן זיך אין פּאָליטיק, פּאַרלאַמענט, לידערס, וואַלן. אין מינסק שפּילן זיך די קינדער אין ליטעראַטור, גיבן אַרויס צײַטונגען... איין צײַטונג — אין העברעיִש אַרויסגעגעבן — האָבן מיר געבראַכט צוויי קינדערלעך, ליבהאָבער פון געדרוקטן וואָרט, און זעען אויס ווי א צווילינג. ביידע אינײנעם 17 יאָר אַלט, איינס פונעם אַנדערן אָפּגערוקט אויף א יאָר (הײַנט טרעפט, ווער וויפל ס'איז אַלט?). כ'האָב אין זייער צײַטונג געפונען אַלצדינג, וואָס אין די גרויסע... און ווי קליינע, האָב איך זיי אויף דער פּאָרלעזונג געזען שטיין אויף די פענצטער, און ווי יונגע קינדער געלאַכט, געקוועלט און אַפּלאָדירט, ווי גרויסע...

כ'בין איבערגליקלעך זען דאָס אַלץ. און הערט, כ'בין פעסט איבערצײַגט, אַז ניט קוקנדיק אויף דער איצטיקער געדריקטער שטימונג, אויף די שווערע בלײַענע וואָלקנס, געשטיקטער לופט, איז דאָך ניט ווײַט די צײַט, ווען ייִדן וועלן דאָ פאַרנעמען זייער א בעקאָוועדיק אָרט, וועלן שפּילן א גוואַלדאָוונע ראָליע אין רוסלאַנד. מעגלעך, אַז כ'וועל דאָס שוין מיט מײַנע אויגן ניט זען. נאָר זאָלן כאָטש מײַנע קינדער זײַן דערבײַ...

אוי, ווי גוט! הערט, ווי די וואָראָנעס קראַקען, זעט, ווי די פליטערלעך פליִען און פאַלן, ווי שניי־עלעך פאַלן זיי!”...

(„דאָס לעבן”, 17 (4) יון)

דער איבערוף פון צייטן

זיבן אויטאָגראַפן

די געשיכטע פון איינעם א געפינס

אָט דער קלונג אין טעלעפאָן איז געווען ענלעך אף א סאַך אנדערע:

—בא מיר זײַנען פאראן עטלעכע ייִדישע ביכער, עפשער וואָלט איר א קוק געטאָן...

דאָס האָט געקלונגען א רוסישער מענטש — איגאָר פעטראָוויטש באסטריקין.

אף איגאָר פעטראָוויטשעס שרײַבטיש ליגט א קליין פעקעלע ביכער, און צווישן זיי...

יאָ, מיר האָבן גאָר פארגעסן זאָגן, אז אי. פּ. באַסטריקין איז איינער פון די מערקווירדיקע מאָסקווער קאָלעקציאָנערן. ווען מיר האָבן שפּעטער זיך נעענטער מיט אים באקאַנט, האָט ער גענומען ארויסלייגן אפן טיש נאָך ביכער, צענדליקער פּאַפּקעס מיט פאָטאָגראַפיעס, קארטלעך, בילדער, צײַטונגס־ און זשורנאַל־אויסשניטן, פארצײַטיקע דאָקומענטן, אָפּגעקליבענע און צונויפגעלייגטע לויט דער טעמאטיק. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז איגאָר פעטראָוויטש איז פארבונדן מיט א סאַך ביכער־זאמלונגען און ארכיוון, וועלכע געפינען זיך אין אלע עקן פונעם לאנד. זײַן אינטערעס איז אזוי פארשיידנארטיק, אז צו אים ווענדן זיך נאָך הילף ליטערארישע, היסטאָרישע, נאטורוויסנשאפטלעכע מוזייען.

פארוואָס האָט אונדז פארינטערעסירט איינס פון די ייִדישע ביכער, וועלכע זײַנען געלעגן אפן קאָלעקציאָנערס טיש?

אפן ערשטן זײַטל פונעם בוך, וואָס עמעצער האָט אף א היימישן אויפן צונויפגענייט פון עטלעכע בראָשורן (אין דער וויסנשאפט הייסט עס — קאָנוואָליוט) פון פארשיידענער גרייס — האָבן מיר דערזען שאָלעם־אַלייכעמס אייגנהאנטיקן קסאוו!

אפן טיטל — שאָלעם־אַלייכעם „תמונות וצללים. מחיי היהודים במאזעפעווקא" („טיפּן און סילועטן פונעם לעבן פון די ייִדן פון מאזעפּעווקע"), ארויסגעגעבן אין סאנקט־פּעטערבורג, 1889 און געדרוקט אין עטינגערס דרוקערײַ. דאָס ביכל באשטייט פון צוויי טיילן, אנטהאלט 37 און 31 זײַטלעך. און פון אויבן א ווידמונג, געשריבן אויך אין העברעיש: „למזאה לאות אהבה מאת המחבר" („לעמאזע לעויס אהאווּאָ מעייס האמעכאבער") — „מאזען אלס צייכן פון ליבשאפט. פונעם מעכאבער".

איז געווידמעט, הייסט עס, דער בוך איינעם, וואָס זײַן פאמיליע־נאָמען איז מאזע. ווער זשע איז ער געווען, אָט דער מאזע, וועמען שאָלעם־אַלייכעם האָט געשענקט דאָס ביכל „אלס צייכן פון ליבשאפט"?

די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור ווייסט אזא שרײַבער — יעהושע מאזע, וועלכער האָט זיך געדרוקט אין די אכציקער יאָרן אין די העברעיִשע אויסגאבעס „האמייליץ", „האצפירא", אינעם „ייִדישן פאָלקסבלאט" און אין אנדערע צײַטונגען און זשורנאלן, דאָס הייסט אין איינע און די זעלבע נומערן פון די דאָזיקע אויסגאבעס האָבן שאָלעם־אַלייכעמס און מאזעס נעמען ניט זעלטן זיך געטראָפן באנאנד. עפשער טאקע האָט שאָלעם־אַלייכעם געשענקט זײַנע „טיפּן און סילועטן" יעהושע מאזען?

אז זיי זײַנען געווען פערזענלעך באקאַנט, באַשטעטיקט א געשעעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווילנע, ווען שאָלעם־אַלייכעם איז דאָרט געווען אין 1914 בײַס זײַן צווייטער ליטערארישער רײַזע איבער פוילן און רוסלאנד. יעהושע מאזע איז געווען זייער א פרוכטבארער שרײַבער, וועלכער האָט פאר זײַן לעבן ארויסגעגעבן 600 ביכער — אָריגינעלע און איבערזעצונגען, נאָר צום סאָף פון זײַן לעבן (געבוירן איז ער אין 1834, געשטאָרבן אין 1917) האָט ער זיך געוואלגערט אָן א מאָקעם־מיקלעט און ניט געהאט אפילע קיין שטיקל ברויט...

אין 1912 האָט ש. ק. שנייפאל (זײַן עמעסער נאָמען איז געווען אווראָם קאזאקעוויטש, שפּעטער, אין די סאָוועטישע יאָרן, האָט ער זיך געדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים א. הינדעס) אָפּגעדרוקט אין דער צײַטונג „פרײַנט" אן ארטיקל וועגן דער טרויעריקער לאגע פון יעהושע מאזע. אין דעם זעלבן יאָר האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך אָפּגערופן אף שנייפאלס ארטיקל אין דער צײַטונג „פרײַנט" מיט אן אופרוף „אל תשליכנו לעת זקנה!" („קערט זיך פון אונדז ניט אָפּ אף דער עלטער!"), מע זאָל עפּעס טאָן פארן אלטן שריפטשטעלער. אָבער קיין מאמאָשעסדיקע הילף איז ניט געקומען. און אָט וואָס עס איז געשען אין צוויי יאָר ארום:

„...עס עפנט זיך האסטיק די טיר און עס פאלט ארוף גלײַך אף מיר א שרעקלעכע, אן אלט־צעפוילטע, שלעפעריש געקליידטע פיגור, וואָס פארשפרייט ארום זיך א טויטלעכן רייעך. איך בין פארציטערט געוואָרן. נאָר איידער איך האָב נאָך באוויזן ארומצוקוקן זיך, בין איך שוין געווען אין די אָרעמס פון אַט דער מוירעדיקער, אין שמאטעס פארוויקלטע פיגור, צוויי ביינערדיקע הענט האָבן מיך ארומגעכאפט, און איך האָב מיך דערפילט אין דער מאכט פונעם טויט...

דאָס איז געווען מאזע".

אזוי האָט געשריבן צו די בערקאָוויטשעס שאָלעם־אליישעם דעם 3 מײַ 1914 פון ווילנע.

זאָל עס טאקע זײַן אָט יענער מאזע?

דערווײַל דערגייען מיר צום צווייטן ביכל, וואָס איז א פאָרזעצונג פונעם ערשטן, דאָס הייסט דער צווייטער טייל פון „תמונות וצללים", וואָס טראָגט א צוגאָב־טיטל: „האספה. מחזה שעשועים" („האאסייפאָ. מאכזע שאאשוּים") — „די אסיפע. א דראמאטיש שטיק", ארויסגעגעבן אין סאנקט־פעטערבורג אין 1890, און א צושריפט פון אויבן אפן שארבלאט: „לכבוד ידידי היקר הרב מזאה מאת מוקירו מאוד המחבר" („ליכוויד יעדידי האיאָקער האראָוו מאזע מעייס מויקירוי מעויד — האמעכאבער") — „מײַן כאָשעוון טײַערן פרײַנט, דעם ראָוו מאזע — פון זײַן שטארקן פארערער, דעם מעכאבער".

איצט ווערט דער איניען שוין קלאָרער. ניין, ניט יעהושע מאזען האָט שאָלעם־אליכעם געשענקט דאָס ביכל „תמונות וצללים", נאָר גאָר אן אנדערן — יאקאָוו מאזען, דעם מאָסקווער ראָוו. זײַנען שאָלעם־אליכעם און יאקאָוו מאזע געווען, הייסט עס, פערזענלעך באקאנט? ווען און וויאזוי איז דאָס פאָרגעקומען? מיינען, אז דאָס איז געווען בייס שאָלעם־אליכעמס א באזוך אין מאָסקווע, איז אויסגעשלאָסן, ווײַל ניט אינעם „שאָלעם־אליכעם־בוך", ניט אין אנדערע קוואלן איז ניט אָנגעוויזן, אז שאָלעם־אליכעם האָט ווען־ניט איז באזוכט מאָסקווע. בלײַבט, אז דאָס האָט געקאָנט פאסירן אין אן אנדער אָרט. ווו?

לאָזן מיר דערווײַל די פראגע אָפן און בלעטערן ווײַטער די זאמלונג. נאָך די צוויי העברעישע ביכלעך גייט „דאָס מעסערל" („א נארישע, נאָר א טרויעריקע געשיכטע פון מײַן קינדהײַט"), ארויסגעגעבן אין סאנקט־פעטערבורג אין אָנהייב 1887 (אינעם ביכל איז פאראן אן אָנווײַזונג: „דערלויבט דורך דער צענזור פון ס.־פעטערבורג, 13 מארט 1887"). און פון אויבן אף דער הילע — א ווידמונג אף יידיש: „...שענקט א מאטאָנע דער מעכאבער".

אפן פערטן ביכל — „די בעסטע יאָרן. ערציילונג פון שאָלעם־אליכעם (פאָרזעצונג פון דער „וועלט־רײַזע"), צווייטער טייל" — אן אופשריפט אין רוסיש: „דעם הער י. מאזע — פונעם מעכאבער". דאָס ביכל איז, ווי „דאָס מעסערל", דערשינען אין 1887 אין פעטערבורג אין דער דרוקערײַ פון י. ס. לעווי און שוטפים מיט אן אָנווײַזונג, אז די פעטערבורגער צענזור האָט עס דערלויבט דעם 14 יאנוואר 1887, דאָס פינפטע ביכל — דער דריטער טייל פון „די בעסטע יאָרן", וואָס איז דערשינען אין פעטערבורג אין דעם זעלבן 1887 יאָר, — איז אָן א ווידמונג, און דאָס איז גאנץ פארשטענדלעך, ווײַל ס׳איז איין ווערק.

„דעם געערטן ה׳ מאזע — פונעם מעכאבער" — די דאָזיקע ווידמונג האָט שאָלעם־אליכעם אָנגעשריבן אף דער הילע פון זײַן איינאקטער „א כאָסן א דאָקטאָר!", וואָס האָט אן אונטערקעפל „א שטוב־זאך, אונטערגעהערט דורך שאָלעם־אליכעם". דאָס איז אויך די ערשטע אויסגאבע, וועלכע איז געדרוקט אין פעטערבורג אין 1887 אין י. לעוויס דרוקערײַ.

מערקווירדיק איז דאָס זיבעטע ביכעלע מיט שאָלעם־אליכעמס ווידמונג: „מנחה למזאה מאת מכבדו — המחבר („מינכאָ לעמאזע מעייס מעכאבדוי האמעכאבער" („א מאטאָנע מאזען פון זײַן פארערער — דער מעכאבער"). דאָס איז ניט קיין באזונדערע אויסגאבע — צונויפגעקלעפטע צײַטונגס־אויסשניטן פון 4 נומערן „הצפיראָ" (1890), אין וועלכע ס׳האָט זיך מיט פאָרזעצונגען געדרוקט זײַן דערציילונג „שושנה (זכרונות מימי נעורי") — („שוישאנע. זיכרוינעס פון די קינדער־יאָרן").

און, ענדלעך, דאָס לעצטע ביכל — „א בינטל בלומען, אָדער פאָעזיע אָן גראמען" (דערשינען אין 1888 אין בערדיטשעוו אין דער דרוקערײַ פון יאקאָוו שעפטעל). דאָס איז א פראכטפולע אויסגאבע (45 זײַטלעך), מיט א ווידמונג אין א שווארץ רעמעלע אף א באזונדער זײַטל: „אפן פרישן קייווער פון זײַן זעליקן פאָטער לייגט דאָס דאָזיקע „בינטל בלומען" אנידער, צום אייביקן אָנדענק, זײַן זון דער פארפאסער". און פון אויבן אף דער הילע: „דעם ליבסטן פון די אָדעסער דעלעגאטן ה׳ מאזע שענקט א בוקעט דער מעכאבער".

איצט זײַנען מיר געקומען צום סאמע איקער, דאָס הייסט צו דער אויסקלאָרונג, וויאזויארום האָבן זיך געקאָנט באקאנען דער יונגער שרײַבער און דער מאָסקווער ראָוו.

פארשטייט זיך, ניט אין 1887, ניט אין 1888, ניט אין 1889 און ניט אפילע אין אָנהייב פונעם 1890 (די דאטעס, ווען עס זײַנען דערשינען שאָלעם־אליכעמס דערמאָנטע ווערק, וועלכע ער האָט געשענקט מיט אווטאָגראפן יאקאָוו מאזע) האָבן זיי זיך נישט געקאָנט פערזענלעך טרעפן. און דאָ דארף מען זיך ווענדן צו שאָלעם־אליכעמס ביאָגראפיע.

די יאָרן 1887—1889 זײַנען געווען בא אים, אויב מע קאָן זיך אזוי אויסדריקן, א האָניק־צײַט. באקומען א רײַכע יערושע פון זײַן פארשטאָרבענעם שווער לאָיעוון, איז דער יונגער שרײַבער פלוצעם געוואָרן א גוויר. ער האָט גענומען ארויסגעבן „די פאָלקס־ביבליאָטעק", צאָלנדיק די אווטאָרן דעם גרעסטן פאר יענער צײַט האָנאָראר, וואָס א יידישער פארלעגער האָט זיך געקאָנט פארגינען, איינצײַטיק האָט מען אים ארײַנגעצויגן אין בירזשע־געשעפטן, וועלכע זײַנען געווען גאָר ניט פאסיק פאר זײַן נאטור. לאנג אזוי דויערן האָט ניט געקאָנט. דער קראך פון זײַנע אונטערנעמונגען האָט געבראכט דערצו, אז ער האָט געדארפט פאָשעט אנטלויפן פון קיעוו און א האלב יאָר

וואָגלען אינדערפרעמד — איבער בעסאראביע און אנדערע מעקוימעס.

שאָלעם־אלייכעם האָט שוין פון לאנג געטרוימט בעענטער זיך באגעגענען מיט מענדעלען, וועלכן ער האָט געקרוינט מיטן בעקאָוועדיקן נאָמען „דער זיידע פון דער יידישער ליטעראטור" און מיט וועלכן ער האָט דאָס ערשטע מאָל פערזענלעך זיך באקאנט אין 1888. מענדעלע האָט אים גערופן קיין אָדעס. שאָלעם־אלייכעם איז שוין געווען פרײַ פון אלע זײַנע געשעפטן און האָט געקאָנט פארווירקלעכן דעם טרוים. אָבער זיך באווײַזן פאר די אויגן פון זײַנע קרעדיטאָרן האָט ער ניט געקאָנט. קוים מיט צאָרעס האָט ער אריבערגעפעקלט קיין אָדעס די מישפאָכע, און ווען ס'האָט אים שוין ענדלעך גאָרנישט ניט געדראָעט, איז ער אויך אליין אהין געקומען.

א ליטעראַרישן נאָמען האָט ער שוין דעמלט געהאט, נאָר קיין אָדעס איז ער געקומען אָן א גראָשן. אים איז גוט ביטער געווען אפן הארצן, און קיין נאָענטע פערספעקטיוו, וויאזוי זיך ארויסרײַסן פון דער גרוב, וווהין ער איז ארײַנגעפאלן, האָט ער ניט געזען. און דאָ האָבן אים אָפגעזוכט די נײַגעבוירענע „אויסלייזער פונעם יידישן פאָלק" — די קלאל־טוער פון דער געזעלשאפט „כויוועוויי־ציאָן". ווען אין 1890 איז אין אָדעס צונויפגערופן געוואָרן דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די כויוועווייציעניקעס, האָבן זיי אויך שאָלעם־אלייכעמען געפרוווט ארײַנשלעפן אין זייער קאָמפאניע. צי ניט אָף אָט דער אסיפע האָבן זיי פערזענלעך זיך באקאנט — שאָלעם־אלייכעם און מאזע?

פארן יונגן שריפטשטעלער האָט יאקאָוו מאזע געדארפט דעמלט זײַן א גרויסער אווטאָריטעט, און דאפקע ניט דערפאר, וואָס מאזע האָט געהערט צום העכסטן ראבאָנישן קלאן. אין 1886, ווען שאָלעם־אלייכעם האָט נאָך געלעבט אין בעלאָצערקאָוו און געגומען טראכטן, וואָס ער וועט טאָן מיטן געלט, וואָס ער האָט באקומען בעירושע פון זײַן שווער, האָט יאקאָוו מאזע שוין געהאט פארענדיקט דעם יורידישן פאקולטעט פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, געשריבן ארטיקלען פארן „האמייליץ" און איז געוואָרן א קלאל־טוער מיט א שעם איבער גאנץ רוסלאנד.

דער איניען „כויוועוויי־ציאָן" איז געלעגן בא שאָלעם־אלייכעמען אין דער לינקער פייע, און דאָס באשטעטיקן אליין די טוער פון אָט דעם קאָמיטעט. י.־כ. ראווניצקי, לעמאָשל, שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס, אז ווען ער האָט אין 1886 זיך געווענדט צו שאָלעם־אלייכעמען מיט א באקאָשע צושיקן „עפּעס א זאך" פארן זאמלבוך „דער

די ביכער מיט שאָלעם־אלייכעמס אווטאָגראַפן.

וועקער״, וואָס ער, ראַווניצקי, מיט נאָך איינעם פון זײַנע פרײַנט האָבן זיך גענומען ארויסצוגעבן, „קעדיי צו וועקן און מונטערן דעם אוילעם און אופבלאָזן אין ייִדישע הערצער דעם פונק פון כיבאס ציִאָן״, האָט שאָלעם־אַלייכעם אים געענטפערט:

„...איך וואָלט אײַך ניט געזשאַלעוועט קיין דראַמעס, סאַטירישע עפּיזאָדן, הומאָריסטישע ראָמאַנטשיקלעך, שטעכנדיקע נאָדלען, בײַסנדיקע פּלייגעלעך אאַוו., אאַוו. וואָס זשע, אַז איר גיט מיר אַ זשורנאַל נאָך אײַער גוסט און הייסט מיר שרײַבן... אַרבעטן „פּאָ זאַקאַזו״ טויג אָף קאַפּאָרעס... איך קאָן ניט הייסן יענעם גלייבן דאָרט, ווו איך גלייב אַליין זייער ווינציק...״ (זע „צום אָנדענק פון שאָלעם־אַלייכעם״, זאַמלבוך, 1917, זז. 44—45).

און שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן שרײַבט ער צו דעם זעלבן ראַווניצקין:

„איר זאָגט, ברודער, איך קאָן מיר שרײַבן וואָס מיר גלוסט זיך, וואָס מײַן טאַלאַנט פאַרלאַנגט אאַוו. און צום סאָף שטעלט איר מיר אַ פּונקט: אַשטייגער לעמאָשל, פאָרצושטעלן דעם עמעסן „נאַרישן״ אַסימילאַטאָר מיט אַלע זײַנע אאַוו. און דערמיט גיט איר מיר שוין אַ טענדענציע אָף צו באַאַרבעטן און זאָגט אַזוי, אַז די נאָז זאָל זײַן אַ לאַנגע, די אויגן באַנקעוואַטע, דאָס פּאָנעם געשוואָלן, דער בויך ווי אַ באַרג, די פיסעלעך קורצע און אויסגעבויגענע אאַוו. און גיט אים אַ נאָמען „אַסימילאַטאָר״... ניין, איך בין ניט קיין אַסימילאַטאָר און ניט קיין פּאַלעסטינעץ; איך בין אַ ייִד און האָב ליב אַ ייִדן, מאַכמעס איך בין אַ מענטש און האָב ליב אַ מענטשן. יעדע אידיי, ווי הייליק זי זאָל ניט זײַן, קוים פאַלט זי אַרײַן צו אונדז, מענטשן, אין די הענט אַרײַן, אַזוי הייבט מען זי אָן צו קניטען און קנייטשן, אַז זי מוז באַקומען די נאַרישע, לעכערלעכע זײַט: דערום קאָן מען כויזעק מאַכן אי פונעם אַסימילאַטאָר, אי פונעם פּאַלעסטינעץ״ (דאָרט, ז. 45).

באַ דער געלעגנהײַט איז דאָ ניט איבעריק צו ברענגען אַן אויסצוג פון שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו ש. דובנאָוון, געשריבן אין 1888:

„...נאָך איין שײַלע. ה׳ קאַלמאַנסאָן (דער זון) האָט אָנגעשריבן פאַר מײַן „ביבליִאָטעק״ (ערשטער באַנד) ניט קיין שלעכטע קאָמפּילאַציע וועגן די מיינונגען פון פאַרשיידענע געלערנטע און פילאָסאָפן וועגן ייִדישן פאָלק. די אַרבעט איז אָנגעשריבן ניט שלעכט, נאָר מיך באַאומרויִקט דער געדאַנק, אַז פאַר קיין פאָלק פּאַסט ניט צו מאַכן אַזאַ צימעס דערמיט, וואָס מיר, מישטיינסגעזאָגט, זײַנען אַ צאַצקע באַם ריבוינעשעלוילעם און אַטאָ בעכאַרטאָנו. ווי איז אײַער מיינונג וועגן דעם?״ (זע שאָלעם־אַלייכעם, אויסגעוויילטע בריוו, אָגיז, מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע, 1941, ז. 69).

אַזוי־אַרום, איז שאָלעם־אַלייכעמס בײַוועזנהײַט אָף דער אַסיפע פון די כויוועווײ־ציִעניקעס אין אָדעס אין 1890 געווען גאָר אַ צופעליקע. אָבער דער שרײַבער איז שטענדיק פאַרבליבן טרײַ זײַנע הומאָריסטישע, אינטערנאַציִאָנאַליסטישע איבערצײַגונגען, וואָס האָבן זיך נישט געפּאָרט ניט מיט די ספּעקוליאַטיווע מאַכינאַציעס פון די כויוועווײציִעניקעס, ניט מיט די רעאַקציאָנער־נאַציִאָנאַליסטישע שטרעבונגען פון די ציִעניסטן. וועגן דעם זאָגן אײדעס זײַנע ווערק און אַ סאַך זײַנע בריוו.

וואָס שײַך די זיבן אויטאָגראַפן שאָלעם־אַלייכעמס, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט יאַקאָוו מאַזעס נאָמען, זײַנען מיר צופרידן, וואָס זיי האָבן זיך אַלפּי־נעס פאַרהיט אַדאַנק דעם מאָסקווער קאָלעקציִאָנער איגאָר פּעטראָוויטש באַסטריקינען. עמעס, איגאָר פּעטראָוויטש קאָן זיך ניט דערמאָנען, ווי־אַזוי־אַרום איז אָט דער קאָנוואָליוט אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע הענט. יאַקאָוו מאַזע איז געשטאָרבן אין מאָסקווע אין 1924, און זײַנע יאָרשים, ווי אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצוקלאָרן, האָבן גאָר ווייניק פאַרהיט פון זײַן רײַכער ביבליִאָטעק. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט י. מאַזעס טאָכטער (זי לעבט אין מאָסקווע) פאַרקויפט דער אַלפאַרבאַנדישער לענין־ביבליִאָטעק אַ היפּש ביסל בענדער פון איר פאָטערס ביכער־זאַמלונג (אָף העברעיִש, ייִדיש, רוסיש און אַנדערע שפּראַכן). צווישן זיי איז אָבער דער קאָנוואָליוט, וועגן וועלכן עס גייט אַ רייד, ניט געווען. ווײַזט אויס, ער איז פאַרשוווּנדן פון י. מאַזעס ביבליִאָטעק שוין פון לאַנג, ביז ער איז, ענדלעך, מיט אַ יאָר צען צוריק אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פונעם דערמאָנטן קאָלעקציִאָנער...

אָן און פאַר זיך האָט יעדעס ביכעלע פון אָט דער זאַמלונג זײַן אייגענע געשיכטע און שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינטערעסאַנט בלעטל אין שאָלעם־אַלייכעמס לעבן און שאַפונג. עפּעס־וואָס לוינט דאָ צו דערמאָנען.

אָט, לעמאָשל, נעמען „דאָס מעסערל״, וואָס איז דערשינען אין דער טיפּאָגראַפיע פון ייִסראָעל לעווי און זײַנע שוטפים. די דאָזיקע קליינע דערציילונג איז געווען אַ גאַנצע איבערקערעניש אין שאָלעם־אַלייכעמס שעפערישער ביִאָגראַפיע. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער וועגן דעם געשריבן:

„יענע צײַט איז געווען באַ מיר אַ צײַט פון מיסכער, פון געלט, פון בערזע, פון פּאַפּירן אוכדוימע אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען ניט שײַך צו ליטעראַטור. איך האָב זיך אַרײַנגעכאַפּט, ווי מע זאָגט, אין די פעדערן, אין די גרויסע שווערע טויזנטער און וואָלט עפּשער אַוועק אָף אַן אַנדער וועג... געקומען פון דער גרויסער שטאָט וועגן פאַרשיידענע גרויסע אייסאָקים און אײַנגעמידט פון דעם טאָג, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן און האָב ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. בין איך אופגעשטאַנען, זיך געזעצט צום שרײַבטיש און אָנגעשריבן, ניט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעגאָסן אַ זאַך, אַן ערינערונג פון מײַנע קיידער־יאָרן און האָב דאָס אַ נאָמען געגעבן „דאָס מעסערל״ און האָב דאָס אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע און פאַרגעסן.

ווײַהי האַיוים, איך לייען דעם „וואָסכאָד״, טרעף איך אַן איבערבליק איבער ליטעראַטור פון „קריטיקוס״ (דובנאָוו) איבער פאַרשיידענע שמאַטעס אובעסויכעם מײַן „מעסערל״. מיט אַ שרעקלעך האַרצקלאַפּעניש האָב איך איבערגע־

לייענט די עטלעכע וואַרעמע שורעס פון דעם „קריטיקוס", וואָס לויבט דאָס „מעסערל" מײַנס און זאָגט נעוויִעס, אַז דער יונגער מעכאַבער פונעם „מעסערל" ווײַזט אויס אַ טאַלאַנט צו זײַן און ער וועט נאָך אַמאָל געבן גוטע זאַכן פאַר אונדזער אָרעמער יידישער זשאַרגאָן־ליטעראַטור..." (זע שאָלעם־אַלייכעם, אויסגעוויילטע בריוו, זז. 137—138).

נאָר אויב „דאָס מעסערל" אַליין האָט פאַרשאַפט שאָלעם־אַלייכעמען פרייד, דערמאָנט עס אויך וועגן די גרויסע יעסורים, וואָס דער יונגער שרײַבער האָט אין יענע יאָרן געהאַט אויסצושטיין. און פון וועמען? פונעם אַרויסגעבער! יִסראָעל לעווי איז געווען אַן אָדיִאָזע פיגור אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאַרלאַג־וועזן. איינער פון די רעדאַקטאָרן פונעם פּעטערבורגער „יידישן פאָלקסבלאַט", האָט ער געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו דער יידישער שפּראַך, געשריבן לייטאַרטיקלען אין דער צײַטונג, אין וועלכע ער האָט כויזעק געמאַכט פון יידיש. נאָך מער, „דער מעשוגענער לעווי", ווי שאָלעם־אַלייכעם פלעגט אים רופן, האָט בעקיוון אַרײַנגעשטעלט אין זײַנע ווערק אומגעלומפּערטע פראַזעס אַפּן ליטווישן אופן (ער איז געווען פון ליטע) און דערנאָך די זעלבע פראַזעס אופגעוואָרפן דעם שרײַבער אין די רעצענזיעס, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „פאָלקסבלאַט".

שאָלעם־אַלייכעם איז געווען אופגעבראַכט פון לעוויס מיִעסע שטיק, אָבער ער איז ניט געווען בעקויעך, זיצנדיק אין קיִעוו, עפּעס פאַרצונעמען. דעם 27 דעקאַבער 1887 שרײַבט ער צו יאַנקעוו דינעזאָנען:

„אויב איר האָט גאָט אין האַרצן — דאַרפט איר די רעגע אַרויספאָרן קיין פּעטערבורג! גוואַלד, נעמט טוט אַ קוק אין דעם לעצטן [נומער] 52 פונעם „פאָלקסבלאַט". אַ האַרצווייטעק צו צוזען, ווי אונדזער טײַערער זשאַרגאָן גייט צו גרונט!.. זעט די שפּראַך, זעט דעם סטיל, נעמט זעט, — לעזט און ווערט אַזוי צעפּלאַצט, ווי עס פּלאַצט אין מיר דאָס האַרץ!.." (זע שאָלעם־אַלייכעם, אויסגעוויילטע בריוו, ז. 39).

אין אַן אַנדערן בריוו קלאָגט ער זיך נאָכאַמאָל פאַר דינעזאָנען:

„...מע מוטשעט מיך, מע שינדט מיר מײַן הויט, מע טרענט מיר די אָדערן, מע עסט מיך לעבעדיקערהייט, וואָס ווייסט איר? וואָס ווייסט איר?.. נעמט דעם לעצטן (דאַכט זיך, 51 „פּ'ב") און זעט די פּערעדאָוויצע פונעם „יידישן גאַזלען" — פון לעווי — וועט איר זען... אויב די פאָלקס־שפּראַך און איר אָרעמע און יונגע ליטעראַטור זײַנען אײַך טײַער, אויב איר האָט אַ געשמאַק און פאַרשטאַנד אין אַלץ, וואָס איז שיין, מוזט איר אופגעציטערט ווערן מיט אַלע אײַערע אייוורים, ווען איר זעט אָט די מיִעסע, העסלעכע כויזעקמאַכערײַ פון געדאַנק, אײַנהאַלט, שפּראַך, פאָרם אַאַוו..." (דאָרט, ז. 41).

אָט אין וואָס פאַר אַ שטורעמס, וועלכע עס האָבן געבושעוועט אין שאָלעם־אַלייכעמס האַרץ, דערמאָנען די צוויי שורעס: „ס'ט־פּעטערבורג, אין דער דרוקערײַ פון יִסראָעל לעווי און שוטפים", וואָס מיר לייענען אַפּן שאַרבלאַט פון שאָלעם־אַלייכעמס „דאָס מעסערל", אַרויסגעגעבן אין 1887. דאָס הייסט צום ערשטן מאָל אין אַ באַזונדער ביכל.

„אַ בינטל בלומען" — דאָס לעצטע ביכל אינעם קאַנוואַליוט, וועגן וועלכער עס גייט אַ רייד, — האָט אויך אַ באַזונדערע געשיכטע. דערשינען איז דאָס ביכל אין בערדיטשעוו אין 1888 אין יאַקאָוו שעפּטעלס דרוקערײַ. אין זײַן בריוו צו י.־כ. ראַווניצקין שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם דעם 20 פעווראַל 1888:

„...צום אָנדענק פון מײַן זעליקן פאָטער, בעשאַס שיווע, ווען מײַן אָרעמע מוזע האָט זיך אָנגעקליידט מיט טרויער, האָב איך אויסגעקליבן פון מײַנע געדאַנקען די בעסטע, די טײַערסטע פּערלען און האָב פון זיי געמאַכט אַ בוקעט, אַ „בינטל בלומען"... אַנידערצולייגן אַפן פרישן קייווער פון מײַן פאָטער ז'ל. דאָס דאָזיקע בינטעלע אײַנהאַלטעט אין זיך „פּאָעזיע און גראַמען" — „סטיכאָטוואָרעניִא ו פּראָזע", אַף דעם אופן פון טורגעניעוו און גי־דע־מאָפּאַסאַן. אָן אָריגינעלע זאַך, וואָס דער זשאַרגאָן האָט דאָס נאָך ניט געהערט און ניט געזען..." (זע שאָלעם־אַלייכעם, אויסגעוויילטע בריוו, ז. 46).

און ווײַטער טיילט שאָלעם־אַלייכעם מיט, אַז דאָס ביכל געפינט זיך שוין אין דרוק — „אַפּן בעסטן פּאַפּיר, אַ ראַסקאָשנע אופלאַגע", און דרוקט זיך עס אײַנגאַנצן אין עטלעכע הונדערט עקזעמפּליאַרן — „נישט אַף מיסכער". אַזויאַרום, איז אָט דער עקזעמפּליאַר, וואָס ליגט פאַר אונדז, — איינער פון די 500, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין בערדיטשעוו מיט הונדערט יאָר צוריק און זײַנען שוין פון לאַנג געוואָרן אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט.

זיבן אווטאָגראַפן פונעם גרויסן שרײַבער. זיבן פּערל פון זײַן גרויסער ליטעראַרישער יערושע. און אַ שעמעריר געטאָן האָבן זיי נאָרוואָס — ווען מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו שאָלעם־אַלייכעמס 125־טן געבורטסטאָג. אַזוינס טרעפט ווירקלעך, ווי מע זאָגט, איין מאָל אין אַ יויוול. און מיר זײַנען דאַנקבאַר דעם גורל, וואָס ער האָט אונדז צום יובלײַ פונעם גאוניאַלן פאָלקס־שרײַבער אונטערגעטראָגן אַזאַ טײַערע מאַטאָנע.

כאַיִם ביידער

דערשיינען אינעם פארלאג
„סאָוורעמעניע פּראָבלעמי"

אין אָקטיאבער 1908 איז געוואָרן 25 יאָר, זינט שאָלעם-אלייכעם האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט. זײַנע פרײַנט, בעראָש מיטן באַוווּסטן ייִדישן שרײַבער יאנקעוו דינעזאָן, האָבן באשלאָסן וואָס ברייטער אָפּצומערקן די דאטע. שאָלעם-אלייכעם האָט אין יענער צײַט געוווינט אין אויסלאנד, אין נערווי (איטאליע), ווּ ער האָט זיך געהיילט פון טובערקוליאָז. הונדערטער באגריסונגס-טעלעגראמעס און בריוו זײַנען אָנגעקומען קיין נערווי, אויספירלעכע ארטיקלען וועגן דעם יובּיליאר זײַנען דערשינען אין דער רוסישער פּראָגרעסיווער פּרעסע, מע האָט אָרגאניזירט יובּיליי-אָוונטן — אזוי איז מען אין רוסלאנד מעקאבל-פּאָנעם געווען דעם גרויסן ייִדישן שרײַבער. אָבער די וויכטיקע געשעעניש איז פאר שאָלעם-אלייכעמען געווען דאָס אומקערן אים די מעכאבער-רעכט אָף זײַנע פריִער דערשינענע ווערק. דער יובּיליי-קאָמיטעט האָט זיי אין פרילינג 1909 מיט גרויסע שוועריקײַטן אויסגעקויפט בא פּריוואטע פארלעגער. ווען שאָלעם-אלייכעם האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם דערפאָלג פונעם איניען, וואָס איז געווען פאר אים לעבנסוויכטיק, האָט ער דעם 27 מארט מיט דאנקבארקײַט געשריבן דינעזאָנען:

„...אויב עס וועט מיר זײַן באשערט מער מיט עטלעכע יאָר צו לעבן, אלס איך האָב גערעכנט, וועל איך אָן צווייפל מעגן זאָגן, אז אין דעם זײַט איר שולדיק, איר און אלע איבעריקע פרײַנט, וואָס האָבן אזויפיל געטאָן, אום אײַערע אידייע וועגן דעם „פּידיון שוווּיִם" דורכצופירן" (שאָלעם-אלייכעם, אויסגעוויילטע בריוו, מעלוכע-פארלאג „דער עמעס". מאָסקווע, 1941, ז. 208).

אן ערעך מיט א כוידעש פריִער האָט דער מאָסקווער ביכער-פארלאג „סאָוורעמעניִע פּראָבלעמי" („הײַנטצײַטיקע פּראָבלעמען"), וויסנדיק וועגן די באמיִונגען פונעם יובּיליי-קאָמיטעט, אָנגעהויבן צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט שאָלעם-אלייכעמען וועגן א מעגלעכקײַט ארויסצוגעבן א זאמלונג פון זײַנע ווערק אין רוסיש.

דער שרײַבער האָט גאָרניט געהאט קעגן און האָט זיך מיט גרייטקײַט אָפּגערופן אפן פאָרשלאָג. אין זײַן ענטפער פון נערווי דעם 19—6 פעוראל האָט ער געשריבן:

„אנטשולדיקט מיך, איך בעט אײַך, וואָס איך האָב אזוי פארהאלטן דעם ענטפער אף אײַער בריוו. נעמט אין אכט, אז איך בין דאָך א פּאציִענט. א קראנקן מענטשן איז מען אלץ מויכל... מײַן פרײַנט פון מאָסקווע, שור, וועט פירן מיט אײַך דעם געשפּרעך וועגן אונדזער איניען"[1].

אין א יאָר ארום נאָכן אָנהייב פון די געשפּרעכן האָט דער פארלאג „סאָוורעמעניִע פּראָבלעמי" ארויסגעלאָזט דעם ערשטן באנד פון שאָלעם-אלייכעמס ביכער-זאמלונג אין דער איבערזעצונג פון יו. י. פּינוס. אפן פראָנטיספּיס האָט מען געגעבן דעם שרײַבערס פאָטאָגראפיע מיט זײַן פאקסימילע. אינטערעסאנט איז אויך דער ארײַנפיר פונעם מעכאבער, וואָס איז שפּעטער מער ניט איבערגעדרוקט געוואָרן. מיר ציטירן אים מיט קליינע קירצונגען.

„אָט איז שוין באלד צוויי טויזנט יאָר, ווי זי שטייט — די הויכע, מעכטיקע כינעזישע וואנט, און טיילט אָפּ דאָס אינוויייניקסטע ייִדישע וועלטל פון דער איבעריקער וועלט, וואָס רינגלט עס ארום. אָנשטאָט צו פארניכטן די וואנט און טיפער ארײַנצוקוקן אין אָט דעם איזאָלירטן וועלטל, שפּארן זי גוטע מענטשן מיט קויכעס אונטער, פארפעסטיקנדיק זי ווער מיט א נײַעם ציגל, ווער אויך מיט א שטיין, אזוי אז זי ווערט אלץ העכער און פעסטער... ייִדישע שרײַבער און קינסטלער שטרעבן שוין לאנג דורכצולײַכטן דעם מיסטישן נעפּל און צעטרײַבן די שאָטנס, וואָס פאלן פון דער פאטאלער וואנט. אָט איז שוין העכער א פערטל יאָרהונדערט, ווי אויך איך מיט מײַנע שוואכע קויכעס באטייליק זיך אין דער דאָזיקער ארבעט: איך באמי זיך צו באגרײַפן דעם אינערלעבן זין פונעם לעבן פון די אײַנוווינער פונעם טכום-האמוישעוו און געפין דאָ א ליכטיק געשטאלט פון א מענטשן מיט אלע זײַנע פריידן, ליידן און שטרעבונגען צו אן אידעאל. דער ווידערשפּרוך צווישן די אויסערלעכע באדינגונגען פונעם לעבן אינעם וויסטן „טכום" און די ריינע נעשאָמע-פלאטערן שאפט אָפּטמאָל קאָמישע סיטואציעס, וועלכע רופן ארויס ווען א שמייכל און ווען א קוואל פון געלעכטער. לייענער זעען טיילמאָל אײַן די דאָזיקע דערשײַנונג ניט אין דעם לעבן גופע, פאר וועלכן זי איז כאראק-

[1] צגאלי, פ. 2910, באשר. 1, איניען 6, ז. 1.

טעריסטיש, נאָר אין דער פאנטאזיע פון א וויצלדיק־געשטימטן שרײַבער. און דער שרײַבער ווערט, לויט א מיספארשטענדעניש, פארעכנט פאר א הומאָריסט.

דעם געדאנק צו באקאנען מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן פונעם „טכום" ניט נאָר זײַנע אײַנוווינער אליין, נאָר אויך, מיט דער הילף פון איבערזעצונגען פון די ווערק פון ייִדישע שרײַבער, דעם ברייטן אוילעם, קאָן מען נאָר באגריסן. דער גרעסטער טייל צאָרעס, וואָס שיטן זיך אף די קעפּ פון מײַנע ברידער, קומען דערפון, וואָס מע קען אונדז אינגאנצן ניט — אָדער קימאט אינגאנצן ניט, און ניט דערפון, וואָס, ווי אנדערע מיינען, מע קען אונדז צו גוט. טאקע פון דעם שטאנדפּונקט האָב איך מיט פרייד אופגענומען דעם פאַרשלאָג פון „סאָווּרעמעניע פּראָבלעמי" וועגן דער איבערזעצונג פון מײַנע ווערק אף רוסיש.

...נאָך א פּאָר ווערטער. דער ביכער־פארלאג „סאָוורעמעניע פּראָבלעמי" האָט מיך געבעטן, אויסער דעם פאָרוואָרט צו דער איבערזעצונג, געבן אייניקע ביִאָגראפישע יעדיִעס וועגן זיך. איך זע ניט אײַן קיין נויטווענדיקײַט אין דעם. די, וועמען ס'קאָנען פארינטערעסירן אזעלכע יעדיִעס, וועלן אינעם לעבן פון די יונגע העלדן, וועלכע איך שילדער, געפינען א סאך געשעענישן און שטריכן פון דעם לעבן פונעם מעכאבער — א טוישעוו פון דעם זעלבן „טכום"... פעוורואל 1910, נערווי (איטאליע)".

אינעם ערשטן בוך, וואָס האָט געהייסן „קינדער פונעם „טכום", ב. 1, זײַנען ארײַן עטלעכע דערציילונגען, צווישן זיי די גרויסע דערציילונג „זאפּיסקי אָדנאָגאָ מאלטשיקא" (הײַנט — ברייט באוווּסט אונטערן קעפּל „מאלטשיק מאָטל"). שאָלעם־אלייכעם האָט געהאלטן פאר נייטיק צו שיקן דעם בוך א ריי רוסישע שרײַבער, פרײַנט און באקאנטע (ל. נ. טאָלסטאָיען, א. מ. גאָרקין און אנד.).

אינעם בײַגעלייגטן בריוו צו ל. נ. טאָלסטאָיען האָט שאָלעם־אלייכעם געשריבן:

„טײַערער לעוו ניקאָלײַעוויטש!

איך האָב געבעטן אינעם מאָסקווער פארלאג „סאָוורעמעניע פּראָבלעמי", מע זאָל אײַך ארויסשיקן פארן פאָלקס־לייענזאל אף אײַער נאָמען אין יאסנאיא פּאָליאנא 1 עקזעמפּליאר פון מײַן בוך „קינדער פונעם „טכום" (ס'איז דערווײַל ארויס דער I באנד, דער II, III און IV דרוקן זיך).

איך וואָלט זיך ניט געוואגט אײַך צו באשווערן מיט די ווערק פון מײַן פּעדער. אָבער איך האָב ריזיקירט עס צו מאכן פאר אײַער לייענזאַל, און אָט פאַרוואָס: „אונדזער


СОБРАНІЕ СОЧИНЕНІЙ
ШОЛОМЪ-АЛЕЙХЕМА.
Т. I.
ДѢТИ „ЧЕРТЫ".
К-ВО «СОВРЕМЕННЫЯ ПРОБЛЕМЫ»

СОБРАНІЕ СОЧИНЕНІЙ
МЕНДЕЛЕ-МОЙХЕРЪ-СФОРИМЪ.
Т. I.
ВЪ ДОЛИНѢ ПЛАЧА
РОМАНЪ.
К-ВО «СОВРЕМЕННЫЯ ПРОБЛЕМЫ»

СОБРАНІЕ СОЧИНЕНІЙ
ЛЕОНА ПЕРЕЦА.
T. I
ИЗЪ УСТЪ НАРОДА.
АВТОРИЗОВАННЫЙ ПЕРЕВОДЪ.
К-ВО «СОВРЕМЕННЫЯ ПРОБЛЕМЫ»

די הילעס פון שאָלעם־אלייכעמס, מענדעלע מויכער־ספאָרימס און י.־ל. פּערעצעס ווערק, ארויסגעגעבן אינעם פארלאג „סאָוורעמעניע פּראָבלעמי" אף רוסיש.

שרעקלעכע צײַט, — זאָגט אין זײַן רעצענ-
זיע אַף דעם בוך *אמפיטעאטראָו*, — גיסט
אַרײַן אינעם לעבן אַזאַ מאָס סאַם פון פײַנט-
שאַפט, אַז טרעפן אין דער ליטעראַטור אַ
מיטל קעגן דעם סאַם איז אַ גרויסע פרייד.
שאָלעם-אַלייכעמס בוך איז אַ מעכטיק און
אַ דורכדרינגלעך מיטל".

דערפאַר רעקאָמענדירט ער הייס דעם
בוך אַלע רוסישע עלטערן, וועלכע ווילן, אַז
זייער יונגער דור זאָל וואַקסן אין גײַסט
פון גערעכטיקײַט, ליבע צו מענטשן און
אַלמענטשלעכער גלײַכבארעכטיקונג.

ווייסנדיק, ווי ס'דערעסט אײַך דער אוי-
לעם, אָנהייבנדיק פון דער פראַגע פון בײַטן
די רעליגיע און ענדיקנדיק מיט אייצעס, אַף
וועלכער זײַט מע דאַרף שלאָפן, קעדיי דער
מאָגן זאָל בעסער פאַרדײַען, זאָג איך זיך
אָפּ פון דער ביטע, איר זאָלט ענטפערן אַף
מײַן בריוו, אָבער איך וואָלט געווען גרענעצ-
לאָז גליקלעך, ווען איך וואָלט זיך דערוווּסט,
אַז מײַן באַשיידענע מאַטאָנע איז אופגענו-
מען געוואָרן מיטן זעלבן ברידערלעכן געפיל,
מיט וועלכן זי איז געשענקט געוואָרן.

ליבנדיקער אײַך שאָלעם-אַלייכעם
נערווי, 1910.IV.10".

אין דער רעשימע פון בריוו, אָנגעשריבע-
נע לויטן אופטראַג פון ל. נ. טאָלסטאָיען,
קאָן מען געפינען אַ שריפטלעכע באַשטעטי-
קונג, אַז דער שרײַבער האָט באַקומען דעם
בוך, וואָס דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעשיקט,
און אויך דעם אויבנדערמאָנטן בריוו, וועגן
וואָס טאָלסטאָיס קרוווים האָבן מיטגעטיילט
שאָלעם-אַלייכעמען (זע — ל. נ. טאָלסטאָי,
פולע זאַמלונג פון ווערק אין 90 בענדער,
ב. 81, מאָסקווע, 1957, ז. 297).

ס'איז גוט באַוווּסט מ. גאָרקיס בריוו
צו שאָלעם-אַלייכעמען פאַרן 21 אַפּרעל 1910
נאָכן איבערלייענען „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס"
אין דער רוסישער איבערזעצונג. דער ענטפער
האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אַף זיך. דעם
22 אַפּרעל איז פון נערווי קיין קאַפּרי אָפּגע-
שיקט געוואָרן אַ בריוו, וועלכן שאָלעם-
אַלייכעמס טאָכטער ליאַליע קויפמאַן האָט
אָנגעשריבן אונטערן דיקטאַנט פון איר
קראַנקן פאָטער: „...אײַער ברידערלעך אויס-
געדריקטע מיינונג, — שרײַבט זי, — האָט
געווירקט אַף אים (דה. שאָלעם-אַלייכעמען. —
א. ר.), זאָגט ער, בעסער פון אַלערליי קלו-
גע פּראָפעסאָרן און כיטרע צוגעקלערטע
רעפֿועס..."

סאַכאַקל זײַנען אין די יאָרן 1910—
1913 אַרויס 8 בענדער פון די ווערק פו-
נעם ייִדישן שרײַבער, וועלכע זײַנען וואַרעם
אופגענומען געוואָרן מיצאַד דעם רוסישן
לייענער. ביזן 1959 איז די דאָזיקע ביכער-
זאַמלונג געבליבן די איינציקע פולסטע זאַמ-
לונג פון שאָלעם-אַלייכעמס ווערק אין דער
רוסישער איבערזעצונג.

אין „סאָוורעמעניִע פּראָבלעמי" איז אין
די יאָרן 1911—1913 דערשינען אויך אַ
זאַמלונג פון ווערק פון יִיצכאָק-לייבוש פּע-
רעץ אין דרײַ בענדער (אין דער איבערזע-
צונג פון י. פּינוס) און אין 1912 — אַ
זאַמלונג פון צוויי בענדער פון מענדעלע
מויכער-ספאָרים, איבערגעזעצט פון י. פּינוס
און א. דערמאַן.

ווער איז געווען דער אייגנטימער פונעם
פאַרלאַג „סאָוורעמעניִע פּראָבלעמי"? וואָס פאַר
אַ ריכטונג האָט ער אויסגעקליבן אין זײַן
טעטיקײַט און וועלכע ביכער זײַנען אַרײַן
אין דער רעשימע פונעם פאַרלאַג אין מע-
שעך פונעם 20-יאָריקן פעריאָד פון זײַן
עקזיסטענץ? ווער זײַנען געווען זײַנע נאָענטס-
טע מיטאַרבעטער? אָט די דאָזיקע און אַ ריי
אַנדערע פראַגן האָבן אונדז פאַרינטערעסירט,
ווען מיר זײַנען צוגעטראָטן צום זוכן און
פאָרשן מאַטעריאַלן פאַר דער דאָזיקער
אַרבעט.

דער גרינדער פונעם פאַרלאַג, ניקאָלײַ
אַבראַמאָוויטש סטאָליאַר (1888—1936), איז
געבוירן געוואָרן אין אַ ייִדישער מישפּאָכע
אין דער שטאָט יאַס (רומעניע). שפּעטער איז
די מישפּאָכע אַריבערגעפאָרן קיין רוסלאַנד,
ווו ניקאָלײַ האָט געענדיקט אַ קאָמערץ-שול
און איז אין 1903 אָנגעקומען אַרבעטן אין
אַ ביכער-קראָם פון דער געזעלשאַפט
מ. א. וואָלף אין מאָסקווע. אַן אייגענעם
פאַרלאַג האָט ער געגרינדעט אין אווגוסט
1907, שטעלנדיק פאַר זיך אַ ציל צו פאַרינ-
טערעסירן ברייטע קרײַזן רוסישע לייענער
„מיט די לעבעדיקסטע און אַקטועלסטע פּראָב-
לעמען פון דער וויסנשאַפטלעכער און קינסט-
לערישער קולטור".

דאָ איז דאָס אָרט צו מאַכן אַ קליינע
אָפּווײַכונג און זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן
נ. א. סטאָליאַרס עלטערן ברודער — לאַזאַר
אַבראַמאָוויטשן, וועלכער האָט ניט ווייניק
מיטגעהאָלפן באַם גרינדן „סאָוורעמעניִע
פּראָבלעמי". אין 1911 האָט ער געשאַפן
אַן אייגענעם „אוניווערסאַלן ביכער-פאַרלאַג
פון ל. א. סטאָליאַר", וועלכער האָט אין די
יאָרן 1912—1916 אַרויסגעגעבן אַרום
50 ביכער פון פאַרשיידענעם אינהאַלט, צווישן
זיי פאַרנעמען אַ בעקאָוועדיק אָרט שאָלעם-
אַלייכעמס צוויי ראָמאַנען — „בלאָנדזנדע
שטערן" — אין דער איבערזעצונג פון
א. ניעזשדאַנאָוואַ (1913) און „דער בלוטי-
קער שפּאַס" אין דער איבערזעצונג פון

ס. ראַוויטש (1914). ביידע אויסגאַבעס זײַנען אויטאָריזירט. אויסער דעם, האָט דער פֿאַרלאַג אַרויסגעגעבן אַ באַנד פֿון מענדעלעס מויכער־ספֿאָרימס אויסגעווײלטע ווערק (1913) אין דער איבערזעצונג פֿון י. פּינוס, ווי אויך „די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור" פֿונעם דאָקטאָר פֿון וויסנשאַפֿטן פֿון דעם פּאַריזשער אוניווערסיטעט מ. י. פּינעס מיט דער פֿאָרעדע פֿון אַן אַקטיוון מיטאַרבעטער פֿונעם פֿאַרלאַג ס. ווערמעל (1913).

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ל. א. סטאָליאַרס ביכער איז געווען דער הויכער טיפּאָגראַפֿישער ניוואָ: די קוואַליטעט פֿונעם פּאַפּיר און פֿון דרוק, די שיינקייט פֿון דער שריפֿט און פֿון די טיפּאָגראַפֿישע דעקאָראַטיווע צירונגען. דאָס אַלץ דערווײַזט די הויכע פֿאַרלאַג־קולטור פֿון ל. א. סטאָליאַר און זײַן ליבע צום בוך, זײַנע ביבליאָפֿילישע נייגונגען, וועלכע האָבן, צום באַדויערן, ניט באַקומען קיין ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג, ווײַל אין 1916 האָט זיך איבערגעריסן זײַן פֿאַרלאַג־טעטיקייט.

דער קריזיס פֿון דער אַלגעמיינער פֿאַרלאַג־טעטיקייט, וועלכער האָט געדויערט אין דער צײַט פֿון ביידע רעוואָלוציעס און פֿונעם בירגערקריג, האָט געווירקט אויך אויף „סאָווּרעמעניִע פּראָבלעמי". די לעצטע ביכער פֿונעם פֿאַרלאַג, שוין אין דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, זײַנען דאַטירט מיטן יאָר 1918. אין דער צײַט פֿונעם בירגערקריג האָט נ. א. סטאָליאַר געאַרבעט אויף סאָוועטישע אַמטן אין אָדעס און יעווּפּאַטאָריע. אין 1921 האָט ער זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע אַלס אינסטרוקטאָר פֿון „גאָסיזדאַט", נאָכדעם האָט ער פֿאַרוואַלטעט מיטן פֿאַרלאַג־אָפּטייל פֿונעם „נאַרקאָמזעם". אין 1922 באַנײַט ער זײַן פֿאַרלאַג־טעטיקייט אונטער דער פּריוואַטער מאַרקע. באַגריסנדיק דעם ווידערגעבורט פֿונעם פֿאַרלאַג, האָט די צײַטונג „איזוועסטיִא" געשריבן: „דער פֿאַרלאַג „סאָווּרעמעניִע פּראָבלעמי" בלײַבט טרײַ זײַן פּרינציפּ — באַקאַנען דעם רוסישן לייענער מיט אַלדאָס פֿרישסטע אין דער וויסנשאַפֿט, ליטעראַטור און קונסט. דאָס קאָנסעקווענטע פֿאָלגן דעם דאָזיקן פּרינציפּ איצט, פּונקט ווי פֿריִער, גיט אים דאָס רעכט צו פֿאַרנעמען אַ באַדײַטנדיק אָרט אין דער גאָר שיטער־געוואָרענער מישפּאָכע פֿון רוסישע קולטור־פֿאַרלאַגן".

נאָך דער רעוואָלוציע האָט נ. סטאָליאַר דאַסראָוו אופֿמערקזאַמקייט געלייגט אויף דער שאַפֿונג פֿון סאָוועטישע שרײַבער. דער פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע ביכער־זאַמלונגען פֿון ל. סייפֿולינאַ (1925), א. ניעווערעוו (1926—1927) און אַנד.

די שריפֿטשטעלער פֿון יענער צײַט האָבן הויך אָפּגעשאַצט די טעטיקייט פֿונעם פֿאַרלאַג. אין א. מ. גאָרקיס אַרכיוו געפֿינט זיך אַ בריוו צו אים פֿונעם אַקאַדעמיקער ס. פֿ. אָלדענבערג פֿון 28 אויגוסט 1928, וווּ עס ווערט געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון דער טעטיקייט פֿון „סאָווּרעמעניִע פּראָבלעמי". אינעם בריוו איז, צווישן אַנדערס, געזאָגט געוואָרן: „דאָס איז אָן צווייפֿל אַ גוטער און ערנסטער פֿאַרלאַג. אין משך פֿון 21 יאָר האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ סאַך עכטע ביכער".

אלעקסאנדער ראַטנער,
לעאָניד יוניווערג

שאָלעם־אַלייכעמס העלדן אָף דער אָפּערע־בינע

דער מאָסקווער רוסישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער האָט באַוויזן די פּרעמיערע פֿון מאָיסיי ווײַנבערגס אָפּערע „מאַזלטאָוו!" לויט שאָלעם־אַלייכעמס פּיעסע מיט דעם זעלבן נאָמען. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט וווּנדערבאַר פֿײַנקלעך אויסגעדריקט אין זײַן מוזיק דעם אייגנטימלעכן פֿאַר שאָלעם־אַלייכעמען איידעלן הומאָר, אַ באַהויכטן מיט לײַכטן טרויער. האַגאַם זי סטיליזירט ניט אין ערגעץ דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר, איז די מוזיק פֿון דער אָפּערע, וואָס איז אָנגעשריבן מיט אַ קלאָרער הײַנטצײַטיקער שפּראַך, גלײַכצײַטיק נאָענט צו די נאַציאָנאַלע אינטאָנאַציעס.

מ. ווײַנבערגס טאַלאַנט איז אַלעמען באַוווּסט. זײַן סימפֿאָנישע, אָפּערע־ און קאַמער־מוזיק איז קעסיידער אינהאַלטסרײַך, טיף און צייכנט זיך אויס מיט הויכער מײַסטערשאַפֿט. געשטעלט האָט די אָפּערע דער קינסטלערישער אָנפֿירער פֿונעם טעאַטער, פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון פּססר, לאַורעאַט פֿון דער לענין־פּרעמיע, באָריס פּאָקראָווסקי. די רעזשיסערישע אינטערפּרעטאַציעס זײַנען דאָ, ווי אין אַלע זײַנע

רעב אלטער (אַרטיסט א. פּעקעליס) און ביילע (אַרטיסטקע ל. קאַלמאַקאָװא) אין דער אָפּערע „מאַזלטאָװ"

פאָטאָ פון א. דובנאָוו

שטעלונגען, דערפינדערישע, שאַרפזיניקע און גלײַכצײַטיק פּאָשעטע און אויסדריקלעכע. אַלע מיזאַנסצענעס גיבן א מעגלעכקײַט די זינגער־אַקטיאָרן אַמבעסטן זיך אַנטפּלעקן. זיי זינגען און שפּילן נאַטירלעך, לעבהאַפט, פאַרכאַפּנדיק. עס פילט זיך, אַז די מוזיק געפינט אין זיי א לעבעדיקן אָפּקלאַנג.

די מוזיקאַלע מײַסטערשאַפט פון דער פאָרשטעלונג איז א ביז גאָר הויכע. דער ניט גרויסער אָרקעסטער פונעם טעאַטער קלינגט אומעטום אויסגעצייכנט. זייער אויסדריקלעך זײַנען אויסגעשפּילט געוואָרן אַלע סאָלאָס אינעם אָרקעסטער. אין דער ערשטער ריי ווילט זיך אָפּמערקן די סאָלאָ פונעם פידלער ס. גאָרבענקאָ. די זינגער פילן זיך אין די גאַנץ קאָמפּליציטע פּאַרטיעס זיכער און פרײַ. אין דעם, פאַרשטייט זיך, איז א גרויסער פאַרדינסט ניט נאָר פון דעם דיריזשאָר א. לעווין, וואָס האָט אויסגעצייכנט דורכגעפירט די אָפּערע, און פון די אויספילער, נאָר אויך פון די פּיאַניסטן־קאָנצערטמייסטערס.

די לאַקאָנישע, כ׳וואָלט אפילע געזאָגט, קאַרגע אויספאָרמירונג פונעם קינסטלער נ. טשיגאַריאָוו שאַפט אַמבעסטן די אַטמאָספער פונעם ספּעקטאַקל, העלפט דעם צושויער אופנעמען אים.

איך האָב געזען בלויז איין באַשטאַנד פון די אויספילער, און דעריבער קאָן איך ריידן בלויז וועגן אים. דער אַנסאַמבל איז א פּרעכטיקער. אַלע אויספילער באַזיצן אויסגעצייכנטע שטימען און שאַפן אויסדרוקפולע געשטאַלטן פון די העלדן. נ. קורפּע אין דער ראָל פון רעב אַלטער (דאָס איז די צענטראַלע געשטאַלט פון דער אָפּערע) מאַכט זייער א שטאַרקן אײַנדרוק. פונקט אַזוי זײַנען איבערצײַגעוודיק און אויסדריקלעך אי. באַרטעניעווא, ל. קאַלמאַקאָווא, ר. סאָקאָלאָווא, ע. אַקימאָוו. עס ווילט זיך בלויז ווינטשן ל. קאַלמאַקאָווען און ר. סאָקאָלאָוועז א בוילעטערע דיקציע.

די אָפּערע „מאַזלטאָוו!" האָט דער צושויער הייס אופגענומען.

י ו ר י   ל ע װ י ט י ן,
פאָלקס־אַרטיסט פון רספסר

די אַרטיסטן א. פּעקעליס (רעב אַלטער), ע. אַקימאָוו (כאַיִם), אי. באַרטעניעווא (פריידל) אין מ. ווײַנבערגס אָפּערע „מאַזלטאָוו"

פאָטאָ פון מ. סטראַקאָוו

וועגן איינעם א שיינעם פארטראכט

(שאָלעם־אלייכעם אין באלעט)

מיט דער שאפונג פונעם אָנגעזעענעם סאָוועטישן באלעטמייסטער לעאָניד יאקאָבסאָן זײַנען באקאנט צענדליקער טויזנטער ליבהאָבער פון כאָרעאָגראפיע. זײַנע שטעלונגען פארמאָגן א זעלטענע אינדיווידואליטעט, זיי זײַנען רײַך מיט אומגעוויינלעכע טאנץ־אײַנפאלן. יאקאָבסאָנס שאפונג וועט נאָך פיל יאָרן בלײַבן אין זיקאָרן ניט בלויז בא ספּעצ׳אליסטן און באלעט־ליבהאָבער, נאָר בא יעדערן, ווער עס האָט פּאָשעט ליב קונסט.

ברייט בארימט זײַנען לעאָניד יאקאָבסאָנס באלעטן „ספּארטאק", „שורוואלע" און אנד., אויך זײַנע כאָרעאָגראפישע מיני׳אטיורן. דער שעפערישער די׳אפּאזאָן פונעם גרויסן באלעטמייסטער האָט אין פולן זין פון וואָרט ניט געהאט קיין גרענעץ.

איך וויל דאָ דערציילן וועגן יאקאָבסאָנס פארלאנג צו באווײַזן אין באלעט שאָלעם־אלייכעמס געשטאלטן. איך האָב געהאט דאָס גליק צו זײַן אין מעשעך פון עטלעכע יאָר, נאָך בא יאקאָבסאָנס לעבן, דער מוזיקאלער לייטער פונעם קאָלעקטיוו „כאָרעאָגראפישע מיני׳אטיורן", וועמענס גרינדער ער איז געווען און וואָס האָט זיך באזירט אף זײַן כאָרעאָגראפיע. איך פלעג צוקלײַבן, אָרקעסטרירן, קאָמפּאָנירן, דיריזשירן די מוזיק פון פארשיידענע קאָמפּאָזיטאָרן, אויך אליין געשאפן מוזיק. יאקאָבסאָנס לעצטע ארבעט איז געווען דער באלעט „קאָובאָי", וואָס איז געגאנגען אונטער מײַן מוזיק. אָבער צו פארווירקלעכן דעם סאמע אינטערעסאנטן פארטראכט — אופירן דעם באלעט „קאסרילעווקע" האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן: עס האָט געשטערט דער פריצײַטיקער טויט.

שאָלעם־אלייכעמס ווערק האָבן שוין לאנג צוגעצויגן יאקאָבסאָנען. שיר ניט זײַן גרעסטע ארבעט איז געווען די כאָרעאָגראפישע קאָמפּאָזיציע „דער כאסענע־קאָרטעזש", באגלייט מיט דער מוזיק פון שאָסטאקאָוויטשעס „טרי׳אָ". דער סוזשעט איז א גאנץ פּאָשעטער, נאָר דער אײַנדרוק פון דער שטעלונג איז א גראנדי׳עזער. א רײַכע קאלע, די טאָכטער פונעם שטעטלשן נאָגיד, פארליבט זיך אין אן אָרעמען באָכער, אָבער אירע עלטערן לאָזן זיי ניט כאסענע האָבן מיט א קאפּצן, די קאלע זאָגט זיך אָפּ פונעם אָרעמען באָכער.

באזונדערס פארגעדענקט זיך דער פינאל: דער באָכער קלײַבט אוף די טרערן אין א הויפן און טרינקט זיי אויס מיט איין שלונג. די ערשטע רעגעס ווערט אין זאל טויט־שטיל — אזא שטארקן אײַנדרוק מאכט דער פינאל. יאקאָבסאָן דערגרייכט דאָ דעם העכסטן גראד פון אופווירקונג. שאָסטאקאָוויטשעס טראגישע מוזיק, כאָטש זי איז ניט געווען אָנגעשריבן פאר דעם דאָזיקן סוזשעט, בילדעט איין גאנצעס מיט דער כאָרעאָגראפיע. עס בלײַבט נאָר איבער צו כידעשן זיך, וואָס יאקאָבסאָן, א מענטש, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געלעבט אינעם טכום־האמוישעוו און קיין אנונג ניט געהאט וועגן דעם דאָרטיקן שטייגער, האָט אזוי טיף פארשטאַנען די עפּאָכע און די העלדן פון יענער צײַט.

אינעם באלעט „קאסרילעווקע", וועלכן יאקאָבסאָן האָט פארפאסט, איז ניט געווען קיין איינהײַטלעכער סוזשעט. ער איז באשטאנען פון עטלעכע כאָרעאָגראפישע מיני׳אטיורן, וועלכע האָבן באדארפט „אופלעבן" אייניקע שאָלעם־אלייכעמס העלדן; אָבער אלע מיני׳אטיורן זײַנען פאריייניקט געוואָרן אדאנק דער אָנוועזנהײַט פונעם שרײַבער גופע: שאָלעם־אלייכעם האָט דאָ געשפּילט די ראָל פון א קאָנפעראנסיע, ער האָט געדארפט וויינען און לאכן, צאָרענען און פרייען זיך. אייניקע לייזונגען האָבן אויסגעזען צו זײַן ניט רעאל: שאָלעם־אלייכעם און די קאָרבאָנעס פונעם פּאשיזם — עס פּאָרט זיך ניט. אָבער אין דעם איז באשטאנען דער גרויסער עמעס פון דער קונסט, דער עכטער רעאליזם.

פון מוזיקאלן שטאנדפּונקט האָט געפעלט די טראדיציע צו שאפן אזא באלעט. איך האָב גוט געקענט די ייִדישע פאָלקסלידער און די ייִדישע טענץ. אָבער אף צו שאפן סימפאָניש פאנאנדערגעוויקלטע הײַנטצײַטיקע פרעסקעס האָט אויסגעפעלט געוווינהײַט, מע האָט געדארפט געפינען א ספּעצי׳עלן שליסל, ווי׳אזוי אויסנוצן דעם פאָלקלאָר, שוין אָפּגערעדט וועגן יענע פרעסקעס, וווּ קיין פאָלקלאָר איז ביכלאל ניט גענוצט געוואָרן.

יאקאָבסאָן האָט, ווי שטענדיק, געגנוי געוווּסט, וואָס ער וויל באקומען פונעם קאָמפּאָזיטאָר. ווייניק כאָרעאָגראפן האָבן געקענט באווײַזן אזוי פּינקטלעך, בילדעריש און פּלאסטיש די כאָרעאָגראפיע פונעם קינפטיקן ווערק און צופירן דעם קאָמפּאָזיטאָר צו דער איינציקער לאָגישער לייזונג. דער באלעטמייסטער, וועלכער האָט נאָך ניט געהאט די מוזיק און האָט זיך געהאָלפן מיט מימיק און זשעסט, האָט אויסגעבויט דעם נומער ביזן סאָף. דאָס האָט מיר ניט בלויז פארלײַכטערט די אופגאבע, נאָר אויך אינגאנצן אונטערגעזאָגט די מוזיקאלע לייזונג. גאָר א גרויסע אופמערקזאמקײַט האָט יאקאָבסאָן געשענקט דעם מוזיקאלן טעמאטיזם, פון א סאך וואַרי׳אנטן האָט ער שטרענג אָפּגעקליבן דעם איינציק נייטיקן.

די מיני׳אטיור „סטעמפעניו" אנטהאלט פאָלגנדע עפּיזאָדן: דער פידלער און זײַן מוזע, די באלערינע און דער פידל, דער פידלער טאנצט מיט זײַן געליבטער — מיטן פידל. די פּלאסטיק פונעם קינפטיקן נומער איז געווען אזא ניט געוויינלעכע און דרייסטע, אז עס איז געבליבן בלויז אופמערקזאם אכטונג געבן אף דער כאָרעאָגראפיע און פארשטיין דעם פּרינציפּ. עס האָט זיך באקומען א קליינינקע ראפּסאָדיע פארן פידל מיטן אָרקעסטער — די בענקשאפט נאָך ליבע, וועלכע איז פארבאָטן, נאָך דעם טרוים, וועלכער וועט קיינמאָל ניט מעקויעם ווערן...

א צווייטע מיני׳אטיור — „די וויגליד": א מוטער באוויינט איר געשטאָרבענעם זון. דער רעטשיטאטיוו פון דעם ווי׳אָלאָנטשעל און פונעם אָרקעסטער איז — קלאָגערײַ, פארגליווערטקײַט.

און פלוצעם — אן אומגעריכטער (דער דריטער) הומאָריסטישער נומער: „פריילעכס". די רײַכע מאַ־

אירינא יאקאָבסאָן און אלעקסיי מיראָנאָוו אין דער סצענע „פארליבטע"

מע, איר טאָכטער און דער כאָסן, וועלכער באמית זיך נאָכגעבן דער קינפּטיקער שוויגער, כיינדלט זיך אפילע צו איר.

און נאָך א קאָנטראסט — „דרײַ דאָן זשואנס": אפן פלאַץ פון א קליין שטעטל שטייען דרײַ זקייבים, וועלכע האָבן אויסגעזען א וועלט. יעדערער פון זיי בארימט זיך מיט די דערפאָלגן, וואָס ער האָט אמאָל געהאט בא פרויען, ער זעט ניט, אז עס קומט שוין אָן דער ביין־האשמאָשעס. אומבאמערקט גאנוועונען זיך אהער אונטער זייערע ווײַבער. יעדע פון זיי כאפּט איר מאן און שלעפּט אים מיט געשרייען אהיים. איינער פרווט נאָך עפּעס צוגעבן, אפּאָנעם זייער א פּיקאנטע זאך, ער כאפּט אָבער פון זײַן וואכזאמער פרוי א זעץ מיט דער קני און שלעפּט זיך אָן אײַנגעהויקערטער אהיים.

אין דעם פאַל האָב איך אויסגענוצט די באוווּסטע יִדישע פאָלקסליד, ווי א שנײַדער, א שמיד און א באלעגאָלע האָבן געפּראוועט כאזאָנעס. יעדערער פון זיי האָט, נאטירלעך, געשילדערט דעם זינגענדיקן כאזן אף זײַן אויפן: דער שנײַדער האָט באם זינגען געצויגן א פאָדעם דורכן לעכל פון א נאָדל, דער שמיד האָט באם זינגען צוגעקלאפּט מיט א העמערל, דער באלעגאָלע האָט צוגעפײַפט מיט דער בײַטש. יאקאָבסאָנען איז די מעלאָדיע שטארק געפעלן געוואָרן, און איך האָב אף איר געשאפן א גאנץ בילד, אויסנוצנדיק די סאמע אומגעריכטע אָרקעסטרירונג און הארמאָניע.

זייער אינטערעסאנט איז געווען צו ארבעטן איבער דער מינִיאטיור „מאָטל פּייסי דעם כאזנס". עס האָט זיך באקומען א סקערצאָ פאר איין טענצער, א סאָליסט — א קאָמבינאציע פון פאנטאָמימע און כאָרעאָגראפיע פון דער „העכסטער טעכנישער מאָס". צום סאָף פונעם נומער ווערט מאָטל פּייסי דעם כאזנס נעלעם אינעם האסטיקן טאנץ, ווי ער וואָלט געלאָפן נאָך דער מוזיק, קעדיי זי כאפּן.

פארשרײַבן די דאָזיקע מוזיק מיט א גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער איז געווען באזונדערס שווער צוליב דעם אומגעוווינטן ריטם, אָבער סאָפקאָלסאָף האָט זיך דאָס אײַנגעגעבן. יאקאָבסאָן פלעגט פיל זאכן אונטערזאָגן די אָרקעסטראנטן: די שטימונג, דעם כאראקטער. דאָס האָט געהאָלפן סײַ מיר, אלס דיריזשאָר, סײַ דעם אָרקעסטער.

ווײַטער — די מינִיאטיור „קאָמיוואָיאזשאָר", דאָס געשטאלט פון אן ענערגישן הענדלער, וואָס ווייסט „ווו א טיר עפנט זיך", זאָגט זיך פון קיין זאך ניט אָפּ, אבי נאָר מיט רעווען פארקויפן זײַן סכוירע. די מינִיאטיור איז געשאפן אין דער פאָרם פון א שנעלער „אָדעסער" פאָלקע, זייער א ריטמישע, וואָס פארלאנגזאמערט ניט אין איר ריטם אף קיין איין רעגע. דאָ איז אויך אויסגענוצט דער פריילעכער יִדישער פאָלקס־טאנץ, נאָר מיט עלעמענטן פונעם אָדעסער „שליאגער" פון יענע צײַטן.

שטארק געהאָלפן אונדז אין דער ארבעט האָבן די איליוסטראציעס צו שאָלעם־אלייכעמס ווערק. אין נאטאן אלטמאנס צייכענונגען, לעמאָשל, האָט מען אָפּט געקאָנט געפינען אויך מוזיקאלע און כאָרעאָגראפישע לייזונגען. ווערק פון אָט דעם מין האָט יאקאָבסאָן געשטעלט א סאך פריִער, — „דאָס שנײַדערל", וועלכן ס'האָט מײַסטערהאפט געטאנצט מאכמוד עסאמבײַעוו, „די פארליבטע" (אין דער אויספילונג פון די סאָליסטן פונעם קיראָווער טעאטער און פון די „כאָרעאָגראפישע מינִיאטיורן").

אין „קאסרילעווקע" זײַנען אויך ארײַן „א פּאָגראָם", „דרײַ פידלען", די „עלעגיע". די דאָזיקע ווערק זײַנען גענומען פונעם אלבאָם פון דעם פּוילישן קינסטלער לינקע — „די שנײַדער שרײַען". דער אלבאָם מאכט א דערשיטערנדיקן אײַנדרוק. ער איז פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן און געהאט גרויס דערפאָלג בא די סאָוועטישע לייענער. דער אלבאָם איז אויך שטארק „כאָרעאָגראפיש". ער איז געווידמעט דעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ. פארברענטע כאָרעווע הײַזער, ריכטיקער — אָנגעבויגענע ווענט פון הײַזער, וועלכע שפילן אף פידלען — אף די וואסערלייטונג־רערן, און באוויינען די אומגעקומענע. די מוזיק האָט זיך באקומען פּאָליפאָניש און זייער אָנגעזעטיקט.

ענדלעך, די אדאזשיאָ פון „שיר־השירים" — א מעלאָדיע פון א פלייט אין דער באגלייטונג פון א סטרונע־אָרקעסטער. די אנטוויקלונג פון דער טעמע, דערנאָך דער יִיעש פונעם קיניג, וועלכער האָט אף שטענדיק פארלאָרן די געליבטע.

כאָטש דער באלעט איז ניט אופגעפירט געוואָרן, איז אָבער די עצעם ארבעט איבער אים געווען פאר מיר זייער אינטערעסאנט און נוצלעך.

וועגן מוזיק איז ביכלאל זייער שווער צו שרײַבן, וועגן כאָרעאָגראפיע — אויך. איך האָב אָבער געוואָלט דערציילן וועגן אָט דער ארבעט, ווײַל ניט בלויז די ספּעקטאקלען פונעם גרויסן סאָוועטישן כאָרעאָגראף, נאָר אויך זײַנע פארטראכטן זײַנען ביז גאָר אן אינטערעסאנט קאפּיטל אין דער געשיכטע פון דער כאָרעאָגראפישער קונסט.

טימור קאָגאן

וולאדימיר ביידער

איין טאָג און דאָס גאַנצע לעבן

(היסטאָריש־דאָקומענטאַלע דערציילונג וועגן וו. וואָלאָדארסקין)

„פאר צימערוואלד!"

וואָלאָדארסקי האָט זיך שוין פונלאנג אויסגעלערנט צו לייענען אין די צײַטונגען א סאך מער, איידער ס׳איז אין זיי געווען געשריבן. די אומבאַדײַטנדיקע מיטיילונג וועגן קימאט גאנץ פריוואטע באגעגענישן פון סאָציאַליסטן אין בערן אין יענעם זומער האָט בא אים דערוועקט א האָפענונג, ער האָט פארשטאנען, פונוואנען מע דארף ווארטן דעם ווינט. און אין די ערשטע טעג סענטיאבער איז דאָס אומבאוווּסטע שטעטל לעבן דער שווייצארישער הויפּטשטאָט שוין געווען בא אלעמען אף דער צונג — צימערוואלד!

איינמאָל האָט וואָלאָדארסקין אָפּגעשטעלט אין גאס א „לאנדסמאַן", איינער פון די אָרטיקע כאכאָמים, אים גענומען אונטערן אָרעם, א שלעפּ געטאָן איבער דעם ברודיקן ברוק. ס׳האָט געטריפט א רעגנדל, און די אייביקע זשיזשע אין דער בארימטער קאנאווע איז שעפעדיק געפלאָסן — ס׳האָט שוין געשמעקט מיט הארבסט.

— ווי געפעלט אײַך אָט דער לענין? — האָט א לאך געטאָן דער לאנדסמאַן, אויסקלײַבנדיק אן אָרט, ווו ס׳איז געווען טריקענער. — פּאָשעט און פראָסט נעמען און צונויפזאמלען זײַן קליינינקן שווייצארישן אינטערנאציאָנאל. ווי איז דאָס געהערט געוואָרן!

— לענין האָט דען אליין צונויפגעזאמלט די קאָנפערענץ? — האָט קלוימערשט גלײַכגילטיק דערווידערט וואָלאָדארסקי. אים איז געוואָרן לאנגווײַליק.

— וואָס רעדט איר! וואָס זשע, איר פארשטייט ניט, ווער האָט עס געדארפט? אן אומגעהערטע שפּאלטונג. פּאָשעט א מעסער אין דער פּלייצע פונעם אינטערנאציאָנאל!

— פון וועלכן אינטערנאציאָנאל? — האָט זיך אָפּגעשטעלט וואָלאָדארסקי. קינדער האָבן מיט א געפּילדער זיך געיאָגט איבער דער קאנאווע, שפּריצנדיק מיט בלאָטע אף די פארבײַגייער. א גערויש, א גרילצערײַ האָט זיך געטראָגן פון אלע זײַטן. ער האָט עס אָבער ניט באמערקט.

— וואָס הייסט — פון וועלכן? פונעם סאָציאַליסטישן.

— פון וועלכן? — האָט קאלטבלוטיק איבערגעכאזערט וואָלאָדארסקי און האָט אויסגעשלאָסן דעם טאָרמאָז. — ביז צימערוואלד זײַנען געווען צוויי — אן עסטרײַכיש־דײַטשישער מיט דער קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטן פון דײַטשלאנד און עסטרײַך, און אן ענגליש־פראנצויזיש־רוסלענדישער מיט דער קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטן פון אָט די לענדער. איז וואָס פאר א פּלייצע האָט מען דורכגעשטאָכן מיטן צעשפּאלטערישן מעסער? ביידע באגלײַך?

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 2, 1984.

— וואַלאַדאַרסקי! — האָט אַרטיסטיש זיך פֿאַרכידעשט דער מיטשמועסער.— וואָס זשע, איר זעט ניט קיין אונטערשייד? יענע קאָנפֿערענצן האָבן זיך צונויפֿגענומען צוליב פֿאַרייניקונג, אָבער אָט די — צוליב שפּאַלטונג...

— איר האָט מיר ניט געענטפֿערט, — איז געשטאַנען אַף זײַנס וואַלאַדאַרסקי. — וואָס פֿאַר אַן אינטערנאַציאָנאַל האָבן געשפּאָלטן די צימערוואַלדער? — און באַקומענדיק דערמיט אַלס ענטפֿער אַן אָפּגעהאַקטע פּאַוזע, פֿאַרגעזעצט, ווי ער וואָלט ניט באַמערקט די פֿאַרלעגנהײַט פֿון זײַן מיטשפּרעכער: — אויב צוויי אינטערנאַציאָנאַלן האָבן עקזיסטירט שוין ביז דער קאָנפֿערענץ, איז שוין דער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכן איר פֿאַרטיידיקט אַזוי פֿון שפּאַלטונג, געווען צעשפּאָלטן — ביז צימערוואַלד און אָן אים.

— מע קאָן דען אַזוי גלײַך?..

— וואַרט צו, כ'האָב דאָך געזאָגט: אויב... אויב די דאָזיקע קאָנפֿערענץ האַלט זיך בײַ די פּרינציפּן, וועלכע ס'האָט אויסגעאַרבעט דער אינטערנאַציאָנאַל פֿון יענע צײַטן, ווען אַלע קנופּ-פֿראַגן האָבן די סאָציאַליסטן געלייזט צוזאַמען, ניט טיילנדיק זיך אַף פֿאַרשטייער פֿון לענדער, וועלכע שלאָגן זיך איינס מיטן אַנדערן. לאָמיר אַ קוק טאָן פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. דער לאָזונג פֿון דער צימערוואַלדער קאָנפֿערענץ — אַ טייקעפּדיקער קאַמף פֿאַר שאָלעם איינצײַטיק אין אַלע לענדער (אַגעוו, איז די דאָזיקע רעזאָליוציע אַרײַנגעטראָגן געוואָרן צוזאַמען מיצאַד דער דײַטשישער און פֿראַנצויזישער דעלעגאַציעס) — אַנטשפּרעכט פֿולשטענדיק די באַשלוסן פֿון שטוטהאַרטער, בריסעלער און אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן. וואָס וועט איר דערויף זאָגן?

— כ'וועל זאָגן, וואָס איך האָב שוין געזאָגט: ס'איז אַן אינטריגע.

— גוט, — האָט געענטפֿערט וואַלאַדאַרסקי. — אַ פּאָזיציע דאַרף מען פֿאַרטיידיקן מיט אַלע קויכעס. און אויב איר זײַט אַזוי פֿעסט אין אײַער איבערצײַגונג, וועט אײַך אויסקומען מאַסקים צו זײַן, אַז אויך דער בריסעלער קאָנגרעס איז געווען אַן אינטריגע — מיט וואָס זשע איז ער בעסער פֿון דעם צימערוואַלדער?

דער „לאַנדסמאַן" איז שטיין געבליבן אָן לאָשן. די ערשטע רעגעס האָט ער, ווי ניט פֿאַרשטייענדיק, געקוקט אין פּנים אָט דעם כוצפּעדיקן יונג, דערנאָך אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ ווישׁ געטאָן מיט דער דלאָניע דעם שווייס אַפֿן שטערן:

— איר זײַט, וואַלאַדאַרסקי, אַ גרויסער סאָפֿיסט, נאָר אַ שלעכטער פּאָליטיקער. און אַזעלכע אַבסטראַקציעס, ווי „פּאַרטיי-דיסציפּלין", זײַנען פֿאַר אײַך, ווײַזט אויס, בּיכלאַל גאָרנישט מיט נישט. איר האָט דאָך מיר אויך ניט געענטפֿערט אַף דער פֿראַגע: ווו, אין אַ וועלכער אָרגאַניזאַציע קאָן מען מאַכן שאָלעם מיט דעם, וואָס די וויכטיקסטע באַשטימונגען ווערן אָנגענומען טראָץ דעם אָנפֿירנדיקן אָרגאַן? אויב די קאָנפֿערענץ, וועלכע איר האָט אַזוי ליב באַקומען, איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אָן דער האַסקאָמע פֿון דער צווישנפֿעלקערלעכער ביוראָ פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל? שוין דאָס אַליין איז אַ שפּאַלטונג!

— כ'בין מאַסקים, — וואַלאַדאַרסקי האָט געוואָלט וואָס גיכער פֿאַרענדיקן דעם געשפּרעך. ניט דאָ, אַפֿן ברעג פֿון דער איפּעשדיקער קאַנאַווע, לייזט מען אַזעלכע פֿראַגן. אָבער די זעלבסטגײַווע פֿון אָט דעם פּאַרטיי-כאָכעם האָט אים נערווירט, און אַזוי ווי ס'איז שוין אַוועק אַ שטרײַט, דאַרף מען אים דערפֿירן ביזן סאָף. — כ'בין מאַסקים. צעשפּאַלטן אַ וועלכע-ניט-איז אָרגאַניזאַציע, בּיפֿראַט נאָך אַזאַ גרויסע, ווי דער אינטערנאַציאָנאַל, איז אַ כילעלהאַשעם. אָבער עס גייט דאָך אין דעם, ווער עס צעשפּאַלט. ווי מיינט איר, דאָס, וואָס די סאָציאַל-פּאַטריאָטן האָבן צעטיילט דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַל אַף צוויי קליינינקע אינטערנאַציאָנאַלעכלעך, איז געווען לעטויוועס דער איינהײַט פֿון די סאָציאַליסטן? צי דענקט איר, אַז אויב די סאָציאַל-פּאַטריאָטן קאָנען זיך טיילן אין העסקעם מיטן ווילן פֿון זייערע קייסאָרים און הערשער, קאָנען אויך די אינטערנאַציאָנאַליסטן זיך פֿאַראייניקן אין העסקעם מיטן ווילן פֿונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט? און אויב די סאָציאַל-פּאַטריאָטן קאָנען „אָן שאָדן" פֿאַרן אינטערנאַציאָנאַל שליסן שאָלעם מיט די הערשנדיקע קלאַסן, אָפּשטעלן דעם קלאַסנקאַמף, באַקומען מיניסטאָרן-פּאָרטפֿעלן און שטימען פֿאַר מיליטערישע קרעדיטן, וועלן די אינטערנאַציאָנאַליסטן אים ניט אָנטאָן קיין שאָדן, אויב זיי וועלן זאָגן, אַז מע דאַרף מאַכן אַ סאָף און וואָס גיכער צו אַזאַ פֿאַרשוועכונג פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם...

ס'האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט דער אָוונט. אין איינזאַמער לאַמטערן האָט זיך געיאָגט נאָך זײַן אָפּשפּיגלונג, הוידענדיק זיך איבער דער לוזשע. אַ שיקערע מאַכלויקעס האָט זיך אַרויסגעקײַקלט פֿון אַ שענק און זיך אַוועקגעקײַקלט ווײַטער איבער דער גאַס, קלינגענדיק מיט צעבראָכן גלאָז, מיט אַ כריפּערײַ, מיט געוויין און זידלערײַ. זעלטענע פֿאַרבײַגייער האָבן דורכגעשלײַכט, גלײַכגילטיק שפּאַנענדיק איבער די קערפּערס פֿון שיקורים, וועלכע האָבן

זיך געוואָלגערט אין דער בלאָטע, אין סאַמע מיט פונעם ברוק. א האַרמאָניק האָט געשפּילט איין און דעם זעלבן ניגון, אַלעמאָל אַראָפּשלאָגנדיק זיך פון דער נייטיקער נאָטע. ערגעץ האָט געיאָמערט א פרוי אונטער די קלעפּ פונעם מאַן. א מוטער האָט זיך געיאָגט נאָך איר קינד, וואָס האָט בעשום-אויפן ניט געוואָלט גיין אַהיים. אַן אַלטער אײַנגעבויגענער ייִד האָט זיך אומגעקערט פון דער שול, טראָגנדיק אונטערן אָרעם דאָס זעקל מיטן טאַלעס און שלײַכנדיק זיך בא די ווענט פון די הײַזער. באַהאַלטנדיק דאָס פּאָנעם אין דעם קאָלנער פונעם אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, האָט ער די גאַנצע צײַט זיך אומגעקוקט, צי עמעצער פון די שיקורים וויל אים ניט פאַרטשעפּען. דאָס ווײַטע רוסלאַנד איז געווען אָט דאָ, נאָענט. און פּונקט אַזוי ווײַט און נאָענט איז געווען די מילכאָמע, וועלכע האָט פון רוסלאַנד געשניטן שטיקער...

די שטרײַטן אַרום דעם צימערוואַלדער מאַניפעסט האָבן זיך ניט אײַנגעשטילט. די אָנגעשטרענגטע דערוואַרטונג איז, ווי מע האָט געקאָנט זיך פאַרשטעלן, פאַרביטן געוואָרן מיט א נײַעם פּלאַקער. פאַר די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן איז דאָס געווען גלײַך ווי אָנגע-מאָסטן. די צוגרייטונג צו דער מילכאָמע האָט זיך פאַרשטאַרקט, דאָס וואָרט „פּריפּערעד-נעס" — זײַן גרייט צו דער מילכאָמע — איז ניט אַראָפּגעגאַנגען פון די שפּאַלטן פון צײַטונ-גען און פון די ליפּן פון די אָראַטאָרס.

קיין פילאַדעלפיע איז, ווי אַלעמאָל ניט אױף לאַנג, געקומען וואָסקאָוו. וואָלאָדאַרסקי האָט אים דערציילט וועגן זײַן שטרײַט מיטן אָנהענגער פון „פּאַרטיי-דיסציפּלין", און ס'איז געווען, פון וואָס צו לאַכן. ביידע האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז אומזיסט פּאַטערט מען פּולווער: אַזעלכע „זיגן" קאָנען ברענגען פאַרגעניגן דער זעלבסטזוירדע, נאָר זיי לייזן ווייניק-וואָס.

— דאָס האַרץ ווערט צעשפּרונגען, — איז געווען אויפגעבראַכט וואָסקאָוו. — האָבן אַזאַ צײַטונג און גאָרנישט ניט קאָנען אויפטאָן!

— כאָטש בײַט דאָס קעפּל, — האָט זיך א וויצל געטאָן וואָלאָדאַרסקי, — אָנשטאָט „נאָווי מיר" — „סטאַרי כריטש", אָדער פּאַשעט געריידט — „אַלטער טערעך".

דער געלער סטאָליער האָט ניט אויפגענומען דעם כאָוועס וויץ.

— ניט אין קעפּל גייט עס... דאָס קעפּל איז א גוטס, נאָר נײַע געהירן דאַרף מען אין דעם אַרײַנלייגן... כ'בין געקומען, אייגנטלעך, מיט אַן איניען. אַגאַריאָוו איז ניט בעקוועך ווענטלעך צו ווירקן אױף דער ליניע פון דער צײַטונג. פּאַרט א שרײַבער... מע זעט אים ניט אָן אין דער צײַטונג — דו האָסט עס אַליין אויך באַמערקט. דאָ אָבער דאַרף מען האָבן, ווי די אַמעריקאַנער דריקן זיך אויס, א צײַטונגס-נעגער, ער זאָל קאָנען טאָן די שוואַרצע אַר-בעט, און א לײַכטע פּען זאָל ער האָבן. קורץ געריידט, אונדזער פאַרשטייער אין „נאָווי מיר" מוז האָבן א ווירקונג, און ער דאַרף דאָרט זײַן א מענטש, וואָס אָן אים קאָן די צײַטונג זיך ניט באַגיין.

— א סאָליסט, — האָט זיך נאָכאַמאָל א וויצל געטאָן וואָלאָדאַרסקי.

— יאָ, א לידער. איצט איז דער באַקוועמער מאָמענט. מע האָט באַשלאָסן דערפולן די רעדאַקציע. דער נײַער מיטגליד אירער דאַרף זײַן אַן אינטערנאַציאָנאַליסט — דאָס איז שוין אָפּגעריידט. נו, האָב איך פאָרגעלייגט דײַן קאַנדידאַטור. ווי מיינסטו?

— ווי עס פּאָדערט די פּאַרטיי-דיסציפּלין, — האָט א שמייכל געטאָן וואָלאָדאַרסקי, קעדיי צו באַהאַלטן די פאַרלעגנהײַט און די פרייד, נאָר די פאַרוויטלטע באַקן האָבן אים גלײַך אויסגעגעבן, ווי שטענדיק. — און דער שעף?

— דו געפעלסט אים, האָגאַם קיין אילוזיעס בויט ער ניט אױף דיר. און ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך: נאָקאָריאַקאָוו איז אַן אָנהענגער פון פרײַע דיסקוסיעס... אַזויאַרום, פאַרענדיק דאָ אַלע איניאָנים — און קיין ניו-יאָרק. מיר רעכענען זייער אויס אױף דיר. עמעס, פון דעם שיקאַרנע לעבן פון א קוואַליפיצירטן שנײַדער וועט אויסקומען זיך אָפּגעוווינען. די נאָוואָ-מיראָווצעס באַקומען זעקס דאָלאַר א וואָך — ווי א שוואַרצאַרבעטער.

— הייסט עס, דעם „שיק" אין א זײַט, און איבערגיין אױף „פּשיק"? — האָט גלײַך גע-געבן די האַסקאָמע דער צושנײַדער, אָפּמעסטנדיק מיטן בליק די פּוסטע ווינקלען פון זײַן צימער. — אַגעוו, האָב איך שוין א טעמע פאַר מײַן ערשט אַרטיקל.

דעם 11 דעקאַבער איז אין „נאָווי מיר" טאַקע אָפּגעדרוקט געוואָרן וואָלאָדאַרסקיס „פּריפּערעדנעס" — צום ערשטן מאָל איז זײַן נאָמען געשטאַנען ניט אין סאָף פון דער קאָ-רעספּאָנדענץ, נאָר אונטערן קעפּל — ווי אַלע צײַטונגס-גדוילים.

„כאָווער לייענער, איר ווייסט, נאַטירלעך, וואָס אַזוינס עס איז פּריפּערעדנעס?!" — אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן וואָלאָדאַרסקיס אַרטיקל. ווײַטער — א כויזעק איבער די האַשאָרעס פון די פּאַטריאָטן וועגן דעם, אַז דײַטשלאַנד און יאַפּאַניע דראָען דער אומאָפּהענגיקײַט פון די-

פאַרייניקטע שטאַטן. דערנאָך — איבער דעם, וואָס עס האָט פאַרטראַכט די „פרידנסליבנדיקע" אמעריקע.

„אייגנטלעך, — האָט ער געשריבן, — וואָס איז די גאַראַנטיע פון דער „צווישנפעלקערלעכער גאָט-די-נעשאָמע-שולדיקייט" פון די פאַרייניקטע שטאַטן?

ראָקפעלערס טפילעס, וועלכע ער טוט בעטן פאַר די נעשאָמעס פון די אומשולדיק אומגעבראַכטע קאָלאָראַדער קינדערלעך?

ווילסאָנס דערקלערונגען, וועלכע ער האָט הייַנט געבראַכט וועגן דעם, אַז „די נאַציע איז אַמאָל צופיל שטאָלץ, קעדיי צו מילכאָמע האַלטן", און די נאָטע, וועלכע ער האָט אָפּן אַנדערן טאָג אָפּגעשיקט דייַטשלאַנד?"

אופדעקנדיק דעם עמעסן טאָך פון דעם מאָדערנעם וואָרט, האָט ער גענומען צוציִען צום איניִען געשעעניש, וועלכע האָבן געמאַכט אַ רוישעם, און זיי האָבן אַ שפּיל געטאָן אין קאָנטראַסט צום „פּריפּערעדנעס", הינטער וועלכן ס'איז גאָרנישט ניט געווען, אויסער אַ בעקיוון צעבלאָזענע געפאַר, ער האָט באַוויזן די ווירקלעכע טראַגעדיע פון אַמעריקע, אין וועלכער עס זייַנען שולדיק אַליין די קאַפּיטאַליסטן — זיי טאַקע שטיקן מיט דער הילף פון געווער די פרייַהייַט אין זייער לאַנד און אין די שכיינעסדיקע לענדער, צודעקנדיק זיך מיט פאַלשע רייד וועגן דעם, אַז באַוואָפנענען דאַרף מען זיך קעגן דעם אויסערלעכן סוינע.

און צום סאָף:

דייַטשלאַנד האָט נישט געקאָנט, אַנטוויקלענדיק זיך קאַפּיטאַליסטיש, ניט שטרעבן „צו אַן אָרט אונטער דער זון", — אויב זיך אויסדריקן פיגוראַל; ענגלאַנד האָט נישט געקאָנט, פאַרבלייַבנדיק אָף דער הייך פון איר קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, ניט שטרעבן צו דעם, אַז זי זאָל צעשטערן דייַטשלאַנדס פּלענער.

און די פאַרייניקטע שטאַטן, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, דער קאַפּיטאַליזם פון די פאַרייניקטע שטאַטן, וועלכער וואָלט אופגעהערט צו באַקומען באַשטעלונגען נאָכן שאָלעם-אָפּמאַך און באַקומענדיק אַ פייַג אַנשטאָט די פּראָצענטן אָף די אַנטליִענע מיליאָנען (וואָס עס איז גאַנץ מעגלעך), וועט זיך אַרויסווייַזן אין אַזאַ לאַגע, אַז דער איינציקער אויסוועג פאַר אים וועט זייַן אַ צווישנפעלקערלעכער קאָנפליקט, זאָל זייַן אַפילע מיטן טייַוול...

דאָס זייַנען געווען נעוויִשע ווערטער. דער יונגער אָראַטאָר האָט באַוויזן, אַז ער קאָן זייַן אויך אַ גלענצנדיקער פּובליציסט.

דאָס נייַע, 1916 יאָר, האָט די פּאָליטישע עמיגראַציע אָפּגעמערקט מיט אַ טראַדיציאָנעלן באַל פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער צייַטונג (די האַכנאָסע איז געגאַנגען לעטויוועס דער אויסגאַבע). וואָלאָדאַרסקי איז קיין ניו-יאָרק ניט געפאָרן, ער האָט געפייַערט דעם יאָמטעוו אין פילאַדעלפיע — מיטן טאַטן, מיטן עלטערן ברודער, מיט די פרייַנט פונעם אוניאָן קלאָוקמייקערס. אַלע האָבן אָבער געוווּסט, אַז ער האָט שוין „פאַרקאַשערט די פּאָלעס" און „זיצט אָף די טשעמאָדאַנעס". אין דערוואַרטונג פון אַ נייַ לעבן און פון אַ נייַער אַרבעט האָט ער אַלץ שאַרפער גענומען פילן די שטילקייַט פון דער פּראָווינץ. ער האָט זשעדנע געזוכט נייַע באַגעגענישן, נייַע באַקאַנטשאַפטן.

אין יאַנוואַר האָט די רוסישע אָפּטיילונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָרגאַניזירט אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישן מיטינג — מע האָט געוואַרט אָף דער שאַליִעכטע פון דער אויסלענדישער ביוראָ פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַלעקסאַנדרא קאָלאָנטייַ. זי איז שוין דעם פערטן כוידעש אַרומגעפאָרן איבער די צענטראַלע און דאָרעמדיקע שטאַטן. ענדלעך איז די ריי געקומען צו פילאַדעלפיע.

אָפן מיטינג איז וואָלאָדאַרסקי געגאַנגען מיט גרויס אינטערעס. נאָך דער רוישיקער טורנע פון דער רוסישער באָלשעוויטשקע, וועלכע ס'האָט אייַנגעלאַדן די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, האָט ער שוין פון לאַנג געשפּירט אין די צייַטונגען. אָבער דאָס, וואָס ער האָט איצטער דערהערט, האָט אים איבעראַשט. אַלעקסאַנדרא קאָלאָנטייַס געדאַנקען זייַנען זיך אינגאַנצן צונויפגעפאַלן מיט זייַנע אייגענע — לעניִנס שאַליִעכטע האָט באַשטעטיקט דאָס, צו וועלכן ער, וואָלאָדאַרסקי, איז געקומען, אייַנטראַכטנדיק זיך אין די געשעענישן פון די לעצטע אָנדערהאַלבן יאָר, און צו וועלכער ער אַליין האָט אַפילע ניט געקאָנט זיך צוגעוווינען. און דאָס, וואָס זייַנע געדאַנקען זייַנען זיך צונויפגעפאַלן מיט קאָלאָנטייַס דערקלערונגען, האָט אים געבראַכט אַ דאָפּלטע פרייד, ווייַל אַן אָנשפּאַר האָט ער געפונען אין אַ מענטשן, וועלכן מע האָט שוין אַליין פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכער שליכעס געדאַרפט האַלטן פאַר זייער אַ קאָמפּעטענטן. קאָלאָנטייַ איז געווען אַ באַרימטע פיגור אין דער איי-

ראַפּעיִשער סאָציִאַליסטישער באַוועגונג, און דערבײַ איז פֿאַר קיינעם ניט געווען קיין סאָד, אַז אין אַמעריקע פּילט זי אויס דעם אופּטראַג פֿון לענינען.

וואַלאַדאַרסקי מיטן יונגן גורוויטש האָבן זיך געבעטן צו איר צוגאַסט אין האָטעל. אין אָוונט האָט זיי געעפֿנט די טיר אַ שײנע שטאַלטנע פֿרוי אין אַ פּרעכטיק קלייד און מיט ווײַסע אויסגעכאַליעטע הענט. זי האָט אופֿגענומען די יונגעלײַט זייער פֿרײַנטלעך און פֿאַ־שעט.

אַלעקסאַנדרא מיכײַלאָוונא האָט די גאַנצע צײַט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ אין אַ זײַט, כיטרע געצילט אירע פּרעכטיקע אויגן אין די געסט און האָט געשמייכלט, ווי עס קאָן שמייכלען נאָר אַ צאַרטע מוטער. ניט וואַלאַדאַרסקין, ניט גורוויטשן איז אַפֿילע נישט געקומען אַפֿן זינען, אַז זיי דערמאָנען איר בעעמעס דעם זון, וועלכער איז פֿאַרבליבן אין פּעטראָגראַד און דאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו אַף אָפּגעשיקט ווערן אַפֿן פֿראָנט. ניט גלײַך האָט זיך צווישן די געסט מיט דער באַלעבאָסטע פֿונעם האָטעל־צימער אײַנגעשטעלט אַן אופּריכטיקע קעגנזײַטיקע פֿאַרשטענדעניש. אַ קלײנע צײַט זײַנען זיי געזעסן אין דער ראַליע פֿון ליבלעכע ייִנגלעך, אָבער צוביסלעכווײַז איז דער שמועס אַוועק און די מעכיצע איז פֿאַרשוווּנדן. ס'האָבן זיך אַפֿילע אויסגעפֿונען געמיינזאַמע באַקאַנטע — נאָך פֿון רוסלאַנד.

זיי האָבן דעריקער גערעדט וועגן דער מילכאָמע. אַלעקסאַנדרא מיכײַלאָוונא האָט גענוי דערציילט וועגן דער טאַקטיק פֿון די באָלשעוויקעס אין דער געשאַפֿענער סיטואַציע, וועגן לענינס קאַמף מיט די סאָציִאַל־פּאַטריִאָטן. מע האָט לעבהאַפֿט באַהאַנדלט דעם צימערוואַל־דער מאַניפֿעסט.

— דאָס איז, נאַטירלעך, נאָך ניט קיין זיג, — האָט זי גערעדט, זײַענדיק מעכאַבעד די געסט מיט טיי, — אינעם דאָקומענט זײַנען נאָך ניט אַלע פּינטעלעך אַוועקגעשטעלט ווו מע דאַרף. עכטע אינטערנאַציִאָנאַליסטן דאַרפֿן זײַן לינקער פֿונעם צימערוואַלדער מאַני־פֿעסט — אַלעמאָל שטרײַכט עס באַזונדער אונטער וולאַדימיר איליטש. אָבער דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן, און איצט איז אונדזער אופֿגאַבע — פֿאַרפֿעסטיקנדיק זיך אַף די פֿאַר־נומענע פּאָזיציעס, גיין ווײַטער.

זי האָט זיי אויסגעפֿרעגט וועגן דער שטימונג פֿון די רוסישע סאָציִאַליסטן אין פֿילאַ־דעלפֿיע, מע האָט גענומען ריידן וועגן די קייכעס־פֿאַרהעלטענישן אין דער רעדאַקציע פֿון „נאָווי מיר", און די מיינונגען זײַנען זיך צונויפֿגעפֿאַלן: אַן עכטע קאַשע. שאַלעם מאַכן דערמיט טאָר מען אָבער ניט — איצט איז דער סאַמע גינסטיקער מאָמענט פֿאַר אַן אַנטשיי־דענעם קאַמף. וואַלאַדאַרסקי האָט באַוויזן אַלעקסאַנדרא מיכײַלאָוונען זײַן אַרטיקל „פּריפֿע־רעדנעס", און זי האָט מיט דאַנקבאַרקײַט אַרײַנגעלייגט די צײַטונג אין רידיקיול:

— ס'וועט זײַן, מיט וואָס צו דערפֿרייען די כאַווײרים, איליטש האָט געבעטן צונויפֿ־זאַמלען אַלע מאַטעריאַלן פֿון אָט דעם מין אין אַמעריקע, אײַער פּרעסע דערגייט ניט קיין אייראָפּע. און אומיטלבאַר וועגן צימערוואַלד האָט איר גאָרנישט ניט? דאָס איז באַזונדערס וויכטיק.

— כ'האָב פֿאַרטראַכט אַזאַ אַרטיקל. איצטער, נאָך אונדזער באַגעגעניש מיט אײַך, וועל איך עס אומבאַדינגט אָנשרײַבן, — האָט צוגעזאָגט וואַלאַדאַרסקי.

— איך גלייב, אַז ס'וועט זיך באַ אײַך באַקומען...

ס'איז שוין געווען גאָר שפּעט. די יונגעלײַט האָבן גענומען זיך אַנטשולדיקן — מ'האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט ניט אַף לאַנג, און אָט — זיך פֿאַרהאַלטן. די אויסגעשטרעקטע האַנט אַף צו געזעגענען זיך האָט וואַלאַדאַרסקי אַ דריק געטאָן, ניט זײַענדיק זייער איבערצײַגט, אַז גראָד אַזוי האָט מען געדאַרפֿט טאָן. ער איז שוין געווען צוגעוווינט צו ווענדן זיך צו פֿרויען מיטן מענערישן וואָרט „כאַווער", אָבער דאָ איז פֿאַר אים געווען אַ דאַמע...

אַגעוו, איז די פֿאַרלעגנהײַט גלײַך דורכגעגאַנגען און זיך פֿאַרגעסן. וואַלאַדאַרסקי און גורוויטש זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿונעם האָטעל אונטער אַ נאַסן שניי, וועלכער האָט, ווי ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווייך און זויבער באַדעקט די ערד לעקאָוועד דעם גוטן אָוונט. דער שווייצאַר האָט זיך פֿאַרוווּנדערט אַף אָט די צוויי באַכערים: דאַכט זיך, ניט קיין אונטערגע־טרונקענע, נאָר שטיפֿן, ווי קינדער. זיי האָבן גענומען קלעפּן שניי־גאָמעלקעס, אָבער קיין שניי האָט ניט געקלעקט, ווי דאָרט, אין רוסלאַנד...

וואַלאַדאַרסקי האָט זיך געזעגנט מיט פֿילאַדעלפֿיע. די שטערן אין הימל, אויב גלייבן די אַסטראָלאָגן, האָבן צוגעזאָגט אַ ווײַטן וועג. די פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָרוואָס באַקאַנט, האָט אָנגעשריבן וועגן אים אין איר טאָגבוך: „אַ באָלשעוויק". ער האָט אָבער וועגן דעם ניט געוווּסט, ווי ער האָט ניט געוווּסט, צי פּירט זי, אַלעקסאַנדרא מיכײַלאָוונא, ביכלאַל אַ טאָגבוך, אויסצוגן פֿון וועלכע עס וועלן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן ערשט אין אַ פֿינף יאָרצענד־

ליקער ארום, שוין נאָך איר טויט. וואָלאָדארסקי האָט ניט געוווּסט, אז קאָלזמאן אלעקסאנדרא קאָלאָנטײַ געפינט זיך אין אמעריקע, פירט זיך צווישן איר און לענינען א לעבהאפטער בריוו-אויסטויש און אז, אומקערנדיק זיך קיין אייראָפּע, וועט זי אים דערציילן גאנץ גענוי וועגן אירע באגעגענישן אין די פאראייניקטע שטאטן און צווישן אנדערס — אויך וועגן אים, וואָלאָדארסקין, און ווען זיי וועלן זיך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן טרעפן פּאָנעם-על-פּאָנעם — לענין און וואָלאָדארסקי — אינעם קאָכעדיקן, ווי א קעסל, פּעטערבורג, וועלן זיי שוין ניט דארפן פאָרשטעלן איינער דעם אנדערן די פּאָזיציעס, וועלכע זיי פארנעמען בנוגע די ברויזיקע געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין רוסלאנד...

אין אָנדערהאלבן יאָר ארום וועט אלעקסאנדרא מיכײַלאָוונא קאָלאָנטײַ זיצן צוזאמען מיט וואָלאָדארסקין, וועלכן זי האָט די ערשטע אָנגערופן —„באָלשעוויק”, אין סמאָלני, אין פּרעזידיום פון דער היסטאָרישער זיצונג, אף וועלכער ס'וועט געמאָלדן ווערן, אז די באָלשעוויקעס האָבן גענומען די מאכט אין זייערע הענט, און לענין וועט ארויסטרעטן מיט זײַן בארימטער רעדע, דערקלערנדיק, אז דער לאנגאָניקער טרוים פון די רוסישע ארבעטער און פּויערים איז פארווירקלעכט געוואָרן...

דעם צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן קאָלאָנטײַ, האָט וואָלאָדארסקי גענומען אויספילן אין דעם זעלבן אפדערנאכט, און אין עטלעכע טעג ארום איז זײַן ארטיקל שוין געווען אָפּגעדרוקט. וויפל די עלטערע כאוויירים פון דער רעדאקציע האָבן אים ניט אײַנגערעדט, ער זאָל בײַטן דאָס קעפל פונעם ארטיקל, איז ער באשטאנען אף זײַנס און עס איבערגעלאָזט אזוי, ווי ער האָט געוואָלט: „פאר צימערוואלד”. ער האָט פארשטאנען, אז דאָס איז עפשער צו שרײַענדיק, צו ארויסרופעריש, נאָר צו דעם האָט ער איצט געשטרעבט.

ס'האָט זיך אים פארגעדענקט דער שטרײַט אינעם עמיגראנטישן קווארטאל פון פילאדעלפיע. דעמלט האָט ער זיך א ביסל געשעמט, וואָס ער האָט זיך אופגעפירט צו היציק, און אלץ אומזיסט און אומנישט. איצטער איז אלץ געווען אפן אָרט, אָבער א סאך פון דעם, וואָס ער האָט דעמלט ארויסגעזאָגט דערעכאגעוו, איז אים צוניץ געקומען פארן ארטיקל, וואָס האָט זיך פארענדיקט מיט די ווערטער:

„...דערפאר וועל איך שטימען פאר צימערוואלד”.

שטימען — אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט — איז ארויסגעקומען שוין גאָר אינגיכן.

די מילכאָמע, וועלכע איז געבוירן געוואָרן דורך א גרויסער אופטרייסלונג, האָט ארויסגעפילט אירע פונקציעס אכזאָריעסדיק, אָבער קאָנסעקווענט. זי האָט צעטרייסלט די גרענעצן צווישן מעלוכעס און סאָציאליסטישע גרופּירונגען, קעדיי אָנצומערקן סאָפּקאָלסאָף אָט די גרענעצן מער שארף און דײַטלעך. אין העסקעם מיט דער לאָגיק פון די געשעענישן, האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאניזאציאָנעל צו פאראייניקן אויך די לינקע צימערוואלדער פון אמעריקע. און אין איינעם אן אָוונט — ס'איז שוין געווען שפּעטער הארבסט — זײַנען זיי געקומען אף זייער ערשטער פארזאמלונג. אינעם פינצטערן טרעלבויך פון ברוקלין, ווו ס'איז אָנגעמערקט געוואָרן די באגעגעניש, זײַנען זיי געווען א מענטשן פופצן, אָבער זיי האָבן פאָרגעשטעלט א פילנאציאָנאלע מישפּאָכע. דער אמעריקאנער סאָציאליסט רוטגערס האָט אפילע געבראכט איינעם א שמייכלענדיקן יאפּאָנער — זײַן „קווארטיראנט” סען קאטאיאמא. די מערהײַט אָבער זײַנען געווען פון רוסלאנד.

דערווײַל איז געגאנגען א קאמף ארום דער צײַטונג. איינער נאָכן אנדערן זײַנען געקומען צו פאָרן אין „נאָווי מיר” פון אייראָפּע באָלשעוויקעס — גריגאָרי טשודנאָווסקי, יאָן בערזין. לענין האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען, אז זיי וועלן קאָנען שאפן פון אָט דער אמעריקאנער סאָציאליסטישער צײַטונג א פעסטע אנטישאָוויניסטישע אויסגאבע. צו יענער צײַט זײַנען זײַנע האָפענונגען שוין געווען קימאט נאָענט צו פארווירקלעכט ווערן. ס'האָט זיך פאָרמירט א גרופּע לינקע צימערוואלדער, און אף דער ברוקלינער פארזאמלונג האָט וואָלאָדארסקי, אָפּמערקנדיק מיט פרייד די איינהײַט פון שטאנדפּונקטן, געשטימט פאר דער פּראָגראם, וואָס מע האָט נאָרוואָס באהאנדלט. די גרופּע האָט געשטעלט פאר זיך א ציל — פארבינדנדיק קאָנטאקטן מיט די אייראָפּעיִשע פראקציעס, פירן א צוגרייטונג צו דער שאפונג פונעם דריטן אינטערנאציאָנאל.

בא יאָן בערזינען, דערנאָך בא גריגאָרי טשודנאָווסקין, האָט וואָלאָדארסקי ארויסגערופן ניט בלויז סימפּאטיע, נאָר אויך כידעש — ער איז געווען אבסאָליוט „אין קורס” פון אלע געשעענישן און מיט אינטערעס, פאָדערנדיק, מע זאָל דערציילן מיט די מינדסטע פּראָטים, זיי פאנאנדערגעפרעגט וועגן געשעענישן און פערזענלעכקײַטן פון דער אייראָפּעיִשער באַ-

זועגונג. און געטאָן האָט ער דאָס — אַזוי האָט זיך געפֿילט — ניט קעדיי זיך לערנען, נאָר קעדיי צו באַקומען וואָס מער אינפֿאָרמאַציע. קנעלן מיטן „פּראָווינציאַל" האָט מען ניט געדאַרפֿט — ער האָט אינעם טאָך פֿון די איניאָנים זיך פֿאַנאַנדערגעקליבן זייער גוט.

אַהיים!

אָט דער העפֿלעכער, צוגעלאָזטער יונגערמאַן, אָט דער אויפֿמערקזאַמער מיטשפּרעכער — אַזאַ, וויִאַזוי טשודנאָווסקי און בערזין האָבן אים באַוויזן צו דערקענען פֿאַר די עטלעכע טעג פֿון זייער לעבן אין אַמעריקע, אין ניו־יאָרק, — איז פֿון די צײַטונגס־שפּאַלטן אויסגעוואַקסן פֿאַר זיי ווי אַן אַנטשיידענער, גרויזאַמער קעמפֿער, אַן איבערצײַגטער אין זײַן קויעך. זיי האָבן געלייענט זײַנע פֿאַרביטערטע אַרטיקלען וועגן די סיבעס פֿון דער מאַפּאָלע פֿון אַן אָרדנטלעכן שטרײַק, זיך אָנגעשטויסן פּלוצעם אויף זײַן סעריע אַרטיקלען וועגן וויליאַם שעקספּירס יובילײַ, און דערנאָך אומגעריכט — וועגן דעם יובילײַ פֿון אַן אַנדערן קלאַסיקער — דעם לידער פֿון דער פֿאַרקויפֿטער טרעד־יוניאָנישער אָרגאַניזאַציע אַמעריקאַנער אַרבעטס־פֿעדעראַציע סאַמועל גאָמפּערס. און אומעטום האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן די איינציקײַט פֿון זאַכן, וועלכע קאָנען זיך ניט אייניקן, ווי אײַז מיט פֿלאַם, אַ ברויזנדיקע, קימאַט אַ קרענקלעכע עמאָציאָנעלקײַט און אַ מין אַמעריקאַנער, אַזוי צו זאָגן, נאַקעטע געדאַנקלעכקײַט.

צו יענער צײַט שוין אַ באַוווסטער עקאָנאָמיסט, אַ געלערנטער מיט אַן אויסזען פֿון אַ פּאָעט, האָט גריגאָרי טשודנאָווסקי, ניט אײַנהאַלטנדיק די באַגײַסטערונג, גענומען לייענען אויף אַ קאָל פֿאַר די כאַווײרים וואָלאָדאַרסקיס אַרטיקל „די שפּראַך פֿון ציפֿערן". זיי האָבן בעסער פֿון די אַמעריקאַנער געוווּסט די דרינגענדיקע אויפֿגאַבן פֿון דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג. אַ סאַך פֿון זיי האָבן ניט פֿון אַרטיקלען, נאָר פּערזענלעך געהערט, וויִאַזוי עס פֿאָרמולירט זיי לענין — אָט דער אומדערמידלעכער גענעראַטאָר פֿון אידייען, וועלכער האָט געקעמפֿט אויף אַלע פֿראָנטן און איז געווען, דאַכט זיך, פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אַלץ. לענין האָט טאַקע ניט איין מאָל גערעדט וועגן דער נויטווענדיקײַט פֿון אַן עקאָנאָמישער, יאָ, גראָד אַן עקאָנאָמישער, אויפֿדעקונג פֿון דער מילכאָמע. און עס האָט געלוינט איבערצושנײַדן דעם אָקעאַן, קעדיי צו געפֿינען קימאַט אַן אידעאַלן בײַשפּיל דערפֿון, וויִאַזוי דאָס ווערט געטאָן.

אָט דער אַמעריקאַנער, וועלכער איז קיינעם ניט באַוווּסט, אָט דער יונגערמאַן, וועלכער האָט אַפֿילע קיין גימנאַזיע ניט פֿאַרענדיקט, האָט, כּויזעקנדיק, אָנגעהויבן זײַן אַרטיקל פֿון דעם, אַז ווען מע רעדט אָן אַ פֿולן זאַק וועגן עפּעס אַ סאָציאַלער דערשײַנונג דער רועך ווייסט וואָס, איז ניטאָ קיין אַנדערער אויסוועג, ווי נעמען, אויב עס וועט זיך אײַנגעבן, ציפֿערן אַזוי ווי זיי שטייען און גייען — טרוקענע ציפֿערן און זיך אײַנהערן אין זיי.

אין יענער צײַט, האַרבסט 1916, האָבן די פֿויקן פֿון דער בורזשואַזער פּרעסע אין אַמעריקע געפּויקט וועגן „פּראָספּעריטי". אַן אומגעהערטער אויפֿשטײַג פֿון דער אינדוסטריע, אַ בליִונג, וואָס אַזוינס האָט נאָך די וועלט ניט געזען. דער האַנדלס־פֿאַרקער פֿון די שטאַטן איז פֿאַר אַ יאָר אויסגעוואַקסן אויף צוויי ביליאָן דאָלאַרן. און דער עמיגראַנט וואָלאָדאַרסקי הייבט אָן אַרײַנצודרינגען אין די פּראָטים פֿון דער פּראָספּעריטי — פֿונוואַנען האָט זי זיך גענומען און ווי לאַנג וועט זי דויערן.

די פּראָספּעריטי, האָט דערוויזן וואָלאָדאַרסקי, איז אַ דירעקטער סאַכאַקל פֿון דער מילכאָמע. דער עקספּאָרט האָט זיך פֿאַרגרעסערט בלויז אויף יענע סכוירעס, וועלכע זײַנען נייטיק צוליב פֿירן מילכאָמע. ס'הייסט, אַז די פּראָספּעריטי, וועלכע איז אויפֿגעקומען אין רעזולטאַט פֿון דער מילכאָמע, וועט זיך מיטן סאָף פֿון דער מילכאָמע אָפּשטעלן, און ס'וועט קומען אַ צײַט פֿון טיפֿן קריזיס.

דאָס איז איינס. און, צווייטנס, איז קיין שום פּראָספּעריטי ניטאָ אין שײַכעס מיט די טאָגטעגלעכע באַדערפֿענישן פֿונעם פּאָשעטן אַרבעטער. ס'איז אויסגעוואַקסן דער פֿאַרדינסט, אָבער נאָך העכער זײַנען געוואָרן די פּרײַזן אויף די נייטיקסטע שפּײַז־פּראָדוקטן...

דער זייפֿנבלאָז האָט געפּלאַצט.

די רוסישע פּאָליט־עמיגראַנטן האָבן מיט אַלע כּוחים געפֿילט, אַז עס דערנעענטערן זיך גרויסע געשעענישן. פֿיל פֿון זיי האָבן ניט גערן פֿאַרלאָזט אייראָפּע. אַ סאַך זײַנען גע-

פאָרן קיין אמעריקע מיט נעשאַמע-ווייטעק. דעם „נאָווי מיר" האָבן זיי אַלע צוזאמען ארויסגעפירט פון דער צענטריסטישער בלאָטע. בעראָש פון דער רעדאקציע איז אוועקגעשטעלט געוואָרן א באַלשעוויק. עמעס, דערנאָך איז געקומען צו פאָרן טראָצקי מיט זײַנע פשאַרעמאכערישע אידייען... אַלנפאַלס, די פּאָזיציעס פון די אַבאַראָנצעס זײַנען גרינטלעך אונטערגעריסן געוואָרן.

די צוזאמענשטויסן האָבן זיך ניט אײַנגעשטילט. ס'איז ניט געווען אינגאנצן קלאָר, ווער מיט וועמען עס גייט. די מילכאָמע האָט צעקריגט און האָט פאַרייניקט. זי האָט פאַנאַנדערגעשטעלט אַלץ און אַלעמען אויף זייער אָרט. זי האָט געפּרוּווט און אויסגעפּרוּווט. דער אויסערלעכער כאַאָס האָט זיך ארויסגעוויזן אינדערעמעסן אַלס אַן אײַנגעאָרדנטע באַוועגונג, וואָס רייניקט אָפּ סײַ דאָס בלוט, סײַ דעם ברוד.

באַגעגענענדיק דאָס יאָר 1917, האָבן די אמעריקאנער צווישן אַלע האָפענונגען, וועלכע זײַנען שטענדיק פאַרבונדן מיט דער באַגעגעניש פון נײַ-יאָר, געוואַרט, אַז די פאַרייניקטע שטאַטן זאָלן זיך אָנשליסן אין דער מילכאָמע, און די רוסישע אימיגראַנטן האָבן, אויסער דעם, געוואַרט אויף א רעוואָליוציע אין רוסלאַנד. קיינער האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט וויסן, אַז די רעוואָליוציע וועט אויסברעכן גראָד אין זיבעצנטן, נאָר דאָס זיבעצנטע איז געווען דאָס סאמע נײַע יאָר — אויב ניט איצט, איז ווען זשע?

אין ברוקלין, אין איסט-סײַד, ווּ רוסיש און ייִדיש האָבן ניט זעלטן פאַרטויבט דאָס ענגלישע לאָשן, זײַנען זייערע רוישיקע פאַרזאַמלונגען אַלץ מער געווען דורכגעדרונגען מיט אומגעדולדיקער נערוועזקייט, ווי בא פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זיך פאַרהאַלטן אין פּאָרט — דאָס אָפּשווימען איז אָפּגעלייגט געוואָרן איבערן שטאָרעם, נאָר אָט איז אפן יאַם שוין שטיל, די בוכטע איז פאַרגאָסן מיט זון, די זעעוודיקייט איז א ווונדערלעכע, די קרוווים האָבן זיך שוין פון לאַנג איבערגעקושט, און דאָס עסנוואַרג, וואָס מע האָט פאַרגרייט אפן לאַנגן וועג, האָט שוין באַוויזן זוייער צו ווערן, — אָבער די שיף איז נאָך ניטאָ און ניטאָ. „אָט באַלד, אָט באַלד!" — פאַרזיכערט דער קאָנדוקטאָר, „אָט-אָט..." — באַרויִקן איינער דעם אנדערן די פּאַסאַזשירן און הערן זיך אײַן, צי ס'איז שוין געגעבן געוואָרן דער סיגנאַל אויף אַרײַנצוגייען אין דער שיף. די דאָזיקע מינוטן, ווען דער האַפן איז שוין איבערגעשפאַנט אין דער לענג און אין דער ברייט ניט איין מאָל, זײַנען די סאמע דערעסענע, די סאמע פּײַנפולע.

ס'איז געווען פעוראַל. אין רוסלאַנד, עמעס, איז נאָך געגאַנגען יאַנוואַר. סאָף יאַנוואַר. איין כוידעש, בלויז איין כוידעש לעבן איז געגעבן געוואָרן דער אימפּעריע. א רויטע — אויף א פראָסט און אויף א שטורעם — האָט געלויכטן די שקיִע אויף איר הימל-בויגן, א דורכגעשטאָכענעם מיטן אַלעקסאַנדערִ'ער סטויפ.

פונקט אין א כוידעש ארום, ווען אינעם ניו-יאָרקער מאַרט האָבן גענומען פלאַצן די קנאָספּן אויף די זעלטענעביימער, אָנטוענדיק צוביסלעך מיט גרינס דעם פריִען פרילינג, האָט זיך אין רוסישן פעוראַל געשמאָלצן דער ברודיקער שניי אונטערן רויטן פײַער פון די פּאָליציישע באַצירקן, פון די סרייפעס אין די פריצישע גיטער און פונעם הייסן בלײַ.

און ווען ס'איז ענדלעך געשען דאָס, אויף וועלכן ס'האָבן אזוי לאַנג געוואַרט די רוסישע פּאָליט-עמיגראַנטן, האָבן זיי ניט געגלייבט, אַז ס'איז טאַקע אזוי, מוירע געהאַט פאַר א גוט-אויג.

אָבער אַט האָבן געגומען אָנקומען אָפיציעלע טעלעגראַמעס פון די אייראָפּעיִשע אגענצן. מע האָט זיי געלייענט אַף א קאָל, ווי דאָס וואָלטן געווען לידער פאר דעקלאַמאַ-ציע. קיינער האָט ניט פארלאָזט די רעדאַקציע, קיינער איז ניט אוועקגעגאַנגען — מע האָט געוואַרט אַף נאָך טעלעגראַמעס, וועלכע זאָלן באַשטעטיקן די אומגלייבלעכע נײַס. דער רעדאַקטאָר האָט אונטערגעשריבן צום דרוק די ערשטע זײַט פונעם נומער פארן 16-טן מאַרט, פול מיט רעגונג, פײַערלעך, אינעם איבערגעפּולטן צימער.

„א רעוואָליוציע אין רוסלאַנד!" — אונטער אָט דעם קעפּל מיט גוואַלדיקע אויסיִעס איבער אַלע זיבן שפּאַלטן איז אויסגעזעצט געוואָרן אויך מיט גרויסע אויסיִעס, נאָר מיט קלענערער שריפט:

„פּעטראָגראַד איז אין די הענט פונעם פאָלק. דאָס מיליטער איז אַף דער זײַט פון דער רעוואָליוציע. די דומע האָט זיך אָפּגעזאָגט זיך פאַנאַנדערלאָזן. די מיניסטאָרן זײַנען אין טפיסע. ס'איז געשאַפן געוואָרן א צײַטווײַליקע רעגירונג. דער צאַר קלײַבט זיך אָפּזאָגן פונעם טראָן".

א מיטינג האָבן זיי צונויפגערופן שוין אפן אַנדערן טאָג — אינעם גרעסטן זאַל, אין בעטהאָווען-האָל. אָך, האָט מען גערעדט! מע האָט געוויינט און געלאַכט! פון אַלע עקן שטאָט האָבן זיך אהער געצויגן מענגעס מענטשן. ניט בלויז רוסן — אַמעריקאַנער, אויס-לענדישע סאָציאַליסטן. מע האָט איינער דעם אַנדערן אָפּגעגעבן מאַזלטאָוו, מע האָט זיך גע-פרייט צוזאַמען מיט די פרײַנט. א געמיינזאַמער יאָמטעוו!

איין פאַרלאַנג איז געווען — אַהיים! און מיט אָט דעם פאַרלאַנג האָבן זיי אַלע גע-לעבט. ווען ס'איז אָבער דורכגעגאַנגען דער טשאַד פון די ערשטע טעג, האָט מען זיך פאַר-טראַכט: וויאַזוי? א פּראָבלעם איז געווען אפילו אַזא קלייניקײַט, ווי געלט אַף א בילעט. מע האָט צונויפגעשטעלט א צעטל פון די אָפּפאָרנדיקע, אָנגעהויבן זאַמלען מיטלען. און פּלוצעם האָט זיך אײַנגעאַקשנט די רוסישע געזאַנדשאַפט. דאָרט האָט מען זיך אויך פאַר-לוירן. דער אַלטער רעגירונגס-אַנשטאַלט האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי זיך אופצופירן אין די נײַע באַדינגונגען. לויט דער אַלטער רוסישער טשינאָוונישער געוווינשאַפט האָט מען גענומען ציִען און דרייען א ספּאָדעק. דאָס איז שוין געווען גוט באַוווּסט. די דיפּלאָמאַטן פון זײַן אראָפּגעוואָרפענער הויך-עקסעלענץ האָבן געטאָן זייער זאַך גאַנץ פּראָפעסיאָנעל. אָבער די פריִערדיקע זיכערקײַט אין זייער טעטיקײַט איז שוין, נאַטירלעך, ניט געווען. סאָפקאַלסאָף איז אויסגעקומען, אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג (און עפּשער אויך אויס מוירע ניט ארויסצורופן צאָרן מיצאַד דער נײַער רוסישער רעגירונג — דער טייוול ווייסט, מיט וואָס זי שמעקט!), אונטערכאַסמענען די ארויספאָר-דאָקומענטן.

ס'איז אַנטשטאַנען די פראַגע, ווער עס דאַרף ארויספאָרן אין דער ערשטער ריי. דער הויפּט-פּרינציפּ איז גלײַך אײַנגעשטעלט געוואָרן: ארויספאָרן דאַרפן יענע, אין וועלכע עס נייטיקט זיך אין דער ערשטער ריי דאָס פאָטערלאַנד. מע האָט זיך באַראַטן אין די אָרגאַ-ניזאַציעס. אין „נאָווי מיר" האָט זיך די באַהאַנדלונג פאַרצויגן: זייער ווייניק מיטאַרבעטער, און מע האָט קוים אײַנגעאָרדנט דעם ארויסלאָז פון דער צײַטונג, זי זאָל האָבן עפּעס א פּאָנעם.

— כאַוויירים, — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר, — איך פאַרשטיי גאַנץ גוט אַלעמענס געפילן, אָבער איך בעט א טראַכט טאָן וועגן אונדזער אַלגעמיינער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער צײַטונג. אָפּשוואַכן זי אצינדער, ווען די שטאַטן וועלן זיך אָט-אָט אָנשליסן אין דער מילכאָמע, וואָלט געווען פון אונדזער זײַט א פאַרברעכן. דעריבער בלײַב איך איבער. אַף א כוידעש, מעגלעך, אַף צוויי. מע דאַרף אָבער איבערגעבן די צײַטונג אין זיכערע הענט. ווער איז מאַסקים מיך אונטערהאַלטן?

א דריקנדיקע שווײַגעניש. יעדער איז געווען גרייט, אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט. וואָסקאָוו (ס'איז שוין פון לאַנג געווען קלאָר — ער פאָרט אוועק) האָט אופמערקזאַם, ווי א שולדיקער, אָבער פאָדערנדיק א קוק געטאָן אַף וואָלאָדאַרסקין. יענער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט טויבלעך, אָפּווענדנדיק דעם בליק:

— געוויינלעך, זייער שווער איז אונדז אָנגעקומען די צײַטונג, און אָפּגעבן זי די אַבאַראָנצעס איז ניט קיין זאַך... איך פאַרבלײַב... — און גיך צוגעגעבן: — ניט אַף לאַנג.

ווען מע איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז צו אים צוגעגאַנגען דער רעדאַקטאָר, שווײַגנ-דיק א דריק געטאָן די האַנט:

— מיך פרייט, וואָס גראָד איר זײַט פאַרבליבן. כ'האָב זיך אַפילו געקליבן אײַך בעטן וועגן דעם. איר פאַרשטייט אַליין, אַז איצטער, ווען מיר זײַנען אַזוי ווייניק געבליבן, דאַרף מען האָבן מענטשן, וועלכע קאָנען אַרבעטן ניט בלויז גוט, נאָר אויך א סאַך.

וואָלאָדאַרסקי האָט צעשטרייט א שמייכל געטאָן, ניט ווייסנדיק, וואָס צו ענטפערן אַף דער אָפענער ליב. ער האָט עפּעס אויסגעמורמלט, ס'איז זייער שווער געווען אַפן האַרצן.

אינדערהיים האָט אָט די מיטיילונג אַרויסגערופן שטורמישע היספּײַלעס. דער טאַטע איז אַרויסגעלאָפן, געבראַכט וואָס איבערצובײַסן, און מע האָט אײַנגעאָרדנט א פּראַקטיקע וועטשערע.

— נו גוט, נו ניט אַלע קאָנען דאָך אוועקפאָרן, — האָט ער געהאַוועט אַרום דעם טיש, ווי ער וואָלט זיך געטראָפן מיטן ייִנגערן זון נאָך א לאַנגער צעשיידונג. — דו שלאָגסט ניט בײַדעקעס אויך דאָ, גאָט צו דאַנקען. מירן פאַרבלײַבן, מירן אָנשרײַבן דער מאַמען, די קינדער, געגנוג זיך מוטשען.

— טאַטע, דו האָסט מיך ניט ריכטיק פאַרשטאַנען, דער אָפּפאָר לייגט זיך בלויז אָפּ...

— וואָס האָבן זיך דאָ אַלע, ווי פון דער קייט אָפּגעריסן? — האָט פאַרגעזעצט, ווי ניט הערנדיק, דער פאָטער. — נו א רעוואָליוציע אין רוסלאַנד, נו גוט. מע האָט בעפּיירעש שטאַרק א זעץ געטאָן ניקאָלאַשקען, איך בין זייער צופרידן. אָבער דו זעסט דאָך — מע האָט זיך ספּראַוועט אָן דיר, און בעפּיירעש גלענצנדיק זיך ספּראַוועט. שלאָג זיך דאָ — וואָס זשע, ס'איז ניטאָ מיט וועמען? אָט וועל איך דיר בעסער דערציילן, וויאַזוי עס וואָלט אין אַזא לאַגע געהאַנדלט אונדזער הערשעלע אָסטראָפּאָליער...

דעם זון איז ניט געווען צום לאַכן. און כאָטש דעם האָט ער שוין ניט איין מאָל געהערט פונעם טאַטנס מויל אַלע אַנעקדאָטן און מײַסעלעך וועגן זייער באַרימטן לאַנדסמאַן.

— טאַטע, — האָט ער שטיל געזאָגט, — לאָז כאָטש איצטער צורו הערשעלען...

דער פאָטער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נו גוט, ווילסט ניט קיין מײַסעלעך, וועל איך דיר זאָגן דאָס, וואָס איך טראַכט אַליין. גלייב מיר, מוישעלע, לעבן קאָן מען אומעטום און אומעטום לעבן אין קאַדאָכעס. די רעוואָליוציע וועט קומען און וועט אוועקגיין, און רוסלאַנד וועט בלײַבן רוסלאַנד. ניקאָלאַשקען האָט מען אַראָפּגעשלײַדערט, נאָר דאָרטן האָט זיך יעדער אויעזד זײַן ניקאָלאַשקען. אַלץ וועט זײַן, ווי פריִער, בלויז מיר וועלן ניט זײַן. זײַנען מיר אויך אַזוי דאָרטן ניטאָ. איך ווייס, וואָס רוסלאַנד באַטײַט. איך ווייס, וואָס אַזוינס איז אין רוסלאַנד א פּאָגראָם, און איך ווייס ניט, וואָס אַזוינס איז אין רוסלאַנד רעוואָליוציע. אַגעוו, האָסטו אויך פאַרגעסן, מיט וואָס מע עסט עס דאָרטן...

— ניין, טאַטע, ניט פאַרגעסן. דאָס האָסטו, זײַ מיר מויכל, אַלץ אַף דער וועלט פאַרגעסן, — האָט דער זון גוטמוטיק זיך צעשמייכלט. — און א רעוואָליוציע האָב איך געזען. נאָר א קליינינקע, אַן אָסטראָפּאָליער רעוואָליוציע.

— איך געדענק, זונעניו, — האָט טרויעריק געענטפערט דער פאָטער. — איך געדענק, וויאַזוי מע האָט אין יענער קליינינקער רעוואָליוציע דיך, אויך א קליינינקן, קיין סיביר פאַרשיקט... און איצטער איז זי אוי אוועלכע, און דו ביסט אויסגעוואַקסן. מיט פאַרשיקונג וועסטו, מעכילע, איצטער ניט אָפּקומען, ניין.

וואָלאָדאַרסקי האָט דערזען, אַז אינעם טאַטנס אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן, און מיט ווייטעק א טראַכט געטאָן: „שוין אינגאַנצן א זאַקן געוואָרן". נאָר גלײַך האָט אים א דאַסאַדע גענומען: „זיך צעלאָזט, ווי א ייִדענע..." — דאָרטן, אינדערהיים, איז דער פאָטער געווען גאָר אַן אַנדערער... יאָרן און פּלאָגן האָבן אים אײַנגעבראָכן. מע וואָלט אים אוואַדע געדאַרפט באַרויִקן, אָבער וויאַזוי? אַנדערע איבערצײַגן אין עפּעס וויכטיקס האָט ער זיך אויסגעלערנט, און אַף די אייגענע האָט שוין קיין קויעך ניט געקלעקט.

— נו, — האָט ער א זאָג געטאָן קלוימערשט פריילעך, פאַרשטייענדיק, אַז ער כאַפּט איבער די מאָס און פעלשט, — און ווו איז מײַן שיקאַרנער סאַקוואַיאַזש? ווו האָט ער זיך אַהינגעטאָן? דו דאַרפסט דאָך וויסן...

די טיי אַפן טיש האָט אומזיסט זיך געסטאַרעט מיט איר אַראָמאַט — קיינער האָט זיך צו איר ניט צוגערירט. אין שאַלכל האָט געטײַעט די פּוטער. ס'איז געווען וואַרעם — פרילינג אַף דער וועלט...

אין דער ערשטער פּאַרטיע אָפּפאָרנדיקע זײַנען אַרײַנגעפאַלן 34 מענטשן. ס'האָבן זיך געזעגנט טשודנאָווסקי, וואָסקאָוו. ווען דער באַבערדלטער נאָרוועגער האָט אוועקגענומען דעם טראַפּ, זײַנען זיי נאָך לאַנג געשטאַנען בא דער סאַמע שיפדעק, אויסשרײַענדיק,

ווי ס'איז שוין פון לאַנג אײַנגעפירט, אומבאַדינגטע און אומנייטיקע ווערטער מיקויער דעם, אַז מע וועט זיך גאָר אינגיכן, אימירצעשעם, זען, ווי זיי וואָלטן דערמיט געוואָלט באַרויִקן די איבערגעבליבענע.

אַגעוו, איז דאָס טאַקע אַזוי געווען. וואָלאָדאַרסקיס כאַווירים זײַנען אַוועק אױף דער פאָדערשטער ליניע, און ער האָט זיך אומגעקערט צו זײַנע געוויינלעכע איניאָנים.

אין יענעם פרילינג פון דעם זיבעצנטן יאָר האָט אַמעריקע געטרייסלט די זעלבע עפּידעמיע פון פּאַטריאָטיזם, מיט וועלכער ס'האָט געקרענקט אייראָפּע אינעם פערצנטן יאָר זומער. אויך דאָ האָט זיך ניט באַ אַלע סאָציאַליסטן אַרויסגעוויזן אַן אימוניטעט. אַלעמאָל האָבן זיך געהערט „קלוגשאַפטלעכע" אייצעס, אַז מע דאַרף, מע מוז „פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד". געוויינלעך, אונטער פאַרשיידענע טערוצים, אָבער וויסקי פאַרנעפּלט דעם קאָפּ אַפילע דעמלט, ווען מע טרינקט עס מיט סאָדע-וואַסער. וואָלאָדאַרסקי האָט ווידעראַמאָל געפאָדערט, עס זאָל זײַן אַ פולשטענדיקע קלאָרקײַט.

„וואָס דו זאָלסט ניט טאָן, טו עס גיכער", — האָט ער געשריבן אין אַן אַרטיקל אין „נאָווי מיר". געמיינט האָט ער דעם „פאָרווערטס" — די צײַטונג פון די ייִדישע סאָציאַ-ליסטן. „פאָרווערטס" האָט מיטאַמאָל געפונען אַ טערעץ צו באַרעכטיקן די מילכאָמע-צו-גרייטונגען פון די שטאַטן. נאָך מער — זי האָט גענומען רופן די ייִדישע סאָציאַליסטן אונטערהאַלטן די דאָזיקע צוגרייטונגען.

— כ'וועל הײַנט ווידעראַמאָל ריידן אויף ייִדיש, — האָט ער מיטגעטיילט דעם טאַטן, ווען זיי זײַנען געגאַנגען אויף אַ מיטינג פון די ייִדישע אַרבעטער. — כ'וויל טאַקע, דו זאָלסט מיר זאָגן, וויִאַזוי עס באַקומט זיך באַ מיר...

מאָרדכע גאָלדשטיין האָט געהערט, ווי עס רעדט צו די ייִדישע אַרבעטער זײַן זון, און איז געבליבן צופרידן: מוישע האָט נאָך ניט פאַרגעסן מאַמעלאָשן! שיין, ריין, זאַפטיק, ווי אויף רוסיש און אויף ענגליש... ער האָט געוווּסט, אַז מוישען קומט אויס ניט זעלטן זיך צו טרעפן מיט געוועזענע לאַנדסלײַט פון רוסלאַנד, און קיין אַנדער שפּראַך, אויסער ייִדיש, קענען זיי ניט — דאַרף מען מיט זיי ריידן אויף מאַמעלאָשן, וואָס ער האָט, גאָט צו דאַנקען, נאָך ניט פאַרגעסן. עמעס, אַמאָל קומט אויס זיך טיף אַ גריבל טאָן אין זיקאָרן, קעדיי צו געפינען דאָס סאַמע נייטיקע וואָרט, נאָר נישקאָשע, ער דאַרף עס באַ קיינעם ניט אַנטלײַען. וואָסקאָוו רעדט אויך אויף ייִדיש, נאָר ער, וואָלאָדאַרסקי, קאָן זיך אַפילע מיט אים פאַר-וועטן אין דער קונסט צו פאַרכאַפּן דעם עוילעם.

אַרויסטרעטן אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען איז אויסגעקומען קימאַט אַלע טאָג, אָבער דעריקער איז ער געווען פאַרנומען אין דער רעדאַקציע.

די געוויינשאַפט ניט שלאָפן מעסלעסנווײַז האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כראָנישער שלאָפלאָזיקײַט, די אינפלוענץ האָט אויך געמאַטערט, ס'האָט ווי געטאָן דער קאָפּ, און דער הוסט האָט ניט געלאָזט צורו. דער רייעך און דער טאַם פון דער טיפּאָגראַפיע מיטן בלײַ און מעטאַל און מיטן פאַפּירענעם שטויב האָבן זיך אַזוי אין אים אײַנגעגעסן, אַז זיי האָבן זיך ניט אויסגעוועפּט אין די קורצע שאָען פון אָפּרו אינדערהיים אָדער בייס דער לויפעניש און האוועניש איבער די יוניאָנען און אין די פּאַרטיי-איניאָנים.

יעדער פון זיי איז, גרייטנדיק זיך אין וועג, געווען פאַרנומען מיט די געדאַנקען וועגן זײַן קינפטיק אָרט אינדערהיים, אין רוסלאַנד. ווען די אומקער-שאָ איז אַזוי נאָך ווײַט און אומבאַשטימט, טראַכט מען בלויז וועגן דעם גוירל פונעם פאָטערלאַנד. און ווען מע וועט אַהין קומען, וועט מען שוין וויסן, וואָס מע האָט צו טאָן. וואָס קומט דאָרט פאָר, פון יענער זײַט אָקעאַן? דאָס איז טאַקע יענע רעוואָליוציע, אויף וועלכער מע האָט אַזוי געוואַרט?

אַ נעפּל, אַ נעפּל שווימט איבערן אָקעאַן. אַזאַ מין נעפּל, אַז מע קאָן גאָרנישט ניט זען. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז בלויז הינטער דער נעפּלדיקער ווײַט ליגט די געגאַרטע היים? אַ פאָטערלאַנד, ווי אַ מוטער, קלײַבט מען ניט אויס. און דעם וועג אַהין נעמט מען אויף אַזוי, ווי עס איז, ניט איבערקלײַבנדיק. נאָר יעדער האָט געקעכלט אין זיך זײַן אייגע-נעם טרוים, אַן אויסגעוויטעקטן פאַר די יאָרן פון וואָגלעניש, און אָט דעם טרוים האָט ער געוואָלט אַהין דערטראָגן.

מ'האָט אויסגערעכנט, אַז בלויז אָט אַזעלכע וועלן טאַקע אַוועקפאָרן אין דער ערשטער ריי. די קאָנפערענץ פון די רוסישע רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָט געהאַלטן אין איין איבעררײַסן די צעטלען. וואָלאָדאַרסקי איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער צווייטער גרופּע, אין צעטל זײַנען געווען 97 מענטשן.

אין יענעם טאָג, ווען מע האָט אים מיט ווינטשעוואַניעס איבערגעגעבן די שיפסקאַר-טע, איז אינדערהיים געווען אַ קלאָג. דער עלטערער ברודער — דאָוויד און דער טאַטע

האָבן אַף אים געוואַרט ביז שפּעט אָפּדערנאַכט באַם טיש, ניט אײַנשליסנדיק די שײַן. מוי-
שען איז שווער אָנגעקומען אַרויסצורײַסן פון זיי א וואָרט. אַזוי האָט זיך שוין בא זיי באַ-
קומען, אַז אין דער לעצטער צײַט איז דער ייִנגסטער געוואָרן אין שטוב דער גאַנצער
דײַזאַגער אַפן מישפּאָכע-ראַט. ווי געוויינלעך, זײַנען זיי מיט אים אויך איצטער מאַסקים
געווען. באַשלאָסן האָט מען, אַז בא דער ערשטער געלעגנהײַט וועלן אויך זיי, דער טאַטע
און דאַוויד, זיך אומקערן אַהיים...

דעם דריטן אַפּרעל איז אינעם גרעסטן זאַל פון ניו-יאָרק, אין בעטהאַוועו-האָל, פאַר-
געקומען א געזעגענונגס-מיטינג. וואָלאָדאַרסקי איז אַרויסגעטראָטן מיט א רעדע — אַן עמאָ-
ציאָנעלער, ווי אַלע אַרויסטרעטונגען אין יענע טעג אַף אָט דער טעמע. ביזן אָפּפאָר איז
נאָך געבליבן צוואַנציק טעג. אַף פּערזענלעכע געזעגענונגען איז ניט געווען קיין סאַך צײַט,
און וואָלאָדאַרסקי האָט עפּשער צום ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט בוילעט, וויפל ער
פאַרמאָגט פרײַנט. „אַוודע, — האָט ער געקלערט, גייענדיק איבער די איפּעשדיקע געס-
לעך פון איסט-סײַד, וועלכע זײַנען שוין געווען אים אײַנגעבאַקן אין האַרצן, — אינדער-
פרעמד — ווי אינדערפרעמד; אָבער אַלע זײַנע רײַפע יאָרן האָט ער טאַקע פאַרבראַכט אָט
דאָ, אין אַמעריקע. און ס'איז ניט קיין כידעש, וואָס ער פאָרט פונדאַנען אַוועק אַלס אַמערי-
קאַנער. דאָ האָט ער די צווייַגן צעלאָזט, אָבער די וואָרצלען זײַנען דאָך פאָרט דאָרט, אין
רוסלאַנד. אָט אַזוי טראָגט אים פון איין ברעג צום צווייטן...”

די אינערציע האָט אים געהאַלטן אינעם אײַנגעשטעלטן קרײַז. אייגענע זײַנען געווען
די „אַמעריקאַנער”. נאָר די אָפּשיידונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין וועג. א סאַך האָבן זיך
אָפּגעזייט, פון אַנדערע האָט ער זיך אַליין אָפּגעקערט. געבליבן איז ער בלויז מיט די
אידייִש-נאָענטע. אויך אין פּעטראָגראַד האָט ער זיך אין די ערשטע טעג געהאַלטן פאַר
די אַלטע פאַרבינדונגען, פאַר די אַלטע פרײַנט. אַלע זײַנען זיי געווען „מעזשראַיאָנצעס” —
האָט עס געהייסן, אַז ער איז אויך א „מעזשראַיאָנעץ”.
אין דער פאַרטשאַדעטקײַט פונעם נײַעם רוסלאַנד, פון פּעטראָגראַד, אין דער פאַר-
שיקערטקײַט מיט דער פרײַהײַט און מיט דעם, וואָס ער וועט זיך פאַרנעמען מיט דער זאַך,
צוליב וואָס ער איז אַהער געקומען, איז ניט געבליבן קיין צײַט און קיין קויעך זיך פאַ-
נאַנדערקלײַבן אין דעם אונטערשייד צווישן די „מעזשראַיאָנצעס” און באָלשעוויקעס. דערנאָך
האָט ער זיך פאַרטראַכט: אייגנטלעך, צוליב וואָס? צוליב וואָס עקזיסטירן צוויי פּאַרטייען
מיט קימאַט אַלציינע פּראָגראַמען, ענלעכע איינע אַף דער צווייטער און טוען איינס און
דאָס זעלבע? פאַרשטייט זיך, מע קאָן ברענגען א נוץ אויך זײַענדיק א „מעזשראַיאָנעץ” —
קיין גרויסער אומגליק איז אין דעם ניטאָ, קיין שום אונטערשייד. אָבער אויב ס'איז
ניטאָ קיין אונטערשייד, צוליב וואָס זשע דאַרף מען א צווייטע פּאַרטיי? ספּעציעל פאַר די
עמיגראַנטן? נאָר ווידעראַמאָל — אַף איין און דער זעלבער ערד טרעט מען, און געוואָרן
איז זי, אָט די ערד, שוין גאָר אַן אַנדערע, — דאַרף מען זי דען טיילן צווישן די אייגענע?
אַפן 10 מײַ איז אָנגעמערקט געוואָרן א קאָנפערענץ פון דער צווישנראַיאָנישער
אָרגאַניזאַציע. מע האָט גערעדט: פון די באָלשעוויקעס וועט אַרויסטרעטן לענין. וואָלאָדאַר-
סקי איז אַף איר בײַגעווען, אויסגעהערט אַלע רעדעס, און ווען מע האָט פאַרעפנטלעכט
די רעזאָלוציע, האָט ער שוין געוווּסט, אַז שטימען פאַר איר וועט ער ניט.
אַפן אַנדערן טאָג איז ער געקומען אין קאָמיסאַריאַט פונעם באָלשעוויסטישן צענטראַל-
קאָמיטעט. און סווערדלאָוו האָט אים באַגעגנט, ווי מע וואָלט אַף אים דאָ געוואַרט, ווי
בלויז ער האָט דאָ אויסגעפעלט.
עלפטער מײַ. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמעסער פרילינג. א קורצער, האָט מען גע-
רעדט, — אָט-אָט וועלן זיך שוין באַווײַזן די ווײַסע נעכט...

איין שפּראַך – פאַרשיידענע לעשוינעס

פון דער נאַבערעזשנע האָט מען פאַרקערעוועט אַפן סוואָראָוו-פּראָספּעקט. די שטאָט
איז דאָ געוואַקסן פּאַסמעסווײַז, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, לאַטעסווײַז — אַאַזיסן גרויער
שטיין פון די האַנדלס-הײַזער און אַלטע געבײַען האָבן זיך צעשאָטן צווישן די אָנגעהויפטע
אָן קיין שום אָרדענונג הילצערנע געבײַען, ראַכיטישע באַראַקעס פון טונקעלע ציגל, קלײט-
לעך, גאַסט-הײַזער. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט סימאָנים פון פערדישן קויט אַפן

ברוק, אַן אווטאָמאָביל — דער אײנציקער טראַנספּאָרט, וואָס פּאַרשמוצט ניט די שטאָט, איז נאָך דעמלט געווען אַזאַ זעלטנהײַט, מע האָט נאָך אַפילע זיך ניט אויסגעלערנט מוירע צו האָבן פאַר אים. אויפן ראָג פון דער 9-טער ראָטע איז מאַמעש אונטער די רעדער אַרויסגעלאָפן אַ ייִנגל — אַ פאַרשפּעטיקטער צײַטונגס-פאַרקויפער. דער שאָפער האָט בײַז אַ שפּריץ געטאָן אויף אים מיטן קלאַקסאָן, און דאָס ייִנגל איז אויך ניט פאַרבליבן קײן באַלכוויוו — אַ וואָרף געטאָן נאָכן אווטאָמאָביל אַ צעקנײטשט בלעטל פונעם פּעקל ניט פאַרקויפטער סכוירע.

— אָ, די אָונטיקע זײַנען שוין דערשינען, — האָט וואָלאָדאַרסקי זיך אויסגעקערעוועט צו די מיטפאָרערנס זײַנע, — און איך האָב די באַטאָגיקע ניט באַוויזן דורכצולײענען ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. איר האָט זײ פאַרכאַפּט? אַ סאַך טשיקאַווע נײַס מוזן דאָרט זײַן.

— נו, כאָטשבי וועגן זיך האָסטו באַוויזן איבערלײענען? אָט, — באָגאָסלאַווסקאַיאַ האָט צעעפנט די עסערישע „דיעלאָ נאַראָדאַ": — „די קאָמוניסטן האַלטן ביז גאָר שלעכט. די „סאָוועטישע" אָראַטאָרס, וועלכע טראָגן זיך אַרום ווי פלאַטערלעך פון אײן מיטינג אויפן אַנדערן, באַגעגענען בײַ די אַרבעטער-מאַסן ווײַט ניט קײן פרײַנטלעכן קאַבאָלעס-פּאָנעם, נאָך מער — אָפענע סינע. אומעטום לאָזט מען ניט רײדן אַפילע דעם סאַמע — שוידערלעך צו זאָגן — ערשטן באָלדאַברען, וואָלאָדאַרסקין..."

— ווער שרײַבט עס אַזוי? ליכאַטש? — האָט אַ שמײכל געטאָן וואָלאָדאַרסקי, — נו, וואָס קאָנסטו דערוואַרטן פון אַ פּובליציסט מיט אַזאַ באַלעגאָלישן פּסעוודאָנים? אײן פּוילנגאַנג האָט ער ניט באַמערקט, ווי־אַזוי, ניט הערנדיק מיך, שטימט מען פאַר די רעזאָליוציעס, וואָס איך לײג פאָר... אָבער אָט דער ליכאַטש איז, ווײַזט אויס, אַ שנעקל קעגן דעם „נאָווי לוטש", האַ?

באָגאָסלאַווסקאַיאַ האָט צעעפנט אַן אַנדער בלאַט:

— וואָדען, זע נאָר... אָט, „די, וואָס וואַרגן די פרײַהײַט"... אַסטראָוו... טו אַ קוק: „די צײַטונגס-פּרעסער פון סמאָלני"... זע, וואָס פאַר אַן אַמט האָט מען דיר צוגעטראַכט: „קאָמיסאַר פאַר פּרעסן-איניאַנים"... און אָט דאָ האָט מען דײַן ייִכעס-צעטל פאַרטשעפּעט: „אויף די פאַרמאַכטע טירן פון די קלײנע קלײטלעך פלעגן די קוינים ניט זעלטן לײענען אַן אויפשריפט: „פאַרמאַכט אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַמיליע-איניאָנים פונעם באַלעבאָס". די וואָלאָדאַרסקיס פילן זיך ווי אַזעלכע באַלעבאַטימלעך אינעם סמאָלנער סקלאַד פון הורט- און אײנצל-פאַרקויף פון דער קאָמוניסטישער פרײַהײַט פון פּרעסע..." און אָט — וועגן דעם נעכטיקן מיטינג אויפן פּוטילאָווער...

— טשיקאַווע, — וואָלאָדאַרסקי האָט זיך אַ צי געטאָן נאָך דער צײַטונג. מיט דער געוויינלעכער באַוועגונג אַ טרײסל געטאָן, אויסגעגלײַכט די זײַטלעך.

די פּעטראָגראַדער אויסגאַבע פון די מענשעוויקעס האָט אים פאַר דער לעצטער צײַט גענומען אַלץ מער באַאומרויִקן. ווי מאָדנע דאָס וואָלט ניט אויסגעזען, נאָר זײ האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פלײַסיקע שילער. זײ האָבן אַפילע געפּרוווט רעדן מיטן לײענער אויף דער גאַסן-שפּראַך, אָבער דאָ האָבן זײ זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן — אַריבערגעגאַנגען פּאַשעט אויף ברוטאַלע זידלערײַען.

דאָס האָט אַרויסגערופן בײַ וואָלאָדאַרסקין ניט צאָרן, נאָר אַ שמײכל. רעדן מיטן פאָלק דאַרף מען ווירקלעך אויף דער פאָלקס-שפּראַך. דאָ אָבער האָט בוילעט אַ שמעק געטאָן מיט דער שטרעבונג נאָכמאַכן דעם אוילעם. דער אוילעם — דאָס איז ניט דאָס פאָלק, אַכטן אים טאָר מען ניט, און אויב ס'איז ניטאָ קײן אַכטונג, פאַרשווינדט בעמײלע דער געפיל פון מאָס, די קריטישע שטעלונג צו די אײגענע ווערטער. מע גלײבט: אַלץ וועט ער פאַרדײַען, אַלץ אַראָפּשלינגען — דער אוילעם איז אַ גוילעם, און ווי אין אַ מאַרק-געשלעג — סטאַרעט מען זיך שרײַען וואָס העכער און וואָס שמוציקער. ווען עס קריגן זיך סעדעכעס, איז אַזאַ מיטל עפּשער אַ זיכערער. אָבער דאָס איז דאָך אַ צײַטונג. דאָ זײַנען ניט צוגעקעמטע עמאָציעס — פּאַשעט אַ פּוסטע פלאַפּלערײַ. בלויז מיט זידלערײַען וועסטו ניט אָפּקומען.

„יאָ, — האָט אַ טראַכט געטאָן וואָלאָדאַרסקי ניט אָן פאַרגעניגן, — הײַנטיקער נומער איז בײַ די מענשעוויקעס, כאָטש אַ שרײַענדיקער, נאָר אַ פּוסטער. אַלײן זיך באַנאַרישט... עס גײען די וואַלן, און יעדער טאָג, דאָס הײסט יעדער צײַטונגס-נומער, איז ביז גאָר טײַער. פּוסטע שאָסן... מײלע, דאָס איז שוין זײער דײַגע".

די עסערן אָבער זײַנען הײַנט געוואָרן געפערלעכער. די אָביעקטן, אויף וועלכע זײ פאַלן אָן, זײַנען די זעלבע: „באָלשעוויסטישער טעראָר", „אַ שענדלעכער שאָלעם", „הונגער". דאָס לעצטע איז דאָס סאַמע פאַרשטענדלעכע און דאָס סאַמע שווערע. שטימען וועלן הונגעריקע, אַזוי־אַרום, איז אַ באַליביקער געשפּרעך וועגן ברויט אַן אַקטועלער, פאַרטשע-

פעט אַלעמען. היינט האָט די עסערישע „דיעלאָ נאַראָדאַ" צוגעגרייט א כיטרע קויל: „זאָטע און הונגעריקע". און מיט גרויסע אויסיעס א קעפּל אַף דער גאַנצער צווייטער זייט: „ווערט ניט זיין קיין בירגערקריג — ווערט זיין ברויט!"

קונציק. און א טאָן איז אויסגעקליבן א ריכטיקער — א רויִקער, קימאַט אַן לײַדנשאַפט: אָט נאָט אײַך פאַקטן — און מישפּעט אַליין... און דאָס, וואָס די דאָזיקע פאַקטן זײַנען ניט מער ווי איבערגעטאַשטעטע קאָרטן, — גיי פאַרשטיי און קלײַב זיך פאַנאַנדער.

— זשעניע, — האָט זיך א קער געטאָן וואָלאָדאַרסקי צו זאָרינאַ, — איר געדענקט, ווי איר האָט אין ניו-יאָרק געמאַכט פון מיר כויזעק, וואָס איך לערן זיך צו אָפּנהאַרציק בא די אַמעריקאַנער רעפּאָרטיאָרן?

— זײַ אונדז, טיפּשים, מויכל, מער וועלן מיר אַזוי ניט טאָן.

— ניין, איך מיין ערנסט. כ'זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס איר האָט ריכטיק געכויזעקט איבער מיר. קאַלזמאַן איך האָב זיך דאָרט געלערנט בא פרעמדע, זײַנען דאָ, אינדערהיים, אַזעלכע בעריעס אַף ליגונים אויסגעוואַקסן, אַז די אַמעריקאַנער מעגן בא זיי הייצן די הרובע...

וואָלאָדאַרסקי האָט צונויפגעלייגט די צײַטונג אַזוי, אַז דאָס נייטיקע אַרטיקל זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן גלײַך, און זי אַרײַנגעשטופּט אין ברוינעם פון אַלטקײַט פּאָרטפעל — אין פּאָרטפעל, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט יעדן איינעם פון זײַנע פילצאָליקע צוהערער. א קלער געטאָן — און באַשלאָסן אַרײַנלייגן אַהין אויך דעם „נאָווי לוטש". דער בליק האָט זיך נאָכאַמאָל א גליטש געטאָן איבערן בלאַט-בויגן און זיך אָפּגעשטעלט, לויט דער אַלטער געוווינשאַפט, אַף דער שורע אין סאַמע אויבן, וואָס געוויינלעך לייענט מען זי ניט אַפילע: „אָרגאַן פון ביוראָ פון צק און פּק רסדאַפּ".

נאָך ערשט ניט לאַנג, מיט געציילטע כאָדאָשים צוריק, פאַרן בײַטן דעם נאָמען, האָט זײַן פּאַרטיי זיך אָנגערופן אויך אַזוי — בלויז א קליינער אָס, אין קלאַמערן האָט אָנגעוויזן אַפן אונטערשייד. דער איינציקער אָס, וועלכער איז געשטאַנען הינטער אַלע אַנדערע, נאָר גרויסע אויסיעס, האָט ער אַמאָל זיך אויסגעוויזן ניט זייער באַדײַטנדיק. לאַנג — איצט איז דאָס אַפילע מאָדנע — האָט ער מיט יוגנטלעכער אַקשאָנעס זיך באַמיט ביכלאַל אָט דעם אָס ניט באַמערקן. וואָס פאַר א שײַכעס האָט ער צו דעם נאָמען, צום קעפּל, ביפּראַט נאָך צו אַן אָס אין קלאַמערן!

דאָס איז איצט אַלץ קלאָר, ווען די נעכטיקע רסדאַפּ(ב) האָט פּראָקלאַמירט די מאַכט פון סאָוועטן, און די אומבאַרירבאַרע רסדאַפּ רופט: „שטימט קעגן דער סאָוועטנמאַכט!"

אין די ווײַטע יוגנט-יאָרן איז אַזוינס ניט געווען בענימצע. אין די ווײַטע יוגנט-יאָרן, א האַלב לעבן, דרײַצן יאָר צוריק... און מיט די באָלשעוויקעס איז ער דרײַצן כאָדאָשים. דרײַצן און דרײַצן — און מע קאָן זיי ניט פאַרגלײַכן. ניטאָ קיין מאָס, און פאַרשיידענע זײַנען די גרייסן. אָט ווען, לעמאָשל, די קאָלעגן פון „נאָווי לוטש" און „דיעלאָ נאַראָדאַ", וועלכע טאַדלען ברוטאַל דעם „בלוטיקן" וואָלאָדאַרסקין אין יעדן נומער, אַז אין דער רעוואָליוציע איז ער געקומען ניט מיט די באָלשעוויקעס...

נאָר איבערלעבן לעבט ער דערפון ניט איבער, ווײַל, ווירקלעך, ניט אײנעם אָס גייט עס. און דרײַצן יאָר אָט יענע קאָן מען ניט אָפּטיילן פון אָט די דרײַצן באָלשעוויסטישע כאָדאָשים. ער האָט שטענדיק געשטרעבט צו דעם הייליקן ציל — אָט דער ציל האָט זיך ניט געענדערט, ער האָט זיך וואָס ווײַטער זיך אויסגעמאָלט אַלץ בוילעטער און העלער. איב דער גורל האָט שוין געוואָלט, אַז דער וועג זײַנער זאָל זײַן ניט קיין גלײַכער און ניט קיין גלאַטער, נאָר א לאַנגער און ווייטעקדיקער, — וואָס זשע קאָן מען האָבן צו אָט דעם גורל זײַנעם?

אין אָסטראָפּאָל, באַם סאַמע סלוטש

אָסטראָפּאָל איז ניט קיין שטאָט און ניט קיין דאָרף. א שטעטל. א דאָרפישע בלינדע שטילקײַט, געקאַלכטע שטיבלעך אונטער גרויע סטרעכעס פון פאַרשימלטער שטרוי, ברודיקע ציגן אַף די בערגלעך. און א שטאָטישער שטויב, אומעט און דאַכקעס. יאָמטעוו-צײַט ווערן די צענטראַלע געסלעך אופגעלעבט, און נאָך יעדן רעגן קאָן מען זיך אהער ניט דערקלײַבן — אַזוי אופגעווירט, ווי א ראַשטשינע אין א דייזשע בא בעריעשע באַלעבאָס-

טעס, און מע קאָן קיין פוס ניט שטעלן. א מארק אינמיטן שטעטל, א שענקל, אן אפּטייק, א צווייקלאסישע שול, וואָס מע רופט „אוטשילישטשע", עטלעכע כאדאָרים, א פּאָליציי-פּאָסט, א ראָוו, א גאלעך, א קלויסטער, באָטעמעדראָשים, א קויטיקע באָד... וואָס נאָך? עפשער — א ביבליאָטעק? יאָ, א ביבליאָטעק! דעם 16 יול 1910 האָט די גובערניאַלע צײַטונג „וואָלין" אָפּגעדרוקט א נאָטיץ:

„מיט 5—6 יאָר צוריק האָט אין אָסטראָפּאָל אָנגעהויבן פונקציאָנירן א ביבליאָטעק — א לייענזאל. נאָר עס האָבן זיך בא אונדז אָפּגעזוכט אייניקע „ווילטעטיקע נעפּאשעס", וועלכע האָבן ניט געקאָנט גלײַכגילטיק קוקן אף אָט דער ביבליאָטעק. אויסנוצנדיק די געלעגנהײַט, האָבן זיי אין 1906-טן יאָר פארפאסט א מעסירע, אז די ביבליאָטעק דינט קלוימערשט פאר א נעסט פון די אומלעגאלע פארטייען. האגאם בייס דער אונטערזוכונג האָט מען קיין שום אומלעגאלס ניט געפונען, האָט מען זי פונדעסטוועגן פארמאכט אף דער גאנצער צײַט פון דער אויסשליסלעכער שוץ. דאָס האָט געדויערט ניט מער און ניט ווייניקער ווי גאנצע פיר יאָר... און אָט א נײַס: אינעם יאָרצײַט-טאָג, דאָס הייסט דעם 6-טן יול, האָט דער פּריסטאַוו געמאָלדן, אז ער גיט א דערלויבעניש, מע זאָל זי ווידער עפענען..."

אייגנטלעך גערעדט, האָבן די אָסטראָפּאָליער יִדן ניט זייער געפילט, ווען מע האָט געעפנט בא זיי א ביבליאָטעק, ווען מע האָט זי פארמאכט און דערנאָך ווידער געעפנט. אלע האָבן גוט געוווּסט, אז אויב מע וויל איבערלייענען א „טרייף" ביכל, דארף מען אין ביבליאָטעק ניט גיין — ס'איז געווען, בא וועמען צו נעמען אזא ביכל. געוווּסט האָבן דאָס אלע אָסטראָפּאָליער יִנגלעך און מיידלעך, יִדן און ניט-יִדן, אכוץ דעם פּריסטאַוו און דעם זשאנדארם... די אָסטראָפּאָליער יִדן האָבן מער געוווּסט דעם וועג אין בעסמעדרעש, איידער צו דער ביבליאָטעק, ביפראט נאָך, אז זײַן באהאוונט אין די קליינע אויסיִעלעך האָט געהייסן ניט רוסישע גראמאָטע, נאָר וויסן אף אויסווייניק א בלאט געמאָרע, זיך פאנאנדערקלײַבן אין טאנאך און קענען אלע טפילעס, וואָס א יִד דארף זאָגן אינדערפרי, באטאָג, ביין-האשמאָשעס, שאבעס, אף די יאָמטויווים, אינדערוואָכן, אף א ברים, אף א כאסענע, אף א לעוויַע, אין שטוב, אין בעסמעדרעש, אין דרויסן — א גאנץ יאָר, ווי איין טאָג, וואָס ציט זיך און ציט זיך אין דאכקעס, אין נויט, אין ציטערניש, אין אייביקן געראנגל פאר כאיונע, פאר א שטיקל ברויט, פאר א טראָפּן פרייד, פאר א לעק פארגעניגן...

דערפאר אָבער איז מען אין אָסטראָפּאָל ניט געווען זשעדנע אין קיין וויץ, אין קיין שמייכל, אין קיין כויזעק איינער איבערן אנדערן, איינער איבער אלעמען, און אלע איבער איינעם. ווער ווייסט, עפשער זײַנען טאקע אין אָסטראָפּאָל געבוירן געוואָרן אָט יענע כויזעק-ווערטלעך, וועלכע האָבן דערנאָך א שפּאַן געטאָן איבער גאָר דער וועלט, כויזעק-ווערטלעך איבער זיך, איבערן דאלעס, איבערן דאכקעס, איבערן שווערן און פינצטערן לעבן, וואָס וויפל עס זאָל ניט געדויערן — איז עס לאנג, ווי דער גאָלעס.

דרײַ יִדישע טײַנוגים: א פריילעכער בעסוילעם, א ווארעמע מיקווע און א ליכטיקע לעוואָנע...

א יִד קען אלע מעלאָכעס: פּייסעך איז ער א בעקער, שוועס — א גערטנער, טישעבאָוו — א באלמעלאָכע, סוקעס — א בוימײַסטער, כאנוקע — א בלײַגיסער, ראָשעשאָנע — א שויפערבלאָזער...

א יִדיש לעבן מישטיינסגעזאָגט: טשאסאָם ס קוואסאָם, פּאָראָיו ס וואָדאָיו...

און עפשער האָבן אָט די ווערטלעך ניט די אָסטראָפּאָליער שארפע צינגער צוגעטראכט, נאָר הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט זיי געבראכט פון זײַנע וואנדערונגען איבער וואָלין און פּאָדאָליע און זיי געשענקט זײַנע לאנדסלײַט, זיי זאָלן כאָטש פונעם כויזעק איבער זיך אליין האָבן א שטיקל האנאָע...

אָסטראָפּאָל האָט געלעבט מיט ביטאָכן, און דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס עס האָט אונטערגעהאלטן דעם לעבנס-טאָנוס פון זײַנע אײַנוווינער אין מעשעך פון עטלעכע יאָרהונדערטער. און אזוי ווי דאָס לעבן האָט קיין גרויסע האָפענונגען ניט געגעבן, האָט מען געזוכט א טרייסט אין די הייליקע ספאָרים. די קוואדראטע פארקײַלעכיקטע אויסיִעס פון די הייליקע ספאָרים פלעגן אמאָל ברענגען דעם פארגעניגן, וואָס האָט אויסגעפעלט אינעם רעאלן לעבן און אין דער ביטערער ווירקלעכקײַט. דאָרט, אין די הייליקע ספאָרים, איז געווען א גרויסער גאָט — א מעכטיקער און א גערעכטיקער, ס'זײַנען געווען גרויסע גיבוירים און לײַכטע ניצכוינעס, דאָרט זײַנען ניט געווען קיין צאָרעס און קיין גזיירעס, די אונטערדריקער האָט מען געשטראָפט, און דאָס יִדישע פאָלק איז דאָרט געווען פון גאָט אויסגעוויילט ניט אף ליידן, נאָר אף פריידן. דאָרט זײַנען פאסטעכער געוואָרן מעלאָ-

כים און ערדאַרבעטער — הערשער. אָבער גיי נאָר ארויס אַף יענער זײַט טיר פונעם בעס-מעדרעש — און דו פאַלסט גלײַך ווידער אַרײַן אין אַן אנדער וועלט, ווּ אַלץ איז קאַפּויר. און פאַר ייִדן צו ווערן אַן ערדאַרבעטער איז געווען פונקט אַזוי שווער, ווי פאַר אַ פאַסטעך — אַ מעלעך...

לעגאַבע אַ ייִדן איז אויך אַ פּויער — אַן אַדעליקער, אַ דוואָריאַנין. און די מישפּאָכע גאָלדשטיינס האָט זיך אונטערגעשיידט פון אַלע אָסטראָפּאָליער ייִדן. דער זיידע באַרעך-קאָפּל, וועלכן כאַפּערס האָבן נאָך אין דער קינדהײַט ארויסגעגאַנוועט און אָפּגעגעבן פאַר אַ ניקאָלײַעווסקע סאָלדאַט, איז דורכגעגאַנגען אַ שול פון קאַנטאָניסטן. פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער אָפּגעדינט „וועראָי אי פּראַוודאָי" דעם צאַר-באַטיושקע. און די צאַרישע גנע-דיקײַט האָט ארויסגעוויזן מילדקײַט צו אים און צו זײַנע יאָרשים — זיי האָבן פאַרדינט דעם קאָוועד געהערן צום קלאַן פון פּויערים.

דער זיידע באַרעך-קאָפּל האָט געזעען די וועלט אויסער דעם טכום-האַמוישעוו. ער האָט געקאָנט מאַכן אַ קויסע, זיך זידלען בעסער פון אַ באַליביקן מוזשיק, האָט גערייכערט אַ ציבעק.

— ס'איז דען אַ בען ייִסראָעל? — האָט מען גערעדט אין שטעטל. — ס'איז אַן עמע-סער קאַזאַק!

און באַרעך-קאָפּל האָט זיך געסטאַרעט באַרעכטיקן אין די אויגן פון זײַנע לאַנדסלײַט אָט דעם צונאָמען. ער פלעגט זיצן — אין אַ סאָלדאַטישער פוראַזשקע אָן אַ דאַשעק, אין אַן אַקוראַט פאַרלאַטעטן קיטעל — אין אַ קאָמפּאַניע פון אויך אַזעלכע, ווי ער, אַלטע לײַט און אַף כידושים דערציילן וועגן ווײַטע קאַנטן און אַרמייִישע מידעס. אָט די מײַסעס פלעגן זיך איבערכאַזערן אָן אַ שיר מאָל, אָבער די צוהערער פלעגן זיי אויפנעמען אַלעמאָל מיט אַזאַ כידעש, ווי זיי וואָלטן דאָס געהערט צום ערשטן מאָל. דאָס איז געווען געפעלן סײַ דער קאָמפּאַניע, סײַ אים אַליין.

אַרײַנשטעלנדיק אַלעמאָל אַ רוסיש פאָלקסווערטל, איבערגעמישט מיט געזאַלצענע סאָלדאַטישע כאָכמעס און מעשאָלים, האָט באַרעך-קאָפּל, זיצנדיק אַף דער פּריזבע מיט זײַנע צוהערער, שוין ניט באַמערקט, ווי די אַמאָליקע זײַנע סאָלדאַטשינע, וועלכע איז אים טיף געלעגן אין די געדערים און נאָך ביז איצט געקומען אין שלאָף מיט שווידערלעכע כאַ-לוימעס, — אָט די סאָלדאַטשינע פאַרוואַנדלט זיך אין זײַנע דערציילונגען און מײַסעס שיר ניט ווי אין אַ גאַט געבענטשטער צײַט.

באַרעך-קאָפּלס לאַנדסלײַט האָבן זיך מיט אים געגרויסט, נאָר ניט מעקאַנע געווען: פאַר אַ פערטל יאָרהונדערט דינען דעם קייסער ניקאָלײַ און דעם פאָטערלאַנד האָט ער דעראָבערט ניט קיין האַב-און-גוטס, נאָר בלויז אַ שעם-טיטל. אַזוינס ווּעסטו אין קעשענע ניט אַרײַנלייגן און דערפון קיין קוגל ניט מאַכן. און דער זון פונעם ניקאָלײַעווסקע סאָל-דאַט, דער „וואָלני קרעסטיאַנין", דער רעכטפולער בירגער מאָרדכע גאָלדשטיין איז געווען אַן עוויען בען עוויען, אַ קאַפּצן מיט זיבן פאָלעס. און ווי דער טאַטע זײַנער, איז ער געווען דערצו אַ פרייִלעכער קאַפּצן. און אַ גרויסע האַנאָע האָט ער געהאַט, ווען ס'האָט זיך גע מאַכט אַ געלעגנהײַט זיך אַ וויצל טאָן. איינעם אַזאַ וויץ, וואָס דער טאַטע פלעגט ליב האָבן איבערצוכאַזערן, האָט מוישע, דער צווייטער זון זײַנער, פאַרגעדענקט אַפן גאַנצן לעבן.

ווען מאָרדכען האָט מען געפרעגט, וואָס מאַכט ער מיט פּאַרנאָסע, פלעגט ער ענט-פערן:

— נישקאָשע, דאָס שטיקל ברויט שלעפּט זיך, ווי באַ הערשעלען...

מענטשן זײַנען נײַגעריק געווען צו וויסן, וואָס עס באַטײַט — „ווי באַ הערשעלען", — איז ער ניט פויל געווען איבערדערציילן צום הונדערטסטן מאָל:

הערשעלע האָט גענומען אַ שטיקל ברויט און עס צוגעבונדן אַף אַ לאַנג שטריקל צו דער קאַפּאָטע. אַזוי איז ער ארויסגעגאַנגען אין דרויסן, און דאָס ברויט שלעפּט זיך אים נאָך. מענטשן גייען דורך, קוקן אַף אים און לאַכן, ביז איינער טוט אַ פרעג:

— הערשל, וואָס האָסטו צוגעבונדן צו דער קאַפּאָטע? מע לאַכט דאָך פון דיר!

דערקלערט אים הערשעלע:

— פאַרשטייסט, ייִדן האָבן אַ טעווע שטענדיק צו פרעגן, ווי האַלט עס מיט פּאַרנאָ-סע. וואָס ענטפערט מען? דאַנקען גאָט, דאָס שטיקל ברויט שלעפּט זיך... און קעדיי איך זאָל פאַרשפּאָרן צו רעדן, האָב איך צוגעבונדן אַ שטיקל ברויט, וועט עס שוין דינען פאַר אַן ענטפער.

— יאָ, — פרעגט אים אַ צווייטער, — אָבער עס ליגט דאָך אין בלאָטע!..

— וואָס זשע ווילסטו? האָבן ברויט און זיך די הענט ניט פאַרשמירן?

אָט אזא געשיכטע. און אָפֿט פֿלעגט ער, מאָרדכע גאָלדשטיין, לאַזנדיק, מענטשן זאָלן זיך געגוג אָנלאכן פֿון הערשעלעס וויץ, צוגעבן:

— מיט פֿארשמירטע הענט דארף מען זיך ניט שעמען — מע קאָן זיי גלײַך אָפּוואשן, און זיי וועלן ווידער ווערן ריין... ערגער איז, ווען מע פֿארשמירט דאָס געוויסן — רייניוואשן וועט מען שוין ניט קאָנען, און קיין שום וואסער וועט ניט העלפֿן...

פֿון וואָס האָט געצויגן די כאיונע מאָרדכע גאָלדשטיין? בעסער וואָלט געווען צו פֿרעגן: פֿון וואָס ניט? געטאָן האָט ער אלץ, וואָס א שנײַדער א קאפּצן דארף קענען. געזאמלט אלטע שמאטעס און גענייט פֿון זיי בגאָדים פֿאר אָרעמעלײַט, געפּאָרן איבער די דערפֿער — איבערגעניצעוועט סוויטקעס, געלייגט לאטעס, פֿון א מאנטל צוגעשניטן א רעקל, פֿון א רעקל — א יעקל, פֿון א יעקל — א וועסטל, פֿון א וועסטל — א קאמזויל... און אז עס האָט זיך געמאכט א געלעגנהײַט איבערצופֿארקויפֿן אפֿן מארק א וואָגן פֿויערשע טוווּע, פֿארדינענדיק דערבײַ א גילדן מיט א לאָך, — האָט ער זיך אויך פֿון אזא געשעפֿט ניט אָפּגעזאָגט...

האקיצער, דאָס שטיקל ברויט האָט זיך געשלעפּט קוים מיט צאָרעס, דערפֿאר אָבער איז געווען א פֿולע שטוב מיט קינדער. צוערשט האָט ביילע געבוירן דאָווידן, אין צוויי יאָר ארום — מוישען (געהאט האָט זי אים אין ליובאר, ווען מ'איז געווען צוגאסט בא דער שוועסטער, און ביילע האָט אים אהיים שוין ניט געקאָנט דערטראָגן). דערנאָך זײַנען אוועק דרײַ מיידלעך נאָכאנאנד, און נאָך זיי — ווידער ייִנגלעך, איינס נאָכן אנדערן.

קינדער זײַנען ווי א צירונג פֿאר דער שטוב. עמעס, קיין אייגענע שטוב האָבן זיי אויך ניט געהאט — פֿארדונגען אָט בא איין באלעבאָס, אָט בא אן אנדערן. מיט איין וואָרט, אף איין אָרט, אין איין דירע אף לאנג זיך ניט פֿארהאלטן.

האגאם מאָרדכע האָט געהאט גאָלדענע הענט און אן אָפֿענעם קאָפּ, זײַנען זײַנע קינדער געבוירן געוואָרן מיט אומעטיקע אויגן. אלנפֿאלס, אזוי האָט זיך אויסגעוויזן מאָרדכען. און עפּשער ניט נאָר בא זײַנע קינדער זײַנען געווען אזעלכע אומעטיקע אויגן? אז אין יעדער שטוב איז מען אין צאָרעס און אין צאר ניט געווען זשעדנע.

דער סענטימענטאלער סטראזשניק, וועלכער האָט ליב געהאט אפּדערנאכט זיך צוזעצן אף דער פּריזבע לעבן דעם געוועזענעם סאָלדאט, פֿלעגט זאָגן:

— יא ווסע אָטאק דיוּוליוס, באָריסע, דאָ טשאָהאָ הליבאָקי אָטשי או טוואָיִך זשידעניאט — נעמאָוו ראָזומיִוט בילשע, ניזש יא, סטאַרי...[1]

גאָרנישט האָט ער ניט פֿארשטאנען. ניט קיין טיפֿע, נאָר טרויעריקע.

אפֿילע ווען עס פֿלעגט אוועקגעשטעלט ווערן אפֿן טיש, באגלייט מיטן פֿאָטערס געוויינלעכע וויצן, א פֿולע שיסל הייסע פּאסאָליעס, פֿון וועלכע ס'האָט געזעצט א מעכײַעדיקע פּארע און אפֿן אויבנאָן האָבן געסטארטשעט האָזענע אויערן, וואָס מאָרדכע האָט אויסגעשניטן קונציק פֿון מערן, — האָבן די קינדער געלאכט, נאָר סײַוויסײַ זײַנען די אויגן זײערע געבליבן די זעלבע — פֿול מיט טרויער. עס הארגעט אוועק ניט דער הונגער (צו הונגער קאָן מען זיך צוגעוווינען, ווי מע ווערט צוגעוווינט צו א סאך אנדערע אומבאדינגטע זאכן), אויך די אָרעמקײַט איז ניט אזוי שרעקלעך (כאָטש איין פּאָר שיך איז אין דער מישפּאָכע געווען פֿאר די ייִנגלעך, און איין פּאָר — פֿאר די מיידלעך, זומער פֿלעגט מען גיין באָרוועס, און ווינטער איז מען ארויסגעגאנגען אין דרויסן לויט דער ריי), — מער פֿון אלץ האָט געשראָקן די אויסגאנגלאָזיקײַט, דער ייִעש.

זיי האָבן געלעבט א סאך ערגער פֿון אנדערע אָסטראָפּאָליער קאפּצאָנים, נאָר וויניקווער אינעם שטעטל האָט געלעבט בעסער פֿון זיי. בא יעדערן איז א פֿולער מיטיק אינדערוואָכן — א געשעעניש, און נײַע הויזן — א יאָמטעוו. ווי גאָט וואָלט באזעצט אָסטראָפּאָל מיט גאָלע עוויוינים און דאלפּאָנים, אז דער קליגסטער פֿון זיי און דער אָרעמסטער פֿון זיי — הערשעלע — זאָל האָבן פֿון וואָס צו לאכן און כויזעק צו מאכן. אָבער אזעלכע זשע עוויוינים, דאלפּאָנים, קאפּצאָנים האָבן געלעבט אויך אין די שכיינעסדיקע שטעטלעך — ליובאר, אלט-קאָנסטאנטין, מעדזשיבאָזש, לעטיטשעוו, אינעם גאנצן טכום. וווּ זשע האָט גאָט געפֿונען אזויפֿיל אָרעמעלײַט? זעט איר דאָך — ער האָט זיי געפֿונען.

וואָס עס האָט ווירקלעך געפֿעלט אין דער מישפּאָכע פֿונעם געוועזענעם סאָלדאט, אפֿילע אין פֿארגלײַך מיט אנדערע קאפּצאָנים, — איז ביטאָכן, האָפֿענונג, גלויבן אין בעסערע צײַטן. דאָ האָט מען געגלייבט אין די כומעש-מײַסעלעך, זיך ניט געגריבלט אין

[1] איך קוק אלץ, באָריס, וואָס פֿאר א טיפֿע אויגן האָבן דײַנע זשידעלעך — ווי זיי וואָלטן פֿארשטאנען מער, איידער איך, דער אלטער (אוקר.).

טאנאך, זיך ניט געקוויקט מיט טפילעס און מיט טכינעס. באַרעד־קאַפּל, וועלכער איז גע־וועזן דערצויגן מער אין די ארמייִשע אוסטאָוון, איידער אין כאַכמעס־טווירע, האָט ביכלאַל ניט געהאַט קיין שום כיישעק צו די הייליקע ספאָרים. איז שוין אויך מאָרדכע געוואַקסן בעמיילע אויך קימאַט אַן אַפּיקוירעס.

אָבער וויאַזוי קאָן מען לעבן אַן גלויבן? א מענטש דאַרף לעבן מיט האָפּענונג אין בעסערע צייַטן. און אַזוויוי מאָרדכע האָט באַשלאָסן, אַז קיין יעשוע וועט דער אייבערשטער אין הימל אים ניט ברענגען, האָט ער געגומען זוכן אָט די יעשוע אָף דער ערד.

ווי עס זאָל ניט געווען זייַן פּאַרשלאָסן צווישן די ארומיקע שטעטלעך אַסטראָפּאָל (די נאָענטסטע שטאָט — אַלט־קאָנסטאַנטין — איז געווען צווישן זיי אַלע די הויפּטשטאָט), פלעגן דאָך אהער זיך דערקייַקלען אָפּקלאַנגען פון די געשעענישן אין אַנדערע מעקוימעס פון דער רוסישער אימפּעריע. ספּאַלאַכעטע פייגעלעך, וועלכע זייַנען אויסגעוואַקסן אין דער שטיקעניש פון טכום, האָבן זיך א ריס געטאָן צו לופט, און אייניקע זייַנען זיך צעפלויגן איבער לענגען און ברייטן, ברעכנדיק אַפילו די פּראַצענט־נאָרמע.

זומער זייַנען זיך צונויפגעפאָרן אין די שטעטלעך אָף די קאַניקולן די אומגעריכט אויס־געוואַקסענע גימנאַזיסטן פון די עלטערע קלאַסן, גאַדלעסדיקע סטודענטן (די פּאַרמענע טוזשורקעס פלעגן זיי ניט אראָפּנעמען פון זיך אַפילו אין די גרעסטע היצן). די ייִנגלעך פלעגן ארויסזאָגן אומגעווייִנלעכע זעלבשטענדיקע געדאַנקען, וואָס האָבן געבראַכט אין צי־טער די עלטערן:

— גאָט איז מיט דיר, קינד מייַנס! אַז פּעדקע, מיקאָלע דעם הינקענדיקנס באַכרעץ, איז קעגן קייסער, איז מיילע, דער קייסער איז דאָך אויך פון זייעריקע, אָבער דו, א ייִדיש קינד, זאָל אַזוינס רעדן!...

ס'האָט, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט ניט געהאָלפן, און אָפן אַנדערן זומער פלעגן שוין אָט די ייִנגלעך אהיים אָף קאַניקולן ניט קומען — אַנשטאָט זיי פלעגט דער פּאָטשטאַליאָן ברענגען בריוו פון גאָר ווייַטע קאַנטן, און טאַטע־מאַמע פלעגן זיך סטאַרען אויסצובאַהאַלטן אָט די בריוו פון די נייַגעריקע שכיינים...

די צייַטונגען (מישטיינסגעזאָגט, וויפל צייַטונגען פלעגט אַסטראָפּאָל באַקומען, אַז אינעם גאַנצן שטעטל צוזאַמען מיט די ראַנד־געביטן, ווו עס האָבן געלעבט ניט־ייִדן, איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערהאַלבן צענדליק אינטעליגענטן) האָבן געשריבן וועגן סמוטיא־נעס, און דאָס איז געווען ריינער עמעס. פון אַלע זייַטן האָט מען אָנגעהויבן צעהוידען די זייַלן פון דער רוסישער אימפּעריע.

מאָרדכע גאָלדשטיין, כאָטש א שנייַדער א קאַפּצן, האָט אויך ניט געקאָנט שטיין אין א זייַט. צעהוידען די זייַלן פון דער זעלבסטהערשונג האָט ער זיך ניט גענומען, אָבער אונטערשטעלן די פּלייצע האָט ער געהאַלטן פאַר זייַן הייליקן כויוו. אונטער וועמען האָט ער געקאָנט זיך אונטערגראָבן? געוויינלעך, אונטער דער אַרטיקער מאַכט. דאָס, וואָס ער האָט געהאַט א שאַרפע צונג, וואָלט נאָך געווען א קליינער אומגליק. אָבער ער האָט זיך גענומען דערלערנען יוריספּרודענץ, די געזעצן פון דער אימפּעריע, און, ווייַזט אויס, מיט דערפּאָלג. אָט זעט איר דאָך: צו אים האָבן גענומען גיין מיט זייערע צאָרעס די לאַנדס־לייַט, אַזעלכע קאַפּצאָנים, ווי ער, און פּויערים פון די ארומיקע דערפער, ווו מאָרדכע האָט אָן א שיר באַקאַנטע. פאַרוואָס גייט מען? ניט גלאַט אַזוי — נאָך אַן אייצע קומט מען. און ער געפינט טאַקע אַלעמאָל עפּעס א פּאַדעם, פאַר וועלכן מע קאָן זיך אָנכאַפּן, קעדיי א צי טאָן פאַר די אויערן אָדער א כאַפּ טאָן באַ דער נאָז עמעצן פון די מאַכטהאָבער, וועלכער איז באַגאַנגען אַן אוולע קעגן די אומגליקלעכע לאַנדסלייַט זייַנע.

גערעכטיקייַט און יושער פלעגט ער, געוויינלעך, זיך דערשלאָגן אָפן שפּיץ מעסער, אָבער א טומל איז געווען.

— וואָס קריכסטו, מאָרדקאָ, ניט אין דייַנע איניאָנים? — פלעגט ניט איין מאָל מיט אים אייַנטייַנען דער פּריסטאַוו. — וואָס פאַר א נוץ האָסטו פון דעם? ביסט אַפילו ניט באַלעבאָס אין דייַן שטוב, נו, און אין מעלוכע־איניאָנים — שוין אָפּגערעדט...

נאָר מאָרדכע האָט בלויז צוגעשמייכלט.

און די קינדער זייַנען אונטערגעוואַקסן. קיין אונטערטעניקייַט האָט מען אין זייערע אויגן לייענען ניט געקאָנט. די עפּעלעך פאַלן דאָך ניט ווייַט פונעם ביימעלע. דאָוויד האָט פלוצעם גענומען פאַרפאַלן ווערן אין די אָוונטן און פלעג דערנאָך אָנהייבן ברענגען הינ־טער דער פּאַזעכע עפּעס ביכלעך און בלעטלעך. געלייענט האָט ער זיי אויך באַהאַלטענער־הייט. און איינמאָל האָט ער געבראַכט עפּעס א פרעמדן יונגנמאַן און א שעפּטשע געטאָן דער מוטער:

— ער וועט בא אונדז איבערנעכטיקן...

דער פֿרעמדער איז געווען אָנגעטאָן אָנשטענדיק — ווי א קאַמיוואָיאַזשאַר. ס'איז גע-ווען מאָדנע, וואָס ער האָט אין אַסטראַפּאָל ניט געפֿונען קיין מער באקוועמע וווינונג. מאָרד-כע האָט אַפּגעקאָכט פֿארן גאַסט א טעפּעלע ציקאָריע און פֿארפֿירט מיט אים א געשפּרעך וועגן קאָמערציע — וועגן סאָכרים, סכוירעס, פּרײַזן, — ס'הייסט וועגן אזוינס, וואָס וואָלט געקאָנט יענעם פֿארינטערעסירן. אָבער דער גאַסט האָט גענומען רעדן וועגן פּאָליטיק.

נאָך אזא מיטשפּרעכער האָט זיך שוין פֿון לאַנג פֿארבענקט דער אומרויִקער קאַפּצאָני-שער שנײַדער און זעלבסטעטיקער שלימאַזלדיקער יוריסט, און ער האָט גענומען מיט גרויס היסלײַוועס מאָלן פֿארן גאַסט די פּאָרטרעטן פֿון אָרטיקע באַרימטהײַטן און מאַכטהאָבער — דערשלאָגנקײַט, טעמפּקײַט ארום און ארום, און איבער דעם אלעמען — ווילקיר, יאָך, ני-דערטרעכטיקײַט.

— איז וואָס זשע האָבן מיר אין סאַכאַקל? — האָט ער זיך אופגעהויבן, געמאַכט א שפּאַן איבערן צימער, נאָר אזויווי צו מאַכן דעם צווייטן אָדער דעם דריטן שפּאַן איז ניט געווען ווו, האָט ער זיך ווידער צוגעזעצט צום אוירעך. — אלגעמיינע צעפֿוילטקײַט. מיט בעסוילעם שמעקט, זאָג איך אײַך, איך מיין ניט נאָר אַסטראַפּאָל — גאַנץ ראַסייע מיין איך!..

דער גאַסט האָט נישט בלויז ניט געפּרוווט עפּעס דערווידערן דעם היציקן מענטשן, וועלכער האָט אים אזוי פֿײַן אופגענומען, נאָר אפֿילע גענומען אונטערשיטן פֿײַער אין שמועס, ברענגענדיק בײַשפּילן, וועלכע דארפֿן באַשטעטיקן: יאָ, גאַנץ רוסלאַנד איז ווי א גרויס אַסטראַפּאָל, ווי אן אומענדלעכער טכום, און ניט נאָר פֿאר יידן — פֿארן גאַנצן פֿאָלק, און לעבן לעבט דאָס לאַנד מיט דער דערשלאָגנקײַט פֿון איינע און מיט דער זעלבסטצופֿרידענער איבערגעזעטיקטקײַט פֿון אנדערע, מיט טעמפּקײַט און ווילקיר פֿון דער נאַטשאַלסטווע, מיטן דערשטיקן און פֿארטאָפּטשען אלדאָס בעסטע, אלדאָס ליכטיקסטע, וואָס עס איז פֿאראַן אינעם לעבן, — און דערפֿאר פֿוילט עס אזוי, דאָס לאַנד, פֿון ראַנד צו ראַנד, און דער געשטאַנק טראָגט זיך איבער גאַנץ אייראָפּע...

— נו, און דער איסוועג? אַן אויסוועג איז פֿאראַן?

— פֿאראַן! — און דער גאַסט האָט גענומען דערציילן וועגן דעם, אז עס זײַנען גע-שאפֿן געוואָרן אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿירן א קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג.

מאָרדכע האָט געזען, ווי אופגעלויכטן האָבן די אויגן באַם ייִנגערן זון מוישען. ער האָט געוווּסט, אז פֿון פּאָלאָנע, בערדיטשעוו, קאַזאַטין, נאָוואָגראַד-וואָלינסק פֿלעגן טאַקע קומען צו פֿאַרן אַגיטאַטאָרס, זיי האָבן גערעדט וועגן אראָפּוואַרפֿן די זעלבסטהערשונג, געבראַכט ליטעראַטור אָף יידיש, רוסיש, אוקראַיִניש, דערציילט וועגן די אופגאַבן פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

אָף סכאָדקעס האָט זיך פֿארזאַמלט סײַ די יידישע, סײַ די אוקראַיִנישע יוגנט, און ניט בלויז די אַסטראַפּאָליער, נאָר אויך פֿון די דערפֿער.

אָף דער ערשטער דעמאָנסטראַציע זײַנען ארויסגעגאַנגען אלע ייִנגלעך און מיידלעך פֿון אַסטראַפּאָל, אויסער דעם זון פֿונעם אדוואָקאַט נייכאַט — דער טאַטע האָט אים ניט געלאָזט. מאָרדכע גאָלדשטיין האָט אָפּן מאַרק-פּלאַץ, ווו די דעמאָנסטראַציע האָט אָרגאַניזירט א מי-טינג, אויך גענומען א וואָרט. און גערעדט האָט ער וועגן דעם, אז מע דאַרף קעמפֿן פֿאר א יוישערדיק לעבן און באַפֿרײַען דאָס פֿאָלק פֿון די עקספּלואַטאַטאָרס. דערנאָך איז א גרויסע גרופּע אוועק צום אדוואָקאַטס הויז און אויסגעזעצט די פֿענצטער. פֿארוואָס האָט מען אָנגע-הויבן גראָד פֿונעם אדוואָקאַט נייכאַט? גענוי דערקלערן האָט מען ניט געקאָנט, נאָר זאָל ער וויסן, דער פּאָליציייִשער אונטערלעקער, זאָל ער וויסן, אז מער וועט מען שוין פֿאר אים ניט מוירע האָבן!

מוישען האָט מען לאַנג ניט געוואָלט ארײַנעמען אין דער אָרגאַניזאַציע. מאָרדכע האָט מוירע געהאַט: נאָך גאָר א צוציק, נאָר דעריקער — געוואַקסן איז ער שוין צופֿיל א הייסער, אָט-אָט וועט ער זיך אופֿרײַסן. א העלדזל, ווי בא א העגעכל, נאָר אויגן האָט ער געהאַט, ווי בא אן אָדלער. און געשפּאַנט האָט ער אויך עפּעס מאָדנע — מיט א הויך אופגעהויבענעם קאָפּ, דער בליק — געווענדט ערגעץ אין ווײַט, ווי ער וואָלט דאָרט אויסגעקוקט עפּעס אזוינס, וואָס עס איז בלויז אים באַוווּסט. נאָר דער בליק זײַנער איז געווען ניט קיין צעזוייטער — א דורכדרינגענדיקער און האַרטער.

קאַפּצאָנישע קינדער געוויינען זיך פֿרי צו צו זעלבשטענדיקײַט. עפּעס איבערכאַפּן (אויב ס'וועט זיך געפֿינען אונטער דער האַנט), צום טײַך א לויף טאָן, א ריס אָף די הייזעלעך פֿאר-נייען, ביז די מאַמע וועט זיך כאַפּן (סײַוויסײַ איז זי שטענדיק פֿארהאַוועט), צולייגן א הייל-בלעטל צו א וווּנד, וואָס מע האָט נאָרוואָס באַקומען אין א גאַסן-געשלעג (די געוויקסן-אַפּ-

טייק — אַט ליגט זי פאר דיר צעשפּרייט, און נעם, וואָס דו ווילסט), — און דאָס אַלץ איז א געווינלעכע זאַך, וואָס איז גאַנץ פארשטענדלעך. אָבער בא מוישען איז אַט די זעלבשטענדיקײַט געווען זייער אַן אייגנאַרטיקע, א ווייטעקלעכע. ער האָט פּאַשעט ניט געקאָנט פארטראָגן עמעצנס הילף, ווי ער וואָלט אַלץ געווען בעקויעך צו טאָן אַליין. אזוי פון קליינערהייט אָן. און דעריקער — ער פלעגט עס טאָקע טאָן.

לייענען און שרײַבן האָט ער זיך אויסגעלערנט אַליין, קיינער האָט אים ניט געלערנט. ביפראַט די טירן פון דער שול זײַנען געווען פאר אים פארמאַכט אַף זיבן שלעסער. ס'האָט קוים געקלעקט סכאַרלימעד פארן עלטערן ברודער. מוישקע האָט ניט געבעטן, ניט געכניטשעט — ער האָט זיך געמוטשעט שווײַגנדיק. ער פלעגט שאָענווײַז אָפּשטיין בא די טויערן פון דער אוטשילישטשע, קוקנדיק מיט קינע אַף די גליקלעכע, וואָס קאָנען זיך לערנען. מאָרדכע האָט געוווּסט וועגן דעם און האָט אויסגעמיטן זיך צו באַווײַזן נאָענט לעבן דער שול, קעדיי ניט פארשאַפן יעסורים דעם זון. מוישקע אָבער איז איינמאָל געשטאַנען און געשטאַנען און פלוצעם אנטשיידן זיך א לאָז געטאָן, אזוווי ער שטייט און גייט, באָרוועס, אינעם אָפּגעבליאַקעוועטן רעקל און אין פארלאַטעטע הייזלעך, — גלײַך צום דירעקטאָר.

אהיים האָט ער זיך אומגעקערט אין איינע היספּײַלעס: מע האָט אים דערלויבט זיך לערנען אין צווייטן קלאַס, אָן סכאַרלימעד.

בא ייִנגלעך, ווי באַוווּסט, איז די גרעסטע מײַלע — קויעך. א דאַרינקער, ווי אַלע גאָלדשטיינס, האָט מוישע ניט ליב געהאַט צו פירן געשלעגן. אָבער אויב מע האָט געדאַרפט פארטיידיקן עפּעס א יוישערדיקע זאַך, פלעג ער זיך וואַרפן אין שלאַכט, ווי א טיגער, ניט טראַכטנדיק וועגן דעם, אז דער קעגנער איז גרעסער און שטאַרקער פון אים, ווי די סטוסאַקעס וואָלטן ניט אים פארטשעפּעט — אויב שלאָגן זיך, איז ביזן סאָף, ביזן זיג. און די סאַמע הייסע שלעגער האָבן מוירע געהאַט מיט אים צו טאָן: „ס'איז דאָך א מעשוגענער!"

און ער איז גיכער פון אַלץ געווען א פלעגמאַטיקער. א באַדאַכטער, א שטילער, איז מוישקע געווען בא די ייִנגלעך א רעדלפירער, נאָר אויך ווי ניט בעקיווון און מאָדנע — אומבאַמערקט, פון דער זײַט, שוין אַליין מיט זײַן אַנוועזנהײַט. ער האָט געמעגט שטיין ערגעץ הינטן, אָבער אַלע פלעגן זיך אויסקערעווען, קעדיי זיך צו דערוויסן, וואָס ער טוט און וואָס ער וועט זאָגן. אייגנטלעך, איז דאָס געווען גאַנץ גענוג פאר א סאַך אומאָנגענעמלעכקײַטן, וואָס דער ייִנגערער זון — דעמלט איז ער נאָך געווען דער ייִנגערער — פלעגט פארשאַפן דער מישפּאָכע.

גאָט האָט דורך מוישע ראַביינו באַפוילן די ייִדן, אז שאַבעס איז א הייליקער טאָג, שאַבעס טאָר מען ניט טאָן קיין שום ארבעט. אָבער די צווייקלאַסישע שול האָט געאַרבעט אויך שאַבעס.

— ס'איז א כילעל-האַשעם, — האָבן גערעדט די פרומאַקעס, — ווייניק צאָרעס האָבן מיר אַף אונדזער קאָפּ, דאַרפן נאָך אונדזערע קינדער אויסוואַקסן אַפּיקאָרסים!..

און ווען מוסער האָט ניט געהאָלפן, האָט א גרופּע פאַנאַטיקער איינמאָל אין א שאַבעס זיך גענומען פאר די הענט און ווי א לעבעדיקע קייט פארצוימט דעם וועג צו דער אוטשילישטשע. מוישקע איז געגאַנגען אַף די לימודים מיט א כאַפּטע שילער און האָט דער ערשטער דערזען, וואָס עס קומט פאָר.

— כעוורע, שטייט! — האָט ער באַפוילן. דערנאָך האָט ער אַלעמען אויסגעשטעלט אין קאַרע, און אונטער זײַן קאָמאַנדע האָט דאָס קליינוואַרג מיט א פײַפערײַ דורכגעריסן די פרומע קייט.

ס'איז, פארשטייט זיך, ניט אָפּגעגאַנגען גלאַט. דער ראָוו האָט ארופגעלייגט א כיירעם אַף דער אַפּיקאָרסישער מישפּאָכע, די גאָלדשטיינס האָט מען דערקלערט א באָיקאָט — א לאַנגע צײַט האָט מען זיי גאָרנישט ניט געוואָלט פארקויפן אין די אַסטראָפּאָליער קלייטלעך, שוין אָפּגערעדט וועגן געבן עפּעס אין קוויוו.

איז אָט, פּרווו אזא הייסן יונגאַטש צולאָזן צו דער זאַך, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט — ס'וועט זיך דאָך טאָן מיט אים כוישעך! אָבער, פון דער אַנדערער זײַט, זײַ א בעריע און לאָז אים ניט צו...

כעוורע האָבן ליב מילכאָמע און סוידעס. דאָס, מיט וואָס עס האָבן אָנגעהויבן זיך צו פארנעמען דער עלטערער ברודער און דער טאַטע, איז געווען פארהילט אין סוידעס און האָט צוגעזאָגט א גרויסע מילכאָמע פאר פרײַהײַט, פאר יוישער. קאָן ער דען שטיין אין א זײַט? און ביכלאַל — וואָס הייסט, מע וויל זיך באַגיין אָן אים?

אייגנטלעך, ווען די מישפּאָכע וואָלט געווען ניט אזא בונטאַרישע, וואָלט עס סײַוויסײַ מוישען ניט אויסגעמיטן. כאָטשבי פון דער לײַדנשאַפט צו לייענען וואָלט ער געמוזט ארײַנ-

פאַלן אין אגיטאטאָרישע נעצן. די מעסידע אף דער נאָרוואָס געעפנטער ביבליאָטעק, וואָס מע האָט דערלאַנגט אין דער פּאָליציי־אופּראווע, האָט געהאַט אונטער זיך א גרונט. די ביבליאָטעק איז טאַקע גלײַך געוואָרן א מין צענטער פון אנטימעלוכישע פאַרזאַמלונגען, און ביכער האָט מען דאָרט ארויסגעגעבן ניט נאָר יענע, וואָס זײַנען געשטאַנען אף די פּאָליצעס. מוישקע איז, פאַרשטייט זיך, געווען זייערער א לייענער, און א צוהערער אף די געהיימע פאַרזאַמלונגען אויך.

און וואָלט ניט אנטשטאַנען אין שטעטל אזא כיטרע ביבליאָטעק, וואָלט ער סײַווי־סײַ ניט געקאָנט אויסמײַדן דעם גוירל, וואָס דאָס לעבן האָט אים פאַרגרייט.

אין פינפטן יאָר, ווען אין פּעטערבורג האָט דער צאַר־באַטיושקע א שמועס געטאָן מיטן פאָלק אף זײַן מעלוכישן לאַשן און אינעם פאַרבלוטיקטן שניי האָבן קאַזאַקישע פערד געטאָפּטשעט די כאַרוגווס פון די אָפּגעגנאַרטע און גלויביקע; אין טויזנט נײַן הונדערט פינפטן, ווען איבער די דערפער האָבן זיך צעפלאַקערט סרייפעס און אין די שטעט זײַנען פון די קעלערס ארויסגעגאַנגען אף דער ליכטיקער וועלט די דרייסטע באָמבעוואַרפערס, — איז מוישקע גאָלדשטיינען געגאַנגען דאָס פערצנטע יאָר.

געוויינלעך איז דאָס אזא עלטער, ווען אינעם יינגל ברויזן די זאַפטן, ס׳ברעכט זיך די שטים. דאָס צאַרטע קינדערשע האַרץ פלאַטערט אינעם קימאַט דערוואַקסענעם גוף, צאַראַפּענדיק זיך ביז בלוט אין די ווינקלען און שיפן פון דער דערוואַקסענער וועלט. קיין מער ווייטעקדיקע עלטער איז ניטאָ. דאָס יינגל פילט זיך אין צענטער פון דער אלוועלט, ער זוכט זײַן אָרט אין איר, בלאָנדזשענדיק, ווי א שטערן אינעם אומענדלעכן הימל, — פון אומעטום זעט מען אים און צווישן אנדערע איז ער ניט מערקבאַר. דער גאַנצער ווייַ פון דער וועלט, וואָס איז ביז אהער אים געווען אומבאַקאַנט, גייט דורך דורך אים, און ער לאָזט זיך צו אים אנטקעגן, פרייענדיק און מוטשענדיק זיך. א באַליביקע אוולע, א באַליביקער אומיוישער, וועלכע זײַנען אזעלכע געוויינלעכע אינעם ארומיקן לעבן, פאַרוווּנדערן אים ביז טרערן, אָבער ווייינען קאָן ער ניט — שוין אויסגעוואַקסן.

באַרמיצווע. מוישע גאָלדשטיין האָט אָפּגעמערקט זײַן פּוליערקײַט פונקט ערעוו דעם, ווען, אין אונטערגעוואַרעמטע אף פײַערדיקע קוילן, האָט אין רוסלאַנד זיך צעפלאַקערט די ערשטע רעוואָליוציע. זי האָט אלץ אויסגעקלאָרט: פאַרוואָס מע האָט באַם ויידן צוזאַמען מיט דער קינדהײַט אָפּגעגאַנוועט דאָס לעבן. פאַרוואָס דער טאַטע, עלטערנדיק זיך פאַר דער צײַט אין שווערער מי און אין ביטערע דײַגעס, זינקט וואָס ווײַטער אלץ מער אין דאַכקעס, און באַ דעם פּאַן סטאַניסלאַוו שומסקי איז אזא פרייליכער בליק און ווײַסע הענט. פאַרוואָס דער טעמפּער פּריסטאַוו ווייסט מער פון אלעמען, וויאַזוי מע דאַרף לעבן, וואָס מע דאַרף לייענען און וואָס פאַר א לידער דאַרף מען זינגען. פאַרוואָס ארום און ארום דערטראָגן זיך בלויז קלאָגן און קרעכצן. און פאַרוואָס עס איז פאַר אים פאַרמאַכט דאָס גרויסע, שיינע לעבן, וועגן וועלכן עס שרײַבט זיך אין ביכער, — פאַר אים און פאַר אזעלכע, ווי ער, קאַפּצאָנים.

אלע, ווען אזא לעבן און אזא לאַגע איז געווען געפעלן, אלע, וועלכע האָבן אזא לעבן געמאַכט און האָבן עס פאַרטיידיקט, — דער צאַר, די רעגירונג, נאַטשאַלסטווע, די רײַכע — זײַנען פון איצטער אָן זײַנע סאָנים; אלע, ווער עס האָט זיך אונטערגענומען זיי אראָפּוואַרפן אָדער אפילע דערהאַרגענען, — זײַנען זײַנע פרײַנט, און ער איז מיט זיי.

אין פּאַני זעלינסקעס הויז, וואָס די גאָלדשטיינס האָבן געדונגען, — ס׳איז געשטאַנען באַם סאַמע סלוטש, צווישן דעם קלויסטער און דער סינאַגאָגע, — פלעגט מען פרי פאַרמאַכן די לאָדנס. אָבער שלאָפן האָט מען זיך ניט געלייגט און די געסט אויך ניט ארויסבאַגלייט. דער קעראָסין־לאָמפּ האָט געברענט א גאַנצע נאַכט — באַם טיש האָט מען איבערגעשריבן פּראָקלאַמאַציעס. צו אינדערפרי האָט בײַלע זיי באַהאַלטן אין פערענעס, אין די זעק מיט קאַרטאָפל, אפן בוידעם און אין קעלער. ניט אף לאַנג. יינגלעך האָבן דערנאָך איבערגעפּעקלט די פלוגבלעטלעך אין די דערפער.

מוישקע, דער יינגסטער, האָט געדאַרפט שטיין אף דער וואַך, קאָלזמאַן די עלטערע האָבן זיך באַראַטן אָדער געשריבן די בלעטלעך. דערנאָך האָט מען אים אויך צוגעלאָזט צו מער ערנסטע איניאָנים. דער קאָמיטעט האָט זיך געפונען אין ליובאַר, און דאָרט האָט דער נײַער מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע באַקומען דעם אינסטרוקטאַזש. אָט אזוי האָט זיך אָנגעהויבן זײַן וואַנדערונג איבער די דאָרפישע וועגן אין א טרייסלענדיקן וואָגן מיט היי, אָן אָנגעשפּיגעוועטן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור.

אים איז אָבער ניט אויסגעקומען זיך צו באַנוגענען בלויז מיט פונקציעס פון א קורייער. מ׳האָט דאָך געדאַרפט דערקלערן די פּויערים, וואָס אזוינס האָט ער געבראַכט. דערצו נאָך זײַנען א סאַך פּויערישע רעדלפירער פּאָשעט געווען אנאַלפאַבעטן. אנדערע האָבן יאָ געקאָנט

לייענען, נאָר אַלעמאָל זיך אַנגעשטויסן אָף ווערטער, וואָס לייגן זיך ניט אָף דער צונג, און דעריבער געפּאַדערט, מע זאָל זיי צעקייַען:

— מיר ווילן דאָך קעגן די פּאַנעס גיין — אַ מאַגייפע זאָל זיי נעמען!.. דאָ אָבער שרייַבט זיך וועגן סאַמאָדערזשאַוויע. וואָס איז עס, דער צאַר? ווער זשע וועט דעמלט דעם פּאַן באַשטראָפן?..

און ער האָט דערקלערט. צוערשט — באַזונדערע בונטאָווטשיקעס, דערנאָך דער גאַנ-צער „הראָמאַדע" — אָף דאָרפישע סכאָדן. און ער האָט זיך אויסגעלערנט. באַ וועמען זיך לערנען האָט ער געהאַט: געפירט האָט ער דאָך ניט נאָר ליטעראַטור, נאָר אויך באַגלייט אַנגעפּאַרענע אַגיטאַטאָרס. דער ייִנגערער גאָלדשטיין האָט זייער גיך זיך באַפרייַנדעט מיט אַ סאַך פּויערים, און זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „זייעריקן" (אוקראַיִניש האָט ער גערעדט ניט ערגער פון ייִדיש), — דער קאָמיטעט האָט אים שוין פאַרטרויט אַפילו דורכפירן סכאָד-קעס.

דער טרוים, וואָס האָט געפּלאַצט

אין שטוב פון דער פּאַני זעלינסקע פלעגן אַלץ אָפטער קומען געסט. די שכיינישע הינט האָבן געוועקט מיט בילערייַ דאָס שטעטל קימאַט אַלע נאַכט. אויך באַטאָג פלעגט די טיר זיך ניט פאַרמאַכן. אַזאַ „קאָנספּיראַציע" האָט געטויגט אָף טישטשע קאַפּאָרעס.

— איר קריגט, רעב מאָרדכע, אַ שעם פון אַן ערשטקלאַסישן שנייַדער, — האָט בייס איינער אַ באַגעגעניש אַ שטאָך געטאָן מיט אַ גיפטיקן שמייכל אָף די גראָבע ליפּן דער אַד-וואָקאַט נייכאַט. — זעט אָבער ניט זייער זיך איבערנעמען, ווען איר וועט ניסאַשער ווערן.

— וואָס זאָגט איר! — מאָרדכע האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער פאַרשטייט ניט דעם שטאָך. — צי קאָן מען דען ניסאַשער ווערן אָף שמאַטעס און אָבנאָסקעס? בעסער וועל איך מיט אייַער מעלאָכע זיך פאַרנעמען — פאַרט אַלעמאָל אַ פרישע פּויטעקע, און דערצו נאָך דאַרף מען די הענט ניט אויסשמירן...

ער האָט געקלערט בלויז זיך אָפּוויצלען, אָבער ווען ער האָט עס דערציילט די זין, האָבן זיי זיך דערפרייט מיט אַ גליקלעכער אידיי. און אינגיכן איז איבער דער דרויסנדיקער טיר אויפגעהאַנגען געוואָרן אַ שילדל: „אַדוואָקאַט מ. גאָלדשטיין". צו אַן אַדוואָקאַט דאַרפן דאָך גיין מענטשן — וואָס זשע איז דער כידעש? ביפראַט נאָך, אַז מאָרדכע האָט טאַקע ליב אָט די זאַך — דעם פּריסטאַוו אַליין איז עס באַוווּסט.

די כאָכמע איז פאַרגענומען געוואָרן באַצייַטנס. אַלץ אומרויִקער איז געוואָרן אין די שטעט, די זשאַנדאַרמען זייַנען געפאַלן פון די פיס, די פּאָליציי האָט געאַרבעט מייַסים. אָף וואָלין האָבן באַמבעס זיך ניט געריסן, קיין באַריקאַדעס אָף די גאַסן זייַנען ניט געשטעלט געוואָרן. אָבער שטיל איז ניט געווען. ס'האָבן געברענט פּריצישע גיטער און סטויגן. פון אַלט-קאָנסטאַנטינ זייַנען אַלע טאָג געפלויגן קיין זשיטאָמיר מיטיילונגען:

דעם 1-טן אָקטיאַבער, 2 אַזייגער באַטאָג, איז אינעם גוט פונעם דאָרף קאָלעסעץ פאַר-ברענט געוואָרן אַ סטויג קלעווער...

אין דער נאַכט אָפן 3-טן אָקטיאַבער האָט אויסגעבראָכן אַ סרייפע אינעם גוט פונעם פּירשט וו. וו. וואָלקאָנסקי אין דאָרף קולטשינקע...

אין דער נאַכט אָפן 5-טן אָקטיאַבער האָט אָפּגעברענט אַ סטויג האָבער אין דעם גוט פון דעם גוטבאַזיצער פונעם דאָרף קאַרטשעווקע ניקאָלייַ פּאָליאַקאָוו...

אין דער נאַכט אָפן 7-טן אָקטיאַבער זייַנען אַוועק מיטן פייַער די קו-שטאַל און די אָקסן-שטאַל פון סאָפיע אַוואַראָוועס עקאָנאָמיע אינעם דאָרף באַהלוי...

איצטער האָט מען שוין גאַנץ אָפט ניט געדאַרפט צונויפזאַמלען די פּויערים אָף אַ סכאָדקע — זיי פלעגן זיך אַליין צונויפגיין און שיקן קיין אָסטראָפּאָל, ליובאַר, אַלט-קאָנ-סטאַנטין נאָך אַ באַקאַנטן „אַגיטאַטאָר". און ניט זעלטן פלעגט אַרויספאָרן אָף אַזעלכע סכאָד-קעס דער יונגער מוישע גאָלדשטיין.

דער צאַרישער מאַניפעסט האָט שוין ניט געקאָנט אָפּקילן די הייסע הערצער און אויך ניט לעשן די סרייפעס. דעם 18 אָקטיאַבער אין אָוונט האָט ער זיך דערקייַקלט צו די וואָלי-נער שטעטלעך אין געשטאַלט פון סוידעספּולע יעדיִעס. מע האָט זיי אויפגענומען מיט אומ-צוטרוי. ווען אין עטלעכע טעג אַרום איז אָבער געקומען אַן אָפּיציִעלע באַשטעטיקונג, איז

דער קליינבירגער אַרײַנגעפאַלן אין היספּײַלעס. דאָס וואָרט „רעוואָליוציע" איז אים אַפּילע געפעלן געוואָרן, בלויז אַ ביסל געשראָקן, און „קאָנסטיטוציע" האָט געפרייט דעם אויער. אינטעליגענטן האָבן זיך געקושט אױף די גאַסן...

און דאָ נאָט אײַך — ווידער אָט די אַגיטאַטאָרס! די קליינבירגער ברעכן זיך די הענט און ברעכן זיך די קעפּ: וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? פאַרוואָס דאַרף מען נאָכאַמאָל בויטען דעם אוילעם? ס'איז דאָך אַזויפיל פרײַהײַט געגעבן, ניט ערגער, איידער אין דער בונטאַרישער אײראָפּע צי אַפילע אין דער רײַכער אַמעריקע!.. און נאָך מער וווּנדערלעך איז דאָס, וואָס מע הערט זיך צו, מע גלייבט זיי, מע גייט אַרויס אױף די גאַסן, מע מאַניפעסטירט... אין די שטעטלעך, אין די אויעזדן שטרײַקן די באַלמעלאָכעס, אױף די קלייטן הענגען שלעסער, פאַרשטאַרקטע נאַריאַדן פון דער פּאָליציי און מיליטערישע פּאַטרולן באַוואַכן די מעלוכע-אַנשטאַלטן.

ווײַזט אויס אָבער, אַז די אַגיטאַטאָרס האָבן צעבויטעט דעם אוילעם אַזוי, אַז אָפּשטעלן אים האָט מען שוין ניט געקאָנט. די כוואַליע פון אַגראַר-אויפשטאַנדן האָט זיך ווידער אַ קײַקל געטאָן איבערן גאַנצן אַרום. פאַרכאַפּט דעם דאָרעם פון נאָוואָגראַד-וואָלינסקער אויעזד, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען אַסטראָפּאָל. אין דעקאַבער האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער שטרײַק פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין די פּריצישע גיטער. מע האָט געפאָדערט העכערן דעם לוין און פאַרבעסערן די אַרבעטס-באַדינגונגען. אין אייניקע דערפער האָט מען ביכלאַל גענומען פאָדערן אַזוינס, וואָס עס איז קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן: מע זאָל צאָלן די מאַנצבלען אַ רובל פאַר אַ טאָג, און די פרויען — 75 קאָפּעקעס. אַפילע ווינטער זאָל מען צאָלן זיבן מיט אַ האַלבער גריוונע די מאַנצבלען און פופציק קאָפּעקעס די פרויען!

די אַדעליקע געזעלשאַפט איז געווען אויסער-זיך: וואָס שווײַגט די רעגירונג? פאַרוואָס נעמט זי ניט אָן קיין שום מיטלען?

זאָרגט זיך ניט, הערן! די רעגירונג שווײַגט, אָבער טאָן טוט זי דאָס, וואָס מע דאַרף. זיך אָפּגעמינטערט פון די ערשטע שרעק, האָט זי שוין מיט האַרמאַטן צעשמעטערט די באַריקאַדעס אין דער נאָענטער אָדעס און אין דער ווײַטער מאָסקווע און קוקט שוין דאַפקע מיט ביידע אויגן. אין אַלט-קאָנסטאַנטין האָט מען פאַרדאָפּלט דעם שטאַט פון גאָראָדאָוואָיעס, איבער דער גאַנצער וואָלינער גובערניע גייען אונטערזוכונגען און אַרעסטן. אין שלאַכט-גרייטקײַט איז געבראַכט דאָס מיליטער.

און אַזוי ווי פרײַהײַט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ערשט ניט לאַנג צוריק, זאָל קיינער אַפילע ניט טראַכטן, אַז די רעגירונג וואָיויעט, כאָלילע, מיט איר פאָלק. דער קאַמף גייט בלויז מיט די סמוטיאַנעס — צוליבן פאָלק טאַקע. דאָס פאָלק אַליין וויל פּאָטער ווערן פון דער אַנאַרכישער פּעסט, וואָס מוטשעט אַזוי דאָס פײַנפולע לײַב פון רוסלאַנד. דאָס פאָלק איז דער ערשטער געהילף בא דער מאַכט.

„...אין העסקעם מיט דער פאָדערונג פון די ליובאַרער פּויערים, — האָט מיטגעטיילט די צײַטונג „וואָלינסקאַיאַ זשיזן", — ווערט אין ליובאַר געשאַפן אַ פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט, וועלכע וועט אָנגערופן ווערן, לויטן פאַרלאַנג פון די זעלבע פּויערים, „ליובאַרער געזעלשאַפט פון מענטשן, וועלכע זײַנען איבערגעגעבן דעם פּרעסטאָל און דעם פאָטערלאַנד". דער הויפּט-ציל און די פּראָגראַם פון איר טעטיקײַט: אונטערהאַלטן מיט אַלע קויכעס און מיט געזעצלעכע מיטלען דעם שאָלעם און די רו אינעם פאָטערלאַנד..."

— נו, אָט, ענדלעך האָבן מיר זיך דערוואַרט אָפּן פאָלקס-צאַרן, — האָט מאָרדכע קרום אַ שמייכל געטאָן, ווען ער האָט איבערגעלייענט די צײַטונג, וואָס דער זון האָט אים געבראַכט.

מוישע האָט זיך געקליבן אין וועג אַרײַן:

— כ'וועל זיך דורכגיין צו מײַנע כעוורע פון כאַרקאָווצי. כ'וויל אַ טאַפּ טאָן, וויאַזוי די נײַע ליובאַרער „געזעלשאַפט" האָט אױף זיי געווירקט.

דאָס ניט גרויסע דאָרף כאַרקאָווצי האָט מוישע גאָלדשטיין באַזוכט מער גערן, איידער אַנדערע ערטער. אין זײַן עלטער זײַן אַ לערער, אַ נאַסטאַווניק איז זייער בעקאָוועדיק. און ער האָט זיך געפילט אַלס אַזעלכער בענעגייע דרײַ כאַווירים זײַנע, דרײַ פּויערישע „בונטאַרעס" — שטשערבליוק, מושקעט און קאָכאַן. גיכער פון אַלץ זײַנען זיי פּאָשעט געווען גוטעפרײַנט, און ער איז בלויז געווען אַ ביסל מער גראַמאָטנע אין פאַרגלײַך מיט זיי. אומלעגאַלע ליטעראַטור האָבן זיי געלייענט דאָרשטיק, לאַנג מיט אים געשמועסט נאָכן איבערלייענען אַ פּראָקלאַמאַציע אָדער אַ ביכל, וואָס ער פלעגט זיי ברענגען. ווען עס פלעגט אָנגעמערקט ווערן אַ פּויערישע סכאָדקע, האָט ער געוווּסט, אַז אינעם געוויינלעכן אָרט —

הינטערן דאָרף, לעבן דעם ציגל־זאַוואָד — וועט זײַן גענוג אוילעם: שטשערבליוק מיט די פּרײַנט וועלן אַלץ באַשטאַטן. אהער האָט מוישע זיך געסטאַרעט ברענגען די בעסטע אַגי־טאַטאָרס.

מיטוואָך דעם 6־טן דעקאַבער, פּינקטלעך צו האַלב צוויי באַטאָג, זײַנען זיי אײַנפירן צו־געפאָרן צו דער געבײַדע פון דער וואָלאָסט־פּאַרוואַלטונג אין ליובאַר. מוישע גאָלדשטיין איז געווען אָנגעטאָן ווי א פּויער — ער זאָל זיך מיט גאָרניט אויסטיילן פון זײַנע כאַווירים. צווישן זיי האָט ער זיך טאַקע ניט אויסגעטיילט, אָבער אַלע פיר האָבן זיך אויסגעטיילט צווישן דעם גאַנצן אוילעם. אפילע זייער צעפּאַרענער וואָגן האָט אויסגעזען ווי א ווײַסע קראָ צווישן די פּאַסאָנענע ברישקעס און עקיפּאַזשן. און אין זאַל איז געווען דער גאַנצער צימעס פון ליובארער פּובליקום: גוטבאַזיצער, אָרטיקע אינטעליגענטן, דער פּריסטאַוו, אפילע דער איס־פּראַווניק האָט זיך געיאַוועט. ס'האָבן געקלונגען מיט די שאַשקעס די גאַראַדאָוואָיען, מיט מעשענע טרובעס האָט געבליצט דער אָרקעסטער (דערנאָך וועט א רעפּאָרטיאָר פון „וואָלינ־סקאַיאַ זשיזן" אָנשרײַבן: „ס'האָט זיך פּאַרזאַמלט א גוואַלדיק גרויסער אוילעם, מערסטנטייל פּויערים...”). דער הויפּט־פּויער, דער... פּאַטאָמסטווענע דוואָריאַנין, פּאַרזיצער פון דער וואָ־לאָסט־פּאַרוואַלטונג לאַגין זשוראַקאָווסקי האָט זיך אופגעהויבן איבערן אוילעם, בליצנדיק מיט די באַקענבאַרדן:

— ליובארער מיטבירגער! מיר האָבן זיך דאָ פּאַרזאַמלט, קעדיי אָפּמערקן דעם גע־בורטסטאָג פון אונדזער צאַר־באַטיושקע, און דערנאָך וועלן מיר, מיט גאָטס הילף, ווערן איידעס און אָנטיילנעמער פון א מערקווירדיקער אין דער געשיכטע פון ליובאַר געשעעניש: מירן עפענען א פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט פון איבערגעגעבענע דעם פּרעסטאָל און פּאַטערלאַנד...

אזש פיר גאַלאָכים האָבן טפילע געטאָן פאַרן געזונט און האצלאָכע פונעם ווילטעטיקן באַל־יויוול. און ניט געבנדיק זיך אָפּזעצן דעם ווײַרעד־רויך, וואָס האָט געדאַרפט פאַרלײַכ־טערן די פאַרדומפּטע לופט פון דער פּאַרפּריִטער פאַרזאַמלונג, איז דער פּאַרזיצער אופגע־שפּרונגען און זיך צעשריגן, אָפּציִענדיק די פּאָלעס פונעם מונדיר:

— דעם גאָסודאַר־אימפּעראַטאָר — געזונט און האצלאָכע!

— הורא־א־א! — האָבן שיטערלעך זיך אָפּגערופן די ערשטע רייען, ווו עס זײַנען געזעסן די באַזונדערס בעקאָוועדיקע געסט. די באַזעצטע אַף דער גאַליאָרקע און ספּעציִעל אָנגעפּאַקטע אַף קאַהאַלס כעזשבן מיט „קאַזיאָנקע" באַאַמטע פון דער וואָלאָסט־פּאַרוואַל־טונג האָבן ניט געלאָזט, אז דער „הורא" זאָל אָנשוויגן ווערן. צוויי כאָרן פון זינגער (ריינע קינדערישע קעלכלעך), ווי אויך אַן אײַנגעלאַדענער פונעם אויעזד בלאָז־אָרקעסטער האָבן אויסגעפּילט „באָזשע צאַריאַ כראַני". נאָך אַזאַ אַקט פון אויסערגעוויינלעכער פאָלקס־היספּײַלעס איז ווידעראַמאָל אופגעשטאַנען דער הער זשוראַקאָווסקי. א הויכער, אַן אויסגעכאַליע־טער, אַן אויסגעצאַצקעטער (ער האָט בא א צירולניק — אין זשיטאָמיר, וווהין ער איז גע־פאָרן באַהאַנדלען די פּראַגראַם, — זיך טשאַקנדיק אונטערגעשוירן, און הײַנט אינדערפרי צו־געפּודערט דאָס אָנגעזשליאַקעטע פּאָנעם), איז דער הויפּט־פּאַטריאָט פון ליובאַר איבערגע־גאַנגען צו דעם צווייטן טייל פונעם יאָמטעוו.

— ברידער, — האָט געזאָגט זשוראַקאָווסקי און א קוק געטאָן אין דער ווײַט, ווי אַף א פּאָרטרעט, — אַלעמען, ווער עס זיצט דאָ, איז גוט באַוווּסט, אז מיר האָבן געשאַפן א גע־זעלשאַפט פון איבערגעגעבענע דעם פּרעסטאָל און דעם פּאַטערלאַנד, מיר האָבן שוין אונד־זער סטאַטוט, און ווער עס פּאַרלאַנגט, — זשוראַקאָווסקי האָט ברייט צעשטעלט די הענט, — ווער עס פּאַרלאַנגט, בעט איך גנעדיק אַרײַנטרעטן אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט, קעדיי צו העלפן מיט אײַער טעטיקײַט דעם פּרעסטאָל און דעם פּאַטערלאַנד. איך בעט אָבער פּאַרגעדענקען, אז יעדער, ווער עס טרעט אַרײַן אין דער געזעלשאַפט, — דאָ האָט זשוראַ־קאָווסקי געגומען אַרויסברענגען יעדעס וואָרט מיט די פּויסטן, — דאַרף זײַן א בעעמעס רו־סישער מענטש (א האַק מיטן פּויסט די לופט), ער דאַרף פעסט גלויבן אין גאָט (נאָכאַמאָל א האַק) און זייער שטאַרק ליב האָבן דאָס פאָלק. און, פאַרשטייט זיך, ניט לאָזן, אז די ייִדן זאָלן פאַרכאַפּן אין רוסלאַנד די מאַכט...

די פּאַרזאַמלונג האָט זיך עטוואָס א וואַקל געטאָן, ניט ווויסנדיק, צי מע דאַרף טאַקע גלײַך איצט גיין צום טיש זיך פּאַרשרײַבן, צי ס'וועט נאָך זײַן א באַזונדערע קאָמאַנדע — וואָס זשע זאָל מען טאָן אָט אַצינד? און אויב מע וועט א ניטגענוגנדיקע אַקטיווקײַט אופּנע־מען, אז מע צווייפלט אין אייגענעם פּאַטריאָטיזם? נאָר פון די ערשטע בענק האָבן א פּאַטש געטאָן א פּאָר הענט, און ס'האָט זיך אויסגעקלאָרט: מע דאַרף אַפּלאָדירן. האָט מען טאַקע אַזוי געטאָן.

דערנאָך האָט באַקומען דאָס וואָרט נאָך איין פּאַטריאָט — אַלעקסיי איסקרא. מע האָט פאָרגעלייגט א באַגריסונגס-טעלעגראַם דעם גאָסודאַר, אין וועלכער מ'האָט געשווירן אין טיפער איבערגעגעבנקייט. און ווען די „ברידער שוואַרצמייעניקעס" האָבן גענומען זיך מעכאַבעד זײַן מיט „קאַזיאָנקע", האָבן מוישע און זײַנע כאַווײרים זיך אַרויסגעשלײַכט אין דרויסן.

זיי זײַנען געגאַנגען פאַרבײַ דער סינאַגאָגע. דאָרט האָט זיך אויך געהאַלטן אין פאַרענדיקן דאָס טפילע-זאָגן. „באָזשע צאַריא כראַני" האָבן צאַרט אויסגעשפּילט די פידלער פון דער קלעזמער-קאַפּעלע, ס'האָט אונטערגעווײנט דער טראָמבאָן, און דערשראָקן האָט געבוכעט דער באַראַבאַן. („ליובאַרער ייִדן, לויטן בײַשפּיל פון די ליובאַרער קריסטן, — וועט שפּעטער מיטיילן דער אויפמערקזאַמער רעפּאָרטיאָר פון „וואָלינסקאַיאַ זשיזן", — האָבן דעם 6-טן דעקאַבער אויך אָפּגעפײַערט דעם געבורטסטאָג פונעם גאָסודאַר-אימפּעראַטאָר... אַזויאַרום, סטאַרען זיך די קלוגשאַפטלעכע ייִדן נאָכפאָלגן די קריסטן, און מע קאָן האָפן, אַז אין דער נאָענטסטער צײַט וועלן זיי אויך אויף א קאָל שרײַען „דאָלאָי מיט דער רעוואָליוציע!" באַגלײַך מיט די קריסטן...”). דערווײַל האָט מען אין שטעטל פעסט פאַרמאַכט די לאָדנס, ווי ס'וואָלט שוין געווען באַנאַכט...

אַהיים איז מען געפאָרן שווײַגנדיק. שטשערבליוק האָט דעם גאַנצן צאָרן אויסגעלאָזט אויף דעם בידנעם פערדל. די ווינטערדיקע זון האָט זיך געקײַקלט אויף מײַרעוו, ווי א נײַיאָריקער רויטער עפּל.

— ס'וועט זײַן א שטורעם, — האָט א זאָג געטאָן מושקעט.

קיינער האָט אים ניט אונטערגעהאַלטן, ניט דערווידערט. מוישע האָט געזען, ווי די כאַרקאָווער כאַווײרים זײַנע האָבן זיך געסטאַרעט אָפּצווענדן פון אים די אויגן. אָבער וויאַזוי צו צעווייען די אומאָנגענעמלעכקייט, האָט ער ניט געוווּסט.

אָסטראָפּאָל איז אויך געווען ווי אויסגעשטאָרבן. די הינט האָבן אפילו ניט געבילט. דאָס פאַרטײַעטע שטעטל האָט מיט מוירע געוואַרט אויפן יאָמטעוו, וואָס רוקט זיך שוין אָן.

זיי זײַנען צוגעפאָרן צו דער שטוב. אויך, ווי פריִער, שווײַגנדיק. דעם „אַדוואָקאַט" האָבן זיי געטראָפן בא א געניי, ער האָט שטיל באַגריסט די געסט און גענומען אָפּראַמען די אָפּשניטלעך פון עפּעס אַן אַלטן געוואַנט, באַפרײַענדיק דעם טיש.

מוישע האָט זיך געסטאַרעט דערציילן דעם טאַטן ווי ווײַט מעגלעך פריילעכער. ער האָט געשאָטן מיט וויצן, געלעצעוועט איבער זשוראַקאָווסקין און איבער דעם „פּאַטריאָט" איסקרא, איבער די גדוילים פון דער „געזעלשאַפט" און אירע געשווירענע כוליגאַנעס. אָבער דעם טאַטנס קאָפּ האָט זיך אַלץ נידעריקער געבויגן איבערן טיש.

שטשערבליוק האָט אים א ריר געטאָן איבער דער פּלייצע:

— האָדיע, מאָרדקאָ, האָדיע, — געזאָגט האָט ער עס מיט פאַרביטערונג. — איך ווייס, ווי עס לעבן אײַערע קינדער. פּונקט ווי אָט זײַנע, ווי מײַנע, און עפּשער אפילע נאָך ערגער. און וויאַזוי עס לעבט זשוראַקאָווסקי, ווייס איך אויך. וויפל פויערים ער האָט באַאוולט, אָט דער „כריסטיאַנין". זאָלן די הינט בילן וועגן אײַערע קאַפּיטאַלן, מיר זײַנען זיי באַוווּסט. מיר מיט אײַך, מאָרדקאָ, זײַנען איין פאָלק, ווײַל מיר זיצן צוזאַמען אין גאָלע צאָרעס, אין איין קייט, און זיי, די זשוראַקאָווסקיס, זיצן אויך אין זייער קייט, וואָס איז טויזנט מאָל שרעקלעכער, ווײַל אָט דעם קייט זייערן ווילן זיי וואַרפן אין פּאָנעם אַלע מענטשן.

מאָרדכע האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט א מילדן שמייכל:

— א דאַנק, איוואַן, איך האָב אַנדערש וועגן אײַך ניט געטראַכט.

די אויגן זײַנע זײַנען געווען פײַכט, און דער זון האָט זיך אָפּגעקערעוועט, קעדיי ניט אַרײַנקוקן אין זיי. נאָך א ייִנגעלע, האָט ער ניט געוווּסט, נאָך ניט אויסגעפּרוּווט אויף זיך, אַז ווען א מענטש פון אַן אַנדערן גלויבן רעדט וועגן ברידערלעכקײַט, ניט געקוקט אויפן פּאָגראָם-טשאַד, וואָס האָט אײַנגעהילט דעם גאַנצן אַרום, רירט עס א ייִדן ביז טרערן.

א פינצטערע כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט אויף רוסלאַנד. אונטערגעקליבן די געהעריקע פאַרטיידיקער איבער אַלע גובערניעס (זשוראַקאָווסקיס זײַנען געווען אומעטום), האָט די מאַכט אַלייז גענומען דערשטיקן די רעוואָליוציע. אין זשיטאָמיר האָבן ניט אויפגעהערט די אײַנטערזוכונגען און אַרעסטן. איצטער האָט מען גענומען שנאָרען איבער די אויעזדן. די ריי איז דערגאַנגען צו די שטעטלעך און דערפער.

אין אָסטראָפּאָל איז צווישן אַנדערע אַדרעסן געשטאַנען שיר ניט אויפן ערשטן אָרט דאָס הויז פון דער פּאַני זעלינסקע. די סטראַזשן זײַנען געווען אייגענע, שטעטלדיקע. מאָרדכען האָבן זיי גוט געוווּסט — ניט געקוקט אויף דער אָרעמקײַט, איז ער אין שטעטל געווען א כאָשעווער מענטש, און זיך אַן אייצע האַלטן אין פאַרשיידענע לעבנס-איניאָנים פלעגן צו אים קומען ניט נאָר די אָרטיקע ייִדן. און כאָטש זינד האָט ער בא דער מאַכט גע-

האָט ניט וויניק, האָבן די אָרטיקע פּאָליציי־טשינעס צו אים גאָרנישט ניט געהאַט. דערצו איז דער זיידע געווען קימאַט זייערער א ברודער — פּאַרט אַזויפיל יאָרן אָפּגעדינט דעם קייסער.

מיט איין וואָרט, איבערגעטראָטן די שוועל פון די גאָלדשטיינס האָבן די אומגעבעטענע געסט ווי אומגערן, און ס'האָט זיך טאַקע ניט געגלייבט, אַז אין אָט דעם הויז, וואָס איז איבערגעפּולט מיט קינדער, וועט מען נעמען שטעלן אין געפאַר דעם שפּײַזער. אַזויאַרום, האָט מען ניט געסטאַרעט זיך זייער. דער פרײַוויליקער געהילף פון דער פּאָליציי — דער אַדוואָקאַט נייכאַט האָט דאַפקע געוואָרנט, מע זאָל זײַן באַזונדערס וואַכזאַם לעגאַבע זײַן ניט דיפּלאָמירטן קאָפּצאָנישן קאָנקורענט. נאָר געוואָרנט האָט ער דאָך ניט זיי, נאָר דעם פּריסטאַוו. קיין וואָגיקע פאַקטן, צוליב וועלכע מע זאָל זיך קאָנען צוטשעפּען, אויסער פאַרדעכטיקע רעמאָזים, האָט דער מאָסער ניט געהאַט, און דער פּריסטאַוו אַליין האָט ניט געקאָנט געבן דעם פּאָליציי־נאַריאַד קיין שום קאָנקרעטע אינסטרוקציעס. קורץ גערעדט, די באַנאַכטיקע געסט האָבן קיין איבעריקע היסלײַוועס ניט אַרויסגעוויזן, און קיין שום פאַרדעכטיקס האָט מען בא די גאָלדשטיינס ניט געפונען. מאָרדכען איז געבליבן בלויז צו פאַרבעטן די געסט צום טיש:

— ווי לאָזט מען אַרויס אַזעלכע כאַשעווע לײַט אָן א טשאַרקע?

פונוואַנען זאָלן זיי געווען וויסן, אַז דאָס איז אויך א מין מיטל פון פּרימיטיווער קאָנספּיראַציע: צו יענער צײַט האָט מען בא די גאָלדשטיינס געהאַלטן א זאַפּאַס סאַמאָהאָנקע — אין פאַל פון אַזעלכע באַזוכן.

פון א טשאַרקע האָבן די „כאַשעווע לײַט", געוויינלעך, זיך ניט אָפּגעזאָגט. פאַרביסן האָט מען מיט א ציבעלע — קיין אַנדער פאַרבײַסעכץ איז פּאַשעט ניט געווען — און מ'איז אַוועק, ניט האָבנדיק קיין שום טײַנעס איינע צו די אַנדערע.

סײַ מאָרדכע, וואָס סייכל האָט מען אים באָרגן ניט געדאַרפט, סײַ דער שוין דערפאַרענער קאָנספּיראַטאָר דאַוויד, סײַ אַפילע דאָס הייסבלוטיקע ייִנגל מוישקע, שוין אָפּגערעדט פון דער מאַמען, וואָס האָט שטענדיק געוואַרט אויף ערגערס, האָבן פאַרשטאַנען, אַז אָט דער באַנאַכטיקער באַזוך איז ניט דער לעצטער. אין די איבערגעפּולטע טפיסעס האָט נאָך געקלעקט אָרט פאַר ניט וויניק אָסטראָפּאָליער. דער ליובאַרער קאָמיטעט האָט געפאָדערט צו פאַרשטאַרקן די קאָנספּיראַציע, אָבער א סאַך אומדערפאַרענע, צופיל הייסע ייִנגלעך זײַנען איינער נאָכן אַנדערן אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

די פּאָליציי האָט זיך שוין ערנסט פאַרנומען מיט דאַווידן, און ער האָט זיך געסטאַרעט וואָס זעלטענער צו נעכטיקן אינדערהיים: אין א באַליביקן מאָמענט האָט מען אים געקאָנט כאַפּן. דעם טאַטן האָט געעגבערט דער געדאַנק — לויט אַלע סימאָנים קומט די ריי צו מוישקען. מע דאַרף ראַטעווען דאָס ייִנגל. באַהאַלטן אים ערגעץ אויף א צײַט? קיין וואָגיקע סיבעס זײַנען, דאַכט זיך, ניטאָ. און מאָרדכע האָט באַשלאָסן מאַכן א כיטרע גאַנג — אויסנוצן מוישקעס „שוואַכקײַט", זײַן אומגעצוימטן דראַנג נאָך וויסן.

דאָס ייִנגל האָט לײַדנשאַפטלעך געוואָלט זיך לערנען, אַריבערשפּרינגען די מעכיצע פון דער פּראָצענט־נאָרמע וואָלט אָבער ניט געווען אַזוי שווער, ווי באַזיכערן סכאַרלימעד. מאָרדכע האָט גענומען אויספאָרשן אַלע מעגלעכקײַטן, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז א סאַך זײַנען אים גרייט צו העלפן. די לערער פון דער אָרטיקער צווייקלאַסישער שול און איר דירעקטאָר, בא וועלכן דער אָרעמער שנעק האָט אַליין זיך דערשלאָגן די רעכט אויף לערנען זיך אָן געצאָלטס, האָט מוישקע געהאַט א שעם פון ערשטן שילער. זיי האָבן צוגעזאָגט אים אַרויסגעבן גוטע פּאַפּירן. און דאָ האָט מאָרדכען צוגעשפּילט דאָס מאַזל: ס'האָט זיך איינגיכן אָפּגעזוכט א גינסטיק אָרט — די גימנאַזיע אין דובנע.

— גרייט זיך, זון מײַנער, צו די עקזאַמענעס, — איז איינמאָל געקומען מאָלע געדולע דער פּאָטער.

ווי ער האָט דערוואַרט, איז גענוג געווען בלויז צו זאָגן איין מאָל, איבערכאַזערן האָט מען ניט געדאַרפט.

מוישע האָט גלײַך פאַרגעסן וועגן אַלץ. אַלנפאַלס, אַזוי האָט זיך דעמלט אויסגעוויזן. די עקזאַמענעס האָט ער אויסגעהאַלטן, פאַרשטייט זיך, אויסגעצייכנט, און דעריבער איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס, אַז די ביטע וועגן באַפרײַען אים פון סכאַרלימעד ווערט אָנגענומען. דאָ איז ער פּאַשעט א זון פון א קאָפּצן מיט זיבן פּאָלעס, דערצו נאָך א מעטופּל מיט קינדער, און מע דאַרף העלפן דעם יאַט, וואָס פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע פעיִקײַטן. דובנע איז דאָך פון אָסטראָפּאָל אַזאַ מעהאַלעך!

כאָטש אַ פּראָווינציעלע, נאָר פּאָרט אַ שטאָט. טראָטואַרן. אַ קליינינקער, נאָר אַ גאַנץ לײַטישער — מיט קלומבעס, בענק, ניאַניעס מיט קינדערלעך — שטאָטישער סאָד, וואָס מע רופט דאָ, קעדיי צוגעבן מער כשיוועס, בולוואַר. אין די אָוונטן שפּילט אַ מיליטערישער אָרקעסטער וואַלסן, מאַזורקעס און כעאָוואַטעס — אומגעלומפּערט, נאָר הילכיק, עס זאָל דערגיין צו דעם גאַנצן אַרום און פאַרלײַכטערן דעם געמיט פון אומעטיקע נעשאָמעס. איבער דער גאַס, וואָס הייסט „פּאַנסקע", שפּאַצירט אַן אויסגעפּוצטער עוילעם. דאַמעס רויטלען זיך, באַגעגענענדיק זיך מיטן בליק מיט די דרייסטע, אַנגרײַפּערישע אויגן פון די ווײַסברוסטיקע טשוגויעוועצעס-אָולאַנצעס.

מאָרדכע איז געווען אָפן זיבעטן הימל: ענדלעך איז מוישקעס טרוים פאַרווירקלעכט געוואָרן. און נאָך איז ער געווען באַזונדערס צופרידן (כאָטש ער האָט וועגן דעם אָפן ניט גערעדט), וואָס אין דובנע איז קיין סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע ניט געווען.

דערפאַר איז אָבער דאָ געווען אַ „ספּילקאַ" — „אוקראַינישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרבאַנד". מאָרדכע האָט דאָך געדאַרפט וויסן, אַז קיין פּוסט אָרט קאָן ניט פאַרבלײַבן. און נאָך וואָלט ער געדאַרפט וויסן, אַז דער מעכטיקער גײַסט פון דער רעוואָליוציע איז שוין אַרײַנגעדרונגען אין אַלע שפּעלטעלעך, אין אַלע פּלאַסטן: ווער עס צעטרייסלט די זײַלן פון דער מעלוכע, אַנמעסטנדיק דעם „סטאָליפּינישן האַלדזטוך", און ווער עס אַמפּערט זיך מיטן סטאָלאָנאַטשאַלניק אָדער שיט אונטער אַ הײַפל קאַנצעליאַרישע קנאָפּקעס אָפן טיש דעם קלאַסן-אָנפירער — אויך פון צופיל אַרכירעוואָליוציאָנערן גײַסט, — אָבער אַזוי צי אַנדערש, נאָר די גימנאַזיסטן זײַנען גראָד אין יענעם פּלאַמיקן עלטער, ווען אין אַ זײַט פון דער רעוואָליוציאָנערער יוירונג קאָנען זיי ניט שטיין. מאָרדכע האָט געדאַרפט זיך אָנשטויסן, איב ער האָט טאַקע ניט געוווּסט, אַז זײַן זון, וואָס איז פאַרצײַטיק אויסגעוואַקסן, וועט, ניט געקוקט אָפן דראַנג נאָך בילדונג, אומבאַדינגט געפינען, מיט וועמען זיך צונויפגיין אין אָט דער יוירנדיקער בעהאָלע.

סאָפּקאָלסאָף, צי האָט געקלערט צי ניט געקלערט דער פאָטער, נאָר מוישע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם שילערישן אומלעגאַלן קרײַזל.

עמעס, צו יענער צײַט, ווען מוישע גאָלדשטיין איז אָנגעקומען אין דער דובנער גימנאַזיע, האָט זיך שוין ניט אַזוי געקאָכט, ווי פריִער. דער טײַך איז אַרײַן אין זײַנע געצוימטע ברעגן, אַלץ האָט זיך אומגעקערט אָפן אָרט, און מע האָט שוין געקאָנט זײַן רויִק. לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז ווײַט ניט אַזוי.

מוישע גאָלדשטיין, דאָס שײַנדל פון דער גימנאַזיע (זײַנע דערפאָלגן אין דער לער האָבן פּאַשעט ווי פאַרהיפּנאָטיזירט אַלע לערער), דער יונגער מאָיסיי, וועלכער האָט געשאָטן פּערל פון מויל — בעסער, איידער דער דערפאַרנסטער אַדוואָקאַט, האָט טאַקע ניט פאַרענדיקט דעם זעקסטן קלאַס. דער סקאַנדאַל איז געווען אַ מוירעדיקער — אָף דער גאַנצער גובערניע. דעם דירעקטאָר האָט מען אַרויסגערופן צום פּאָפּעטשיטעל, דערנאָך זײַנען אַוועק לאַנגע אויספאָרשונגען. וואָס איז די מײַסע? אינעם שכייניש פּאָלעסיער קאַנט, אין פּעטריקאָוו, האָט דער אָרטיקער פּאָליצמייסטער פּערזענלעך געכאַפּט פאַר דער האַנט זעקס גימנאַזיסטן פון דובנע ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטיבל גראָד אין יענעם מאָמענט, ווען זיי האָבן באַקומען אַ טראַנספּאָרט פון אומלעגאַלער ליטעראַטור.

— ווײַזט אויס, אַזאַ מאַזל, — האָט מיט אַנגסט געזאָגט דער פאָטער. די מאַמע האָט פאַרשטייט זיך, געוויינט. די שכיינים זײַנען געווען אויסער-זיך: הערט אַ מײַסע, מע האָט דאָס קאַפּצאָנישע ייִנגל אָנגענומען אין גימנאַזיע, ניט געקוקט, וואָס ער איז אַ ייִד, און דערבײַ נאָך בעכינעם, — און ער, דער באַלאַמוט, טוט אָפּ אַזאַ קונץ, האָט ניט קיין ראַכמאָנעס אָף די עלטערן!

ראַכמאָנעס האָבן האָט מען אָף זיי בעפּייִרעש געדאַרפט: דאָוויד איז שוין איבערגעגאַנגען אָף אַן אומלעגאַל לעבן.

מוישע האָט אַליין אויך זיך געגעסן דאָס האַרץ — ניין, קיין כאַראָטע האָט ער ניט געהאַט. ער האָט דאָך גוט געוווּסט, אָף וואָס ער גייט. ס'איז אים געווען אַ שאָד, וואָס זײַן טרוים האָט געפּלאַצט. ס'האָט זיך אים פריִער שוין געמאָלט, אַז נאָך דער גימנאַזיע וועט זײַן דער אוניווערסיטעט — די סטודענטישע סוויווע, גאָר אַנדערע קרײַזלעך. בלויז לויט די יעדיִעס, וועלכע זײַנען פון מאָל צו מאָל צו אים דערגאַנגען, האָט מוישע ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם טאָך פון דעם, וואָס עס טוט זיך אינעם לאַגער פון די רעוואָליוציאָנערן גופע — באַזונדערס איצט, ווען די רעוואָליוציע האָט איבערגעלעבט אַ פּעריִאָד פון יערידע.

באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, אומפאַרשטענדלעכע באַציִונגען מיטן „בונד" און מיט אַלע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס דאַרף מען בּיכלאַל

פאַנאַנדערטײלן אַף קעמערלעך דאָס אַלגעמײנע הויז, אַרום וועלכן עס טראָגן זיך אויך אָן דעם פון אַלע זײַטן שטורעמדיקע ווינטן. נאָך מער, האָט ער געטראַכט, אויב טאַקע אינדערעמעסן ווערן די באַציִונגען צווישן די פּאַרטײ־פאַרבאַנדן אַלץ מער אומבעשאָלעמדיקע, איז דאָס עפּשער גאָר אַ מין שוידערלעכע פּראָוואָקאַציע? צי שוין זשע וואָלט מען ניט געקאָנט דערנאָך זיך פאַנאַנדערקלײַבן, ווען מיר וועלן צוזאַמען אַראָפּוואַרפן דעם קײסער און ווען עס וועט שוין זײַן אַ רעפּובליק?

פון דער אַנדערער זײַט, איז דאָס גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען, און פאַר אים אויך: אויב ס'איז פאַראַן אַ שפּאַלטונג, הײסט עס, אַז אַרויסגערופן האָבן זי עפּעס אָביעקטיווע אומשטענדן. וועלכע? פונדאַנען איז ניט צו זען. און ער באַשליסט פאַר זיך: ביזוואַנען ער זעט ניט קײן סיבעס אויסצוקלאָרן די באַציִונגען צווישן די אײגענע, וועט ער ניט אָנערקענען קײן צווישנפּאַרטײִשע גרענעצן: אין אַ באַליביקער אָרגאַניזאַציע, ווי אין אַ באַליביקן פאָלק, זײַנען פאַראַן כאַכאָמים און נאַראָנים, העלדנמוטיקע און פּאַכדאָנים. סאָפּקאָלסאָף יענע, וועלכע כאַפּן די רעוואָליוציִאָנערן, מאַכן ניט קײן אונטערשײד צווישן די פּאַרטײ־אָנגעהעריקײַטן — מע זעצט זײ אַלע אַרײַן אין אײנע און די זעלבע טפּיסעס.

„אַ צײַט אַף פלאַנצן, און אַ צײַט אַף קאָרטשעווען"

דאָס ערשטע מאָל האָט מען מוישען אַרעסטירט טאַקע אין יענעם ווינטער. גרויסע פרעסט זײַנען געווען, און ניט ער, ניט זײַן באַגלײטער — דער פּויער, וועלכער האָט געפירט דעם אַגיטאַטאָר אַף אַ דאָרפישער סכאָדקע, — האָבן אַפילע ניט געקלערט, אַז מע קאָן אין אַזאַ קעלט טרעפן עמעצן אין וועג. די פערדישע מאָרדעס פונעם פּאָליצײִשן פּאַטרול האָבן זיך באַוויזן פון דער וויוגע אומגעריכט, ווי אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד. אַזאַ דערפּאָלג! באַנאַכט, אַ פּוסטער טראַקט — און נאַ דיר גלײַך אין דײַנע אָרעמס דעם שטעטלדיקן באָכער אין אַ פּויערישן שליטן, וואָס פירט אין אַן אומרויִק דאָרף! ווילנדיק ניט ווילנדיק ווערסטו אַזאַ פאַרדעכטיקן פּאַסאַזשיר אַרעסטירן.

אונטער אַן ערן־עסקאָרט האָט מען דעם אַרעסטירטן געבראַכט קײן נאָוואָגראַד־וואָלינסק. אַ גאַנצן כוידעש געהאַלטן אין דער אויִעזדנער פּאָליציפיקער אויספאָרשונגס־קאַמער. אַלץ איז זיך באַם אויספאָרשער צונויפגעגאַנגען: דער באַנאַכטיקער וועג, די בונטאַרישע מישפּאָכע, די געשעענישן אין דער גימנאַזיע. קײן שום צווײפל ניט — אַן אַגיטאַטאָר! געפעלט אָבער האָט אײן קלײניקײַט: באַווײַזן, אַז דער געכאַפּטער איז טאַקע אַן אַגיטאַטאָר.

ווען מע וואָלט זײער געוואָלט, וואָלט אין קײן באַווײַזן אויך ניט געווען קײן מעניִע: וואָס זשע, ס'איז זײ דאָס ערשטע מאָל? אויסער דעם, וואָלט מען זיך ביכלאַל געקאָנט באַגײן אָן אָט דעם דעמאָקראַטישן לוקסוס. אָבער וואָס פאַר אַ טשינאָווניק דאַרף האָבן איבעריקע אַרבעט? די פּאָליציפיקע קאַמער איז שוין געווען אַזוי אויך איבערגעפּולט מיט קאָלערלײ באַמבעוואָרפּערס און אונטערצינדער, אַז מע האָט זיך געקאָנט באַגײן אָן אָט דעם שנעק, וועלכער אַרבעט דערווײַל בלויז מיט דער צונג. און דער אויספאָרשער האָט באַשטימט — ס'וועט זײַן גענוג אָן אָט דעם אַגיטאַטאָר, ביפּראַט אַז מע האָט אים בײַ דער האַנט ניט געפּאַקט. די פּראָווינציִעלע יוסטיץ־דינער האָבן נאָך דערצו זיך ניט דערקליבן דערווײַל צום טאָך פון די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אַרופגעוואָרפן אַף זײער קאָפּ אינמיטנדערינען, און האָבן לויט דער אינערציע אַלץ זיך געסטאַרעט אונטערציִען אײן צוגעווינטער מאָס. און לויט דער געוויינלעכער מאָס איז אַ באָמבעוואַרפער, אַן אונטערצינדער אַ סאַך געפערלעכער, אײדער אַן אַגיטאַטאָר. זאָל ער פּלאַפּלען וויפל ער וויל — אַבי ניט טשעפּען.

ווען מע איז אַלט דאָס זיבעצנטע יאָר, איז שווער איבערצוטראָגן אַפילע די האַזשגאָכע פון טאַטע־מאַמע, שוין אָפּגערעדט פון דער פּאָליצײ. איצטער האָט די זשאַנדאַרמעריע געהאַט דאָס רעכט צו וויסן, וווּהין איז מוישע אַוועקגעפאָרן און צי האָט ער גענעכטיקט אינדערהײם. די מיטגלידער פון דער „געזעלשאַפט פון איבערגעגעבענע דינער פונעם פּרעסטאָל און פונעם פאָטערלאַנד", וועלכע זײַנען געווען געפאַלן בײַ זיך איבערן מאַנגל פון אַקטיווע טאַטן (אַ לײַטישן פּאָגראָם האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו אָרגאַניזירן), האָבן איצט געפּרוּווט קאָמפּענסירן זײער איבערגעגעבנקײַט מיט פּאָשעטע מעסירעס אַף „פאַרדעכטיקע" און קראַמאָלע לאַנדסלײַט, אָן אונטערשײד פון גלויבן.

מושע גאָלדשטיין האָט אָפּטער פון אנדערע זיך געוואָרפן זיי אין די אויגן. קומענדיק אף א זיצונג פונעם קאָמיטעט, האָט ער ניט געאײַלט זיך אומקערן אהיים. נו, מיילע, אין ליובאר האָט ער געהאט א מומע — איז אים ווייניק: מע זעט אים ניט זעלטן שפּאצירן באם סלוטש מיט א מיידל. עפשער א קאלע? ניין, די וואכזאמע היטער פונעם פּרעסטאָל און פונעם פּאָטערלאנד זעען אין דעם אײַן עפּעס א פארשווערונג. נו, יאָ, אוודע א פארשווערונג קעגן דער מאכט! איז ווי זשע קאָן מען אראָפּלאָזן פון אים דאָס אויג?

און אינגיכן האָט מען אים טאקע געכאפּט בא דער האנט — מיט א גאנצן זאק באוויַזן — געפּערלעכסטע פּראָקלאמאציעס. די סטראזשניקעס האָבן זיך ניט אָפּגענארט. ייִדישע ייִנגלעך האָבן זיי, די היטער פונעם טראָן און פונעם פּאָטערלאנד, געוווּסט, פירן זיך אוף מיט יונגע מיידלעך לײַטיש וואָס לײַטישער קאָן ניט זײַן: זיי שווײַגן און קוקן מער אפן הימל, אף דער לעוואָנע און אף די שטערן, איידער אף דער זינדיקער ערד. און אָט דער יונגער גאָלדשטיין טײַנעט עפּעס זייער הייס מיט זײַן מיידל און לייענט איר אויס פון ביכלעך, וועלכע ער באהאלט טייקעף אין דער בוזעם־קעשענע, ווען עמעצער גייט דורך. נו יאָ, דאָ מוז זײַן עפּעס א פארשווערונג קעגן דער מאכט — און מע טאָר פון אים ניט אראָפּלאָזן קיין אויג!

איצטער האָבן זיי זיך זייער דערפרייט, פּאקנדיק אים מיטן זאק, וואָס איז געווען באהאלטן אין א וואָגן מיט שטרוי. פירנדיק אים מיטן וואָגן גלײַך אין טורמע, האָבן די סטראזשניקעס געהיט דעריקער אָט דעם זאק מיט פּראָקלאמאציעס — מע זאָל אים, כאָלילע, ניט צוגאנווענען. זייער א טײַערער זאק, און ער איז טאקע געבליבן בא זיי. גיי ווייס, אז דער אגיטאטאָר וועט אומבאמערקט א שפּרונג טאָן פונעם וואָגן אין קיוועט און אנטרינען ווערן אין דער נאכט!

אין קאָמיטעט האָט מען פון אָט דער געשעעניש פּאָשעט זיך געהאלטן בא די זײַטן, דערציילנדיק איינער דעם אנדערן, וויאזוי דאָוויד גאָלדשטיינס ייִנגערער ברודער מוישע האָט געלאָזט צום נאר אזש דרײַ געזונטע זשאנדארמען. אָבער קיינער האָט שוין ניט געצווייפלט, אז דער ייִנגערער גאָלדשטיין האָט זיך שוין אויך געשטעלט אויסערן געזעץ. שווער איז צו לעבן אומלעגאל אין א גרויסער שטאָט, און אין דער פּראָווינץ, אין א העק, ווו יעדער קען איינער דעם אנדערן, איז עס פּאָשעט א גלײַכער וועג אין טורמע ארײַן. דער קאָמיטעט האָט אָנגענומען א באשלוס: ביידע ברידער — דאָוויד און מוישע — דארפן עמיגרירן. ס'איז געווען גאנץ איינפאך זיך צעמישן אינעם שטראָם פון די ייִדן, וועלכע ראטעווען זיך פון דער פּאָגראָם־כוואליע, אנטלויפנדיק קיין אמעריקע. מיט וועמען זיך צו פארבינדן איז געווען.

דאָוויד האָט זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן אוועקצופאָרן, אָבער מוישע האָט אפילע ניט געוואָלט דערפון הערן: וואָס הייסט, מאכן די פּלייטע? און ווער זשע וועט אָט דאָ צעצינדן דאָס פײַער פון דער רעוואָליוציע, וואָס צאנקט אלץ מער? ניין, ער איז ניט מאסקים פארלאָזן די היים, די פרײַנט, די פּויערים, וועלכע ווארטן אלעמאָל, ער זאָל צו זיי קומען אף א סכאָדקע (צו יענער צײַט האָט מען אים שוין גוט געקענט אין א סאך דערפער), נו, און דאָס מיידל אויך — אפן זיבעצנטן יאָר פונעם לעבן פארליבן זיך אלע, ווי צום לעצטן מאָל...

א צײַט פאר דער ארבעט איז געווען זייער א גינסטיקע. ס'איז דאָך טאקע אזוי: פאר א רעוואָליוציאָנער איז וואָס ערגער — אלץ בעסער. הונגעריקע הערן מיט אן אָפּענעם מויל. און אף די פּויערים פון וואָלין און פון דער שכײנישער פּאָדאָליע האָט זיך אָנגערוקט א געפאר פון הונגער און נויט. אין 1908 האָט קימאט אלץ אף די פעלדער אויסגעברענט, און מ'האָט אפילע ניט אראָפּגענומען, וויפל מ'האָט פארזייט.

דער ווינטער איז געקומען א פרײַקער, אין אָנהייב אָקטיאבער. מ'האָט געווארט, אז עפשער וועלן די קעלטן א ביסל אָפּלאָזן, נאָר דערווארט האָט מען זיך בלויז אף וויוגעס און ברענענדיקע פרעסט. די דערפער זײַנען אײַנגעזונקען געוואָרן אין שניי, און ס'האָט גענומען פירן דאָס אויסגעהונגערטע פּי. איבער די וועגן האָבן זיך געשלעפּט מאָדנע בעטלערס — צופוס און אף וועגענער: ניט קיין ברויט האָבן זיי געבעטן, ניט קיין געלט, נאָר א בינטעלע שטרוי אָדער א טאָרבעלע פּאָלאָווע.

איז וואָס זשע, אוועקפאָרן? מוישע גאָלדשטיין איז געווען אויסער־זיך: ער האָט ערשט אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער אנטשיידענער שלאכט — לייגט מען אים גאָר פאָר זיך פארטײַען! מע דארף געפינען, אומבאדינגט! — געפינען די סיבעס פונעם איצטיקן ייִעש, וועלכע זײַנען אָפּהענגיק פון עפּעס אויסערלעכע אומשטענדן, באזײַטיקן אָט די סיבעס — און אלץ וועט גיין, ווי פריִער.

ער האָט געפֿונען דאָס סאמע לײַכטע, וואָס עס לִיגט שטענדיק אונטער דער האנט בא יעדן פּראָווינציִעלן באָכער: אין אַלץ איז שולדיק די פּראָווינציִעלע פֿארשימלטקײַט, איבער איר האָט אַלץ זיך אָפּגעשטעלט. מע דארף בלויז פֿון איר זיך ארויסרײַסן — דאָרט, אין די הויפּטשטעט, גייט א קאמף, און ער וועט שוין געפֿינען זײַן אָרט אין אָט דעם קאמף.

דער פֿאָטער האָט אונטערגעכאפּט די דאָזיקע אידיי. אגעוו, האָט ער אַליין אויך גענומען טראכטן וועגן אריבערפֿאָרן קיין פּעטערבורג. מיט באקומען די רעכט אף „פּראוואָזשיטעלסטוואָ" וועט ער זיך יאקאָס אַן אייצע געבן, און דעריקער — דאָרט וועט לײַכטער זײַן צו האָדעווען די מישפּאָכע.

מוישע האָט זייער זעלטן זיך באוויזן אינדערהיים. יאווע זיך באנאכט, טוט א קלאַפּ אין פֿענצטער, די מאמע, א פֿלאטערנדיקע און גליקלעכע, עפֿנט שטיל די טיר, הייבט אָן צו וויינען נאָך אין פֿירהויז. די באָבע נעמט זיך גלײַך פֿארן קיבעד, די אופֿגעוועקטע שוועסטער קלעפּן זיך ארום אים, ניט אָפּצורײַסן. יעדע באגעגעניש מיט מוישען, באזונדערס נאָך דעם, ווי דאָוויד האָט געמוזט אנטלויפֿן אזש קיין אמעריקע, האָט אין דער מישפּאָכע אײַנציײַטיק ארויסגערופֿן א הארצפּלאטערניש: עפּשער איז ער דאָס געקומען זיך געזעגענען? פֿון דאָווידן קומען אָן ניט קיין פֿריילעכע בריוו. ער האָט זייער געבענקט, געבעטן, מע זאָל אים ארויסשיקן אַלעמענס פֿאָטאָגראפֿיעס. האָט מען אָפּגערעדט — מע דארף טאקע זיך פֿאָטאָגראפֿירן.

אין אָסטראָפּאָל איז קיין פֿאָטאָגראף ניט געווען — דארף מען פֿאָרן קיין ליובאר. מ'האָט באשטימט דעם טאָג. מוישע וועט קומען גלײַך אהין. און די גאנצע מישפּאָכע/ האָט זיך גאנצפֿרי, אַן אויסגעפּוצטע אין די בעסטע קליידער, וואָס מע האָט געהאט, זיך ארופֿגעזעצט אפֿן וואָגן. מ'האָט אפֿילע דעם צווייאָריקן בערעלע גענומען. און זאָל זײַן מיט מאזל! א פֿאמיליען-פֿאָטאָגראפֿיע איז דאָך שטענדיק א יאָמטעוו.

דער אדוואָקאט נייכאט האָט ניט געקאָנט אָנקוקן די גאָלדשטיינס. און דאָ — זע נאָר, ווי מע האָט זיך דאָס א ביסל אויסגעסטראָצלט, און מע קוועלט, ווי זיי וואָלטן דאָס גרויסע געווינס אויסגעשפּילט! קאפּצאָנים — אָן א גראָשן בא דער נעשאָמע, און וואָס איז דער געלענדער מיט זיי?.. שאַ, איז עס עפּשער טאקע א יאָמטעוו בא זיי? די גאנצע מישפּאָכע האָט זיך צונויפֿגענומען, אפֿילע דאָס קליינע פּענדריקל מיט זיך גענומען, בלויז מוישקע, דער שיבעניק, וואָס אף אים וואַרט שוין פֿון לאַנג די טליִע, איז ניטאָ. נייכאט האָט זשעדנע געגנישטערט מיט די אויגן. אָבער אויב בא די גאָלדשטיינס איז בעעמעס עפּעס א יאָמטעוו, דארף ער אויך ערגעץ זײַן, און עמעצן וועט עס אָנטאָן, פֿארשטייט זיך, פֿארגעניגן...

און נייכאט האָט זיך גלײַך געלאָזט נאָך די גאָלדשטיינס קיין ליובאר.

...דער פֿאָטאָגראף האָט זיך לאַנג געוואָזיעט, ביז ער האָט די מישפּאָכע ענדלעך אוועקגעזעצט אפֿן פֿאָן פֿון די אָנגעמאָלטע פּאלמעס און אָנגעמאָלטע יאם-כוואליעס, צעשטעלט ווו מע דארף דאָס נײַטיקע מעבל, אַן אויסגעפּארבטס אין קאָליר פֿון מירמלשטיין, פֿון אונטער זײַן שווארצן שלייער מיט פֿארשיידענע קונצשטיק צוגעצויגן די אופֿמערקזאַמקײַט פֿונעם קלייניקן בערעלע. נו, אָט, אַלץ איז שוין פֿארטיק, מע קאָן שוין ארויסגיין אף דער גאס און אפֿילע זיך פֿארגינען א ביסל זיך דורכשפּאצירן איבער ליובאר, זיך דורכשמועסן מיט באקאנטע.

די ערשטע האָט א געשריי געטאָן די צעניאָריקע פֿאניע — זי האָט דערזען, ווי פֿון הינטן איז צו מוישען צוגעגאנגען א זשאנדארם, אוועקגעלייגט אף דעם ברודערס פּלייצע זײַן האנט און, א שײַנענדיקער פֿון גליק, א זאָג געטאָן:

— נו, מאָשקאָ, האָדי טאָבי הוליאטי!.. — און גלײַך איבערגעזעצט אף יִידיש: — איצטער, מאָשקאָ, האָסטו זיך שוין ארײַנגעפּאקט!

אף דער פֿאמיליען-פֿאָטאָגראפֿיע פֿאר דאָווידן האָבן די גאָלדשטיינס זיך אראָפּגענומען דעם 18 אפּרעל 1910. פֿון אָט דעם טאָג האָט מען מוישע גאָלדשטיינען פֿארעכנט דעם „סראָק".

דעם איניען פֿון „מאָיסיי מאָרדקאָוו גאָלדשטיין, וועלכער געהערט צום פֿויערישן קלאַן און איז ערגעץ פֿארשוווּנדן", איז באהאנדלט געוואָרן אין דער „אָסאָבאָיע סאָוועשטשאניִע" פֿונעם מיניסטעריִום איבער אינערן-איניאָנים נאָך אין אָנהייב יאנוואר 1910, און אים איז באשטימט געוואָרן די שטראָף: דרײַ יאָר פֿארשיקונג אין ארכאנגעלסקער גובערניע אונטערן עפֿנטלעכן אופֿזיכט פֿון דער פּאָליציי, ווײַל דער וואָלינער סמוטיאן איז „אנטפּלעקט געוואָרן אלס אַן אָנגעהעריקער צו דער פֿארברעכערישער געזעלשאפֿט". עמעס, צו וועלכער „פֿארברעכערישער געזעלשאפֿט" האָט געהערט דער יונגער פֿארברעכער, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו באשטימען. די אויספֿאָרשער האָבן ניט געוווּסט, צו וועלכער פּארטיי אים פֿארעכענען.

אגעוו, האָט דעמלט אויך ער גופע, דער „פּאַרברעכער", ניט געהאַט אין דעם קיין איבעריקע
קלאָרקייַט. אין נאָוואָגראַד-וואָלינסק האָט דער אויספאָרשער, אַן אַלטער באַקאַנטער, גע-
פּרוּווט זיך אַ גריבל טאָן טיפער, נאָר אומזיסט געפּאַטערט די צייַט. וואָס שייַעך דעם אַרעס-
טאַנט, האָט שוין די צייַט ניט געהאַט פאַר אים קיין שום באַדייַטונג — ער האָט געוואַרט
אַפן עטאַפּ. צוליב וואָס זשע דאַרף מען זיך אייַלן?..

דער עקסטערנאַט

ער האָט דאָך אַזוי געשטרעבט צו דערזען די גרויסע וועלט, דערפילן די גאַנצע ראַכ-
וועס פון רוסלאַנד! און אָט האָט ער עס טאַקע דערזען. און, פאַרשטייט זיך, דערפילט. פונעם
שלעפּן זיך אין מעשעך פון גאַנצע מעסלעסן איבערן טראַקט האָבן געהודעט די פיס, ניט
אופהערנדיק צו ווײ טאָן אַפילע אַף די נאַכטלעגער. אין מויל — אַ זויערקייַט פון שטויב,
און אין די אויערן — איינע און די זעלבע אויסגעשרייען פון די וועכטער, דער אומופהער-
לעכער סקריפּ פון וועגענער הינטער דער פּלייצע.

נאָר אַ מאַקע וועט מען זען, אַז ער איז אייַנגעבראָכן — מע דאַרף אַפילע אַ שפּאַס
טאָן, באַווייַזן, אַז דו ביסט מונטער און שטאַרק. אינעם עטאַפּ, וואָס מע האָט אָפּגעשיקט פון
וואָלאָגדע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דאָ דער ייִנגסטער. גאַווריִעל כונדאַדזע פון
פּאָלטאַווע, וועלכער איז געגאַנגען מיט אים באַנאַנד, איז אַף אַ סאַך עלטער. און ניקאָלייַ
מאַורין, אָט דער גערזעצטער, ברייטפּלייציקער בוכהאַלטער פון טאַמבאָוו, וועלכער כמורעט
זיך די גאַנצע צייַט, איז שוין אַלט 27 יאָר און קאָן זיך בעשום-אויפן ניט צוגעווינען צו
דער איצטיקער לאַגע זייַנער — באַ זיך אינדערהיים איז ער געווען אַ בעקאָוועדיקער מענטש
און קיינמאָל ניט געפילט קיין הונגער. פאַרמישפּעט האָט מען אים פאַר דער אָנגעהעריקייַט
צו דער עסערישער פּאַרטיי. און אָט די צוויי פויערים? זיי זייַנען עלטער פון זייַן טאַטן.
יאַקאָוו טשערעווקאָ איז אַלט 43, ער האָט פיר קינדער, און פיר כאַדאָשים איז ער שוין
אָפּגעזעסן אין טפיסע. דער פּוילישער סאָציִאַליסט פּיאָטער פּרזשיוואַר איז אַלט 45, און אינ-
דערהיים, אין ליובלינער וואָיעוואָדסטווע, האָט ער איבערגעלאָזט אַ ווייַב מיט זעקס קינדער.
ערגער פון אַלעמען איז בוזאיעווען. דער פּאָליצײ-אַמט, קונציק אָפּערירנדיק מיט דער צייַט
און מיטן מעהאַלעך, האָט ערשט ניט לאַנג צוריק פאַרגרעסערט איר צעשיידונג מיטן מאַן
אין צוויי מאָל: פון איר דאַרף סודאָסיעוואָ, וואָס אין סימבירסקער גובערניע, איז דער זעל-
בער מעהאַלעך סייַ אַף צאָפן-מייַרעוו — אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע, סייַ אין צאָפן-מיז-
רעך — אין טורוכאַנסקער קאַנט, וווּהין עס איז פאַרשיקט איר מאַן.

אָט אַזוי גייט יעדער אינעם לאַנגן עטאַפּ מיט זייַן אייגענעם ווײ און מיט זייַן אייגענעם
לעבן.

אַרכאַנגעלסק, די גובערניע-שטאָט, מיט אירע פינף פּראָספּעקטן, מיט די זיך וואַקלענ-
דיקע ברעטער פון די הילצערנע טראָטואַרן, מיט די זעגמילן, געהילץ-סקלאַדן און פיש-זאַ-
וואָדן, איז געווען פאַרטיפט אין זיך און האָט אָפן אָנקום פון דער אָרדנטלעכער פּאַרטיע
געסט קיין שום אַכט ניט געלייגט. אַלץ איז דאָ געגאַנגען, ווי געוויינלעך: די אַרבעטער
זייַנען געווען פאַרנומען אַף די אונטערנעמונגען, און ביז עס וועט זיך פאַרענדיקן זייער
14-שאָעדיקער אומבייַט האָט מען נאָך געדאַרפט גוט זיך אָנמאַטערן; די טשינאָווניקעס אין די
אַנשטאַלטן האָבן געכליעפּטשעט טײ און זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ גלעזל מאַשקע. די איידל-
געבירטיקע סאָכרים האָבן געהאַלטן אין איין איבערוואַרפן די רעכן-ביינדלעך, אונטערכעזש-
בענענדיק די פאַרדינסטן פאַרן טאָג; און איבער דער צאָפן-דווינע האָט זיך אופגעהויבן אַ
נעפּל, גרייט צו אָפּקילן די שיטערלעכע מילך פון דער ווייַסער נאַכט — אָט-אָט האָט זי
שוין געדאַרפט זיך אַראָפּלאָזן צו דער ערד.

פריִער, מיט אַ פינף יאָר צוריק, אין סאַמע ברען פון דער איצט שוין פאַרוועלקטער
רעוואָליוציע, זייַנען די עטאַפּן געווען פילצאָליקע — בלויז „פּאָליטישע" ביז אַ מענטשן דרייַ-
סיק, די קאָלאָנע פלעגט זיך ציִען אַף אַ דרייַ קוואַרטאַלן. צוויי מאָל אין וואָך, ווי לויט אַ
צוג-רעשימע, פלעגן די אַרכאַנגעלסקער פאַרשיקטע באַגעגענען נייַע עטאַפּן, געזוכט באַ-
קאַנטע, זיך דערוווּסט נייַס און באַגלייט די נייַע כאַווײרים אַזש ביז צו די טפיסע-טויערן.
געווען — און אַוועק. אָט די זעקס האָט קיינער ניט באַגעגנט. בלויז דער שטאַבס-קאַ-
פּיטאַן פון דער לייבגוואַרדיע ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש קיריטשענקאָ, וועלכן מע האָט אינ-

גאַנצן מיט אַ יאָר צוריק באַשטימט אַלס פּאָליצמייסטער פון אַרכאַנגעלסקער גובערניע און דערפאַר האָט ער נאָך ניט פאַרלוירן דעם גאַנצן ברען פון אַ נײַעם טשינאָווניק, האָט פּערזענלעך זיך באַקאַנט מיט די נײַ-אָנגעקומענע. ער האָט זיי איבערגעציילט, און דערנאָך אָוועקגעשטעלט זײַן גרויסאַרטיקע כסימע אונטערן צעטל, וואָס אים האָט דערלאַנגט דער סעקרעטאַר, און דאָס צעטל איז גלײַך איבערגעשיקט געוואָרן אונטערן גריף „דרינגענד“ אין דער גובערניַאַלער זשאַנדאַרמסקע פאַרוואַלטונג.

מיטן באַקאַנטן קלאַנג האָט אַ ריפּע געטאָן דער שלאָס, און שוין — די גאַנצע וועלט איז פאַרבליבן הינטער יענער זײַט גראַטעס. אַ טונקעלער לאָמפּ, אויך אַ פאַרגראַטעוועטער אַף דער סטעליע, האָט באַלויכטן די קאַמער, די יאַרוסן נאַרעס. אין דער נאָז האָט גלײַך אַ זעץ געטאָן אַ שאַרפער רייעך פון איפּעש, פון שווייס, פון פאַרלעגערטע טיופיאַקעס. אָבער דאָס וועט באַלד פאַרגיין, צו דעם וועט מען גיך זיך צוגעוווינען.

— אַ גוט-מאָרגן, הערן! — האָט מיט אַ געמאַכטער זאָרגלאָזיקײַט געזאָגט טשערעווקאָ און האָט זיך דורכגעקליבן דורך דעם געפּלאָנטער פון פרעמדע פיס צו אַ פרײַ אָרט.

ביזוואַנען ס'איז געגאַנגען אַ שלאַבעריקע באַקאַנטשאַפט, האָבן די נײַ-אָנגעקומענע זיך אַרומגעקוקט, טאַפּנדיק מיט די אויגן די טווישווים פון דער קאַמער. די קאַמער איז געווען אַ ברודיקע, ווי אומעטום, און פון דער פאַרדומפּטקײַט אויסגעזען נאָך ענגער, איידער זי איז געווען אינדערעמעסן, אָן אַ פענצטער. בלויז דורך דער פּאָרטעטשקע אין דער טיר האָט געקאָנט אַרײַנדרינגען לופט, אָבער פון דאָרטן האָט געצויגן מיט היי פונעם טורמע-הויף, מיט סאָרטיר און מיט פערדישן קויט.

נו, אָט — די רײַזע איז פאַרענדיקט. אין אונטערשייד פון עכטע רײַזנדער, האָבן די עטאַפּניקעס פון זייער רײַזע קיין פאַרגעניגן ניט געהאַט. יענע דערגרייכן צו עפּעס אַ געגאַרטן ציל, און אָט די — צום אָרט פון שטראָף.

אַלץ געדיכטער ווערט די קורצע נאַכט, און עס ווערן אַנשטילט די שמועסן אין דער קאַמער פון דער איבערשיקונגס-טפּיסע. ס'איז שוין צײַט צו שלאָפן, נאָר פאַר די אויגן שטייט נאָך אַלץ דער וועג, די מידקײַט קלעפּט צו די לעפּלעך, אָבער עס נעמט ניט דער שלאָף. ווער ווייט עס אַנשלאָפן ווערן אפן ראַנד פון אַ וואָלפישער גרוב? און זיי האָבן ניט איבערגערופן איינער דעם אַנדערן, פאַרלענגערנדיק די שטילקײַט. דאָס געמיינזאַמע עטאַפּ-לעבן, כאָטש ניט אַף לאַנג, האָט זיי באַפרײַנדעט, און דאָס, וואָס איינער דעם אַנדערן האָט אונטערגעהאַלטן אין אַ נייטיקער מינוט, האָט צוגעגעבן קויעך. איצט אָבער, אין דער ערשטער נאַכט אפן אָרט פון דער פאַרשיקונג, האָט יעדער פון זיי געוואָלט פאַרבלײַבן מיט זיך אַליין. מע דאַרף טראַכטן — אָפּלייגן קאָן מען ניט — וועגן דער צוקונפט, וועגן דעם סאַמע באַגערטן און נאָענטן. אַף עפּעס מער האָט מען ניט געקאָנט אויסרעכענען.

דרײַ יאָר איז דער טערמין, און ווען דו ביסט אַלט אינגאַנצן נײַנצן יאָר, ווען דו שטייסט אַף דער שוועל פון אַנטדעקן די וועלט, איז באַזונדערס שוידערלעך דאָס, וואָס מע האָט גענומען און דיך פּלוצעם באַגראָבן לעבעדיקערהייט. אָבער וועגן דער צוקונפט דאַרף מען טראַכטן, מע טאָר פון איר זיך ניט אויסבאַהאַלטן. טראַכטן וועגן איר — און זיך צוגעוווינען. דאָס וועט לינדערן דעם ווייטעק, כאָטש ער, דער ווייטעק, דאַרף ווערן דײַן לעבן, ווײַל לעבן מוז מען. דרײַ יאָר — דאָס איז אַ זעקסטכיילעך פונעם דורכגעלעבטן, אינגאַנצן אַ זעקסטכיילעך! ס'וועט זײַן אַן איינזאַמקײַט אינדערפרעמד, ס'וועט זײַן אַ פײַנלעכע אומעטיקײַט, אַ צאַפּנדיקע נאָגעניש און אַ וואַכזאַם אויג פון די זשאַנדאַרמען. ס'וועט זײַן אַ כוישעך פון אומופהערלעכער אונטערטעניקײַט... אָבער אויך צו דעם וועט דאָך קומען אַ סאָף!

אין פענצטערל האָט אַ קוק געטאָן דער אונטער און איז אַוועקגעגאַנגען ווײַטער, קלינגענדיק מיט די שליסלען. עמעצער איז פאַרט אײַנגעשלאָפן און בורטשעט אין פאַרגעסנקײַט — ער איז איצט, אפּאָנעם, אינדערהיים, און ווען ער וועט זיך אופכאַפּן, וועט אים אָנכאַפּן אַ בענקעניש. וויפל ליבע מענטשן דרינגען אַרײַן אין דער טפּיסע דורך די נעכט! און וויפל צעשיידונגען קומען פאַר נאָך דעם, ווי מע כאַפּט זיך אוף!..

דערווײַל אָבער איז אין דער טורמע נאַכט. און האַגאַם זומער אין אַרכאַנגעלסק שאַריַעט אַף טאָג פרי, איז עס נאָך ניט פרימאָרגן. צו אַזייגער נײַן-צען וועלן זיך אופכאַפּן די גלעקעלעך פון דער קאָנקע, ס'וועלן אופלעבן די אַנשטאַלטן, ס'וועלן זיך צעלויפן איבער די הילצערנע טראָטואַרן די פּיסאַרס מיט דרינגענדע אופטראָגן, טשינאָווניקעס וועלן זיך כאַסמענען, אַז זיי האָבן באַקומען אַ נײַ פּעקל איניאָנים, און ס'וועט זיך צעפּלאַטערן נאָך ניט קיין פאַרשטויבטער דער קאַזיאָנע געבלעטער אפן פריילעכן ווינט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין אָפענעם פענצטער פון דער קאַנצעליאַריע פונעם גובערנאַטאָר.

די פאַרשיקטע וועט מען אַרויספירן זיך דורכשפּאַצירן אין הויף פון דער טורמע. און אַזוי וועט זיך אָנהייבן דער טאָג.

אַזוי טאַקע האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מוישע גאָלדשטיינען דער ערשטער טאָג. אַזוי איז אַדורך דער צווייטער. און אַפן פינפטן האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין דער קאַנצעליאַריע פונעם גובערנאַטאָר. דער קאַמערהער פונעם הויף פון זײַן הויכקייט איוואַן וואַסיליעוויטש סאָסנאָווסקי האָט אויסגעמיטן אַן אַוודיענץ מיט די נײַ-אָנגעקומענע פאַרשיקטע. אַלס גאַסט ווילן האָט געמאָלדן זײַן ווילן דער אָנפירער מיט דער קאַנצעליאַריע, קאַוואַלער פונעם אָרדען פון הייליקן סטאַניסלאַוו, טיטולאַרער סאָוועטניק סאַדאָווסקי. ער האָט געגעבן צו וויסן, אַז לויטן ליבהאַרציקן באַפעל פונעם מיניסטער פאַר אינערן-איניאַנים איז בוזאיעוועס ביטע באַפרידיקט געוואָרן — מע שיקט זי צום מאַן אין טורוכאַנסקער קאַנט (ווי אַזוי זאָל מען ניט זײַן ליבהאַרציק — אין טורוכאַן איז די פאַרשיקונג נאָך אַ שרעקלעכערע, און אַן איבעריקער עטאַפּ וועט דער סאָציאַליסטקע זייער צוניץ קומען). כונדאַדזע, טשערעווקאָ און פּרזשיוואַר וועלן זיך באַזעצן אין פּינעגאַ, און די יונגע — זיי זײַנען דאָך אַ ביסל קרעפּטיקער — מאָורין און גאָלדשטיין שיקט מען אַפּ קיין מעזען.

דעם 9-טן יונ האָבן פיר סאָלדאַטן נאָכאַמאָל זיי אַוועקגעפירט אין עטאַפּ.

ביכלאַל איז פּינעגאַ אַ שיפבאַרער טײַך, און מע וואָלט געקאָנט דערפירן די פאַרשיקטע אַף אַ דאַמפּער צי אַף אַ באַרזשע צו דער שטאָט מיטן זעלבן נאָמען. פאַר דער קאַזנע וואָלט עס געקאָסט אַ סאַך ווילוועלער, אָבער אַלץ איז אויסגעכעזשבנט. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די מאַטעריעלע הויצאָעס אין פאַרגלײַך מיט פּאָליציישער דערציִונג! אַף אַזוינס שפּאָרט מען ניט. צום אָרט פון דער פאַרשיקונג דאַרפן די פאַרברעכער קומען שוין אינגאַנצן צוגעגרייטע. און גאָרנישט איז דאָ אַזוי ניט צוגעפּאַסט, ווי דער עטאַפּ. די אָנגעמוליעטע ביז בלוט פיס, נאַכטלעגער אין פאַרדומפּטע עטאַפּ-הײַזער מיט וואַנצן און נאָך אַזעלכע מינים שלעק, וועלכע לאָזן ניט אײַנדרעמלען אַף קיין מינוט, דאָס שיקערע איזדיעקוועון זיך פון די שוימרים, די שוידערלעכע וואַלד-שטילקײַט און טונדרישע זומפּן, — אַלץ דאַרף צעזייען וועלכן-ניט-איז געדאַנק וועגן פּרוון מאַכן פונדאַנען די פּליטע.

פון אַרכאַנגעלסק ביז פּינעגאַ איז 213 ווי‌אָרסט. נײַן טעג אין וועג. דאָ האָט מען זיך געזעגנט מיט די כאַוויירים. און פון פּינעגאַ, וועלכע די פאַרשיקטע האָבן געהאַלטן שיר ניט אַלס הויפּטשטאָט (אַ בילדעריש אָרט, אַ גרויסער האַפן, צו וועלכן ס'קומען אָן דאַמפּערס און באַרזשעס קימאַט אַלע וואָך), איז קיין מעזען נאָך 294 ווי‌אָרסט.

מיט אַן אָוונטיקער קילבלעכקײַט פונעם צאָפּנדיקן יונ האָט זיי באַגעגנט דאָס שטעטל, אַ פאַרקוועטשטס צווישן זומפּן און דער מעזענער ליפּ פונעם ווײַסן יאַם. ניט באַווײַזנדיק צו קוקן אַפן יונג, וועלכער איז געשטאַנען קעגן אים, האָט דער פּיסאַר פון דער אויעזדנער פּאָליציי-פאַרוואַלטונג פּאָרזיכטיק געטונקען די פּען אינעם טינטער מיטן אָפּגערוקטן גלעזערנעם דעקל און מיט גרויסע קײַלעכדיקע אויסיִעס פאַרפּולט אַ פּונקט נאָך אַ פּונקט אין דער אַנקעטע פונעם בלאַנק „יעדיִעס וועגן דעם, וועלכער געפינט זיך אונטער אַן עפנטלעכן אויפזיכט":

— דאָס געבורט-אָרט?..

— עלטער?..

— צי האָט ער מיטלען צום לעבן?..

— צי קען ער עפּעס אַ מעלאָכע?..

— פון וואָס האָט ער געלעבט ביז אַהער?..

יאָ, פון וואָס האָט ער געלעבט ביז אַהער? באַ אָט דער פראַגע האָט ער זיך עטוואָס פאַרהאַלטן. דערנאָך אַ שמייכל געטאָן, דערמאָנענדיק זײַנע „שילער" שטשערבליוק, מושקעט און נאָך אַ פּאָר צענדליק, און געזאָגט מיט זיכערקײַט:

— פון פּעדאַגאָגישער אַרבעט.

מוישע האָט ניט געזאָגט קיין ליגן. אַ לערער איז ער געווען אַ גוטער. אָבער אויך פאַר יעדן פּעדאַגאָג וועט זיך אַ דערציִער געפינען, און דער מעזענער אויעזדנע איספּראַווניק וואַסילי איוואַנאָוויטש לאַפּין, וועלכער איז אַרײַנגעקומען אין דעזשורנע-צימער צוליב זיך באַקאָנען מיט די נײַע פאַרשיקטע, האָט פּאַטערלעך באַמערקט:

— נו, גוט, יונגערמאַן, וואָס איר זײַט צו אונדז געקומען באַצײַטנס. אין אײַערע יאָרן איז נאָך מעגלעך צו אַרופּטרעטן אַפן וועג פון עמעס. דער טערמין איז אַ גענוגנדיקער, און די באַדינגונגען גינסטיקע. אײַער גאַנץ לעבן איז נאָך פאָרויס. און איר וועט נאָך דאַנקבאַר זײַן.

דער איספּראַווניק האָט דערלאַנגט פונעם טישקעסטל אַ פּאַפּיר, וואָס איז, ווי מע האָט געקאָנט אורטיילן לויטן אויסזען, שוין געווען ניט אין איין פּאַר הענט:
— אָט, באַקאַנט זיך: „רעגלאַמענט וועגן פּאָליציי-אויפזיכט".
גאָט מײַנער, אַזש פערציק פּאַראַגראַפן!
דער פּיסאַר האָט זיך אָפּגעווענדט פונעם בלאַנק און, ניט אַראָפּנעמענדיק דעם בליק פונעם נײַ-אָנגעקומענעם, געגומען פאַרפּולן דעם פּאַראַגראַף „סימאַנים". אויף אַ רעגע האָט ער זיך פאַרטראַכט און דערנאָך אָנגעשריבן: „אין זומער-שפּרענקלעך".
אַזויאַרום, איז אַלץ שוין געווען אויסגעפּאַרשט, אַלץ באַשטימט. וויפל אָט אַזעלכע גייען אַרום אין מעזען! די, וועלכע האָבן אין פּעטערבורג זיך נאָך ניט דערקליבן צו טשאַכאָטקע, וועלן זיי זי באַקומען דאָ. און באַ די, וועלכע זײַנען אויסגעוואַקסן אויפן דאָרעם, פאַרבראָווינטע, צוגעוווינטע צו וויטאַמינען און נאָך אַזעלכע זאַכן, — באַ זיי וועט די צינגאַ צום אַלעם ערשטן די ציין אַרויסרײַסן. באַ די באַרישניעס-קורסיסטקעס, די איידל-געפּאַטשקעטע, — די יונגע יאָרן פאַרגייען, און די כאַסאַנימלעך, די סטודענטן מיט די לאַנגע פּאַטלעס — אוי, ווי זיי זײַנען ווײַט פון דאַנען!
טאָג נאָך טאָג, טאָג-אײַן, טאָג-אויס — שווידערלעך! זיי שפּאַנען, אָט זײַנען זיי — די אונטערצינדער-באָמבעוואַרפער, די סמוטיאַנעס-בויאַנעס, די אַראַטאָרס-קאָנספּיראַטאָרס, די שרײַבער-איבערקלײַבער. זיי בעטן, פאַרשטייט זיך, מעכילע, נאָר ווילן ניט אַנערקענען.
נישקאָשע, זוימען פון כאַכמע רײַפן פּאַמעלעך, אַ געזונטער זאַנג פון פּאָליטישער וווילטעטיקײַט הייבט זיך אויף אויפן אונטערגעשעדיקטן באָדן שווערלעך, אָבער אויב ס'וועט זיך באַווײַזן נאָך עפּעס אַ מאַקע, וועט מען זי מיט די נעגל אַרויסקאַלופּען. ווער? נו, אָט די, וועלכע זײַנען געשטעלט דערצו. דער פּאָליציי-נאַדזיראַטעל פון מעזען, דער אַלטער טערעך פעדאָראָוויטש, איז שוין אַזוי אויסגעשולט, אַז ער דערשמעקט מיט דער נאָז וואָסער נאָר איר ווילט טיפּאָגראַפישע פאַרב — אַ פּאַטערלענדישע צי אַן אויסלענדישע. אומלעגאַלע ליטעראַטור וועט ער פון אונטער דער פּאַזוכע אַרויסנעמען, פונעם טואַלעט אַרויסשלעפּן — וועסט ניט באַהאַלטן. און אויב עמעצער פון די פאַרשיקטע וועט פאַרטראַכטן מאַכן פּלייטע אָדער אַ שלעכטן בײַשפּיל פאַר דער אַרטיקער באַפעלקערונג באַווײַזן, איז דערויף אוועקגעשטעלט דער זשאַנדאַרמסקער אונטער-אָפיצער קיריאַנאָוו — ער ווייסט זײַן זאַך זייער גוט. נו, און וועגן דעם גאָספּאָדין איספּראַווניק — איז שוין אָפּגערעדט. אַלעמען האַלט ער אין אויג, און פון אַזאַ אויג וועסטו זיך ניט אַרויסרײַסן!
— נו, יונגערמאַן, אָט איז אײַך אײַער דירע, און זאָל אײַך גאָט אויף ווײַטער העלפן!
ער ווייסט גוט זײַן סלוזשבע, דער אַלטער פעדאָראָוויטש. פאַרמאַכט די טיר, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די סקריפּענדיקע טרעפּ, קעדיי כאַפּן אַ שמועס מיט דער באַלעבאָסטע — אַן איבעריק מאָל באַוואָרענען, דערמאָנען וועט דאָך ניט שאַטן:
— באַ אונדז אַלעמען איז איין געמיינזאַמע זאַך. איך — ווי עס פּאָדערט מײַן אַמט, און איר — ווי עס פּאָדערט דער יושער. אַזוי אַז אויב עפּעס-וואָס... פאַרשטייט זיך, כ'וועל זיך אַרײַנכאַפּן אַליין אַ קוק טאָן.
פעדאָראָוויטש האָט שוין געוואָלט פאַרלאָזן די שטוב, ווױהין ער האָט באַשטאַט אויף קוואַרטיר דעם נײַ-אָנגעקומענעם, ווי ס'האָט אים עפּעס אַ צי געטאָן נאָכאַמאָל צום אייבערשטן צימערל... נו, פאַרשטייט זיך, פעדאָראָוויטשן דאַרף מען קיין פינגער אין מויל אַרײַן ניט לייגן, דער נײַ-אָנגעקומענער האָט געהאַלטן פונקט אין אַרויסלייגן פון זײַן זעקל איין בוך נאָכן אַנדערן. אַוואַדע דאַרף עס זײַן פאַרבאָטענע ליטעראַטור! פעדאָראָוויטש איז אַ מיוון אויף אַ טשאַד — אים דאַרף מען ניט לערנען. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט פאַר אָט דעם יונגן באָכערל, וואָלט ער אוועק אין טאַנץ: אַ קליינינקײַט — אַזאַ דערפּאָלג! ניט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך אַ וואַרף געטאָן צום טיש.
אַזאַ פאַרדראָס! לאָזט זיך אויס, אַז דאָס זײַנען גאָר גימנאַזיסטישע לערנביכער.
— אַהאַ! — האָט קימאַט אויסגעשריִען דער פּאָליציי-נאַדזיראַטעל און גלײַך איבערגעכאַזערט: — אַהאַ... דאָס איז ניט פאַרבאָטן. אַנטשולדיקט, ביטע — סלוזשבע איז סלוזשבע.
און איז אַוועק. ניין, ער איז קימאַט ניט בייז אויף אָט דעם באָכערל, וואָס ער האָט אים אַזוי באַנאַרישט. נישקאָשע, ער קען זיי, אָט די לײַט. ס'וועט קומען די צײַט, וועט ער אים געוויס פּאַקן מיט קראַמאָלע. פעדאָראָוויטש איז אין דעם איבערצײַגט, און אומזיסט שמייכלט אָט דער שקאָליאַר. מירן שוין זען, וויאַזוי ער וועט שמייכלען, ווען ער, פעדאָראָוויטש, וועט נאָכאַמאָל אַהער קומען. און קומען קאָן ער ווען ער וויל און וויפל ער וויל. און אַן אויג האָט ער אַ געניטס. און אויב אַפילע ער וועט, ווי עס טרעפט אַמאָל, האָבן אַ טאָעס, איז ניט געטאַנצט מיטן בער. פעדאָראָוויטש האָט שוין אויפגעגעסן אין אָט דער זאַך ניט איין פּוד

זאַלץ. און אויב ס'וועט זיך מאכן, אז עמעצער פון די פּאַרשיקטע אָדער אפילע פון די אַר־טיקע אײַנוווינער וועלן פּרוּוון אָנגעבן אף אים, פּעדאַראַוויטשן, א זשאַלאָבע אין די העכערע אינסטאַנציעס, וועט עס אים העלפן ווי א טויטן באַנקעס.

ווען ס'קומט דער אָוונט, צעפּויזען זיך די פּאָליטישע איבער די שטילינקע געסעלעך פון מעזען, גייען איינער צום אנדערן אף א גלעזל טיי — לויט דער אַלטער אינטעליגענטי־שער געוווינשאַפט, און גיי ווייס, וואָס פאַר א קראַמאָלע שמועסן זיי פּירן.

אַט אצינד, קוים זיך דערוואַרט, אז דער פּאָליציײַשער טשין זאָל אוועקגיין, האָבן זיי זיך א צי געטאָן, ווער עס וווינט נעענטער, צו דעם נײַינקן — זיך באַקאָנען. ביז שפּעט אין דער נאכט האָט מען געשמועסט, געגעבן אייצעס, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט די אָרטיקע מאכטהאָבער, בלײַבנדיק דער זעלבער, ווי פריִער, דאָס הייסט, ניט אָנווערן די רעוואָלוציאָ־נערע ווירדע. און ביכלאַל, זאָל זיך דער נײַינקער פילן, ווי אין אן אייגענער מישפּאָכע, וואָס לעבט מיט איינע און די זעלבע אינטערעסן.

אין אַט דעם לעבן, וואָס איז געווען צעטיילט שוין פון לאַנג אף אייגענע און פרעמדע, האָט יעדער איינער געוווּסט, וואָס צו טאָן. קאַלזומאַן דער פּאָליציי־אופזעער האָט געשפּאַנט, א פאַרגלייבטער אין זײַן זיכערקייט, צו נײַע העלדנטאַטן פון זײַן אמט, האָבן די מעזענער „פּאָליטיקער" דערציילט דעם נײַעם כאַווער וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך און וואָס עס הערט זיך אין דעם אָרט, וווהין ער איז אַרײַנגעפאַלן.

דער ריטואַל פון באַקאָנען זיך איז אין דער פאַרשיקונג פאַריינפאַכט גאַנץ פּאָשעט. אויב עס לויכט זיך דאָס פּענצטער — קאָנסטו אַרײַנגיין, ווער עס איז און פון וואַנען, פאַר וועלכע כאַטאָיִם אהערצו געשיקט? און ווי לאַנג שוין פון דער פרײַ? ער האָט, פאַרשטייט זיך, פאַנאַנדערגעפרעגט מער, און די נײַע באַקאַנטע האָבן אים גערן געענטפערט.

וואָס איז דאָס פאַר אן אָרט? א טיפע העק. צום יאָם 40 וויאָרסט די ווײַט, צום טײַך — פיר. זומערצײַט פאָרט צו פון ארכאַנגעלסק א דאַמפער, ווינטער איז פאַראַן בלויז איין שליט־וועג קיין פּינעגאַ. און אזא שטילקייַט שטייט ארום און ארום — אפילע קינדער געבוירט מען דאָ זעלטן: פאַר הונדערט יאָר האָט זיך די באַפעלקערונג פאַרגרעסערט אינגאַנצן אף 400 מיט עפּעס נעפאַשעס, לעבן איצטער דאָ ווייניקער פון צוויי טויזנט מענטשן. אין מע־שעך פון הונדערט יאָר האָט זיך אויך דער לעבנס־אויפן קימאַט ניט געביטן: יעגער, פישער, פורמאַנעס און אן אָנדערהאַלבן צענדליק סאָכרים. דרײַ נעבעכדיקע זאַוואָדלעך — א זעג־מיל, אן אונטערנעמונג אף סמאָלע טרײַבן, אף אויסאַרבעטן פוטער און לעדער. און פּאַר־שיקטע — א סאַך, מער פון דרײַ הונדערט. איבערהויפּט עסערן. און ער אליין — ווער איז ער, אן עסדעק? הייסט עס, אז די מישפּאָכע רעוואָליוציאָנערן איז געוואָרן גרעסער אף איין מענטש.

און ביכלאַל — נישקאָשע, לעבן קאָן מען. אן אָרט ניט פון די בעסטע, פאַרשטייט זיך, אָבער ניט פון די ערגסטע. קאָלאָניעס פאַרשיקטע זײַנען פאַראַן נאָך אין צען דערפער פונעם אויעזד, און אַט אַרײַנפאַלן אהינצו — האַלט, אז דו ביסט שוין מיט איין פוס אף יענער־וועלט... אַט, לעמאָשל, דער טרויעריק־באַוווסטער פישער־יישעוו ניעס באַם סאַמע אָנהייב פונעם קאַנינער האַלב־אינדזל: עטלעכע צענדליק הויפן, נעבעכדיקע הײַזקעס, א כמורער אוילעם — שיקרעס, זנוס, דאַכקעס און סיפילים. און אזעלכע ענלעכע דערפער — ניט ווײ־ניק. דער איספּראַווניק קאָן אָפּשיקן אהין וועמען נאָר ער וויל.

אַנטלויפן? מאכן די פּלייטע? פון דאָרטן איז אזוינס קימאַט אומעגלעך. פאַרשטייט זיך, אז לויפן לויפט מען אַפּט, אָבער זעלטן ווער עס אַנטלויפט. אזא פאַל איז, אגעוו, געווען אין 1904־טן. דער איספּראַווניק האָט אַרויסגעשיקט קיין ניעס צוויי פּאָליטישע — טשערניאַק און דרעפּער, נאָך גאָר יונגע כעווּרע. א ביסל זיך אָפּגעמוטשעט, האָבן די יאַטן באַשלאָסן: בעסער טויט, איידער די מיִעסע קרענק. הונדערט פּופציק וויאָרסט זײַנען זיי דורכגעגאַנגען צופוס איבער דער טונדרע. און לעבן מעזען זיך אָנגעשטויסן אף א זאַסאַדע. מ'האָט זיי אָפּגעשיקט צוריק. אָבער זיי האָבן ווידער געמאַכט די פּלייטע. מע האָט זיי נאָכאַמאָל גע־פאַקט — זײַנען זיי ווידעראַמאָל געלאָפן. און אזוי אָן אן אופהער. און דער געריכט האָט זיי פרײַגעשפּראָכן — איבערגעפירט אין אן אנדער פונקט.

אַט אזא לעבן. און הונגער־בונטן זײַנען געווען, און דעמאָנסטראַציעס. דאָס דאָזיקע טראַגט בלויז אַרײַן עפּעס אן אופרודערונג אין לעבן. דאָס איבעריקע איז ווי א נודנער כאָלעם.

גאָלדשטיין האָט געפּרוּווט זיך א ווינצל טאָן:

— איך, דער פּראָווינציאַל, זאָל זיך גאָר שרעקן פאַר א פּראָווינץ?

האָט מען דערווידערט: ס'איז ניט קיין פאַרגלײַך. די טויבע העק איז בלויז ווי א צוגאָב צו דעם איקער — צו דער אופזיכט. דאָ ביסטו ניט פֿאַשעט אין א העק. אין אָט דער העק האָט מען בא דיר צוגענומען די מעגלעכקײַט עפּעס צו טאָן, דו ביסט די גאַנצע צײַט אין אויג טאַקע אין נאָמען פון פאַרהיטן אָט די אומעטיקײַט. דרײַ יאָר פאר א נײַנצניאָריקן — לעבן מיט אזא לעבן איז זייער א סאך. אין פארשיקונג ציט זיך פאר יעדערן די צײַט זייער לאנג.

ווען דער נײַ־אָנגעקומענער פארשיקטער מוישע גאָלדשטיין האָט זיך געווענדט אין דער אָרטיקער 4-קלאסיקער שול נאָך לערן־פּראָגראמען, האָט דער לערער־אינספּעקטאָר ביל אלעקסייעוויטש אלעקסייעוו אים אָפּגעזאָגט אף א קאָל, אז אלע זאָלן הערן:

— וואָס רעדט איר, גנעדיקער האר, מע טאָר ניט!

איז אויסגעקומען זיך ווענדן צו די ברידער־פארשיקטע, ריכטיקער געזעגט, צו די שוועסטער־פארשיקטע. דער געוועזענער גימנאזיסט, וועמען מע האָט ניט געגעבן א מעגלעכקײַט זיך דערלערנען ביזן סאָף, האָט זיך אפילע דערפרייט מיט דער געלעגנהײַט צו באקאנען זיך מיט אָט די צוויי דאמאָטשקעס, וועלכע זײַנען געקומען קיין מעזען אין א וואָכן צוויי ארום נאָך דעם, ווי ער, גאָלדשטיין, איז דאָ געוואָרן א טוישעוו.

ס'איז געווען דעם 17-טן יול. גאָלדשטיין איז געקומען אין דער פּאָליציי־פארוואלטונג זיך אָפּמערקן, ווי ער האָט עס געדארפט טאָן אלע טאָג, און האָט דערזען, ווי צום הויז פון דער פּאָליציי איז צוגעפאָרן א פור. אן אָנגעצונדענער פון רעציכע סטראזשניק האָט זיך געיאָוועט פארן איספּראַווניק און, ברעכנדיק די געווייגלעכע פאָרם פונעם דאָקלאד, אויסגעשריגן:

— אײַער הויכגעבורט, נעמט שוין פון מיר וואָס גיכער צו אָט די טײַוולאָנישע דאמאָטשקעס, איר וועט האָבן פון זיי צו זינגען און צו זאָגן!

די נײַ־אָנגעקומענע האָבן זיך טאַקע אופגעפירט זייער האָפּערדיק, ווען ס'האָט געפּאסט פאר ארויסגעשיקטע. געווייגלעך צוימט אײַן אן אומבאקאנט אָרט, דערצו נאָך אן אָרט, וואָס עס איז באשטימט פאר דײַן שטראָף, אפילע די סאמע פרייגלעכע לויט דער נאטור, אלנפאלס אין סאמע אָנהייב. אָט די צוויי יונגפרויען אָבער האָט די נײַע לאגע, אין וועלכער זיי זײַנען ארײַנגעפאלן, ווי ניט געארט. זיי האָבן כויזעק געמאכט פון די פּאָליציי־טשינעס — עפּשער צופיל נערוועז, נאָר גאנץ שארף און אָן צערעמאָניעס, און מיט אים, מיט גאָלדשטיינען, די ערשטע פארפירט א שמועס.

ער האָט צוגעזאָגט, ביז עס וועט זיך פארענדיקן בא זיי די אויספּאָרמירונג פון די דאָקומענטן, און האָט אליין זיך ארויסגערופן זיי קומען צוהילף מיט אָפּזוכן א דירע. צו יענער צײַט האָט ער נאָך ניט באוויזן צו פארפירן פרײַנט, און מיט די נײַע באקאנטע איז אים עפּעס געוואָרן זייער ווארעם. זיי זײַנען געגאנגען איבערן שטעטל, האָפּערדיק געפּלאפּלט, און דער באָכער האָט זיך גערויטלט, באמערקנדיק, ווי עס נעמט אים דורך דער פארינטערעסירטער בליק פון יוליעטשקע פּאָליאק. די עלטערע, א בלאָנדע געזעצטע פרוי, מאריא קאָסטראָוווסקאיא, האָט מיט אים גערעדט גאנץ אָפן, צארט און מילד, ווי א מאמע. זיי האָבן געשפּאנט איבער מעזען, און באנאנד, אָבער אף א בעקאָוועדיקן מעהאלעך, האָט זיך געדרייט, ארומגעהאָוועט „דער אופזעער איבער די פארשיקטע" דוראקין — ער האָט אָפּגעארבעט דעם פינף־און־צוואנציקער, וואָס מע האָט אים אלע כוידעש געצאָלט.

מאריע האָט צוגערופן אָט דעם פארשוין. יענער איז צוגעגאנגען, אן אָנגעבלאָזענער און שטרענגער. זי האָט אף אים א קוק געטאָן, א מעסט געטאָן מיטן בליק פון קאָפּ ביז די פיס אזוי, אז דער אופזעער האָט זיך ווי אײַנגעקאָרטשעט פון אומגעריכטקײַט, און שטרענג געזאָגט:

— אײַער עקסעלענץ, איך זע, אז איר ווײַזט ארויס אינטערעס צו איינזאמע פרויען. איז אָט, איך ווייס ניט, וואָס פאר א רעפּוטאציע איר פארמאָגט אין אָט דעם העק, אָבער איך מוז זייער געוויסנהאפט אָפּהיטן מײַן רענאָמע, דאָס הייסט, מײַן נאָמען, אין די אומגעווייגלעכע באדינגונגען, אין וועלכע כ'בין ארײַנגעפאלן. זײַט זשע וויסן, אז נאָך מיר פאָרט מײַן מאן, ער איז זייער אייפערדיק און מוירעדיק בייז, אזוי אז איך ראט אײַך ניט שאפן קיין געפאר פאר אײַער לעבן!

זי האָט זיך שארף א קער געטאָן פארן פארשוין און איז אוועק. יוליעטשקע האָט זיך ניט אײַנגעהאלטן און אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער. דוראקין אָבער איז נישטוימעם געבליבן, ווי אָפּגעגאָסן מיט אן עמער קאלט וואסער, און איז שוין מער ניט געגאנגען נאָך די פרויען. און דעמלט האָבן זיי שוין זיך גוט אויסגעלאכט אינדרײַען. פונוואנען זאָלן זיי האָבן

געוווּסט, אַז נאָך פֿריִער, איידער קאַסטראָווסקאַיאַ איז אַהער אָנגעקומען, איז שוין אין דער פּאָליציי-פֿאַרוואַלטונג געלעגן אַ פּאַפּיר מיט אַ וואָרענונג, מע זאָל פֿון איר ניט אַראָפּנעמען קיין אויג, ווײַל פֿון אַן איבערגעכאַפּטן בריוו-אויסטויש האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זי קלײַבט זיך מאַכן די פּלייטע פֿון דער פֿאַרשיקונג.

יאָ, אָט אַזוי האָט זיך אין גאַנג פֿונעם שמועס אויסגעקלאָרט, אַז מאַריִע האָט אין קאַזאַן, בײַ זיך אינדערהיים, געלעבט פֿון געבן לימודים — זי איז געווען אַ רעפּעטיטאָר, און אויב אַזוי, דאַרפֿן טאַקע בײַ איר זײַן גימנאַזיע-פּראָגראַמען און דאַפֿקע אַזעלכע, וואָס ער, גאָלדשטיין, דאַרף האָבן — פֿאַרן זעקסטן קלאַס. נו, אויך אין הילף האָט ער זיך געניי-טיקט — באַרעכנט זיך נאָר, וויפֿל צײַט עס איז אַוועק, זינט ער איז געזעסן אין גימנאַזיע אויפֿן לעצטן לימעד!

אינעם צימער, וווּ עס האָבן זיך באַזעצט מאַריִע און יוליעטשקע, איז געווען קילבלעך, צוגעראַמט — אָרעם, אָבער גאַנץ געמיטלעך. ביידע פֿרויען האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט זײַן באַזוך. עמעס, מוישע האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס ער רויטלט זיך די גאַנצע צײַט. דעם איניען, נאָך וועלכן ער איז אַהער געקומען, האָט מען גלײַך געלייזט:

— שײַעך צו זאָגן, מע קאָן זיך פֿאַרנעמען כאָטש אַלע טאָג.

צײַט איז בײַ זיי טאַקע געווען איבערגענוג — ס'האָט געקלעקט סײַ פֿאַר די פֿאַרנעמונ-גען, סײַ פֿאַר געשפּרעכן וועגן וואָס נאָר איר ווילט, און אויך פֿאַר אַ גלעזל טיי, און פֿאַר אַ שפּאַציר. ווען ס'איז דערעסן געוואָרן צו זיצן אינעם ענגן צימער, איז מען געגאַנגען שפּאַ-צירן ווײַט הינטער דער שטאָט. די טונדרע האָט אויסגעשטעלט פֿאַר זיי אַפֿילו בלומען, כאָטש אויסגעזען האָבן זיי, אָט די בלימעלעך, ווי בלייכינקע קינדערלעך, אָן אַ טראָפּן בלוט...

דער זומער האָט גיך געצאַנקט און איז זיך צעגאַנגען אין דער מוטנער גרויקײַט פֿון די ערשטע פֿרעסטלעך. אַלץ טונקעלער, אַלץ געדיכטער איז געוואָרן דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן פֿון אונטער דעם געל וועלנדיקן מאָך. מיט גלעזערנעם שפּינוועבס האָט זיך באַדעקט די בלאָטע אויף די אויסגעפּאַרענע וועגן, און בלויז אויף אַ צײַט זיך באַהאַלטן אין דער קלעפּיקער ערד אונטער אַ דינעם הײַטל.

די פֿאַרנעמונגען האָבן געדויערט. עמעס, יוליעטשקע, וועלכע איז געווען אַ פּרײַוויליקע אָנטיילנעמערין אין זיי, איז גיך אָפּגעקילט געוואָרן. זי האָט געפֿונען פֿאַר זיך אַנדערע איניאָנים, און די לימודים זײַנען פֿאַר איר שוין ניט געווען אינטערעסאַנט. עפּשער האָט איר דערעסן לאַטײַן, צי דער קאָפּ האָט בײַ איר געדאַרט פֿון אָט דער אומבאַגרײַפֿלעכער געאָמעטריע. אַלץ מער פֿלעגן די לערערין און דער שילער אירער בלײַבן אינצווייען. און האַגאַם די וויסנשאַפֿטן, וועלכע ס'האָט געדאַרפֿט דורכגיין אַ גימנאַזיסט פֿונעם זעקסטן קלאַס, זײַנען שוין דערלערנט געוואָרן פֿון לאַנג, האָט די 32-יאָריקע פֿרוי פֿונעם דיאַקאָן פֿון דעם דאָרף מאַלאַיאַ וואָראָנצאָווקאַ, וואָס איז געלעגן אין דער טיף פֿונעם אַטקאַרסקער אויעזד, סאַראַטאָווער גובערניע, אַ מוטער פֿון צוויי קינדער, וועלכע מע האָט שוין צוויי מאָל געפּאַקט אין פּאָליטישער קראַמאָלע, צוויי מאָל געמישפּעט און צוויי מאָל פֿאַרמיש-פּעט — אָט די פֿאַרשיקטע מאַריִא קאַסטראָווסקאַיאַ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס וועט איר ניט קלעקן די גאַנצע היפּשע דערפֿאַרונג צו אָופּהערן די פֿאַרנעמונגען מיטן 19-יאָריקן אָסטראָ-פּאָליער באָכער, וועלכער האָט אַזוי לעכערלעך איר זיך אויסגעוויזן בײַ דער ערשטער באַ-קאַנטשאַפֿט, נאָר איז געוואָרן איר אַזוי טײַער און אײַנגעבאַקן אין האַרצן אַצינד.

דער דאָזיקער געפֿיל האָט זי געשראָקן. ס'איז איר שווער געווען אויפֿן האַרצן ניט פֿון דער דערמאָנונג וועגן דעם שטענדיק שיקערלעכן, פּאַטאַלאָגיש אָנגעשראָקענעם גאַלעכל, וועלכער איז מיט יאָרן צוריק געווען איר מאַן און וועלכן זי האָט זיך שוין פֿון לאַנג געגעט. זי האָט זיך אַפֿילו געשעמט מיטן פֿאַמיליען-נאָמען, וואָס יענער האָט איר אַמאָל געגעבן, און זיך אָנגערופֿן לויטן מיידלשן — וואָלאָדאַרסקאַיאַ. געשראָקן האָט זי ניט אויך דער אונטערשייד אין עלטער — מאַלע וואָס עס קאָן פֿאָרקומען אין לעבן! געשראָקן האָט זי אַליין די אומנאַטירלעכקײַט פֿון דער סיטואַציע, אין וועלכער זיי ביידע זײַנען אַרײַנגע-פֿאַלן.

ווען אַלע לעבעדיקע געפֿילן מוזן פֿאַרפֿוילעכט ווערן און אַרײַנגעטראָגן ווערן אין פּראָטאָקאָל אַלס פֿאַרברעכנס, איז וואָס קאָן זײַן מער פֿאַרברעכעריש, איידער — ליבע? אַ באַליביקער דוראַקין קאָן אין אַ באַליביקער צײַט פֿון טאָג אָדער נאַכט פֿאָדערן, מע זאָל אים באַלד עפֿענען די פֿאַרזיגלטע טיר — דער פּאַראַגראַף 18 פֿונעם רעגלאַמענט וועגן פּאָליציישער אויפֿזיכט גיט אויף דעם די פֿולע רעכט. אַ באַליביקער קיריאַנאָוו קאָן צעטראָגן איבער דער גאַנצער גובערניע לויט אָפּיציעלע קאַנאַלן וועגן דעם, וואָס עס פֿילט דער פֿאַר-שיקטער גאָלדשטיין צו דער פֿאַרשיקטער קאַסטראָווסקאַיאַ, וועלכע געפֿינען זיך אונטער אַן

עפנטלעכער אופזיכט, און דאָס וועט ווערן פאַרמערט אין וויפל מע דאַרף קאָפּיעס, אונטערגעניט, פאַרנומערירט. און בא דעם באָכער הייבט זיך ערשט אָן דאָס לעבן, אַלץ איז פאַר אים דאָס ערשטע מאָל און גלײַך — אָן אָפּגעסאַמטס. זי האָט פאַרשטאַנען פריִער, איידער ער, — מע דאַרף זיך צעשיידן.

געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן היילט די צעשיידונג אויס. אָבער אויך אַף דעם האָבן זיי ניט געהאַט קיין רעכט. דאָס אָרט פון פאַרשיקונג איז באַשטימט, און דער טערמין פון דער פאַרשיקונג האָט זיך ניט לאַנג אָנגעהויבן. און דעמלט טאַקע איז אָנגעקומען א מיטיילונג, אַז דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט דערלויבט גאָלדשטיינען אָפּגעבן עקסטערן עקזאַמענעס פאַרן זעקסטן קלאַס גימנאַזיע. מאַריִע האָט אים אונטערגעזאָגט, ער זאָל בעטן, מע זאָל אים איבערפירן אין דעם נאָענטסטן צום גובערניאַלן צענטער אויעזד — כאָלמאָגאָרער. דערלויבט האָט מען אים אָבער באַצײַטנס זיך איבערקלײַבן קיין אַרכאַנגעלסק — ביז עס וועט זיך ניט אָנהייבן די פרילינגדיקע אָדליהע, וועלכע וועט אַף לאַנג אָפּשנײַדן מעזען פון דער גאַנצער וועלט און וועט ניט לאָזן קומען קיין אַרכאַנגעלסק צו דער צײַט פון די עקזאַמענעס.

באַגלייטן אים איז איר ניט אויסגעקומען. פאַר „אַרויסרופערישער אופירונג בענעגייע די פּאָליציי־טשינעס” האָט דער איספּראַווניק באַשטימט קאָסטראָווסקען א נײַ וווינונגס־אָרט — דאָראָגאָרסקאָיע. זיי האָבן זיך צעשיידט. און אַף מאָרגן, דעם 1 אַפּרעל 1911, האָט מוישע גאָלדשטיין צוזאַמען מיט אַנדערע עקסטערניקעס — כאַנע גילעוויטש און מאַקסים סיקאָרסקי — זיך געלאָזט איבערן ווינטערדיקן וועג, וואָס אַף צאָפן רופט מען אים „זימניק”, אין דער הויפּטשטאָט פון דער גובערניע.

אין אַרכאַנגעלסק האָט דער שווער געוואָרענער אַפּרעליקער שניי שוין אַף א העלפט באַהאַלטן די הילצערנע הײַזער, און די געשניצטע פענצטער האָבן פרײַלעך אַרויסגעקוקט פון הינטער די הורבעס. אין פאַרגלײַך מיט מעזען האָט די לעבהאַפטע שטאָט טאַקע בעמעס אויסגעזען ווי א הויפּטשטאָט. איבערגעביטן די אומגעבונג — און ס'האָט זיך געשאַפן א מין איליוזיע פון פרײַהײַט. און האַגאַם זיך אָפּמערקן אין דעם פּאָליציי־באַצירק איז אויסגעקומען פונקט אַזוי אָפט, ווי אין דער אויעזדנער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג, האָט די אָרטיקע מאַכט ניט געמאַכט קיין איבעריקן וועזן מיטן קאָנטראָל איבער די פרעמדע, צײַטווײַליק אָנגעקומענע פאַרשיקטע, און יענע האָבן זיך אַפילע געפילט קימאַט פראַנק־און־פרײַ.

פאַר גאָלדשטיינען איז עס געווען געגליכן צו אַן עמעסן יאָמטעוו. די צוגרייטונג צו די פאַראַנטוואָרטלעכע עקזאַמענעס האָט בא אים קיין סאַך צײַט ניט פאַרנומען. און די פּאָרמאַליטעטן זײַנען געלייזט געוואָרן אויך ניט איבעריק שווער. דער דירעקטאָר פון דער אַרכאַנגעלסקער גימנאַזיע, דער סטאַטסקי סאָוועטניק אַנטאָן געאָרגיִעוויטש סוראָוועצעוו, איז געווען זייער העפלעך און מיט ווילטעטיקײַט פון אַן עכטן אינטעליגנט ניט אַרויסגעוויזן קיין פאַראַכטונג אינעם געשפּרעך מיט די מעלוכע־פאַרברעכער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין אים פּערזענלעך איז געווענדט, צי וועלן אַט די פאַרברעכער צוגעלאָזט ווערן צו האַלטן עקזאַמענעס אָן געצאָלטס, ווי זיי האָבן געבעטן אין זייערע פּראָשעניִעס (א מאָשל, פונוואַנען וועלן זיי נעמען געלט, אַט די קאַפּצאָנים שעבעקאַפּצאָנים, וועלכע לעבן אַפן כעזשבן פון דער קאַזנאַ!).

די מעזענער פאַרשיקטע האָבן זיך געהאַלטן אין אַרכאַנגעלסק אינײנעם. דאָס לעבן האָט דאָ געקאָכט וועלוועלער, און זיי האָבן אַפילע געקאָנט עפּעס אָפּשפּאָרן אַף באַזוכן אַמאָל א ספּעקטאַקל אין אָרטיקן טעאַטער. פאַרשטייט זיך, מערסטנטייל האָבן זיי די צײַט פאַרבראַכט אין דער ביבליִאָטעק, און דאָ זײַנען געשאַפן געוואָרן ניט ווייניק נײַע באַקאַנטשאַפטן. איינער פון אַט די באַקאַנטשאַפטן איז באַשערט געווען צו דויערן זייער לאַנג.

איינמאָל האָבן די מעזענער, יאָווענדיק זיך אַף אַן אָרדנטלעכן באַזוך אין פּאָליציי־באַצירק, אָנגעטראָפן אַף א סקאַנדאַל. איינער א פאַרשיקטער מיט צעפּאַטלטע האָר און מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן האָט געהאַלטן אין איין זידלען פאַר עפּעס די אָרטיקע נאַטשאַלסטווע, זיך אַרופגעוואָרפן אַפן פּריסטאַוו מיט אַזאַ ברען, אַז יענער האָט קוים פון אים זיך אָפּגעשלאָגן, אַרײַנציִענדיק אין די אַקסלען דעם קוואַדראַטן קאָפּ.

— איך וואָרן אײַך, הער פּריסטאַוו, — האָט דער פאַרשיקטער געשריגן אַפן גאַנצן באַצירק, — אַז נאָך איין באַזוך בא מיר אינמיטן דער נאַכט — וועל איך אײַערע גאָראָדאָוואָיען אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ מיטן קאָפּ אַראָפּ! איר ווילט, אַז וועגן אײַער ווילקיר זאָל וויסן פּעטערבורג? קאָן איך אײַך געבן דאָס וואָרט, אַז א באַליביקע צײַטונג וועט מיט פרייד אָפּדרוקן א קאָרעספּאָנדענץ מיט אַלע פּראָטים, וואָס איר גיט מיר אַליין אין די הענט. אין אַט דער זאַך, זאָלט איר וויסן, ווייס איך א טאָלק!

דער אַנגעצונדענער פּריסטאַוו האָט געפּרוּווט אָפּשלאָגן די אַטאַקע:

— הער מינין, איך פּיל בלויז אויס די אָנווייזונג פון נאַטשאַלסטווע. איך בין אַף דער סלוזשבע, הער מינין, און איר וואָגט ניט זיך קעגנשטעלן אויסצופילן דעם אופיצט...

אַן אומגעריכטער איידעס פון אַט דער סצענע, איז גאָלדשטיין צוערשט געבליבן גע-פּלעפט, נאָר וואָס מער ער האָט געהערט, ווי דער פאַרשיקטער לייגט אַין קאַלנער אַרײַן דעם פאַרשטייער פון דער מאַכט, אַלץ מער אַנציקונג האָט עס באַ אים אַרויסגערופן. „זע נאָר, — האָט ער אַ קלער געטאָן, קוקנדיק מיט אָפענער ליבשאַפט אַף דעם שוין ניט יונגן מענטשן, וועלכן דער פּריסטאַוו האָט אָנגערופן „הער מינין“, — אָט דאָס הייסט זעלבסט-ווירדע, אָט דאָס הייסט זיך האַלטן מײַסע מענטש! און מיר אין מעזען לאָזן זיך גאַנץ אָפּט שפּײַען אין דער קאַשע, מוירע האָבנדיק, מע זאָל זיך מיט אונדז ניט באַגיין נאָך ערגער, ווי מע באַגייט זיך...“. אפגיך זיך ספּראַוועט מיט די איניאַנים, האָט ער אָנגעיאָגט אַף דער גאַס דעם אומבאַקאַנטן, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען צעקאָכט, געכליופּעט מיט די שטיוול איבער דער בלאָטע, ווי ער וואָלט פאַרגעזעצט זײַן בייזן וויקועך מיטן פּריסטאַוו.

— גאַנץ דרייסט איז באַ אײַך אין אַרכאַנגעלסק אָנגענומען, ווײַזט אויס, צו רעדן מיט דער פּאָליציי...

— וואָס הייסט „באַ אײַך“? — האָט אַ בורטשע געטאָן מינין. — איך בין דאָ אויך צײַטווײַליק... אָבער זעט נאָר אַ כוצפּע: מע יאַוועט זיך אינמיטן דער נאַכט, מע רודערט אוף די באַלעבאַטים, און איצטער גיי זוך אַ נײַע דירע. וואָלט עס געווען ניט אַף לאַנג, איז כאַפּט זיי דער טײַוול, אָבער מיר וועט דאָך אויסקומען ניט איין כוידעש דאָ זיך לאַנגווײַליקן, ביז עס וועלן די פּאַפּירן פון פּעטערבורג אָנקומען. עס קאָן דאָך פּלאַצן די גאַל! און איר זאָגט — דרייסט...

ניט מינין, ניט אַפילע דער פּריסטאַוו האָבן ניט געוווּסט, וואָס פאַר אַ סיבע האָט אַרויס-גערופן אָט דער באַנאַכטיקער גערודער. אָבער אַ גרונט האָט ער געהאַט. דער שעף פון דער סאַראַטאָווער גובערניאַלער זשאַנדאַרם-פאַרוואַלטונג האָט מיטגעטיילט זײַן קאָלעגע אין אַרכאַנגעלסק, דעם פּאָלקאָווניק מאַטשאַלאָוון, אַז לויט די יעדיעס, וואָס ער האָט באַקומען, האָט סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש מינין געמאַכט פּלייטע פונעם אָרט, וווּהין מע האָט אים פאַרשיקט, און געפינט זיך הײַנט-צו-טאָג אָפּן וועג צו דער גרענעץ אָדער אַפילע שוין פון יענער זײַט גרענעץ. ניקאָלײַ אילאַריאָנאָוויטש האָט געהייסן דעם אַדיוטאַנט פון דער פאַר-וואַלטונג — דעם שטאַבס-ראָטמיסטער באַראָן פאָן פּירקסן אויספאָרשן דעם איניען, און יענער האָט אָפּגעזוכט מינינען גאַנץ גיך — אין אַרכאַנגעלסק געפינט ער זיך, דער פויגל.

סערגיי מינין האָט גלײַך געזאָגט גאָלדשטיינען, אַז ער איז אַ באָלשעוויק. ער איז גע-ווען עלטער פון מאַיסייען אַף אַכט יאָר און רײַכער סײַ מיט דערפאַרונג, סײַ מיט קענטע-נישן.

איצט האָבן זיי זיך אָנגעהויבן טרעפן שוין זייער אָפּט. אין אַרכאַנגעלסק זײַנען געווען ניט קיין סאַך פאַרשיקטע — אינגאַנצן עטלעכע צענדליק (דער גובערניאַלער צענטער קאָן זיך באַגיין אָן אָט דעם מענטשלעכן אָפּפאַל — די סמוטיאַנעס), און אַלע האָבן קימאַט גוט געקענט איינער דעם אַנדערן.

דערווײַל האָט זיך דערנעענטערט די צײַט פון די עקזאַמענעס. די „זײַטיקע פּערזאָ-נען“, וועלכע זײַנען צוגעלאָזט געוואָרן צו די עקזאַמענעס אַף אַן „אַטעסטאַט זרעלאָסטי“, האָבן אָפּגעגעבן די אויספּרוּוון אין אַ באַזונדער גרופּע און אין די טעג, ווען די געזעצלעכע אַביטוריענטן זײַנען געווען פון זיי פרײַ. און דער „זײַטיקער“ גימנאַזיסט פונעם זעקסטן קלאַס איז געווען דאָ דער איין-און-איינציקער. ער פלעגט צוגיין צום שטרענגן עקזאַמען-טיש ערשט דעמלט, ווען די אַנדערע גימנאַזיסטן האָבן שוין זייערס זיך אָפּגעמוטשעט. די אויסגעמאַטערטע לערער פלעגן פאַשעט ווי זיך אופכאַפּן פון שלאָף בייס זײַנע ענטפערס, און ער גופע, אַן אויסגעהונגערטער נאָך עפּנטלעכע אַרויסטרעטונגען, האָט מיט פאַרגעניגן געשאָטן מיט כאָכמע און ניט מיט קיין קלענערן פאַרגעניגן נאָכגעקוקט, ווי די גרינע מונ-דירן הייבן בעהאַדראַגעדיק אָן צו פאַרגעסן, אַז עס שטייט פאַר זיי אַן אויסגעמאָגערט ייִנגל אין אָפּגעטראָטענע שיך און אין אַ נעבעכדיקן קאָסטיום, — זיי פלעגן נאָר אָנשטעלן מויל און אויערן און ניט אופגעהערט זיך צו בידעשן.

— נו, אָט האָט איר אײַך אַן עקסטערנאַט, מײַנע הערן, — האָט אָנגעקוועלט פון פּראָ-פעסיאָנעלן גאַדלעס, ווענדנדיק זיך צו זײַנע קאָלעגן, דער לאַטיניסט וואַלענטין וואַסיליע-וויטש קאַטאַוו. און דער לערער פון פיזיק און מאַטעמאַטיק מיכאַיל עדוואַרדאָוויטש גערקע האָט פאַטערלעך גענומען ריידן מוסער דעם עקסטערן:

— איר פאַרמאָגט אויסגעשפּראָכענע מאַטעמאַטישע פעיִקײַטן, יונגערמאַן, און ס'איז זייער אַ שאָד, וואָס איר פאַטערט דאָס לעבן אַף פּוסטע און שעדלעכע איניאַנים!..

ס'איז געקומען די צײַט זיך אומצוקערן קיין מעזען. אפגיך זיך געזעגנט מיט מינינען, מיט אנדערע נײַע באַקאַנטע, האָט גאָלדשטיין זיך געלאָזט צוריק „אהיים". פאָרן האָט ער געדאַרפט מיט דער זעלבער קאָמפּאַניע, נאָר סיקאָרסקי האָט באַקומען אַ דערלויבעניש זיך פאַרהאַלטן אין אַרכאַנגעלסק. און דעם 6-טן יון האָט דער דאַמפּער „ווײַגאַטש" געבראַכט גאָלדשטיינען אין מעזענער האַפן. אָט אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער יאַמטעוו.

באַ כײַע גילעוויטש האָט זיך אין צוויי וואָכן אַרום געדאַרפט פאַרענדיקן דער טערמין פון פאַרשיקונג, נאָר ס'איז איר שווער געווען אַפן האַרצן. אין מעשעך פונעם גאַנצן וועג, בייס מע וואָלט געקאָנט פון דער פאַלובע זיך קוויקן מיטן פּרעכטיקן פּייזאַזש, האָט זי געהאַלטן אין איין קוקן אַף מאַיסייען. ער האָט אָפּגעטריבן פון זיך די אומרויִקע געדאַנקען, זיך געמאַכט ניט וויסנדיק: מאַלע וואָס עס ווײַזט זיך אים אויס! אַפילע ווען, צו דער שטוינונג פון דער פאָליציי, זי איז נאָך דער באַפרײַונג איבערגעבליבן אין מעזען, האָט ער אויך זיך געהאַלטן, ווי ניט אים מיינט זי. פאַרשטייט זיך, פאַר אָט די דרײַ וואָכן באַקאַנטשאַפט איז אָנגענעם געווען צו זײַן אין פרײַנטלעכע באַציִונגען: ווי אַ גוטוויליקער ברודער, אַ קלוגער מיטשפּרעכער — ניט מער. אים איז אַפילע ניט אײַנגעפאַלן אין געדאַנק, וויאַזוי מע דאַרף אַנדערש זיך אופירן אין געגעבענע פאַלן. טאַקע אַ גימנאַזיסטל פון זעקסטן קלאַס! קיין בעסערס ניט געפונען, ווי אײַנרוימען איר — בלויז איר אַליין און מער קיינעם ניט, — אַז דרײַ טעג וועט ער ניט זײַן: צוזאַמען מיט אַ באַקאַנטן פּויער וועט ער צופאָרן קיין דאַראַגאָמירסקאַיע, זיך זען מיט מאַריִען...

און אָט די דרײַ טעג האָבן געקלעקט כײַען אַף זיך אײַנפּאַקעווען אין וועג אַרײַן — ווען מאַיסיי וועט זיך אומקערן, וועט ער זי דאָ שוין ניט טרעפן.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז די באַזוכן אין דאָראַגאָמירסקאַיע זאָלן געווען זײַן אָפטע, אָבער רעגולערע זײַנען זיי געווען. ווען די פאָליציי וואָלט זיך דערוווּסט וועגן אַ באַליביקן פון זיי, וואָלט מען אים אָפּגעשיקט גלײַך אין דעם סאַמע ווײַטן ווינקל פונעם אויעזד. מע האָט גוט געדאַרפט זיך היטן פאַר אַ פרעמד אויג. פאַר די ברידער-פאַרשיקטע האָט מען מוירע האָבן ניט געדאַרפט — אין דער אַרטיקער קאָלאָניע איז די אומגעבונג געווען אַ געזונטע. דער פאָליציייִשער אופזיכט איז אין דאָראַגאָמירסקאַיע געווען ניט אַזאַ שטרענגער, ווי אינעם אויעזדנעם צענטער, און די שווערערע לעבנס-באַדינגונגען האָבן דערלויבט און אַפילע געצוווּנגען די פאַרשיקטע זיך האַלטן נעענטער. מ'האָט צוזאַמען זיך פאַרנומען מיט זעלבסט-בילדונג, געהאָלפן איינער דעם אַנדערן אין אַ באַליביקער נויט.

מאַיסיי גאָלדשטיין האָט זיך באַקאַנט מיט אייניקע היגע פאַרשיקטע. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט אַן אַרבעטער פון לוגאַנסק — דער באַלשעוויק קלים וואָראָשילאָוו, וועלכער האָט באַוויזן פאַר פיר יאָר אויסצוזײַן ווו אַ העק אין דער גאַנצער אַרכאַנגעלסקער גובערניע — מאַכן די פּליטע און ווידער אומקערן (פאַרשטייט זיך, ניט לויטן אייגענעם ווילן), אַפילע כאָטש אַפילע כאַסענע האָבן אין טורמע...

וויאַזוי דאַרף מען לעבן אין דער פאַרשיקונג? פּאַשעט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, אַבי די צײַט זאָל גיין, זיך באַגרענעצן מיט דעם, וואָס דער גורל האָט דיר אָנגעגרייט, דאָס הייסט פּרוּוון די גאַנצע צײַט זיך אויסלעבן אַף פינף רובל אין פּערציק קאָפּעקעס און אַף דרײַ מיט אַ האַלבן רובל דירעגעלט? קאָן מען דאָך זיך רירן פון זינען! דער פאָליציי-דעפּאַרטאַמענט האָט טאַקע דאָס געמיינט: זאָלן די פאַרשיקטע טראַכטן נאָר וועגן איינס — אַבי אָפּקומען דעם טאָג מיט דער נאַכט, אַליין דאָס לעבן זאָל זיי נימעס ווערן. ווען ס'איז ניטאָ וואָס צו עסן, ווען די הענט און די פיס ציטערן פון קעלט, ווען דער שטענדיקער פּלעוואָריט לאָזט דיך ניט אַפ אַפילע אין די זומערדיקע כאַדאָשים, — קריכן ניט אין קאָפּ אַרײַן קיין שום געפערלעכע, קראַמאָלע מאַכשאָוועס.

מיט אייניקע האָט באַפּירעש אַזוי פּאַסירט. אַרויסגעריסענע פונעם געוויינלעכן קרײַז, אָן אַ פּיצל טרייסט און האָפענונג אַף ווײַטער, האָבן זיי ניט אויסגעהאַלטן, זיך אײַנגעבראָכן, און גאָרנישט האָט זיי שוין ניט געקאָנט אומקערן צום לעבן.

פאַרן יונגן אַסטראָפאָליער „בונטאַר" איז יעדעס יאָר פון פאַרשיקונג געווען אַ ביטערע אויסקומעניש. און דאָס, וואָס מע האָט אים אָפּגעריסן פון קאַמף — אַפילע פון אַזאַ קאַמף, וואָס עס האָט געקאָנט זײַן אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם העק, האָט אים זייער געמוטשעט.

אין זײַנע צוואַנציק יאָר האָט גאָלדשטיין זיך געהאַלטן פאַר שוין גאָר אַ דערפאַרענעם פאַרשיקטן. עפשער טאַקע איז עס געווען אַזוי — די קענטעניש פון דעם דאָזיקן אוניווער-סיטעט דעראָבערט מען גיך. דערפאַר האָט ער זיך צו זײַן נײַעם פרײַנט — דעם געזונטן שמיד פון פעטערבורג מאַקסים לעבעדיעוון — באַצויגן לעכאַטכילע ווי אַן עלטערער כאַ-ווער, כאָטש ער, גאָלדשטיין, איז געווען ייִנגער פון לעבעדיעוון אָף גאַנצע פינף יאָר.

באַקאַנט האָבן זיי זיך אין געווײנלעכן אומהיימלעכן אָרט פון טרעפונגען — אין דער פּאָליצײַ-פאַרוואַלטונג. מאַקסים האָט ניט געקאָנט אָפּזוכן פאַר זיך אַ וווינונג, און מאָיסיי האָט אײַנגעלאַדן דעם אויסגעמאַטערטן פונעם לאַנגן עטאַפּ כאַווער צו זיך אַהיים. גאָלד-שטיינען האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנצוריידן די באַלעבאָסטע פון דער דירע, זיי זאָלן וווינען מיט לעבעדיעוון אינײנעם. מאַקסים איז נאָך געווען אונטער דער נאַטירלעכער ווירקונג פון דעם, וואָס עס איז מיט אים געשען — אַ געדריקטע שטימונג, אַ שווערצע מאָרעשכוירע, וואָס האָט עפּנטלעך זיך אויסגעדריקט אין אַ מין אומבאַגרענעצטער האַפערדיקײַט, אין אַזוס-דיקע געשפּרעכן מיט די פּאָליצײַ-טשינעס. אָבער פון זיך זעלבסט ווײסטו דאָך זיך ניט באַ-האַלטן.

איז ער געזעסן איצטער אין זײַן געענגטער וווינונג, אַ דערשלאָגענער און פרעמדער. מאָיסייען האָט אָבער פּאָרט זיך אײַנגעגעבן צוביסלעכווײַז צוזוערעמען דאָס אָנגעווייטעקט האַרץ פונעם שמיד.

— ...אַ סאַך קומען אַהער צו פאָרן און מיינען, — האָט געפירט ווײַטער זײַן שמועס דער צוואַנציקיאָריקער טוישעוו, פאַרקאַכנדיק צעמאָלטע קליוקווע אָנשטאָט טיי, — אַז דאָרט איז לעבן, און דאָ איז פאַרשיקונג. איז דאָס, וועל איך אײַך זאָגן, ניט אינגאַנצן ריכטיק. אין דער פאַרשיקונג איז אויך פאַראַן לעבן. אַ שווערס, אַ ביטערס, נאָר — לעבן. און אין אָט דעם לעבן זײַנען פאַראַן זײַנע קלאָלים — די זעלבע לעבנס-קלאָלים, ווי ביכלאַל, עמעס, בייזערע, מער אַכזאָריעסדיקע. מענטשן מיט אַ שוואַכן ווילן קומען דאָ אום מער, איידער אָף דער פרײַהײַט, אָבער פון דעם זעלבן — פון דעם, וואָס קיין ציל איז ניטאָ, וואָס מע האָט אופגעהערט זיך קעגנשטעלן, די פּליגל פאַרלייגט, די הענט אַראָפּגעלאָזט. האַקלאַל, מע טאָר דאָ ניט גיין קעגן זיך זעלבסט, ס'איז געפערלעך צו פאַרבלײַבן אָן אַן איניען. ווי עס זאָל ניט זײַן אָנגעזאָלצן אָפן האַרצן, דאַרף מען עפּעס טאָן.

— אַן איניען? — האָט אופגעלעבט מאַקסים. — ס'איז פאַראַן אַן אָרגאַניזאַציע? דו ביסט אַן עסדעק?

מיט זײַן אומגעריכטן אָנטרעטן אָף דער קראַנקער מאָזאָל האָט דער מעגושעמדיקער שמיד געבראַכט זײַן ייִנגערן מיטשפּרעכער אין פאַרלעגנהײַט.

— קיין אָרגאַניזאַציע איז דאַפקע ניטאָ, — האָט זיך פאַרויטלט מאָיסיי, ווי ער זאָל אין דעם זײַן דער שולדיקער. — ס'איז געווען עפּעס אַ שוואַכינקע עסערישע, האָט מען זי צעגראָמירט נאָך ערעוו מײַן אָנקום אַהער, קיין מעזען. ווען איך רעד וועגן אַן איניען, האָב איך אין זינען ניט בלויז אַן אָרגאַניזירטע אַרבעט מיט באַלדיקע רעזולטאַטן. מע קאָן אַר-בעטן איבער זיך, העלפן די כאַווײרים, דערלערנען דעם שטייגער, שטודירן די פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן... יאָ, און מע דאַרף שטודירן וויסנשאַפטן, שטודירן — פאַר רעוואָליוציאָנערן זײַנען קענטענישן ניט איבעריק, ביפראַט אַז צײַט אין דער פאַרשיקונג איז פאַראַן איבער-געניוג... דערפאַר בין איך, ווײַזט אויס, לעבן געבליבן, וואָס איך קום ניט פּאָשעט דאָ איבער דעם טערמין... נו, וואָס לאַכסטו? זע נאָר, ווי ער האָט עס די וואָנצעס צעלאָזט!

— אַ דאַנק-בריוו דעם מיניסטער פון אינערן-איניאָנים האָסטו שרײַבן ניט געפּרוווט? — האָט מיט כויזעק אַ פרעג געטאָן לעבעדיעוו.

— ניין, אָבער אַ באַקאַשע, מע זאָל מיר דערלויבן אָפּגעבן אַלס עקסטערן עקזאַמע-נעס פאַר אַן אַטעסטאַט זרעלאָסטי האָב איך געשריבן. און מאָרגן וועל איך זי אָפּטראָגן דעם איספּראַווניק.

— נו, גוט, סטודענט, לערן זיך. און איך דאַרף האָבן גאָר אַן אַנדער וויסנשאַפט.

— דאָס וועט אויך זײַן. מירן איצטער ביידע זוכן.

פאַרבאָטענע ליטעראַטור איז אַרײַנגעדרונגען קיין מעזען מיט גרויסע צאָרעס, און די איינציקע עקזעמפּליאַרן זײַנען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט מיט גרויס געהיטקײַט. פּונ-דעסטוועגן פּלעגט עפּעס יאָ אַרײַנפאַלן.

אונטערן טערעץ, אַז ער זוכט לערנביכער, האָט דער אייביקער עקסטערן אַרויסגעפּאַנ-גען ליטעראַטור, וואָס איז געווען אויסער דער פּראָגראַם. מיט איין און דעם זעלבן דאָרשט האָט ער געלייענט אַלץ נאָכאַנאַנד — אַלץ, וואָס עס איז געלונגען געווען צו קריגן. לע-בעדיעוו האָט אַ ביסל געביטן באַ זײַן ייִנגערן כאַווער די אָריענטירונג פונעם געשמאַק.

מאקסים האָט געזוכט באַלשעוויסטישע אויסגאַבעס. ער פלעגט איבערדערציילן יענע פון זיי, וועלכע ער האָט באַוויזן איבערצוליייענען נאָך אַף דער פרײַ. אָבער באַזונדערס איבער־צײַגנדיק זײַנען געווען לעבעדיוּוס דערציילונגען פון זײַן אייגענעם לעבן. דער טוישעוו האָט זיך אין א צײַט ארום פארוואַנדלט פון א לערער אין א שילער.

קאַלטער שניי — הייסע וויקוכים

פון דער זײַט האָט זיך גאַרניט געביטן. די פּאָליצײַ האָט געוווּסט, אז דער געוועזענער אגיטאַטאָר פון וואָלין איז פארקאָכט אין איין לײַדנשאפט — פארענדיקן די בילדונג, וואָס ער האָט איבער זײַנע נארישקײַטן ניט פארענדיקט. נו, איז עס גוט, איז עס פײַן, שוין פון לאַנג געדארפט קומען צום סייכל. דער איספּראַווניק, וועלכער האָט נאָך פון קינדווײַז אָן געפילט עפּעס א פאַכעדיקן אָפּשײַ צו וויסנשאפטן, האָט פּאַשעט ניט געקאָנט זיך אָפּלויבן פון אָט דעם פארשפּעטיקטן סטודענטל. ווען מאַיסיי גאָלדשטיין האָט אוועקגעלייגט אפן טיש זײַן אָרדנטלעכע באַקאַשע, האָט וואסילי איוואַנאָוויטש לאַפּין אים א פּאַטש געטאָן איבער דער פּלייצע, מעכאַבעד געווען מיט טיי און אײַנגעלאַדן פאר א רעפּעטיטאָר צו זײַנע קינ־דערלעך, האַגאַם דאָס האָט א ביסל איוועור געווען אַף די קלאַלים וועגן עפנטלעכער אופ־זיכט (מיילע, ער וועט נעמען אַף זיך די דאַזיקע זינד — וואָס טוט ניט א טאַטע פאר זײַנע געליבטע קינדער?). און אינעם ראַפּאָרט, וואָס האָט געדארפט באַגלייטן די באַקאַשע פונעם פארשיקטן, האָט ער פון גאַנצן האַרצן אָנגעשריבן: „די אויפירונג — א באַוויליקנדיקע". וואָס זשע, ניט אַזוי?

און ס'איז אוועק די באַקאַשע שפּאַצירן איבער די אינסטאַנציעס פון טרעפּל אַף טרעפּל, ביז זי האָט זיך אומגעקערט. און זיך אומגעקערט האָט זי פּאַראַהעלטניסמעסיק גיך. וואסילי איוואַנאָוויטש האָט אפילע אַליין זיך פארוווּנדערט, איבערלייענענדיק די רעזאָליוציע: „אָס־טאַוולענאָ בעז פּאָסלעדסטוויִ", דאָס הייסט פּאַשעט אָפּגעזאָגט. וואסילי איוואַנאָוויטש איז אפילע בייז געוואָרן: „עפּעס דרייען זיי דעם קאָפּ, די ווילגעבוירענע נאַטשאַלניקעס פון דער הויפּטשטאָט, יעדער וויל באַווײַזן זײַן מאַכט. און פארוואָס זאָלן זיי ניט א קלער טאָן, אז די לער וועט ארויסקלאַפּן בא אָט דעם ייִנגל די נארישקײַטן פונעם קאָפּ, אויסראָטן די אומגעזעצלעכע געדאַנקען, עפּשער אפן רעכטן וועג אומקערן?.. נאָר צוריקגערעדט, נאַטשאַל־סטווע ווייסט דאָך, מיסטאַם, וואָס זי טוט".

עפּשער ווייסט זי טאַקע, די נאַטשאַלסטווע. דער איספּראַווניק האָט פּאַשעט זיך צוגע־ווױנט צו די כעוורע פארשיקטע, נאָר אין פּאָליצײַ־דעפּאַרטאַמענט האָט מען גוט פארגע־דענקט, וואָס פאר א פּעדאַגאָגיש מיטל די פארשיקונג איז. דעם ווידערשפּעניקן אגיטאַטאָר האָט מען פארשפּאַרט אפן סאַמע ווײַטן צאָפן ניט צוליב דעם, ער זאָל וויסנשאפטן דער־אָבערן, נאָר קעדיי אים גוט אָנלערנען, ער זאָל פארגעסן אַלע זײַנע אומגעזעצלעכע שטיק. מיילע, זעקס קלאַסן — איז נאָך צו דערלײַדן, אָבער מיטלבילדונג — דאָס איז שוין א מין כוצפּע. ניין, און נאָכאַמאָל ניין!

די דאָסיע פונעם גימנאַזיסט איז געוואָרן אַלץ פולער און דיקער, אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט צו שרײַבן. וואָס ווײַטער עס איז פאר אים געווען דער וועג צום געגאַרטן אַטעס־טאַט, אַלץ אײַנגעשפּאַרטער האָט ער זיך פאר אים געשלאָגן. און אַלץ איז געגאַנגען ווי ס'באַדאַרף צו זײַן: דער פארבאָט האָט פארבאָטן, און צוואַנגען האָבן געצוווּנגען. און האַגאַם ער האָט געוואָלט זייער וויִניק, איז עס אויך געווען פאר אים פארמאַכט אַף זיבן שלעסער. פּאָליצײַ־דעפּאַרטאַמענט פארבלײַבט פּאָליצײַ־דעפּאַרטאַמענט. אָבער וואָס פאר א פּאָליצײַ־דעפּאַרטאַמענט וועט אים פארבאָטן זיך אָנעמען פּאָליטישע רײַפקײַטן? דאָרט, אין זײַן וואָ־לינער פּראָווינץ, האָט ער ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט זיך צונויפקומען מיט דערפאַרענע רעוואָליוציאָנערן, מיט באָלשעוויקעס, און דאָ, אין אָט דעם ווײַטן און פארוואָרפענעם העק, — וויפל דו ווילסט!

דעם 3 פעווראַל — ס'איז געווען א ברענענדיקער פראָסט — איז אָנגעקומען, קוים שלעפּנדיק די פיס, אַן עטאַפּ פון אָנעגאַ. אָנגעטאָן אין קאַזיאָנע שמאַטעס, האָבן די פאַר־שיקטע צען טעג געפּויזעט פון דעם יִשעוו קעם צום נײַעם אָרט. די וועגענער האָבן געסקרי־פּעט, פארקאָלייעטע פון דער קעלט — די הילצערנע דרענגלעך זײַנען געוואָרן קלינגוודי־קע, ווי גלאָז. די אײַזערנע טיילן האָבן שיר ניט געפּלאַצט. דער קאָנוואָי האָט זיך געהאַלטן

נאָר אױף בראַנפֿן, און די פֿאַרשיקטע, װי נאָר זײ האָבן זיך דערקליבן צום אָרט, האָבן זיך אַנידערגעװאַלגערט אינעם קאָרידאָר פֿון דער אױעזדנער פֿאַרװאַלטונג.

די מעזענער פֿאַרשיקטע האָבן אָן אַ נויטװענדיקײַט אין אַזאַ פֿראָסט אױך ניט אַרױסגעשטעקט די נעז אין דרױסן. די אױסגעריבענע שטיװל, די אַלטע רעקלעך און די מאַנטלען פֿון הױלע טראַנטעס זײַנען צו אַזעלכע פֿרעסט ניט געװען צוגעפּאַסט. די אָפּשטאַמיקע פֿון קאַװקאַז — אַזעלכע זײַנען אין מעזען געװען אַ סך — זײַנען בכלל פֿון די דירעס ניט אַרױסגעקראָכן און סײַװױסײַ דאָרט געציטערט פֿון קעלט. נו, און דער װאָלינער באָכער — בײַ אים אין דער הײם זײַנען שנײ און אַפֿילע גוטע פֿרעסט קײן נאָװינע ניט געװען, כאָטש ניט צו פֿאַרגלײַכן מיט די היגע, — האָט געװאַגט דאַפֿקע יאָ אַרױסגײן אין דרױסן. גײענדיק פֿאַרבײַ דער פּאָליצײ־פֿאַרװאַלטונג, האָט ער באַמערקט דעם עטאַפּ־װאָגן, פֿון נײַגעריקײַט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין קאָרידאָר און שיִר ניט געגומען טאַנצן פֿון פֿרײד.

אין װינקל, זיך צעלײגט אױפֿן בענקל, האָט מיט פֿאַרגעניגן געהאַלטן אױסגעצױגן די פֿיס זײַן באַקאַנטער פֿון אַרכאַנגעלסק — מינין.

— סערגײ! דאָס ביסטו?

— אַז עס זיצט זיך ניט אױף אײן אָרט, טײַערינקער. דער גובערנאַטאָר האָט באַשלאָסן, אַז אין קעם איז מיר לאַנגװײַליק.

זײ האָבן זיך אַרומגענומען, װי זײ װאָלטן בײדע אַ האַלב יאָר געװאַרט אױף אָט דער מינוט. גאָלדשטײן האָט געזען, אַז מינין האָט זיך אױך זײער דערפֿרײט מיט אָט דער באַגעגעניש. מיט אַ ברײטן שמײכל האָט אױף זײ געקוקט אַ צװײטער עטאַפּניק, אַ קלײנװוּקסיקער באָכער אין אַ סטודענטישער קורטקע. מינין האָט זיך געכאַפּט און זיך אױסגעקערעװעט צו אים:

— זײַ באַקאַנט — מײַן כאַװער.

— יעפֿים שאַפּיראָ, — האָט זיך צערעמאָניש, װי מע שטעלט זיך פֿאָר פֿאַר אַ מײדל, אַ נײג געטאָן דער סטודענט. ס׳איז געװען צו זען, אַז דאָס איז בײַ אים ניט קײן אָנשטעל, נאָר אַ גאַנץ נאַטירלעכע מאַניר פֿון אױפֿירן זיך.

— נו, װיאַזױ איז דאָ בײַ אײַך אין מעזען? — האָט אױף אַ קאָל געפֿרעגט מינין, ניט לײגנדיק קײן אכט אױף די פֿאַרבײַגײענדיקע פּאָליציאַנטן.

— כ׳האָב מורע, אַז איצטער װעסטו שױן אַלײן זיך דערװיסן... דאָס האָט מען דיר אָנשטאָט דעם אַזױ געגאַרטן אױסלאַנד אַזאַ געבענטשט אָרט געשענקט? פֿאַר װעלכע פֿאַרדינסטן?

— פֿאַרדינסטן זײַנען, פֿאַרשטײט זיך, געװען, — האָט אַ שמײכל געטאָן יעפֿים. — מיר האָבן שױן געמײנט, אַז קײן טפֿיסע װעלן מיר ניט אױסמײַדן.

— דער יוריסט טרײַבט אַ ביסל איבער די מאַסשטאַבן פֿונעם אָפּגעטאָנענעם, — האָט דערקלערט מינין, — אָבער אַ כױדעש זײַנען מיר געװען אונטער אַ שטרענגער אױספֿאָרשונג. זײ האָבן אָנגעשמעקט, די אױסװוּרפֿן! מיר האָבן קױם אױף די פֿיס זיך געשטעלט, און אָט — אַלץ איז געגאַנגען לעיבעד.

— נו יאָ, — האָט זיך שיִר ניט באַלײדיקט דער מעזענער טױשעװ (גאָלדשטײן האָט שױן געהאַט דאָס רעכט זיך צו האַלטן פֿאַר אַזעלכן), — אַ פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרשיקטע קאָן עקזיסטירן נאָר אין קעם... דאָרט איז דער קלימאַט אַ באַזונדערער — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער. און עפּשער װײסן מיר גאָר ניט אין אונדזער העק — עפּשער איז גאָר קעם אַן אוניװערסיטעטישע שטאָט געװאָרן, אַ גרױסער אינדוסטריעלער צענטער, פּראָלעטאַריאַט — קאָפּ אױף קאָפּ, און אומלעגאַלע טיפּאָגראַפֿיעס זײַנען אומעטום דאָרט צעשטעקט, אין יעדן קעלער, אױף יעדן ראָג. בקיצור, אונדזער שװאַכינקע קאָלאָניע קאָן זיך אױף קעם ניט גלײַכן.

— זע נאָר, װיאַזױ ס׳האָט אים גענומען פֿאַר דער לעבער, — האָט זיך סערגײ צעלאַכט, — װעמען װאָלט עס אַרײַנגעפֿאַלן אין קאָפּ, אַז דו ביסט געװאָרן אַזאַ פּאַטריאָט?

— נו, פֿאַרשטײט זיך, אָבער װאָס שײַך אַן אָרגאַניזאַציע, קאָן מען זי אױך דאָ שאַפֿן. מענטשן װעלן זיך געפֿינען. אײנעם אַזאַ װײס איך שױן, אײַערער אַ ברודער — אַ באָלשעװיק, אַן אַרבעטער פֿון פּיטער. אָט לאָמיר כאָטש באַלד צו אים גײן, און איר װעט זיך אין דעם איבערצײַגן.

— זאָל ער קומען אַהער. אונדז װעט מען דאָך נאָך איבערשרײַבן און איבערשרײַבן.

— קומען אַהערצו קאָן ער ניט, מיר פֿאַרמאָגן אױף צװײען אײן װינטערדיקן אָנצוג.

אין קאָרידאָר האָט שוין דאָס ווײַפֿלטע מאָל אַרײַנגעקוקט דער רעגיסטראַטאָר פֿון דער פּאָליציי-פֿאַרוואַלטונג, מיט כידעש און מיט פֿאַרוואָרף געקוקט אויף די פאַרשיקטע, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין לאַכן און זײַנען געווען זייער אופגעלעבט:

— הערן פאַרשיקטע, איר זײַט דאָך ניט אין טראַקטיר!

— אַנטשולדיקט, הער ווינאָגראַדסקי, מיר גרייטן דאָ אַן אַנטימעלוכישע פאַרשווערונג, זײַנען מיר זייער אופגערעגט.

„אַט אַן אוילעם, — האָט געוואָרטשעט דער רעגיסטראַטאָר, אַרופּציִענדיק אויף זיך דעם פּעלץ, — און שפּאַסן זײַנען בא זיי אַזעלכע...” ער איז געווען בייז: אין אַזאַ פראָסט זיך שלעפּן אין דער פּאָטשט-קאָנטאָר — דעם געהילף פֿונעם איספּראַווניק האָט זיך פֿאַרוואָלט סאַמע היינט אָפּשיקן דעם גובערנאַטאָר אַ צירקוליאַר-ראַפּאָרט. מיט פֿערלדיקן קסאַוו איז אָפּן טעלעגראַפֿישן בלאַנק געווען אָנגעשריבן: „די שטימונג פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿונעם אויעזד איז געווען אַ רויִקע. אומאָרדענונגען און אַרויסטרעטונגען זײַנען ניט געווען. פאַרן איספּראַווניק — לעגאַטאָוו”.

און בעעמעס — איבער מעזשן איז געלעגן ווי אַ שווערע, אומבאַוועגלעכע דעק אַ שניי, און אַזאַ מין שניי האָט געהאַלטן ווײַטער אין איין שיטן פֿונעם הימל, פֿון גאָטס פּעדערדיקן קישן, אַזאַ ווײַסער, קאַלטער, איין און דער זעלבער, קעדיי אַט דער צודעק זאָל ווערן נאָך גרעבער, נאָך שווערער און אומבאַוועגלעכער, עס זאָל אַזוי-אַט זײַן ווײַס און אומבאַוועגלעך איבער גאַנץ מעזשן פֿון ראַנד ביז ראַנד — ווי אין דער גאַנצער גובערניע, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד, וווּ עס גייט אַ שניי און וווּ עס ליגט אַ שניי, און ס'איז אַ פּולע האַרמאָניע צווישן הימל און ערד, צווישן הייך און נידער, און אומעטום איז ווײַס, און אומעטום איז ציכטיק-ריין, און אומעטום איז גלאַט, און ווי אַט דאָ, לעבן דעם גאַנעק, קײַען די פֿערד, אַרײַנגעשטעקט די קעפּ אין די טאָרבעס מיט האָבער, קײַען אײַנגעשפּאַנטע, אין די כאָמוטן, געוווינט צו דער יוישערדיקער און שטענדיק געדרעכטער בײַטש. און וואָס סקריפּעט עפּעס דאָרט? גאָרניט. דאָס סקריפּעט דער שניי אונטער די קאַזיאָנע שטיוול. און וואָס איז דאָס פאַר אַ רויך? ס'איז דאָך ניטאָ קיין רויך אָן קיין פײַער. אָבער ניין, דאָס גייט אַ פּאַרע פֿונעם מויל, אין ערגעץ ברענט ניט. און ווער צופּעט עס פאַר די הענט, פאַר די אַקסלען, פאַר דער פּלייצע, פאַר דער נאָז און רײַסט אַזוי די אויערן? דאָס איז ער, דער פראָסט, אונדזער פראָסט, אונדזער צאָפּנדיקער פראָסט. די לײַבלעכע נאַטור. אַ לײַבלעך-אייגענע נאַטור. און אויף אַ לײַבלעך-אייגענער קאָן דען עמעצער זיך קלאָגן, האָבן צו איר טײַנעס? אבי עס זאָל זײַן שטיל, אַט ווי אַצינד...

— נו, ברידערלעך, איך זע, אַז איר לעבט דאָ גאַנץ נישקאָשעדיק — ווי בלינדע הינטעלעך. ווען מע האָט אונדז אַ נעם געטאָן פאַר די זשאַנדאַרמעס און פאַרשיקט אַט אַהערצו, איז טאַקע געווען ניט צום געלעכטער. כ'האָב אַליין געמיינט: שוין, אַלץ איז פאַרפאַלן. שיר ניט געוואָלט זיך אופהענגען — אַ ביזע-ביזאָיען, ווען איך דערמאָן זיך. אָבער אַזאַ צײַט איז געווען — און אַוועק. איצטער איז אַן אַנדער צײַט געקומען. די רעוואָליוציע איז ווידעראַמאָל נאָענט, און וואָס עס איז זייער אַ שאָד — מע וועט זי אָן אונדז מאַכן.

— דו ווילסט זאָגן, אַז עס קערט זיך אום דאָס פינפטע יאָר?

— ניין, דערווײַל נאָך ניט. אָדער — שוין ניט. יענע צײַט איז געווען זייער אַ פײַנע, נאָר בלויז אַן אָנהייב, אַ בערייִשיסדיקע, וואָלט איך געזאָגט. איצטער האָבן מיר אַ בוילעטן רעוואָליוציאָנערן אופשטײַג. שטרײַקן, דעבאַטן אין דער דומע, די ליבעראַלן האָבן זיך דערשראָקן, ס'האָט אָנגעהויבן עפּעס יוירן אין די אייבערשטע שטאָקן. אָבער די נײַע רעוואָליוציע וועט זײַן קליגער און אַנטשיידענער, איידער די פריִערדיקע. און די זעלבסטהערשונג וועט פאַלן — זי האָט שוין ניט אין ערגעץ קיין שטיצע, אַלץ, אויף וואָס זי שטייט, איז שוין דורכגעפוילט. נאָך סטאָליפּינס מאָרד איז דאָס פאַר אַלעמען געוואָרן קלאָר.

— וואָס זשע, זיי וועלן קיין אַנדערן טאַליען ניט געפינען?

— ניט אין דעם גייט עס. סטאָליפּין איז געווען די לעצטע האָפענונג אויף אומצוקערן אַלץ אויפן אַלטן אָרט, ווי ס'איז געווען. האָט מען אים געמאַכט אויף אַ קאָפּ נידעריקער — און דער נײַער טאַליען וועט שוין קיין שום נײַס ניט זאָגן. יענער האָט בלויז דערנענטערט אַליין זײַן וויסטן סאָף און מעג שוין זיך איבערקערן ווי ער וויל אין זײַן קייווער — אַלץ, מיט וואָס ער האָט אַזוי געוואָלט קעמפן, איז געבליבן, און ס'וועט שוין גאָרנישט ניט העלפן: אַ נײַער אויף זײַן אָרט וועט זיך אָנטרעפן אויף דעם זעלבן, און אַלע זעען דאָס גוט.

— האַלעוויי! דו ווייסט, צו יענער צײַט, ווען מע האָט מיך אַרעסטירט, איז אַרום און אַרום געווען פינצטער — כ'האָב אפילע ניט געפרוווט זיך אַרויסדרייען. ס'הייסט, כ'בין גע-

ווען צום ארעסט גרייט, אָפּטמאָל האָט זיך מיר געדוכט, אז איך ווארט אַף אים אפילע. יאָ, יאָ. ווײַל גאָרנישט איז ניט געווען פאָרויס — כאָטש שלאָג זיך קאָפּ אין וואנט. און — אזא נאַ-רישקײַט! — אין טפיסע איז כאָטש פאראן עפּעס-וואָס: אן אופזעער, פארהערן, און דאָס איז א מין פאָרזעצונג פון עפּעס א טעטיקײַט. אַף דער פרײַ האָב איך שוין ניט געזען קיין נויטווענדיקײַט אין זיך. אַלץ האָט זיך דעמלט פאר מיר אָפּגעהאקט, פארענדיקט, פארלאָשן געוואָרן. כ'האָב זיך געשלאָגן, ווי א פיש אין אײַז, אליין, איינזאם, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך שלאָג זיך נאָך, ווײַל כ'בין דער ייִנגסטער און דער נארישסטער צווישן די כאווערים.

— האָסט א טאָעס געהאט. ווײַל די כאווערים דײַנע זײַנען געווען ניט די. אנטוישט האָבן זיך אין קאמף די שוואכסטע.

— מיר איז באוווּסט, וואָס פאר אן אומבעשאָלעמדיקע די באָלשעוויקעס זײַנען. אָבער אין יענער צײַט — איך ווייס ניט וויִאזוי איז עס דאָרט אצינד, — זײַנען, דאכט זיך, אפילע אינעם צענטער פון אונדזער גובערניע אזעלכע ניט געווען. און אויב אפילע אזא צעטיילונג איז געווען — גייט עס דען אין דעם? סײַוויסײַ איז די רעוואָליוציע אויסגעלאָשן געוואָרן. אויב דו האלטסט, אז זי לעבט אוף, וועט עס אופלעבן ביידע שטרעמונגען אין דער פּארטיי. און איך האָב געמיינט, אז כ'האָב פּאָשעט פּערספּעקטיוו געבוירן צו ווערן — דאָס סאמע פײַער איז אויסגעפאלן אַף די פריִערדיקע יאָרן.

— און איצטער ביסטו שוין אן אלטער און קלוגער?

— אלנפאלס, וואָלט איך א סאך געטאָן גאָר אנדערש. דו ביסט גערעכט — מיר זײַנען געוואָרן קליגער און אנטשיידענער.

— נו, לאָמיר זאָגן, אז די כאָכמע דײַנע איז ניט קיין פולע און די אנטשיידנקײַט — אן איינזײַטיקע. מע דאַרף באשליסן ניט בלויז, קעגן וואָס דו ביסט, נאָר אויך — מיט וועמען. און דאָס האָסטו נאָך ניט באשטימט.

— דאָס הייסט, מע דאַרף אויסקלײַבן דײַן קאָמפּאניע? האָב איך דען ניט אויסגעקליבן?.. זאָג אים דו, מאקסים. וואָס שווײַגסטו עפּעס די גאנצע צײַט?

— צוליב וואָס? אײַך גלוסט זיך וואָס מער צו פּלאפּלען, הערן אינטעליגענטן, — ווען לעבעדיעוו פּלעג ארופציִען אַף זיך די ערנסטקײַט פון א בײַוואָלגער פּויער, האָט אויך זײַן אויסשפּראך גענומען זיך פארקײַלעכיקן און אויסגעבן זײַן אָפּשטאם. — בעסער זיך פארנעמען מיט עפּעס מער וויכטיקס.

די „הערן אינטעליגענטן" האָבן זיך צעלאכט און זיך אומגעקערט צום איניען, מיט וועלכן זיי האָבן זיך פארנומען — מע האָט אָפּגעטרענט דעם אונטערשלאק פון מינינס וואטניק, וועלכער האָט אונטערגעכרומקעט, פול אָנגעשטאָפּט מיט פּאפּירן.

שוין דערנאָך, וואָזגענדיק זיך מיט נאָדל-פאָדעם און סאָפּענדיק איבער דער ניט זייער אײַנגעגעבענער נאָט, האָט מינין געזאָגט:

— אין פּיטער גייט ארויס א לעגאלע ארבעטער-צײַטונג. איך האָב א זיכערן קאנאל, מע האָט מיר צוגעזאָגט זי איבערשיקן. וועסטו דורך איר פארשטיין. שוין דאָס אליין, וואָס זי דערשײַנט, איז עפּעס-וואָס...

זיי האָבן נאָך לאנג זיך געפּאָרעט אינעם צימערל מיט דער נידעריקער סטעליע באם סאמע בוידעם, וואָס די פארשיקטע פלעגן רופן „די ווישקע", אין דער אלטער שטוב אפן סאמע ראנד פון מעזען. בלייך און דורכזיכטיק האָבן זיך פונדאנען דורכן קליינעם פענצטערל, וואָס דער פראָסט האָט פארצויגן מיט מעשונעדיקע געמעלן, געזען די ווײַסע בארכאנען פון דער טונדרע. דאָרט האָט זיך אָט פאנאנדערגעשפּילט, אָט ווידער זיך אײַנגעשטילט די וויוגע און פון מאנגל אין קויכעס זיך געשפּרייט איבער דעם שנייִיקן מידבער מיט נידעריקע ווײַסע פּאסן. די באלעבאטים פונעם צימערל האָבן שוין ניט איין מאָל געשטעלט דעם טשײַניק, אָבער מינינען האָט זיך ניט געוואָלט אוועקגיין, און זיי זײַנען געווען דערפון צופרידן.

זײַן אונטערן אופזיכט און שטענדיק פילן אַף זיך דאָס אויג פון די היטער פון דער אָרדענונג קאָן מען ניט. מע ווערט דערצו צוגעוווינט און מע באמערקט עס שוין ניט. די נידעריקערע פּאָליציי-טשינעס איז ניט געפעלן געוואָרן אָט דאָס פּאָרל. דער ברייטפּלייציקער שמיד מיט די פּרעכטיקע ברוינע וואָנצעס און דער שווארצכיינעוודיקער מאָגערער באָכער, וועלכער דערלויבט זיך ניט זעלטן אָפּצולאָזן א שטעכיקן וויץ אין פּאָנעם דער אומיטלבארער נאטשאלסטווע אפילע דעמלט (דאָס האָט מען גוט געוווּסט אין דער פּאָליציי-פארוואלטונג), ווען בא די פארשיקטע זײַנען געווען די סאמע הונגעריקע טעג. עפּעס האָבן

זיי זיך ניט אף קאַטאָוועס באַפרײַנדעט. און א טעווע האָבן זיי ביידע געהאַט — צו זוכן און געפינען ניט קיין געוואונטשענע קאָנטאַקטן. ניין, דער פּאָליציי-פאַרוואַלטונג געפעלט עס ניט.

דעם 23-טן פעוראַל האָט געבושעוועט א וויוגע, די הײַזער האָבן געקרעכצט אונטערן ווינט און זיך באַהאַלטן אין די שניי-בערג. אין אַזא מין וועטער וועט קיינער פרײַוויליק ניט אַרויסשטעקן די נאָז אין דרויסן, און די פאַרשיקטע, וועלכע האָבן שוין גוט דורכגעשטודירט די טנועס פון זייערע פאַרמאַטערטע דורך דער דינסט פּאָסטעכער, וואַרטן ניט אף קיין געסט. טאַקע אָט אַזעלכע טעג פלעגט אויסקלײַבן דער מיזאַמער אופזעער פעדאַראָוויטש צוליב באַזוכן די סאַמע אויסדערוויילטע פון זײַנע פאַרשיקטע. קוים אײַנגערעדט דעם אַלטן און פוילן זשאַנדאַרמסקן אונטעראָפיצער, האָט ער אים אָוועקגעפירט צום שטיבל אפן ראַנד פון דער שטאָט, וווּ עס האָט זיך שטיל און געמיטלעך געלעבט אָט דאָס געבענטשטע פּאָרל.

אָט ווען ס׳איז געקומען פעדאַראָוויטשעס שטערן-שאָ! נאָך דעמלט, בײַ דער אומגעלונגענער ערשטער באַקאַנטשאַפט, האָט ער געוווּסט, אַז אָט די שאָ וועט אומבאַדינגט זיך אים אײַנגעבן. און איצטער האָט דער פאַרכידעשטער אונטער בלויז היספּײַלעסדיק אונטערגעקרעכצט, קוקנדיק, וויאַזוי דער פּאָליציי-אופזעער שלעפּט אַראָפּ פונעם סאַמע אויבנוף לאַכלוטן ניט קיין פאַרבאַהאַלטענע ביכלעך און זשורנאַלכלעך — א גאַנצן פּאַק, און אַלע אומלעגאַלע, געפערלעכע.

אינדערפרי האָט פעדאַראָוויטש אָפּגעגעבן א ראַפּאָרט און דעם פּראָטאָקאָל דער נאַטשאַלסטווע. טשמאָקענדיק פאַרקלערט העלטפּען, האָט דער איספּראַווניק א שטיקל צײַט גערעדט וועגן מענטשלעכער אומדאַנקבאַרקײַט און דערנאָך אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל: לעבעדיעוון אָפּשיקן אין פאַרוואָרפענעם דאָרף אוסטוואַשקאַ, און זײַן יונגן שאָכן דאָס ערשטע מאָל מויכל זײַן. דעם איספּראַווניקס קינדערלעך שטייט פאָרט צו הארבסט האַלטן עקזאַמענס אין גימנאַזיע, און וווּ וועט ער אין אָט דער לאָך געפינען אַן אַנדערן רעפּעטיטאָר?

אָט דער ווערעמדיקער גימנאַזיסט אָבער האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען — ער האָט געפּאָדערט, מע זאָל אים אויך שטרענג באַשטראָפן. ס׳איז אויסגעקומען גוט א גרימע טאָן אף אים און אַרויסטרײַבן פונעם קאַבינעט. דעם 2-טן מאַרט, ווען ער האָט אונטערגעשריבן לעבעדיעוון די אַרויספאָר-דאָקומענטן, האָט וואַסילי איוואַנאָוויטש געקוקט א בייזער אין פענצטער, וויאַזוי עס געזעגענען זיך די פאַרשיקטע — זיי וויינען אַזש, ווי עס זאָגט זיך אינעם ווערטל: א הויקער וועט אפילע דער קייווער ניט אויסגלײַכן...

און פעדאַראָוויטש... וועגן ווידערשפּעניקן דעם העכערן שעף איז, פאַרשטייט זיך, קיין רייד ניט געווען. אויך האָט ער אפילע אין זינען ניט געהאַט, אַז מע דאַרף פּאָדערן פאַר די געכאַפּטע בא דער האַנט פאַרשיקטע עפּעס א מער שטרענגע שטראָף — ניין, ס׳איז ניט זײַן אייסעק. ער האָט פּאָשעט ליב געהאַט צו דערפירן יעדע זאַך צום סאָף. ווי א שפּורזוכערהונט מיט א גוטן שמעקער, האָט דער פּאָליציי-אופזעער פון דער שטאָט מעזען געהאַט א שעם אַלס באָקי אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די פאַרשיקטע, און די אינטויִציע האָט זעלטן-ווען אָפּגענאַרט דעם אומדערמידלעכן סלוזשאַקע.

אויך דאָס מאָל האָט ער ריכטיק אויסגערעכנט, אַז נאָך דער ערשט ניט לאַנג דורכגעפירטער אונטערזוכונג וועט דער איבערגעבליבענער אין מעזען גאָלדשטיין ניט וואַרטן אין דער נאָענטער צײַט א צווייטן באַזוך פונעם פּאָליציי-אופזעער, און ווען אין א כוידעש אַרום האָט פעדאַראָוויטש ווידעראַמאָל באַזוכט דאָס באַקאַנטע דירעלע, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אומגעקערט מיט א רײַכן פאַנג — מיט א פולן קאָמפּלעקט פון דער צײַטונג „זוועזדא״ פאַרן פאָריקס יאָר און מיט דרײַ נומערן פאַר הײַנטיקס יאָר. און כאָטש דער איספּראַווניק האָט ווידעראַמאָל זיך באַנוגנט מיט אַן אָרדנטלעכן מוסער, האָט דער אָנגענעמער געפיל פון אַן אויסגעפילטן כויוו און פולער דינסטלעכער אַנטשפּרעכונג געוואַרעמט די נעשאָמע פונעם אופזעער. ער האָט אפילע גענומען זיך באַציִען צום יונגן פאַרשיקטן מיט א מין קרענקלעכער ליבשאַפט — אָט אַזוי קוקט דער יעגער מיט א וואַרעמען געפיל אפן אונטערגעשאָסענעם ענטל, ווײַל דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַזויפיל אָנגענעמע מינוטן.

דער, וואָס איז געווען אונטערן אופזיכט, האָט, דאַרף מען זאָגן, קיין געפיל פון דאַנקבאַרקײַט בענעגייע דעם יעגער ניט געטראָגן. ער האָט זיך געפילט שולדיק און אומבאַקוועם פאַר די כאַווערים — אין רעזולטאַט פון יענער אונטערזוכונג האָט מען אָפּגענומען דעם גאָלדענעם פאָנד פון זייער ביבליאָטעק, און ער האָט זיך אַליין ניט געקאָנט מויכל זײַן.

מינין איז טאַקע געווען גערעכט. ווייניק וועלכע ביכער האָבן פאַר אים געעפנט אַזויפיל, וויפל עס האָבן אַנטהאַלטן אין זיך די געדיכטע שורעס פון דער ערשטער לעגאַלער רוסישער צײַטונג, דער אָרגאַן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. רוסלאַנד האָט געשטורעמט,

ווידעראמאָל זיך אָנגעגליט מיטן רויטן אופגאנג. די צייַטונג איז אים גלייַך געוואָרן צום הארצן מיט איר אומגעוויינלעכן — ס'האָט זיך אפילע ניט געגלייבט, אז אזא קאָן זייַן, — מיט איר טעמאטיק, מיט איר אופריכטיקייַט, מיטן סטיל, אין וועלכן ס'האָט זיך געפילט א לייַדנשאפט און ניט קיין אקאדעמישע אייַלנדיקייַט פון א גיכער שפּראך, ווי דער, וואָס רעדט, האָט געאייַלט זיך ארויסזאָגן וואָס גיכער, ווייַל אָט-אָט קאָן מען אים נאָך איבערשלאָגן די רייד (אזוי איז טאקע געווען — מיטיילונגען וועגן דער קאָנפיסקאציע פון אייניקע נומערן האָט אליין די צייַטונג געדרוקט). און אזוי ווי ער האָט געליינט ניט באזונדערע נומערן, נאָר דעם גאנצן קאָמפּלעקט, ווי מע ליינט א בוך, האָט ער דערנאָך באמערקט, אז די צייַטונג בייַט זיך פון נומער צו נומער. פון נאָיאבער, אשטייגער, איז זי מערקבאר אוועק אף לינקס — מיטיילונגען פון די ערטער, קאָמענטארן פון די געשעענישן האָבן אָנגעהויבן ארויסשטויסן די געגנויע באריכטן וועגן זיצונגען אין דער דומע. באזונדערס האָבן צוגעצויגן די אופמערקזאמקייַט די ארטיקלען, אונטערגעכאסמעטע מיט די ראָשעטייוועס „וו. פּ.". ווען ער האָט זיך געטיילט מיט די פרייַנט מיקויעך זייַנע ראיוינעס, האָט מינין פילדייַטיק א שמוך געטאָן:

— דו האָסט ריכטיק באמערקט. און פארוואָס, מיינסטו, איז דיר אזוי געפעלן אָט די ענדערונגען אין דער „זוועזדא"? פון נאָיאבער איז זי געוואָרן א סאך באָלשעוויסטישער. אפּאָנעם, עס זייַנען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער רעדאקציע. און „וו. פּ.", דאכט זיך מיר אויס, איז דער פּסעוודאָנים פון דעם הויפּט-באָלשעוויק, אוליאנאָוון, וועלכער איז אין די פּארטיי-פראגן אומבייגעוודיק און אומבעשאָלעמדיק. אָט ביסטו טאקע אוועק נאָך אים...

— אנדערש קאָן ניט זייַן, מיט אונדז וועט אָט דער באָכער זייַן, — האָט זיך אָפּגערופן אלעקסאנדער אראָסיעוו, זייער נייַער פרייַנט, וועלכער איז געזעסן אין א ווינקל, פארטיפט אין לייענען עפּעס, נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך, אז ער האָט גוט געהערט דעם געשפּרעך צווישן מינינען און גאָלדשטיינען.

אין מארט, זינט אראָסיעוו איז אָנגעקומען קיין מעזען ביז דעם, ווי מע האָט אים איבערגעשיקט קיין דאָלגאָשטשעליע, האָבן זיי אלע טעג פארבראכט אינדרייַען. אראָסיעוו, פּונקט ווי מינין, איז געווען אן אָפּשטאמיקער פון בייַוואָלגע, א באָלשעוויק. פּונקט ווי מינין האָט געפּרוווט זיך דערשלאָגן א דערלויבעניש, מע זאָל אים פארבייַטן די פארשיקונג מיט ארויספאָרן קיין אויסלאנד, — האָט מען אים אויך אָפּגעזאָגט.

פון קאזאן האָט מען אים ארויסגעשיקט קיין יארענסק. ער איז פון דאָרטן אנטלאָפן. מע האָט אים געכאפּט, אומגעקערט. דערנאָך — מיטן עטאפּ קיין וואָלאָגדע. פון דאָרטן — מיטן עטאפּ קיין ארכאנגעלסק. פון ארכאנגעלסק — קיין מעזען. אן אנדערער וואָלט עפּשער זיך בארויִקט, אָבער אראָסיעוו האָט פון די ערשטע טעג ניט געלאָזט צורו ניט זיך, ניט אנדערע. דער איספּראוונִיק איז שוין טויב געוואָרן פון די אָנקלאָגעס אף אָט דעם ווידערשפּעניקן פארשיקטן. אין מעשעך פון איין וואָך האָט מען אים אין געפּאקט אין פּרוּוון זיך ארויסדרייען פון דער אופזיכט — אפילע דעם סטראזשניק ניט געוואָלט אריינלאָזן צו זיך. „הייַנט, — האָט ער געמאָלדן פּאָשעט, — נעם איך קיינעם ניט אוף" — און טו אים עפּעס. רוף אים ארויס אין דער פארוואלטונג — רעדט ער אזעלכע רייד! וואָס מיינט ער, אגעוו, מיטן באזוכן די פארשיקטע? ער וויל זיי עפּשער פארייניקן ארום זיך? און מיט וואָס פאר א ציל?

אראָסיעוו האָט געוווּסט, צוליב וואָס. קלוימערשט ווי פון זיך אליין, פּאמעלעך, נאָר פעסט האָט זיך פאָרמירט אין מעזען א באָלשעוויסטיש געשטימטע גרופּע פארשיקטע. און דעם דאָזיקן דרייַלינג האָט נאָך דערצו פארייניקט א פּערזענלעכע פרייַנטשאפט.

דעם ייִנגסטן האָבן זיי א צונאָמען געגעבן — „גימנאזיסט". דאָס איז געווען אקטועל — די גאנצע פרייַע צייַט האָט דאָס ניט צעשיידטע דרייַלינג אָפּגעגעבן דער זעלבסטבילדונג, און גאָלדשטיין פלעגט זיך אָפט ווענדן נאָך א קאָנסולטאציע צו די מער געבילדעטע כאַווירים.

אראָסיעוו האָט, עמעס, לעכאטכילע זיך באצויגן צו אים, אין העסקעם מיטן צונאָמען, ווי צו א נאָך ניט באפעדערט האָנעכל. אָבער דאָס איז גיך פארגאנגען — ווען אין איינעם א שטרייַט און דערנאָך אין נאָך איינעם (און די דיסקוסיעס פלעגן זיך בא זיי פאנאנדערפלאקערן צענדליקער מאָל אין טאָג) האָט דער „גימנאזיסט" ארויסגעוויזן אזא אייַזערנע לאָגיק פון אומגעריכטע ארגומענטן, אז בא די אָפּאָנענטן זייַנע פלעגט זיך אָפּהאקן די צונג. אָט אזוי האָט זיך באם עלטערן געביטן די מיינונג וועגן דעם „האָנעכל", און ער האָט אים ליב באקומען, ווי אן אייגענעם זון. אראָסיעוון איז געפעלן געוואָרן אינעם נייַעם כאווער אלץ — וויִאזוי ער הערט אן אנדערן, וויִאזוי ער טייַטשט אויס דאָס דורכגעליינטע, וויִאזוי אייַנגעשפּארט, מיט אזארט פון אן אויספאָרשער גריבלט ער זיך אין די וואָרצלען פון פראנ-

צוזישע ווערטער, ווי עס וואָלט געגאַנגען אַ רייד וועגן פּאַטישע שורעס, רעדט ער וועגן פראַגן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און אפילע וויאַזוי ער זינגט (און זינגען פלעגט אים שטענדיק אויסקומען צו בעטן, ער האָט זיך געשעמט — און אומזיסט — מיט זײַן געדיכטן באַריטאָן, נישט פאַרטרויט ניט די שטים, ניט דעם געהער, האגאַם דאָס איז געווען ווי אַ מין צירונג פאַר זייערע זעלטענע הונגעריקע און ניכטערע יאָמטויווים).

די אידיליע אָבער האָט געדויערט ניט לאַנג. שוין אין אפּרעל האָט דער איספּראַווניק פאַראָרדנט אָפּשיקן אַראָסיעוון אין דאָרף דאָלגאָשטשעליע. זיי זײַנען אַלע געווען אופּגעבראַכט, נאָר אומבאַהאָלפן עפּעס-וואָס צו טאָן פאַר זייער כאַווער. נאָך מער, זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז אַף אַראָסיעוון וואַרטן נאָך נײַע אויספּרווון. ער האָט אָבער זיי באַרויִקט:

— כ׳בין אפילע צופרידן. „דאָלגאַיאַ שטשעל“ באַטײַט דאָך אַ לאַנגע שפּאַרונע, צו איר איז אפילע ווײַטלעך פאָרן וואַכן אויג פון דער נאַטשאַלסטווע. לאַנג וועל איך דאָרטן ניט זײַן. ווי נאָר ס׳וועט אַ ביסל וואַרעמער ווערן, וועל איך מאַכן די פּלייטע. כ׳דאַרף בלויז קיין מאָסקווע זיך דערקלײַבן — וועל איך שוין האָבן די געהעריקע דאָקומענטן, און אַ דאַך איבערן קאָפּ, און, פאַרשטייט זיך, אַ געהעריקע אַרבעט.

צו צעשיידונגען וואָלט מען שוין פון לאַנג געדאַרפט זיך צוגעוווינען, אָבער יעדער אָפּשייד האָט אַרויסגערופן ייִעש און אַנגסט, און נאָך שוידערלעכער — האגאַם ס׳האָט זיך געדוכט: וואָס מער נאָך שוידערלעכער קאָן שוין זײַן? — זײַנען געוואָרן די פּוסטע אײַנדערוואַכנס, דער פוילער צאַפּנדיקער פרילינג, וועלכן ס׳האָט ניט געסטײַעט קיין קויכעס אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם שניי, די הילצערנע מאָרדעס פון די פּאָליציייִשע טשינאָווניקעס, דאָס אומופהערלעכע פּלאַפּלערײַ פון דער באַלעבאָסטע.

אַ שטיקל פרייד פלעגן ברענגען בלויז די נײַע ביכער, אָבער די האַלב-גראַמאָטנע היטער פון דער אָרדענונג פלעגן אָפּנעמען אפילע די סאַמע אומשולדיקע. אַ באַליביקע דערמאָנונג פון אַזעלכע ווערטער, ווי „סאָציאַליזם“, „פּראָלעטאַריאַט“, „דעמאָקראַטיע“ — מיט וועלכע אין דער הויפּטשטאָט האָבן אַזוי לײַכט זשאָנגלירט אפילע די סאַמע בעשאָלעמדיקע בירגערלעך, — איז געווען אַ טערעץ צו קאָנפיסקאַציע. מינין פלעג אָפּט באַקומען פעקלעך מיט ביכער, און אין יעדן פעקל האָט די פּאָליציי געפונען עפּעס אַזוינס, מיט וואָס עס האָט זיך אינטערעסירט די זשאַנדאַרמסקע פאַרוואַלטונג. דעם 10 אַפּרעל איז פעדאָראָוויטש געקומען מיט אַן אָרדנטלעכער אונטערזוכונג, ס׳האָט אים, פאַרשטייט זיך, ווידעראַמאָל אָפּגעגליקט — דאָס מאָל האָט ער צוגענומען לאַסאַלס „קאַפּיטאַל און אַרבעט“. זיי האָבן געפּרוווט, געוויינלעך, עפּעס דערווײַזן, אָבער אומזיסט...

ס׳איז וואַרעמער געוואָרן. און ס׳זײַנען געקומען אַפן זינען אַראָסיעווס ווערטער. דערנאָך האָט מען פון אים אַ צעטעלע באַקומען — ער האָט געבעטן אים העלפן „זיך צוגרייטן צו דער רײַזע“. מע האָט זיי פּונקט אַרויסגעגעבן געלט אַף זומערדיקע קליידער — צו 11 רובל. האָט מען געקראָגן אַ נישקאָשעדיקן פּידזשאַק און הויזן, צונויפגענומען עטלעכע רובל און שפּײַז. אַלעקסאַנדער איז געקומען אינעם לעצטן טאָג פון מײַ, עס זײַנען שוין געשטאַנען ווײַסע נעכט און ניט געלאָזט שלאָפן. וויאַזוי ער האָט זיך דערווײַטערט איבער דעם נאַכטיקן טוי — ניט פאַרשווונדנדיק, נאָר צוביסלעכווײַז צעגייענדיק זיך אינעם נעפּל, — האָט זיך אַף לאַנג פאַרגעדענקט.

אין יול איז געקומען קלים וואָראָשילאָוו (באַ אים האָט זיך פאַרענדיקט דער טערמין), האָט איבערגעגעבן אַ גרוס פון מאַריִען. ס׳האָט אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ, ער האָט מיט יוליעטשקע פּאָליאַק זיך געקליבן קיין דאָראָגאָרסקאָיע, אָבער איבער מעזען האָט זיך פּלוצעם אָנגעהויבן אַ גאַנצע איבערקערעניש. פּאָליציי-לײַט זײַנען אַרומגעלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע צינגער, די פאַרשיקטע האָט מען שיר ניט מיט שטריק געבונדן, וואָרענענדיק, זיי זאָלן זיך ניט רירן פונעם אָרט. די הילצערנע ווענט פון דער טפיסע האָבן געסקריפּעט פון דער צאָל אַרעסטירטע. דער איספּראַווניק האָט זיך געטראָגן איבער דער שטאָט אַ בלייכער און בייזער. די שטענדיקע שיקערע אָרטיקע מיליטערישע קאָמאַנדע האָט פּלוצעם גענומען זיך פאַרנעמען מיט איבונגען און מושטרע.

דער אָרטיקער אוילעם האָט באַשלאָסן, אַז ס׳איז שוין אַ מילכאָמע. אָבער אַלץ האָט זיך דערקלערט זייער פּאָשעט: די אויעזדנע שטאָט מעזען האָט געוואַרט אַף אַ באַזוך פונעם נײַעם גובערנאַטאָר — סערגיי דמיטריִעוויטש ביביקאָוו האָט געדאַרפט אַהער קומען.

אין יענעם אווגוסט-טאָג האָט מען באַפרײַט די פאַרשיקטע, זיי זאָלן זיצן אינדערהיים. און ניט דערפאַר, וואָס מע האָט מוירע געהאַט, אַז עמעצער קאָן נאָך, כאָלילע, וואַרפן אַ

באָמבע, נאָר איבער אַן אַנדער סיבע. וואָס העכער ס'איז די נאַטשאַלסטווע, אַלץ מער דאַרף מען איר באַווײַזן, ווי מע היט אָפּ איר טײַער לעבן, ווײַל גאָט ווייסט, וואָס עס קאָן זיך טרעפֿן, אויב ניט האַלטן אומעטום אַן אויג. האָט מען די סאָלדאַטן אַרויסגעגעבן פּאַטראָנעס, אומעטום צעשטעלט אַ וואַך, איזאָלירט דעם אומגעווונטשענעם עלעמענט. עמעס, דאָס האָט אויסגעזען ווי אַ שפּיל, קיינער פֿון דער אָרטיקער מאַכט האָט ניט געגלייבט, אַז עמעצער קאָן אויפֿהייבן אַ האַנט קעגן דעם נײַעם גובערנאַטאָר. און קיינעם האָט אַפֿילע ניט געאַרט, וואָס די פֿאַרשיקטע האָבן געבראָכן דעם פֿאַרבאָט און זײַנען דאַפּקע אַרויס אין דרויסן — ווער איז דאָס אַ באַלן צו זיצן זומער אין דער דושנער שטוב, ביפֿראַט נאָך אין אַזאַ גרויסן יאָמטעוו.

צום דאַמפּער האָט מען דערלאַנגט פֿינף בעסטע געשפּאַנען־טראָיקעס. די גדוילים פֿון דער שטאָט האָבן זיך אויסגעשטעלט באַם טראַפּ אין ערן־קאַראַול און אויפֿגעהאַנגען אָף די פּענעמער ברייטע, אויסגעכאַזערטע באַ די שפּיגלען, שמייכלען. דער גובערנאַטאָר האָט זיך עפּעס פֿאַרהאַלטן, און די גדוילים פֿון דער שטאָט, שפּירנדיק איינער נאָכן אַנדערן, האָבן ניט געוואַגט איבערצורײַסן אָדער כאָטש אַ ביסל אָפּשוואַכן די שמייכלען: זיי זײַנען געשטאַנען, פֿאַרגליווערטע אין זייער אַרטיסטישער פּאָזע, געגליכן צו ליימענע גוילעמס.

ענדלעך האָט זיך באַוויזן דער גובערנאַטאָר — אינעם גענעראַלישן מונדיר, אַרומגערינגלט מיט אַדיוטאַנטן און מיט פּיסאַרס. דער איספּראַווניק איז אַרויסגעלאָפֿן צו אים אַנטקעגן — אַן אײַנגעבויגענער, אַ פֿלאַטערנדיקער, מיטן גאַנצן אויסזען אַליין האָט ער געדאַרפֿט באַווײַזן, ווי נידעריק ער איז לעגאַבע זייער הויכעקסעלענץ. און ער האָט טאַקע באַוויזן. סערגיי דמיטרי׳עוויטש, אַ צופֿרידענער, האָט דעם באַריכט הערן ניט פֿאַרלאַנגט — אויסגעשטרעקט פֿרײַנטלעך די האַנט, לאָפּין האָט זי גענומען מיט זײַנע בײדע יאָדאַ׳ים, געטרייסלט לאַנג, אָבער פֿאָרזיכטיק, ווי אַ טײַערע קײלע, און דאָס פֿאַרפֿאַליעט פּאָנעם זײַנס איז געווען פֿײַערלעך־באַגײַסטערט. נאָך אים האָבן זיך שוין די איבעריקע אַ שיט געטאָן — שטרענג לויטן ראַנזשיר, און אַלע צו דער גובערנאַטאָרישער האַנט. די הינטערשטע האָבן די העלדזער אויסגעצויגן, אונטערגעשפּרונגען פֿון הינטער פֿרעמדע פּלייצעס, זיך געסטאַרעט, אַז די גובערנאַטאָרישע אויגן זאָלן זיי אויך באַמערקן.

— ס'האָט זיך גאָרנישט ניט געביטן זינט שטשעדרינס צײַטן, — האָט בייז אַ שפּײַ געטאָן מינין.

זיי זײַנען געזעסן אָף אַ בערגל איבער דעם סאַמע האַפֿן. דעם גאַנצן פֿײַערלעכן ספּעקטאַקל האָט מען פֿונדאַנען געזען בעסער, איידער אין אַ טעאַטער פֿון דער גאַליאָרקע.

— און וויאַזוי וואָלט זיך געקאָנט בײַטן, סערגיי, אויב די אָרדענונג איז די זעלבע? פֿאַראַן אַ קייסער — וועלן זײַן אויך קייסאָרימלעך. און יעדער מעלעך וויל טראָגן די קרוין — אַנדערש איז ער ניט מאַסקים. דאָס קלייניטשקע קייסערל פֿירט זיך ווי אַ קנעכט, ווען ער שטייט פֿאַרן גרויסן קייסער, קעדיי די קלענערע פֿון אים זאָלן זיך אויפֿירן אויך אַזוי לעגאַבע אים. זעלבסטהערשונג איז ניט בלויז אַן אָרדענונג. דאָס איז אויך אַ כאַראַקטער, פּסיכאָלאָגיע. באַנאַנד מיטן קיניגרײַך דאַרף זײַן אויך קנעכטשאַפֿט — אַנדערש קאָן ניט זײַן. און וויבאַלד ס'איז אַזוי, דאַרף דער קאָוועד זיך אויסדריקן אין זעלבסטפֿאַרניכטונג, אַנדערש איז ער ניט קיין עמעסער. גיב נאָר אַ קוק — ניט בלויז דער גובערנאַטאָר איז צופֿרידן, אויך זיי זײַנען אָפֿנהאַרציק באַגײַסטערט. דער שטאָלץ פֿון אַ טשינאָווניק איז זיך אויסוואַלגערן אין שטויב פֿאַר דער גרויסער נאַטשאַלסטווע.

— דו רעדסט וועגן דעם אַזוי רויִק... אָבער דאָס איז דאָך אומנאָרמאַל!

— אָף דעם האַלט זיך די אָרדענונג. וואָס האָבן זיי נאָך, אָט די טשינאָווניקעס, אויסער די שפּילכלעך? אַ רויִק לעבן? קיין שום רו, איינע איבערלעבונגען. געלט? אַ באַליביק נישקאָשעדיק סויכערל שאַרט אַ סאַך מער, אויב אַפֿילע רעכענען דעם כאַבאַר. העכסטע אידייִ? אויך ניט. צוליב וואָס זשע דאַרפֿן זיי פֿאַרטיידיקן אָט די אָרדענונג? אָט צוליב דעם — פֿאַר אַזעלכע מינוטן. זיי גיבן אים צו פֿילן די אויסדערווײלטקײַט — אָט די אַלע ברעקלעך קאָוועד, אונטערטעניקײַט, די איליוזיע פֿון אַלמעכטיקײַט, ראַנזשיר. און ליב האָבן זיי אין איר אָט דעם ראַנג־לייטער, אַדאַנק וועלכן זיי קאָנען דערפֿילן זייער הייך — וויאַזוי מע זאָל דיך ניט טרעטן פֿון אויבן, איז שטענדיק פֿאַראַן עפּעס אַ טרעפּל, וואָס איז נידעריקער פֿון דיר, און דאָ קאָנסטו שוין אַליין איבער דעם טרעטן. אוי, כ'זאָל ניט פֿאַרפֿרוירן ווערן הײַנטיקן ווינטער, — האָט מינין אַ זיפֿץ געטאָן שטיפֿעריש, — כ'וויל דערלעבן ביז דער רעוואָליוציע...

די פֿײַערונג אין האַפֿן האָט זיך פֿאַרענדיקט. פֿינף געשפּאַנען־טראָיקעס, איינער נאָכן

אנדערן, האָבן זיך מיט גערויש און געקלאַנג א ריס געטאָן פון אָרט און אוועקגעיאָגט, אופהייבנדיק א שטויביקן שלֿייף, א לֿאַנגן און געדיכטן, ווי א רויך-פאָרהאַנג.

— עך, דו טראָיקא, ראַססייא-טראָיקא,— האָט טרויעריק דורכדעקלאַמירט מינין.— וויפֿל שטויב הייבסטו אוף — ניט אָפּצוטרייסלען!.. קום, אָפּטימיסט, קום צו מיר אף א גלֿעזל טיי.

די ניט געוויינלֿעכע אָנשטרענגונג האָט, ווײַזט אויס, גוט צעטרייסלט די נערוון-סיסטעם בא דעם הערשער פון מעזען. אינעם 5-טן טאָג פעווראַל, ערעוו דעם 300-טן יובילֿיי פונעם הויז פון די ראָמאַנאָווס, איז עפּעס געשען. צי זײַנען דאָס געווען אופבלֿיצן אף דער זון, צי האָט א פוילֿער ווינט א בלֿאָז געטאָן, נאָר נעמלֿעך אין אָט דעם טאָג איז דער הער מעזענער אויעזדנער איספּראַווניק פון אינדערפרי פארשלֿאָפט געוואָרן מיט אן ערנסטער קרענק פונעם געפיל פון אייגנלֿיבע.

אזוינס פלֿעגט מיט אים טרעפן זעלטן, און ווען עס האָט געטראָפן, פלֿעגט ער קוידעמקאָל פאַמעלֿעך זיך לֿאָזן איבער דער שטאָט, ארײַנקוקן אומעטום, וווּהין ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק, דערנאָך זיך אומקערן אין דער פּאָליצײַ-פאַרוואַלטונג און נעמען מוסערן אלֿעמען. איצטער, קנעטנדיק מיט די פּיס דעם שיטערן שניי און וואַרפנדיק זײַן מאָרעשכוירעדיקן בלֿיק אף לֿינקס און אף רעכטס, איז דער איספּראַווניק מיט יעדן טראָט אלֿץ מער געקומען צו דער איבערצײַגטקײַט, אז אלֿע זײַנען געוואָרן כוצפּעדיק ביזן העכסטן גראַד, פאָשעט זיך צעלֿאָזט!

און דאָס בייזע ווײַב, און די אומדאַנקבאַרע קינדער, און דאָס לֿעכערלֿעכע זשאַלֿאָוואַניע, און די אומגעלֿונגענע פאַרענדיקטע קאַריערע, און די פוילֿע אונטערגעאָרדנטע, און די ווידערשפּעניקע פאַרשיקטע — אלֿץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אינאיינעם. דער שפּאַציר איבער זײַן קיניגרײַך האָט ניט בארויִקט, נאָר פאַרקערט — נאָך מער אופגערעגט און ארײַנגעבראַכט דעם באַלעבאָס פון מעזען אין גרימצאָרן.

יאָ, אלֿץ האָט אים גערעגט. די היגע אינטעלֿיגענטן, וועלֿכע מע קאָן איבערציילֿן אף די פינגער, גייען מיט פּאַריסענע נעזער און ווילֿן אפילֿע ניט קוקן אין זײַן זײַט. די קרעמערלֿעך האָבן, קלוימערשט, אָפּשײַ, לֿעקן זיך אונטער, נאָר עס פילֿט זיך, אז זיי פאַרשטייען זייער אויבערהאַנט איבער אים, ווײַל ער האָט זיך ווירקלֿעך זיי פאַרקויפט פאַר נישטיקע „מאַטאָנעס”, אין העסקעם מיט זײַן פּאָליצײַישער זשאַלֿאָוואַניע...

אומעטום, ווו ער פלֿעגט זיך ניט באווײַזן אינעם קלֿיינינקן שטעטל מעזען, טרעפט ער אָן אף די „פּאָלֿיטישע” — מענטשן, לֿויט זײַן פאַרשטאַנד, אָן ערע און ראַנג, נאָר מיט א האָנאָר. אויך פון זיי זעט ער ניט צו זיך קיין שום אָפּשײַ, און ער האָט נאָך פון זיי צו זינגען און צו זאָגן. אויך מיר, מישטיינסגעזאָגט, יאַכסאָנים! וואָס בלֿאָזן זיי זיך אזוי און וואָס בונטעווען זיי? ער קאָן זיי דאָך, ווען ער וואָלֿט געוואָלֿט, אין איין אויגנבלֿיק צונישט מאַכן — זיי זײַנען דאָך אלֿע אין זײַנע הענט!

אהיים אף מיטיק איז דער איספּראַווניק ניט געגאַנגען. ער איז בעסער אוועק צו זײַן פרײַנטל, דעם הענדלֿער מיט רויכוואַרג — בא יענעם איז שטענדיק דאָ א גלֿעזל מאַשקע פון ריאַבינע. ווען ער האָט זיך דערקלֿיבן — שוין מיט א רויטער מאָרדע — צו זיך אין דער פאַרוואַלטונג, גרייט צו מאַכן פון אלֿעמען אש און פּאָרעך, האָט מען אים אונטערגעטראָגן א פלֿאַש מיט רעקווייזירטן ספּירט, און ביזן אָוונט איז ער שוין אינגאַנצן געווען א וואַרעמינקער. אָבער די מאָרעשכוירע האָט זיך ניט אײַנגעשטילֿט. נאָך שאַרפער האָט ער דערפילֿט די אָנגענעמע לֿאַסט פון די פּאַגאָנעס און פון די אַקסעלֿבאַנטן. די אונטערגעאָרדנטע האָבן געפילֿט, אז עס טוט זיך עפּעס אומגעוויינלֿעכס באַם איספּראַווניק אף דער נעשאָמע, און זיך געסטאַרעט אונטערמונטערן כאָטש מיט א מילֿדן בלֿיק. פונעם שכיינעסדיקן קלֿייטל האָט מען געבראַכט א געשמאַק שטיקל גערויכערטע פיש.

ער האָט, געוויינלֿעך, פונעם שטיקל פיש זיך ניט אָפּגעזאָגט. איצטער וואָלֿט מען געקאָנט אויסגיסן אף עמעצן דאָס ביטערע האַרץ, אָבער עס שטייט אים דאָך ניט אָן א שיס טאָן, ווי א פּראָסטער באָסערוועדאָם, גלֿײַך פון צוויי רערן אין הימל ארײַן. דערפאַר אָבער איז פאַראַן דאָס אַרטיקל 17 פונעם רעגלֿאַמענט וועגן פּאָלֿיצײַישער אופזיכט, וואָס דערלֿויבט אים אפילֿע אינמיטן נאַכט אופהייבן פון די געלֿעגערס די פאַרשאָלטענע פאַרשיקטע, צונויפנעמען זיי פאַר די אויגן און אָנוואַרפן א שרעק.

האָט ער זיך טאַקע אָנגעכאַפּט פאַר דעם, א רוף געטאָן דעם מעשאָרעס, און גלֿײַך האָט זיך געיאַוועט אין קאַבינעט דער שטענדיק ניכטערער, ווי א פּאָרווורף, פעדאָראָוויטש.

— זאַמל צונויף די „פּאָלֿיטישע”, מירן מאַכן אן אומגעריכטן קאָנטראָל, — האָט א זאָג געטאָן דער איספּראַווניק, רײַבנדיק מיט דער רעכטער האַנט א פאַרטערפּעטן פּוס.

פעדעראָוויטש האָט אָנגעטאָן דעם באַשליק.

איבער דעם גאַנצן שלאָפֿנדיקן מעזען האָבן געגומען ריפּען טירן. ניוראָנעווענדיק זיך אין די אָפּגעטראָגענע וואַטניקעס, שליאָפּענדיק מיט די אויסגעקרימטע, דורכגעווייקטע אין נעץ „קירזיאַקעס", האָבן זיך גענומען ציִען איבערן שטעטל דורך דעם נאַסן געוויטער צו דער פּאָליציי-פֿאַרוואַלטונג איינציקווײַז, פֿאַרלעכווײַז און גרופּעסווײַז די פאַרשיקטע. מע האָט זיך דורכגעוואָרפֿן מיט אַ וואָרט אין וועג: וואָס פֿאַר אַן אַליאַרעם אינמיטנדערינען? צוליב וואָס איז געמאָלדן אַט דער אַלגעמיינער סבאָר? פעדעראָוויטש האָט אויף די פראַגעס ניט געענטפֿערט. און ווען מע איז שוין גאָר בײַז צוגעשטאַנען, געבורטשעט.

— אָט ווען אַלע וועלן זיך צונויפֿקלײַבן, וועט מען זאָגן.

אין דער איבערגעפֿולטער דעזשורקע האָט זיך גלײַך גענומען פילן אַ רייעך פון פוילנדיקס, פונעם צעגליטן אײַזעלע האָט זיך געטראָגן אַ שטיקנדיקע פּאַרע. ניט אַלעמען האָט געקאָנט ארײַנעמען דער ענגער צימער. מ'איז געשטאַנען אפֿן גאַנעק, געררייכערט, אַפֿילע זיך געוויצלט, ווי אַלעמאָל, ווען עס קלײַבט זיך צונויף אַ גרויסע קאָמפּאַניע. ס'האָט זיך אָבער געפֿילט, אַז די אָנגעשטרענגטקײַט וואַקסט.

נאָך אַ האַלבע שאָ האָט מען אַזוי געהאַלטן אין אומבאַוווּסטקײַט דעם אויל֞עם, און דערנאָך איז, ענדלעך, צו אים אַרויסגעגאַנגען דער איספּראַווניק.

— אַלע זײַנען דאָ? — האָט ער שמייכלענדיק אַ פֿרעג געטאָן באַם אָפּזוער.

— אַלע, דאַכט זיך, — האָט מאַרעשכוירעדיק געענטפֿערט פעדעראָוויטש.

— נו, אויב אַזוי, איז אַלץ אין אָרדענונג. זאָל מען זיך אונטערכאַסמענען, אַז מע איז געקומען, און — אהיים. מיר בעטן אײַך גנעדיק צום טיש, הערן פֿאַרשיקטע.

ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ טומל. דער איספּראַווניק האָט אויף דעם געוואַרט. אַ פֿריילעכער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זײַן פּאָנעם, זיך צעפֿלאָסן נאָך ברייטער פון די וואָנצעס. „נו, טומלט זיך אויס, אָבער ניט אויף לאַנג, ווײַל איך קאָן אויך אַ גרים טאָן אויף אײַך... האָט איר שוין, הייסט עס, זיך דערמאָנט, וועגן עס איז באַלעבאָס איבער אײַך?"

אָבער דאָ האָט אַזוינס געטראָפֿן, וואָס ער האָט בעשום-אויפֿן ניט דערוואַרט. ס'האָט זיך אַרויסגערוקט פון פֿאַרנט אַט דאָס מאָגער באָכערל, מיטן דינעם העלדזל, גאָלדשטיין איז, דאַכט זיך, זײַן פֿאַמיליע, און אַ פֿרעג געטאָן מיט קאַס:

— דאָס איז אַלץ, צוליב וואָס מע האָט אונדז אַרויסגערופֿן?

— אַלץ, — האָט געענטפֿערט דער איספּראַווניק און צוגעגעבן מיט אַ ניצאָכנדיק שמייכעלע: — דערווײַל אַלץ.

— איז אָט וואָס, — האָט פֿאַרגעזעצט דער זעלבער פֿאַרשיקטער, — הײַנט וועלן מיר זיך ניט אונטערכאַסמענען. און אויך אויף ווײַטער זײַנען מיר ניט בעדייע זיך צו יאָווען אויף אַזעלכע דערנידעריקנדיקע אַרויסרופֿן.

די אויגן באַם איספּראַווניק האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. אַ ציטער איז אים דורכגעלאָפֿן איבערן גאַנצן קערפּער, זיך נאָכאַמאָל אומגעקערט: אַ באַקאַנטער נאָך פון דער קינדהײַט קיצלדיקער ציטער, וואָס אײַנשטילן אים קאָן מען בלויז מיט איינס — אַ זעץ טאָן געשמאַק, ביז ווייטעק אין דער דלאָניע. ער האָט שוין בוילעט געזען, ווי איבער אַט דעם מאָגערן פּאָנעם טוט זיך אַ גיס אַ שלענגעלע בלוט.

אָבער דאָ איז אויסגעוואַקסן פֿאַרן איספּראַווניק דער מאָסקווער סטודענט טיגראַן אַניִעוו, אָנגעגורט באַם בויך די שווערוואָגיקע האָריקע פויסטן און גלײַך אים אין פּאָנעם אַ געזאַלצן-צאַרנדיק וואָרט אַרויסגעשעפּטשעט.

ניכטער ווערנדיק פּאַמעלעך, האָט דער איספּראַווניק פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דאָך אַ בונט, אַן עמעסער בונט... מיט קימאַט אָפּגעשטאַרבענע פֿינגער האָט ער זיך אײַנגעקלאַמערט אין דער פּאַרטופּייע. ס'איז שרעקלעך געווען זיך צו דערקלײַבן צו דער קאַבורע. אַבי ניט אָנקוקן אַט די מאַסע, בלויז יעדן איינעם באַזונדער פֿאַרגעדענקען. אַזאַ סקאַנדאַל!

ווי אין אַ כאַלעם, איז פונעם רויטן נעפּל אַרויסגעשווומען גלײַך אויף אים סערגיי מינין:

— הער איספּראַווניק, איר האָט געהערט די געמיינזאַמע מיינונג. מיר וועלן אונדזער באַשלוס ניט בײַטן, — און האָט אַ רוף געטאָן: — קומט, כאַווייריִם!

און מ'איז אַוועק. זיך געלאָזט צו דער טיר — ווער מיט אויפֿגעבראַכטקײַט, ווער מיט אַ כויזעק-שמייכל, אַלע ווי איינער — צו דער טיר. בלויז אַניִעוו — אָט אַ כוואַט! (מיט אים האָט די אַרכאַנגעלסקער גובערניִאַלע מאַכט זיך ניט געקאָנט ספּראַווען, ער האָט נאָך אַנדערע אונטערגערעדט זיך ניט אונטערגעבן, האָט מען אים קיין מעזען אָפּגעשיקט אויף אויסצובעסערן.) בלויז ער איז ניט געווען צופֿרידן, וואָס דעם איספּראַווניק איז אָפּגעגאַנגען גלאַט. ער איז נאָכאַמאָל צו אים צוגעגאַנגען, אַ קוק געטאָן מיט צאָרן אין יענעמס פֿאַר-

שטיינערטן געזיכט און, ניט געפינענדיק קיין אָנווענדונג פאַר די הענט, א קלאַץ געטאָן אינעם מעכטיקן פויסט דאָס פּעקעלע שוועבעלער (אַף פּיץ-פּיצלער צעבראָכן!), א שפּײַ געטאָן דעם פּאָליציי-שעף אונטער די פיס און שוין נאָכדעם אוועקגעגאנגען, שיטנדיק מיט, אפּאַנעם, ניט קיין גוטע ווערטער אַף מאַמעלאַשן.

אין יענער נאכט איז מען ניט געשלאָפן.

די פּארשיקטע האָבן באהאנדלט דאָס געשעענע. ס'איז געווען קלאָר — מע דארף ווארטן אַף נײַע רעפּרעסיעס, אָבער די מער דערפארענע האָבן געוווּסט, אז אין די באדינ-גונגען פון פּאָליציייִשן ווילקיר קעמפן אויס די עטלעכע מענטשן, וועלכע מע וועט שטרענג באשטראָפן, די רעכט פאר אלע אנדערע, מע זאָל זיך מיט זיי באגיין מער מענטשלעך. יאָ, אנדערש האָבן זיי הײַנט באנאכט ניט געקאָנט האנדלען, אלץ איז געווען ריכטיק.

דער איספּראַווניק, געקומען צו-זיך נאָכן אינצידענט, האָט זיך געגרייט צו א קאָנטער-אָנגריף. ער האָט צונויפגענומען א פארשטארקטן נאריאַד, און איצט איז פּעדאראָוויטש שוין געלאָפן ניט צו וועקן די פּאָליטישע, נאָר די פּאָליציי-לײַט, וועלכע זײַנען פרײַ פון דעזשורסטווע. לויט אן אליארעם האָט זיך אופגעהויבן די גאנצע אויעזדנע פּאָליציע און אין פארייניקטע רייען זיך געלאָזט אין אָנגריף.

די איניציאַטאָרס האָט מען געטראָפן אין מינינס דירע. א געוויינלעכע אונטערזוכונג און דערנאָך — א פּערזענלעכע, דאָס הייסט, אז מע אונטערזוכט אלעמען, וועלכע מע טרעפט אין דער דירע פונעם בונטאר. נאָר דורכגעפירט אָט דעם אָנגענעמען איניען, האָט דער איספּראַווניק סיִוויסיי זיך ניט באַרויִקט. די מיִעסע געשיכטע וועט ניט באשײַנען זײַן אמט. גאָט צו דאנקען, כאָטש די איניציאַטאָרס האָט זיך אײַנגעגעבן צו פארגעדענקען.

דרײַ איניציאַטאָרס פונעם בונט האָט מען פארשטעקט אין די ווײַטסטע דערפער פו-נעם אויעזד. און ווער ווייסט, מיט וואָס עס וואָלט זיך פארענדיקט די דאָזיקע געשיכטע, ווען ניט דער העכסטער מאַניפעסט. די צארישע גנעדיקײַט אין צוזאמענהאנג מיט דער גרויסער פרייד — דעם 300-טן יובילײ פונעם הויז פון די ראָמאַנאָווס — האָט פארקירצט אַף א יאָר די פארשיקונג בא יענע, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער אן עפנטלעכער אופזיכט.

באם „אופגעדעקטן אין דער אָנגעהעריקײַט צו דער פארברעכערישער געזעלשאפט" אַסטראַפּאָליער רעוואָלוציאָנער האָט זיך שוין סיִוויסיי פארענדיקט דאָס לעצטע יאָר אַפּקומעניש אין מעזען. נאָר אפילע צוויי כאַדאָשים זײַנען אויך געווען אָנגעלייגט.

זײַ געזונט, מעזען! זײַ געזונט, אַסטראַפּאָל!

די כאווירים האָבן אים צונויפגעזאמלט געלט אפן וועג. מאריִע איז נאָך פארבליבן — מע האָט איר צוגעזאָגט הילף פון דער קאזנא, און ס'איז אויסגעקומען ווארטן. עטלעכע טעג זײַנען אזוי דורכגעגאנגען — צוגרייטן זיך אין וועג ארײַן, א מאסע פּאַפּירן, געזעגע-נישן... זיי האָבן זיך טאקע צעשיידט אין אײַלעניש. אין גערויש פון די אָפּפאָרנדיקע, אפן אויסגעטאָפּטשעטן שניי באם ארויספאָר אפן טראקט האָט מאריִע אָנגענייגט זײַן קאָפּ מיט ביידע הענט, קאלט א קוש געטאָן אין שטערן און אים אָפּגעלאָזט.

— נו, פלי אוועק, פייגעלע. זאָג ניט צו, אז דו וועסט שרײַבן. און אויב דו וועסט גליקלעך זײַן מיט מײַנע טפילעס, — דערמאָן כאָטש דעם נאָמען.

— לעסטערט ניט גאָט, מאדאם וואָלאָדארסקאיא, מע פארגעסט טפילעס, אָבער ניט ליבע נעמען, — האָט ער זיך אָפּגעוויצלט.

און גלײַך פארשטאנען, אז דאָס איז ניט קיין וויץ.

און ווען ער האָט א שפּרונג געטאָן אין וואָגן, און ווען די פערד האָבן זיך גערירט פון אָרט, דער וועג איז אוועקגעשווומען מיטן שליטן-צוג, ווען מע האָט זיי נאָכגעשריִען די לעצטע ווונטשן און זיי האָבן שוין ניט פאנאנדערגעקליבן קיין ווערטער און ניט בא-מיט זיך צו פאנאנדערקלײַבן זיי, ווען עמעצער האָט פארצויגן א ליד און אים א טאָרע געטאָן אין פלייצע, ער זאָל זי אונטערכאַפּן, — האָט ער אלץ געקוקט, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער זעט אָט דאָרטן, אין דעם אַף אייביק פארשווונדענעם אָרט פון זײַן ניט לײַכטער יוגנט, אפן אשיק-שנייִיקן וועג, צווישן אלעמען, צווישן אנדערע איר פיגור אין דער אראָפּגעוואָרפענער אַף די אקסלען שאל, אז ער זעט זי נאָך אלץ אינעם צעשווומענעם סילועט און דערנאָך — אינעם שווארצן פינטעלע באם אָנהייב פונעם שליטן-

שפּור, ווּ, שוין א גאַר ווײַטס, ווערט פאַרשווונדן דאָס שטעטל מעזען. אָבער, אפּאָנעם, דאָס אַלץ האָט זיך אים בלויז אויסגעוויזן...

אין אַסטראַפּאַל איז שוין געווען אַן עמעסער פרילינג. די סעדער האָבן געשמעקט, מעובערעסע מיט ווײַנשל-צוויט. די פערד האָבן געזונקען אין בלאָטע. די שטרויענע דע-כער האָבן אויסגעדאַמפּט דעם פאַראיאָריקן שניי. פייגל האָבן געצוויטשערט אינדערפרי מיט שוין אויסגעלײַטערטע שטימען.

די מאַמע איז פונקט געווען בא דער שכיינע. יענע האָט געלעבט באַם סאַמע טײַך לעבן הילצערנעם בריקל, וואָס איז דורכגעלייגט פון ברעג צו ברעג איבערן סאַמע וואַסער. א בריקל, וואָס אַלע רופן — די קלאַדקע. דער געשפּרעך איז געווען בא דער קאַליטקע — וועגן דעם וועטער, וועגן די פרײַזן אַפן מאַרק, וועגן די קינדער... די קלאַדקע האָט א סקריפּע געטאָן — עמעצער איז געגאַנגען דורך איר פון יענעם ברעג.

די מאַמע האָט א קוק געטאָן גלאַט אזוי, אומגערן און האָט פּלוצעם אויסגעשריִען:

— אוי, זונעלע מײַנער!

זי האָט געוואָלט זיך א וואָרף טאָן צו אים, נאָר גלײַך פאַרשטאַנען, אז זי קאָן זיך ניט רירן פון אָרט — ניט איבערן טיפן קלעפּיקן ליים, נאָר ווײַל די פיס האָט עפּעס אַן אומבאַוווּסטער קויעך אָפּגענומען. און דאָך האָט זי זיך א ריס געטאָן און איז אַוועקגעלאָפן איבערן גליטשיקן אַראָפּלאָז, אַלץ גיכער און גיכער, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט ניט צו באַווײַזן, ניט צו דערלויפן, ביז עס וועט ניט פאַרשווינדן אָט די זעונג, אָט דער כאָלעם פון אַזויפיל נעכט, וועלכער פלעג פאַרשווונדן ווערן, ווי נאָר זי פלעג עפענען די פאַר-טרערטע און אויסגעוויינטע אויגן.

דער זון האָט ווי פאַרשטאַנען איר מוירע און האָט זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי אפילע אַף קיין טויזנטכיילעק פון א רעגע ניט פאַרשווינדן פונעם אויג, ניט אָפּנאַרן איר זעונג — גענוג.

אָט אזוי האָבן זיי זיך אַרומגענומען, — אינמיטן דעם טײַך, — הוידענדיק זיך איבערן וואַסער, ווי פייגל אַף א צווײַג, ווײַל א קלאַדקע איז א בריקל, וואָס הוידעט זיך, און די מאַמע האָט געפּלאַטערט מיטן גאַנצן קערפּער און געכליפּעט, און ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט און דערזען, ווי קליין און ווי לײַכט זי איז באַנאַנד און אין פאַרגלײַך מיט אים, דעם גרויסן.

זיי זײַנען געזעסן באַם טיש, די שוועסטער האָבן זיך נאָך געשעמט פאַרן ברודער — אזא מין דערוואַקסענעם און פרעמדן (טאַניע איז שוין קימאַט א קאַלע-מויד, און פאַניעטשקע האַלט אין איין פאַריכטן דעם צאָפּ מיט א קינדערש-פּרוּוויִשן זשעסט און לאָזט אַלעמאָל אַראָפּ די אויגן). מע דערציילט אים, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, וויִאזוי ס׳איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע דער טאַטע — קלוימערשט אין דאָרף אַרײַן פאָרט ער, און דעריבער האָט מען אים ניט געטאָרט באַגלייטן, און ער, א פאַרכוישעכטער פון בענקשאַפט, האָט געדאַרפט מאַכן אַן אָנשטעל, אז ער פאָרט, ווי געווינלעך, ניט אַף קיין לאַנגער צײַט און פאַריכט עפּעס אין די זאַכן, וואָס ליגן אַפן וואָגן, און די מיידעלעך האָבן געוואָלט וויינען, און זיי האָבן זיך פאַרקליבן אַפן צווייטן שטאָק פון דער הילצערנער קלייט און שוין פון דאָרטן געקוקט אַפן טאַטן, צוגעטוליעטע איינע צו דער אַנדערער, און האָבן געוויינט, נאָר ניט אַף א קאָל.

מע האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אָנריידן ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן און זיך צוגעוווינען צום מילדן שמייכל פונעם שוין עלטערן מאַנצבל אין דער מישפּאָכע, ווי ס׳איז אַרײַנגעקומען, אָפּרייניקנדיק די שטיוול, דער פּאָליציי-סטראַזשניק און געהייסן מאָיסייען זיך יאַוווען צום פּריסטאַוו.

די מאַמע האָט גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט און מיט וואָס עס קאָן זיך ענדיקן. זי האָט קוק געטאָן אַף דער באָבען מיט טרוקענע אויגן:

— אז געשוואָלן זאָלן זיי ווערן! ניט פאַרגינט אונדז דאָס גליק כאָטש אַף איין טאָג... איך קאָן שוין ניט אויסהאַלטן פון די צעשיידונגען.

יאָ, דעם געוועזענעם פאַרשיקטן האָט מען ניט אַרויסגעלאָזט פונעם אויג. ער האָט איצט געלעבט אינדערהיים, גענומען זוכן די אַלטע פרײַנט, נאָר די פּאָליציי האָט אים די גאַנצע צײַט נאָכגעקוקט. קיין אונטערשייד צווישן מעזען און אַסטראַפּאָל איז ניט געווען. די באַפרײַונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א גאַנץ באַדינגלעכער.

שוין דער ערשטער אַרויספאָר קיין ליובאַר, די באַגעגעניש מיט די קאָמיטעטשיקעס האָבן אים איבערצײַגט: די פאַרבליבענע אַף דער פרײַ האָבן זיך זייער ווייניק געביטן. ער

אָבער איז שוין געקומען גאָר אַן אַנדערער. פון סאַמע אָנהייב האָבן זיי גענומען ריידן אַף פאַרשיידענע שפּראַכן. נאָר מע דאַרף די אַרבעט פאַרזעצן.

ס׳האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. ווי נאָר ער האָט קוים אָנגעהויבן אָנצוטאַפּן די אַלטע פעדעם, האָט מען אים גלײַך א צי געטאָן פאַרן שטריקל:

— זיצן!

דער פּריסטאַוו האָט זיך ניט צערעמאָניעט.

— וואָס? — האָט ער געשריִען, א רויטער, ווי א בוריק. — ווייניק דיך אָנגעלערנט? פּרווו נאָר זיך נעמען פאַר די אַלטע שטיק — וועסטו בא מיר ניט וואָס אין פאַרשיקונג, נאָר אַף קאַטאָרגע פוילן!

קיין שום איבעריקס, קאָן מען זאָגן, האָט דער אַרטיקער פּאָליציי-טשינאָווניק ניט צוגעזאָגט. ווירקלעך, איצטער וואָלט געווען נאָר איין וועג — קאַטאָרגע. זיצן אָבער אָן אַרבעט בלויז דערפאַר, וואָס מע קאָן דיך נאָך פאַרשיקן אַף קאַטאָרגע, האָט ער ניט גע-קאָנט. בײַטן דאָס וווינונגס-אָרט האָט ער ניט געהאַט קיין רעכט, איז געבליבן איינס — עמיגראַציע.

מ׳האָט אָנגעשריבן דעם טאַטן. ניט מיט קיין אָפענע דיבורים, נאָר פאַרדרייט — די צענזור זאָל ניט דערשמעקן, וועגן וואָס עס גייט א רייד. דער טאַטע האָט געענטפערט מיט א ריידנדיקן בריוו. ער האָט שוין אַרויסגעשיקט א שיפסקאַרטע.

די שיף, אַף וועלכער ער האָט געדאַרפט אַרויספאָרן, איז דערטרונקען געוואָרן. אַזוי האָט מען געהערט אין דער מישפּאָכע. נאָר ער האָט סײַוויסײַ אַף יענער שיף פאַרשפּעטיקט. עמעס, ער האָט ניט געוווּסט, אַז מע דאַרף ניט אײַלן צו דערטרונקען ווערן, נאָר ער האָט געצײַלט.

פאַר אים, דעם קליִענט פון דער פּאָליצייִשער אופזיכט, איז אַן אויסלענדישע רײַזע פון א רוסישן פּאָרט געווען פאַרמאַכט. אַזוי אַז קוידעמקאָל האָט מען געדאַרפט גאַנווענען די גרענעץ, און אַזאַ מאַסמיטל ווערט פאַרווירקלעכט ניט לויט א שטרענגער רעשימע. נו, האָט ער פאַרשפּעטיקט.

דאָס לעצטע מאָל האָט ער זיך באַנוצט מיט די אַלטע פאַרבינדונגען, וועלכע זײַנען שוין געווען פאַר אים פרעמדע. אינעם גרענעץ-יישעוו האָט מען אים געבעטן צוואַרטן א טאָג צוויי. זיצן שטיל. דערנאָך האָט מען אים געבראַכט צו א באַגלייטער-קאָנטראַבאַנ-דיסט, א מאָרעשכוירעדיקן, ניט באַריידעוודיקן באָכער מיט טיפע, ווי די נאַכט, סאַמעטישע אויגן און מיט א צײַלעמל אַפן האַלדז, מע האָט אים מיט כשיוועס גערופן יאָשע. אַפן נאָמען — יאַנקל — האָט ער זיך ניט אָפּגערופן.

צום ברעג איז מען אַרויסגעגאַנגען גאַנצפרי. דער טײַך איז געווען ניט קיין ברייטער, נאָר א שנעלשטראָמיקער. זיי האָבן זיך אויסגעטאָן און זײַנען, האַלטנדיק די אײַנגע-בונדענע אין קלומעקלעך קליידער איבערן קאָפּ, אַרײַן אין וואַסער. יאָשע איז געגאַנגען זיכער, געקוקט אין אַלע זײַטן, ברייט צעבלאָזן די נאָזלעכער, ווי ער וואָלט נאָכן רייעך געקאָנט דערהערן, צי עס דערנעענטערן זיך ניט קיין זשאַנדאַרמען. דער באַגלייטער איז געווען נידעריקער לויטן וווּקס און דאָס וואַסער איז אים דערגאַנגען ביז דער קין, וואָס ער האָט אַפילע ניט באַמערקט, א פּאַרטיפּטער אין געהיטקייט און אָנגעשטרענגטקייט, — דאָס אָרט האָט ער געוווּסט ביזן לעצטן סאַנטימעטער. און ווירקלעך, דערנאָך איז דער שטראָם געוואָרן שטילער, דער דנאָ — העכער.

פאַרטשעפּענדיק זיך אין די בײַברעגיקע שטיינער און שליאָפּענדיק שטיל, קימאַט אָן קיין שום קלאַנג, איבערן שליים, זײַנען זיי אַרויס אַף דער יאָבאָשע אין שאָטן פון פעלד-זיקע קוסטעס, און ביידע האָבן אָפּגעאָטעמט פרײַ, אָוועקוואַלגערנדיק זיך גלײַך אַפן שער-שאַוון גראַניט, וואָס איז קוים געווען באַדעקט מיט מאָכיקן גראָז.

— נו, האַלט, אַז די טויפונג ביסטו שוין דורכגעגאַנגען, — האָט האָפערדיק-מונטער א זאָג געטאָן דער קאָנטראַבאַנדיסט, וועלכן די אויסגעמײַדטע געפאַר האָט פּלוצעם אַרײַנ-געבראַכט אין היספּײַלעסדיקער פרייד. — וויאַזוי רופט מען דיך?

ער האָט א טראַכט געטאָן, אַז א פּאָר א געטויפטן וועט דער נאָמען „מאָיסיי" זײַן, אַפּאָנעם, צו הויך. האָט ער זיך אופגעהויבן און געזאָגט:

— וואָלאָדאַרסקי.

(סאָף פון ערשטן בוך)

לייב ווילסקער

אַן אומבאַוווּסטע גניזע־קאָלעקציע אין דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק

אין 1971 האָב איך פאַרענדיקט פאַר דער אַלפאַר־באַנדישער ביבליאָטעק אַף וו. אי. לענינס נאָ־מען אין מאָסקווע אַ שריפטלעכן קאַטאַלאָג, וווּ איך האָב באַשריבן 11 העברעיִשע קסאוויאַדן פון דער געוועזענער מאָסקווער גײַסטלעכער אַקאַדעמיע. די באַשרײַבונג איז אַרײַן אין דעם אַלגעמיינעם שריפט־לעכן קאַטאַלאָג פונעם פאָנד „II. 173” פון דער לענין־ביבליאָטעק. אַזוי־אַרום, איז דער איצטיקער שיפר פון די קסאוויאַדן: [1] ГБЛ ОР Ф. 173. II, № 118/I—118/II

אין פּראָצעס פון זייער באַאַרבעטונג זײַנען פאַר מיר אַנטשטאַנען דרײַ הויפּט־פראַגעס: ערשטנס. וויִאַזוי־אַרום און ווען זײַנען אָנגעקומען די קסאוויאַדן אין דער מאָסקווער גײַסטלעכער אַקאַדעמיע? ווער איז געוועזן זייער פריִקער אייגנטימער, זייער זאַמ־לער? צווייטנס. דער אינהאַלט און די וויסנשאַפט־לעכע ווערט פון די קסאוויאַדן. דריטנס. פונוואַנען שטאַמען די קסאוויאַדן, זייער אורקוואַל?

ווײַטער וועל איך דערציילן וועגן די רעזולטאַטן פון מײַנע פּרוּוון צו געפינען ענטפערס אַף אָט די פראַגעס.

צוהילף איז מיר קוידעמקאָל געקומען דער קסאַוו־יאַד 118.4. אַף דער לינקער זײַט פון זײַן ערשטן בלאַט האָב איך איבערגעלייענט אַ צושריפט אין רוסיש: «Листы от различных еврейских рукописей. Дар. ст. Е. Апостолиди». („בלעטער פון פאַרשיידענע העברעיִשע קסאוויאַדן. אַ מאַטאָנע פונעם סט[ודענט] יע. אַפּאָסטאָלידי”).

ווער זשע איז יע. אַפּאָסטאָלידי?

אַפּאָסטאָלידיס נאָמען — און אויסער דעם נאָמען מער קיין וואָרט ניט — האָט זיך אָפּגעפונען אין די „רעשימעס פון די סטודענטן פון דער מאָסקווער גײַסטלעכער אַקאַדעמיע, וועלכע האָבן פאַרענדיקט אַ פולן אַקאַדעמישן קורס אין 1890—1903”[1] און אין די „רעשימעס פון סטודענטן, וועלכע האָבן פאַרענ־דיקט אַ פולן קורס פון דער אימפּעראַטאָרישער גײַסטלעכער אַקאַדעמיע אין ערשטן יאָרהונדערט פון איר קיִעם (1814—1914)”[2].

די קנאַפּע ידיִעס וועגן אַפּאָסטאָלידין דערגאַנצן אייניקע אַרכיוו־מאַטעריאַלן[3], פון וועלכע מיר באַ־קומען דאָס פאָלגנדע בילד פונעם פריִערדיקן אייגנ־טימער פון די העברעיִשע קסאוויאַדן.

יעווּפימי קאָנסטאַנטינאָוויטש (אַזוי איז זײַן פאָ־לער נאָמען) אַפּאָסטאָלידי, לויט דער נאַציִאָנאַליטעט אַ גריך, איז געבוירן געוואָרן אַפן אינדזל ציפּערן אין 1866. אין יוני 1888 האָט ער געענדיקט די מאָסקווער גײַסטלעכע סעמינאַריע. אין אויגוסט פו־נעם זעלבן יאָר האָט ער דערלאַנגט אַ ביטע צו־לאָזן אים צו די אַרײַנטריט־עקזאַמענעס אין דער מאָסקווער גײַסטלעכער אַקאַדעמיע. ווי עס ווײַזט זיך אָבער אַרויס, האָט מען אים אין עטלעכע כאָ־דאָשים אַרום, לויט אַ ספּעציִעלער פאַראָרדענונג פו־נעם סינאָד פון 17 דעקאַבער 1888, באַפרײַט פון די עקזאַמענעס און באַשטימט אַלס סטודענט פונעם ערשטן קורס. מיר וועלן זיך דערלויבן אַרויסזאָגן אַ השערע, אַז די דערמאָנטע העברעיִשע קסאוו־יאַדן האָט יע. ק. אַפּאָסטאָלידי, גענוי אין יענער צײַט, דערלאַנגט אַלס מאַטאָנע דער אַקאַדעמיע. גע־

---

[1] ГБЛ ОР Ф. — Государственная библиотека им. Ленина, Отдел рукописей, Фонд.

[1] «Списки студентов Московской духовной академии, окончивших полный академический курс в 1890—1903 гг.», издание Свято-Троицкой Сергиевой лавры, 1903

[2] Списки студентов, окончивших полный курс имп. Московской духовной академии за первое столетие ее существования (1814—1914)», Сергиев посад, 1914.

[3] Центральный гос. исторический архив СССР, фонд 802, опись 9, дело № 34, 1892, лл. 32 об. — 33, 37; дело № 33, часть I, 1892, лист 137; Центральный гос. архив г. Москвы, фонд 229, опись 4, дело № 108, листы 1—7.

לערנט האָט ער זיך, ווי עס ווײַזט אויס, אָן פלײַס און איז גאַנץ ווייניק געפעלן געוואָרן זײַנע גאַסט־פּראַקטיקע לערער. לויט 21 לערן־געגנשטאַנדן האָט ער באַקומען צו 3 אָדער 4 באַלן. פאַר זײַן אויפירונג האָט ער אויך באַקומען א נידעריקן באַל — א 4.

אין 1892 האָט ער פאַרענדיקט דעם 47־טן קורס פון דער אקאַדעמיע און באַקומען דעם טיטל „קאַנדידאַט". זײַן קאַנדידאַט־אַרבעט האָט ער געשריבן אין רוסיש. זי איז געווען געווידמעט דער גריכישער פּריצײַטיקער פּאַרקריסטלעכער און קריסטלעכער ליטעראַטור. איר אָפּיציעלער טיטל: «Мнения святых отцов и учителей церкви греческой первых пяти веков об изучении греческих языческих писателей». („די מיינונגען פון די הייליקע פּאַטערס און פון די לערער פון דער גריכישער קירך אין די ערשטע פינף יאָרהונדערטער וועגן לערנען [די ליטעראַרישע שאַפונגען] פון די גריכישע געצנדינערישע שרײַבער").

די אָפּיציעלע מעלוכע־אָרגאַנען האָבן זיך באַציִגן צו אַפּאָסטאָלידין מיט א באַגרענעצטן צוטרוי; אַלס אַן אויסלענדער, איז אים אויסגעקומען דערלאַנגען א ביטע אָף א דערלויבעניש צו וווינען אויסער דעם אינטערנאַט אין א פּריוואַטער קוואַרטיר אין סערגייעווסקי פּאַסאַד. אויסער דעם, האָט ער אין 1892 געמוזט געבן א געכאַסמעטע פּאַרפּליכטונג, אז אין פאַל פון ענדערן זײַן וווינאָרט, דאַרף ער גלײַך וועגן דעם מעלדן סײַ דעם אָבער־פּראָקוראָר פונעם „הייליקן סינאָד", סײַ אין דער קאַנצעליאַריע פון דער אקאַדעמיע.

אויב פאַנאַנדערטיילן די קסאָוויאַדן פון אַפּאָסטאָלידיס קאָלעקציע לויט די זשאַנרען, געהערן די ערשטע 8 נומערן צו דער פּראָזע, פון וועלכע די נומערן 118.1—118.7 שטעלן מיט זיך פאָר טאַנאַך־פּראַגמענטן און דער נומער 118.8 — א פּראַגמענט פון א סידער. העברעיִשע דיכטונג פון דער צווייטער העלפט פונעם ערשטן יאָרטויזנט געפינט זיך אין די קסאָוויאַדן 118.9—118.11, וועלכע האָבן אַן אוניקאַלן כאַראַקטער.

די פּראַגמענטן פונעם טאַנאַך רופן ארויס א וויסנשאַפטלעכן אינטערעס מיט זייער עלטער, אָף וויפל אייניקע פון זיי זײַנען אומאָפּהענגיק פון ביידע מאַסאָרעטישע שולן פון בען אשער (געלעבט אין טווריע אין 10־טן יה.; דער איצטיקער נוסעך פונעם טאַנאַך, דער טראָפּ און די נעקודעס באַזירן זיך אָף זײַן רעדאַקציע) און זײַן מיטצײַטלער און ליטעראַרישער קעגנער בען־נאַפטאַלי.

פון ביבליאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, פונעם שטאַנדפּונקט פון דער געשיכטע פון דער טעכניק פון שרײַבן אין מיטלאַלטער בא ייִדן, זײַנען אינטערעסאַנט אייניקע פּראַטים. די שורעס און שפּאַלטן זײַנען ליניִרט מיט דער טעמפּער זײַט פון אינסטרומענטן, און דער טעקסט איז געשריבן אונטער די ליניִרטע שורעס. אויסיִעס ווערן באַנוצט פון פאַרשיידענער גרייס. די אויסערלעכע ראַנדן פון אייניקע קסאָוויאַדן זײַנען דורכגעלעכערט.

די קסאָוויאַדן זײַנען פון פאַרשיידענע פאָרמאַטן; אייניקע פון זיי פאַרמאָגן א „קעשענע־פאָרמאַט".

כראָנאָלאָגיש (באַדינגלעך) קאָן מען פאַרלייגן דאַטירן די קסאָוויאַדן ניט פריִער פונעם 9־טן און ניט שפּעטער פון דעם 12־טן יה. זיי זײַנען געשריבן מיצאַד פאַרשיידענע סאָפרים אין פאַרשיידענע צײַטן, מיט פאַרשיידענעם טינט.

אייניקע קסאָוויאַדן זײַנען ניצל געוואָרן פון א סריפע (אָדער: פון סרייפעס). דאָס איז צו זען פון זייערע אָפּגעברענטע ראַנדן.

קסאָוויאַד 118, נומער 9

לאָמיר אָנהייבן אונדזער באַשרײַבונג פונעם קסאָוויאַד 118, נומער 9, נעמענדיק אין אכט זײַן אוניקאַלן כאַראַקטער און וואָגיקע וויסנשאַפטלעכע ווערט פאַר דער געשיכטע פון דער העברעיִשער דיכטונג.

דער קסאָוויאַד באַשטייט פון 8 פּאַרמעטענע בלעטער, וועלכע זײַנען צונויפגענייט אין איין העפט. זיי האָבן קימאַט א קוואַדראַטן פאָרמאַט: 15,5 אָף 15,0 סמ. און דער טעקסט — פון 12 ביז 13 סמ. די הייך אָף 12 סמ. די ברייט. צו 16־18 שורעס אָף א זײַטל. בלויז די לינקע זײַט פונעם 7־טן בלאַט איז אָן א טעקסט. דער טעקסט איז געשריבן מיט טונקל־ברוינעם טינט און איז קימאַט גאַנצלעך לייענבאַר. באַדינגלעך וואָלט מען געקאָנט דאַטירן דעם קסאָוויאַד ארום 11־טן יה., אויב ניט פריִער. ס'איז צום באַווּנדערן פונעם פּאַלעאָגראַפישן שטאַנדפּונקט די אין א געוויסער מאָס ענלעכקײַט פונעם שרײַבן „ה" און „ח" אינעם קסאָוויאַד אין פאַרגלײַך מיט די זעלבע אויסיִעס פון די אַזויגערופענע „קסאָוויאַדן פונעם טויטן יאַם". פּאַרטיפּערנדיק זיך אינעם אינהאַלט פון דעם העפט און אויך אין זײַן פאָרמאַט, קומט מען צום אויספיר, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א טייל פון אַן אוניקאַלן מאַכזער. פּונקט ווי אַנדערע סידורים און מאַכזיירים האָבן דערהאַלטן ביז אונדזערע צײַטן אומבאַקאַנטע ווערק פון באַוווּסטע און אומבאַוווּסטע מיטלאַלטערלעכע דיכטער, אַזוי איז אויך געשען מיט אָט דעם פּראַגמענט.

אומבאַוווּסטע דיכטערישע ווערק אינעם קסאָוויאַד

1. „מלך אין בלתו" (א מיילעך, וואָס אויסער אים איז ניט פאַראַן). באַשטייט פון דרײַ סטראָפעס, יעדע פון וועלכע עס האָט א זעלבשטענדיקן גראַם. דער פרײַער געבוי פון דער ליד האָט קיין שום געמיינזאַמס ניט מיט די פערזן־מאָסן, וועלכע די העברעיִשע פּאָעזיע האָט בא זיך אײַנגעפירט אונטערן אײַנפלוס פון דער אַראַבישער.

דער טעקסט געפינט זיך אָף ביידע זײַטלעך פונעם ערשטן בלאַט.

2—3. צוויי קליינע פּיעסן, אויסגעהאַלטענע אין איין גראַם: „־מים". די ערשטע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „פלא תעש" (דו וועסט וווּנדערן שאַפן), די צווייטע — מיט „לעולם ועד" (אָף אייביק). ביידע פּיעסן זײַנען פאַנאַנדערגעטיילט מיט

אַן אָנהייב פֿון אַ גרעסערן טעקסט: „זה צור י[שענו] (דאָס איז דער פֿעלדז פֿון אונדזער הילף).

דער טעקסט געפֿינט זיך אױף דער לינקער זײַט פֿונעם צווייטן בלאַט.

קיין אוטאָר איז דאָ ניט אָנגעוויזן. עס וועט אָבער ניט זײַן גרונטלאָז די השערה, אַז דער פֿאַרפֿאַסער איז כעדוועטא (וועגן אים באַאריכעס — ווײַטער). די דאָזיקע השערה באַזירט זיך אױף דעם אידענטישן געבוי פֿון אַנדערע צוויי פּיעסן, וועלכע הייבן זיך אָן מיט די זעלבע ווערטער און זײַנען פֿאַנאַנדערגעטײלט צווישן זיך מיט די זעלבע ווערטער „זה צ[ור ישענו]. דאָרט לייענט זיך לויטן אַקראָסטיך דער אוטאָר: חדותא. די פּיעסן האָט אַנטפּלעקט און דעם נאָמען פֿונעם אוטאָר האָט פֿעסטגעשטעלט מ. זולאַי (1901—1954) אין זײַן אַרטיקל „פּיוטים חדשים לר' חדותא" — נײַע פּיוטים פֿון כעדוועטא (תרביץ — לייען טאַרביץ, באַנד 22, 1950, ז. 28—42).

4. „יום אחד למולכו" (איין טאָג פֿון זײַן קיניגשאַפֿט). דאָס איז אַן אַלעפֿבייס־אַקראָסטיך; נעמט אַרום די אויסיעס „א" — „ש", דה. אַלע, אויסער „ת". דער פּיעט איז בא הײַנט־צו־טאָג ניט פֿאַרעפֿנטלעכט, כאָטש ער רעכנט זיך אויך צווישן די מאַטעריאַלן פֿון דער קאַירער גניזה אין קעמברידזש אינעם טיילאָר־שעכטער־פֿאָנד H 5/195. דער צושטאַנד און פֿולקײַט פֿונעם דערמאָנטן קסאוויאַד איז אונדז ניט באַוווּסט.

דער טעקסט געפֿינט זיך אױף ביידע זײַטלעך פֿון דער דריטער בלאַט, דה. אומיטלבאַר נאָך די צוויי דערמאָנטע פּיעסן.

5. „אנא הבט ממרומים" (ביטע, קוק פֿון הימלהויכקײַט).

ווי טיף מיר וועלן זיך ניט גריבלען אינעם אינהאַלט פֿון דער ליד, וועלן מיר ניט געפֿינען קיין בולטע שפּורן פֿונעם מאָמענט פֿון איר פֿאַרפֿאַסונג. דאָ איז אַלץ פֿאַראַלגעמיינערט. אָט איז, למשל, די איבערזעצונג פֿון אייניקע שורעס: „האָב ראַכמאָנעס אױף די געפֿאַלענע און שלאַבעריקע" (שורע 10), „לערן מיך כאָכמע און מוסער" (15), „ראַטעווע אונדז פֿון קלעם" (42), „קער צוריק אום די שאַרפֿע שווערד אין שייד" (45), „ראַטעווע אונדז פֿון אַ שאַרפֿער צונג" (46), „דערמוטיק אָפּגעשוואַכטע הענט" (49) אאַז. אויסער אַ ריין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער טראָגט די ליד אויך אַן אַלגעמיינמענטשלעכן כאַראַקטער: „האָב ראַכמאָנעס און לאָז לעבן די קינדער פֿון שטערבלעכקײַט, היט זיי אָפּ פֿון טויט־געפֿאַר" (26, 27). געוויס געמיינט: פֿון אַן עפּידעמיע, אָדער פֿון אַן ערדציטערניש, וועלכע האָבן געזאָלט זײַן פֿריש אין זיקאָרן פֿונעם פֿאַרפֿאַסער און זײַנע מיטצײַטלער.

אין געגעבענעם פֿאַל, ווען מיר שטודירן אַ ליטעראַרישן דענקמאָל פֿון דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט, איז פֿאַר אונדז וויכטיק ניט נאָר זײַן אינהאַלט, נאָר אויך די פֿאָרם.

„אנא הבט ממרומים" שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אַקראָסטיך: „א־ת, חדותאל חזק".

פֿאַנאַנדערטײלנדיק די ליד אין געהעריקע שורעס און סטראָפֿעס, באַקומען מיר דאָס פֿאָלגנדע בילד. די ליד באַשטייט פֿון 56 שורעס, וועלכע בילדן 14 פֿירשורעדיקע סטראָפֿעס, יעדע פֿון וועלכע עס האָט אַ זעלבשטענדיקן גראַם.

פֿאַרן אוטאָרס מאַניר אין דאָזיקן ווערק איז כאַראַקטעריסטיש דאָס באַנוצן זיך מיט פּעריפֿראַזעס[1]. אַלע פֿערטע שורעס פֿון די סטראָפֿעס אָן אויסנאַם הייבן זיך אָן מיטן וואָרט „בצדק" — מיט גערעכטיקייט, נאָך וועלכן עס גייט אַ פּעריפֿראַזע, וועלכע איז אין טאָך גענומען ניט ענג פֿאַרבונדן מיטן פֿאַריקן אָדער שפּעטערדיקן טעקסט. לאָמיר פּרוּוון דעשיפֿרירן זייער אינהאַלט.

שורע 4. „אב בא בימים" — אַ באַיאָרטער פֿאָטער. די פּעריפֿראַזע איז געבויט אױפֿן בוך „בראשית" (בערײשיס, 1:24). געמיינט: אברהם (אַווראָהאַם).

שורע 8. „יצא לשוח בשדה" — ער איז געגאַנגען שפּאַצירן אין פֿעלד. באַזירט זיך אױפֿן זעלבן בוך (בערײשיס, 63:24). געמיינט: יצחק (ייִצכאָק).

שורע 12. „תם יושב אוהלים" — אַן אומשולדיקער, וועלכער זיצט אין געצעלטן. באַזירט זיך אױפֿן זעלבן בוך (בערײשיס, 27:25). געמיינט: יעקב (יאַאַקאָוו).

שורע 16. „מלך ברהטים נאסר" — אַ מײלעך געבונדן אין... ?? — אַ ציטאַטע פֿון „שיר השירים" (שיר־האַשירים, 6:7). די באַדײַטונג פֿונעם וואָרט „רהטים" איז שטרײַטבאַר אין דער וויסנשאַפֿט. דער טאַרגום זאָגט, אַז דאָ רעדט זיך וועגן יעקב. עס איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז אונדזער אוטאָר האָט דאָ געהאַט אין זינען שלמה (שלוימע), וועמען די טראַדיציע שרײַבט צו די אוטאָרשאַפֿט פֿון „שיר השירים".

שורע 20. „עלה (אָדער: עלם) עשירי" — ער איז אַרויף דער צענטער (אָדער: דער צענטער יוגנטלעכער). מיר זײַנען גענייגט צו האַלטן, אַז דאָ ווערט געמיינט דער צענטער זון פֿון יעקב, וועלכן מע האָט גערופֿן זבולון (זעוווּלון).

שורע 24. „גם יגדל נא" — זאָל ער אויך, ביטע, גרויס זײַן. באַזירט זיך אױפֿן זעלבן בוך (בערײשיס, 19:48). געמיינט: מנשה (מענאַשע).

שורע 28. לקח מחתה — ער האָט גענומען אַ קױלן־פֿאַן (אָדער: פֿײַערבעקן). באַזירט זיך אױפֿן בוך „ויקרא" (וואַיִקראָ, 12:16). געמיינט: אהרן (אַהאַראָן).

שורע 32. „קינא קנאת שמך" — ער האָט אײַפֿערזיכטיק זיך באַצויגן צו דײַן נאָמען. באַזירט זיך אױף דער געשיכטע, וועלכע איז באַשריבן אינעם 25־טן קאַפּיטל פֿונעם בוך „במדבר" (באַמידבאַר). געמיינט פינחס (פּינכאַס).

שורע 36. „הפיל שלשים ואחד" — ער האָט פֿאַלן געמאַכט (באַזיגט) איין און דרײַסיק. באַזירט זיך אױפֿן בוך „יהושע" (יעהאָשוע, 24:12). געמיינט: יהושע.

שורע 40. „טלה חלב העלה" — אַ זויגנדיק לעמעלע האָט ער מאַקריוו געווען. באַזירט זיך אױפֿן ערשטן בוך „שמואל" (שמועל, 9:7). געמיינט: שמואל.

שורע 44. „קראָך ממעמקים" — ער האָט דיך גערופֿן פֿון טיפֿענישן. באַזירט זיך אױפֿן בוך „תהלים"

[1] אַ פּעריפֿראַזע באַשטייט אין דעם, וואָס אױפֿן אָרט פֿון אָנרופֿן מיט איין וואָרט אַ געגנשטאַנד אָדער אַ דערשײַנונג, באַנוצט מען זיך מיט באַשרײַבונגען.

(טעהילים, 1:130). געמיינט: דויד (דאוויד), וועמען די טראדיציע האלט אלס פארפאסער פונעם בוך.

שורע 48. „קראך אל רחום וחנון״ — ער האָט דיך גערופן: „גאָט בארעמהערציקער און גנעדיקער״. באזירט זיך אפן בוך „שמות (שעמאָט, 6:34). געמיינט: משה (מאָשע).

שורע 52. „פילל איש חמודות״ — עס האָט געבעטן דער גלוסטיקער (באליבטער) מאן. באזירט זיך אפן בוך „דניאל״ (דאניעל, 19:10). געמיינט דניאל.

שורע 56. „ראה שרפי אל״ — ער האָט געזען גאָטס מאלאָכים. באזירט זיך אפן בוך „ישעיהו״ (יעשאיאהו, 2,1:10). געמיינט: ישעיהו.

פון די אויבנדערמאָנטע פעריפראזן באקומען מיר א רעשימע פון פערצן נעמען אין פאָלגנדן סיידער: 1. אברהם, 2. יצחק, 3. יעקב, 4. שלמה (?), 5. זבולון (?), 6. מנשה, 7. אהרן, 8. פינחס, 9. יהושע, 10. שמואל, 11. דויד, 12. משה, 13. דניאל, 14. ישעיהו.

אפן ערשטן אויגנבליק קאָן זיך דוכטן, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט באוווסטע טאנאך־פערסאָנאזשן, און מער גאָרניט. נאָר דאָס איז אויסגעשלאָסן! אלס טאנאך־פערסאָנאזשן איז די רעשימע ניט אויסגעהאלטן ניט פון כראָנאָלאָגישן שטאנדפונקט, ניט פון דער ראָליע, וועלכע זיי האָבן געשפילט אין דער ייִדישער געשיכטע. אזא אומקאָנסעקווענטקייט, אזא לאָגישע ניט אויסגעהאלטנקייט איז אומעגלעך צוצושרייבן א דיכטער, וועלכער האָט געוויס געקענט דעם טאנאך אף אויסווייניק!

אין זעלבן קסאוויאד (בל. 5, לינקע זייט — 6, לינקע זייט) זעען מיר, לעמאָשל, דעם פּיעט, וועלכן ס'האָט פארפאסט שלמה־סולימן בן עמי אלסנג׳ארי (געלעבט, ווייזט אויס, אין באָוול אין 10־טן יה). „אם עונינו ענו בנו ענייה״ — אויב אונדזערע זינד האָבן קעגן אונדז איידעס געזאָגט. און דאָרט ווערן דערמאָנט אין פאָלגנדן פולקום כראָנאָלאָגישן און לאָגישן סיידער די פערסאָנאזשן פונעם טאנאך: אברם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, נאָכאמאָל משה, יהושע, שמואל, דויד און שלמה, אליהו, אלישע, יחזקיה, יונה, דניאל, חנניה, מישאל און עזריה.

זוכנדיק אן ענטפער אף דער פראגע: וואָס זשע סאָפּקאָלסאָף קאָן מיט זיך פאָרשטעלן דער אויסטערלישער נעמען־ריי אין „אנא הבט ממרומים״, דערלויבן מיר זיך אלס האשאָרע בלויז פאָרלייגן, אז דאָס איז דער פרווו פונעם אווטאָר פארייביקן זיין גענעאלאָגיע.

דעם פראָפ. כ. שירמאן האָבן מיר צו פארדאנקען מיטן פעסטשטעלן דעם נאָמען פונעם דיכטערס פאָטער. כ. שירמאן האָט פארעפנטלעכט אפן סמאך פונעם קעמברידזשער קסאוויאד, טיילאָר־שעכטער, נייע סעריע, נומער 46, א ליד, וועלכע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אדריכה לשון״ (איך וועל לאָזן אין וועג די צונג, — אין זיין בוך: שירים חדשים מן הגניזה — נייע לידער פון דער געניזע, 1965, ז. 16). די ליד באשטייט פון פירשורעדיקע סטראָפעס, אין וועלכע די פערטע שורעס בילדן אן אקראָסטיך: „חדותא בירבי אברהם״ (חדותא, דער זון פון אברהם). אזויארום, האָט כ. שירמאנס אויסגאַבע באשטעטיקט, אז דעם פאָטער פונעם דיכטער האָט מען גערופן אברהם, דה. געגוי אזוי, ווי עס הייבט זיך אָן די צוזאמענגעשטעלטע דורך אונדז רעשימע.

אויב די האשאָרע וועט זיך באשטעטיקן, באקומען מיר, אדאנק דעם מאָסקווער קסאוויאד, די גענעאלאָגיע פונעם דיכטער פאר 14 דורירעס נאָכאנאנד, דה. אן אויסטערלישע דערשיינונג אין דער ליטעראטור־געשיכטע בא ייִדן.

6. אומיטלבאר נאָכן סאָף פונעם פּיעט „אנא הבט ממרומים״ גייט אן אנדערער, וועמענס אינהאלט איז געבויט אף דער וויזיע פונעם ערשטן קאפיטל פון יעכעזקל. רער אָנהייב איז: „וחיות ארבע מרובעים פנים מזה ומזה בכל אשר יפנה זה פונה גם זה גועשות בכנפיהם...״ (און פיר כייעס מיט קוואדראטע פענעמער [שטייען] פון דער זייט און פון יענער. ווּהין עס ווענדט זיך איינער, ווענדט זיך אויך דער אנדערער, זיי רוישן מיט זייערע פליגל...). דער גראם איז דורכויס „זה״ (לייען: זע). דאָס איז אן אקראָסטיך: „א־ת, חדותאל״.

דער פּיעט איז רייך מיט בילדער. די כייעס טראָגן אף זיך דעם טראָן. אף זייערע קעפּ איז אויסגעצויגן דער הימל, די כייעס יאָגן זיך אהין און אהער, נאָר די פראכט ווערט ניט צעשטערט. זיי פליִען שנעל ווי א בליץ, נאָר טרייסלען ניט דעם טראָן. פון זייער שווייס רינט ארויס א פייערדיקער טייך.

אָט ווי עס קלינגט דער אָקאָרשט אויסגעלייגטער אינהאלט אינעם אָריגינאל, לויט די זעקס אויסיִעס „ה״ — „י״ פונעם אלעפבייס־אקראָסטיך:

הוד דמות כיסא סובלים כזה כן זה
ועל ראשיהם רקיע נטוי על זה ועל זה
זוהרו כעין הקרח הנורא כראם החוזה
חשות ברצוא ושוב ולא מזיזות הוד זה
טסות כבזק ולא מרעישות כס זה
יוצא נהר דינור מזעתם מאימת זה

די כסימע „חדותאל חזק״ לייענט זיך אין די אָנהייבן פון די שורעס, וועלכע גייען גלייך נאָכן אלעפבייס־סיידער פונעם אקראָסטיך: „חשכם — האלט זיי אָפּ, „דשנם״ — מאך זיי פעט, „ושובבם״ — און קער זיי אום, „תושיע״ — העלף, „או״ — אָדער, „להעלות ארוכה״ — צו ברענגען היילונג, „חמול״ — דערבארעם זיך, „זועקים״ — שרייען, בעטן, „קוראים״ — רופן.

דער טעקסט איז געבראכט אף דער לינקער זייט פונעם פערטן בלאט און אף דער רעכטער פונעם פינפטן. דער דאָזיקער בלאט איז דאָ פאָרגעשטעלט מיט א פאָטאָקאָפּיע, אין וועלכער ס'איז געבראכט דער פאָלגנדער טייל פונעם אקראָסטיך: „ק—ת, חדותאל חזק״.

וועגן דעם פארפאסער פון די לידער

עס איז ניט צו געפינען א צווייטן שרייבער אָדער דיכטער בא ייִדן, וועמענס נאָמען, ביִאָגראַפיע, לעבנסוועג און שאפן זאָלן אף אזויפיל ארויס־

קסאוויאד 118/9, בל. 5, רעכטע זײַט. אקראָסטיך: חדותאל חזק

רופן כלוקעדייעס צווישן די געלערנטע, ווי דער, וועמענס אייניקע אומבאוווסטע שאפונגען מיר האָבן אָקאָרשט דערמאָנט.

הדותה, הדותהו, חדותא, חדותאל

אין 1927 האָט דער באַרימטער דײַטשישער געלערנטער פּאול קאהלע פאַרעפנטלעכט אין זײַן בוך „די מאסאָרעטן דעס וועסטענס" אלטערטימלעכע פּיוטים פון דער געניזע. אין 1929 האָט א. שפּאַניער באמערקט, אז די פּיוטים באשטייען פון געכאסמעטע אקראָסטיכן מיטן נאָמען „הדותה" אָדער „הדותהו". אין 1929 האָט י. מ. אלבאָגען (1874 — 1943) אין דער טיילאָר־שעכטער־זאמלונג פון קעמברידזש אנטפּלעקט א פּיוט, אין וועלכן דער געלערנטער האָט אײַנגעפונען אן אקראָסטיך, וואָס טראָגט א כסימע: „חדותא". מיט דער צײַט האָט דער באוווסטער אונגארישער פאָרשער א. שײַבער פאַרעפנטלעכט אייניקע פראגמענטן פון דעם דאָזיקן ווערק אפן סמאך פון פיל אנדערע קסאוויאדן פון פאַרשיידענע זאמלונגען. העיויס עס איז גוט באוווסט, אז אין אייניקע דיאַלעקטן בא ייִדן איז ניט צו אונטערשיידן צווישן „ה" און „ח" איז אלבאָגען געקומען צום אויספיר, אז די ביידע נעמען „הדותה" און „חדותא" שטעלן מיט זיך פאָר איינעם און דעם זעלבן דיכטער. קעגן דער אידענטישקײַט פון ביידע נעמען איז ארויסגעטראָטן מיט א ריי פאָרשונגען מ. זולאי (1901 — 1954), וועלכער האָט אויך פובליקירט נײַע אקראָסטיכן פון „חדותא". עס האָט זיך צעפלאַקערט א מאכלויקעס צווישן געלערנטע. דער פראָפ. נ. נ. עפּשטיין (1878 — 1952) און דער באוווסטער פאָרשער פון דער מיטלאלטערלעכער ליטעראטור און העברעיִשער ביבליאָגראַפיע א. מ. האבערמאן (געב. 1901) זײַנען ארויסגעטראָטן מיט ארטיקלען, אין וועלכע זיי האָבן פאַרטיידיקט די אידענטישקײַט פון „הדותה" — „חדותא". דאקעגן מ. זולאיס שטעלונג אין דער דאָזיקער פראגע האָט אונטערגעהאלטן אין עטלעכע ארבעטן דער פראָפ. פליישער (געב. 1928). דער פראָפ. כ. שירמאן האָט אין זײַן בוך „שירים חדשים מן הגניזה" — נײַע לידער פון דער געניזע (1965) — פובליקירט, צווישן אנדערע, א ווערק, וועמענס אקראָסטיך באשטייט פון „חדותא בירבי אברהם חזק" (כעדוועטא, דער זון פון אווראהאם, שטארק זיך), ווי אויך אנדערע פּאָעטישע ווערק, געכאסמעטע „חדותא". אין א געוויסער צײַט איז דער פראָפ. שירמאן געווען געניגט צו האלטן „הדותה" און „חדותא" פאר איינער און דער זעלבער פערזאָן; אזא אויספיר קאָן מען מאכן אפן סמאך פון זײַן ארטיקל אין ענגליש אין 1953 Hebrew Liturgical Poetry and Christian Hymnology.

אין דעם דאָזיקן ארטיקל זאָגט ארויס דער געלערנטער א האשאָרע, אז דער דיכטער יאנײַ האָט געזאָלט לעבן ארום פערטן יה. און „עס קאָן זײַן, אז מיר פארמאָגן פּיוטים פון זײַנעם א פאָרגייער חדותא (אפשר שיש בידינו פיוטים ממי שקדמו הריהו הפייטן חדותא)".

אין זײַנע „נײַע לידער פון דער געניזע" קאָנקרעטיזירט ניט פראָפ. שירמאן זײַן שטעלונג צו דער פּראָבלעם „הדותה" — „חדותא". ער ווײַזט בלויז אָן, אז חדותא האָט „געלעבט אין פּאלעסטינע, ווײַזט אויס — אין פעריאָד פון דער הערשאפט פון ביזאנט". ער ציט אויך אונטער א סאכאקל און ברענגט צוויי רעשימעס. איינע באשטייט פון 13 פּיוטים, געכאסמעטע „הדותה", און די צווייטע — פון 12 פּיוטים, געכאסמעטע „חדותא".

דאָ מוז אונטערגעשטראָכן ווערן אויך די באַמערקונג פון י. נ. עפּשטיין, אז אין 1339 האָט דער שפּראַכקענער שלוימע בען שמועל, וועלכער האָט געלעבט אין דער שטאָט דזשאָרדזשאנדזש אין טורקעסטאן, אויסגענוצט אין זײַן העברעיִש־פּערסישן ווערטערבוך א ציטאטע פון א ווערק פון חדותא.

א נײַעם בלאט אין דער פאָרשונג פון דער פּאָעטישער ירושע פון חדותא האָט ארײַנגעבראַכט דער פּראָפ. ע. פליישער מיט זײַן פאָרשונג „חדותא בירבי אברהם — ראשון לפייטני איטליה?" — צי איז כעדוועטא, דער זון פון אווראהאם דער ערשטער צווישן די פּײַטאָנים פון איטאליע? („איטליה", באנד 2, נומער 1 — 2, 1981), ווו ער האָט ענדלעך סומירט אלץ, וואָס עס איז באוווסט וועגן חדותא ביז הײַנט־צו־טאָג. וויכטיק איז די דאָזיקע ארבעט פון עטלעכע שטאַנדפּונקטן. ערשטנס, דאָ איז געגעבן א טיפער ליטעראַרישער אנאליז פון אלע ביז איצט באוווסטע ווערק, וועלכע מע שרײַבט צו חדותא. צווייטנס, דער געלערנטער האָט דאָ פאַרעפנטלעכט אומבאוווסטע פערזן פונעם דיכטער אפן סמאך פון א קסאוויאד, וועלכער געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פונעם קעמברידזשער אוניווערסיטעט. דריטנס, און דאָס איז ניט ווייניקער וויכטיק. אפן סמאך פונעם אויספאָרשן די כראָנאָלאָגישע און געאָגראַפישע פּראָטים אין די שאפונגען פון חדותא קומט פליישער צום אויספיר, אז איינס פון די ווערק פון חדותא איז פארפאסט געוואָרן אין יאָר 833. ער ברענגט אויך פיל רײַעס, אז חדותא זאָל זײַן דער ערשטער העברעיִשער דיכטער אין איטאליע. אויב די דאָזיקע האשאָרע וועט מיט דער צײַט געפינען נאָך צוגאָב־באַשטעטיקונגען, פאַרברייטערט זיך דער האָריזאָנט פון אונדזער וויסן וועגן דער קולטורעלער און ליטעראַרישער אנטוויקלונג פון ייִדן אין איטאליע אין נײַנטן יאָרהונדערט.

לויט דעם, וואָס עס זאָגט אונטער דער מאָסקווער קסאוויאד, איז דער פולער אייגננאָמען פונעם דיכטער געווען „חדותאל" (כעדוואטאייל), וואָס באטײַט אין העברעיִש: גאָטס פרייד (פארגלײַך דעם דײַטשישן נאָמען „גאָטספריד"). דער זעלבער דיכטער האָט געשאפן אויך א ריי אקראָסטיכן, געכאסמעטע „חדותא".

דער נאָמען „חדותא" (כעדוועטא) באטײַט אף אראמעיִש „פרייד". זײַן אָפשטאם לאָזט זיך אָבער אויך פארשטיין פון העברעיִש — א געקירצטע פאָרם פון „חדותאל". דאָס קירצן די לעצטע זילבן (אויסיִעס) אין פערזענלעכע נעמען בא ייִדן איז א באוווסטע דערשײַנונג. פארגלײַכט, לעמאָשל, די אדעקוואטע נעמען: „ירמיהו" — פון „ירם יהוה" — „ירמיה" (און עפשער אפילע „ירמי"); „יוסף" און „יוסי" (לייען: יאָסיי). אין געגעבענעם פאל איז וויכטיק פעסטצושטעלן, אז אונדזער דיכטער באנוצט זיך באגלײַך מיט ביידע כסימעס — סײַ מיט „חדותא", סײַ מיט „חדותאל". פונדאנען דרינגט קוידעמקאָל ארויס, אז קיין פראָבלעם „הדותה" — „חדותא" איז מער ניט פאראַן. דער נאָמען „הדותהו", אָדער „הדותה" האָט קיין שום שײַכעס ניט צום נאָמען „חדותאל" — „חדותא". דאָס זײַנען נעמען פון צוויי פארשיידענע דיכטער.

דעם נאָמען „חדותאל" געפינען מיר אין אייניקע לידער פון דעם דיכטער, וועלכע ס'האָט פובליקירט מ. זולאי זעלבסט און געלייענט אין זיי „חדותא".

אין 1939 האָט מ. זולאי פארעפנטלעכט אין „ידיעות המכון לחקר השירה העברית" (מיטיילונגען פונעם אינסטיטוט צו פאָרשן די העברעיִשע דיכטונג, ב. 5, 1939, ז. 111—120) אן ארטיקל „לקורות הפיוט בארץ־ישראל" (צו דער געשיכטע פונעם פיִעט אין פאלעסטינע). ער האָט דאָ פארעפנטלעכט צוויי פיִוטים, געווידמעט ראָשהאשאָנע, אין וועלכע ער געפינט אײַן, אויסער דעם אלעפבייס, אויך די כסימע „חדותא".

וואָס שײַעך דעם ערשטן, געפינט אײַן מ. זולאי די כסימע „חדותא" אין דער 15־ער שורע. מיר לייגן דאָ פאָר, עמעס, ניט אף זיכער, פאָרזעצן די כסימע ווײַטער און זי לייענען: „חדותאל („ל" אין דער שורע 16, ווו ער איז 4 מאָל געבראכט) חזק ואמיץ" — שטארק זיך און דערמוטיק זיך (אָנהייב שורע 17).

אינעם צווייטן, וועלכער איז ביז גאָר אינטערעסאנט פון א ריי שטאנדפונקטן, לייענט זיך בעפייִרעש די כסימע „חדותאל". צו „חדותא", וואָס עס לייענט מ. זולאי, דארף צוגעגעבן ווערן דער „ל" פונעם וואָרט „לענות" — צו זינגען.

דער פיִעט איז אינטערעסאנט ניט בלויז מיט זײַן אקראָסטיך, נאָר ביכלאל מיט זײַן ענלעכקײַט, לויטן אורקוואל און דעם אלגעמיינעם אינהאלט, צו דעם זעלבן פיִעט פון אונדזער קסאוויאד. זײַן אָנהייב: „וחיות אשר הנה מרובעות פנים, בכל חיה וחיה ששים וארבעה פנים" (און די כײַעס, וועלכע זײַנען קוואדראטפענעמדיקע, און יעדע פון די כײַעס האָט פיר און זעכציק פענעמער). ווײַטער דערציילט זיך, אז די צוויי הונדערט זעקס און פופציק פענעמער זײַנען צווישן זיך באהעפט, און ווען איין פאָרנעם ווענדט זיך צום צווייטן, הייבן זיי אָן צו רייטשען. אויך זייערע פליגל זײַנען קוואדראטע און ציילן אויך אזויפיל, ווי די פענעמער. אזויארום מאכט אויס די צאָל פון די פענעמער און פליגל צוזאמען — פינף הונדערט צוועלף.

אינטערעסאנט איז אויך דאָס, וואָס פאר דעם טעקסט אינעם קסאוויאד, וועלכן ס'האָט פובליקירט מ. זולאי, זײַנען אָנגעשריבן די ווערטער: „זה מזה" (דער פון יענעם). דער „זה מזה" איז גראָד שײַעך צו אונדזער רעדאקציע פון די „פיר קוואדראטע כײַעס" און ניט צו דער, וועלכע איז געבראכט דורך מ. זולאי.

דאָ זעען מיר, אזויארום, צוויי פארשיידענע רעדאקציעס אף איין טעמע, געשאפענע אפן סמאך פון איין קוואל — די וויזיִע פון יעכעזקל (דאָס ערשטע קאפיטל), וואָס עס האָט פארפאסט איין דיכטער.

אגעוו, האָט אונדזער דיכטער געהאט א פאָרגייער, וועמענס ליד הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „וחיות אשר הנה מרבעות כסא" (און כײַעס, וועלכע רינגלען ארום (?) פון אלע פיר זײַטן דעם טראָן). די ליד שטעלט מיט זיך פאָר אן אקראָסטיך „א־ת, אלעזר", און, ווי מע האלט, איז זײַן אווטאָר „אלעזר (עלאזאר) האקאלירי" (געלעבט אין פאלעסטינע אין 5־טן — 6־טן יה.). אז אף ביידע פיִוטים האָט געווירקט דאָס דאָזיקע ווערק, איז קיין שום סאָפעק.

לאָמיר פרוון פאָרמולירן אן אויספיר.

דער דיכטער פלעגט כאסמענען זײַנע לידער מיט די נעמען חדותאל, חדותא.

די פאָעטישע יערושע פון „חדותאל" („חדותא"), וועלכע איז צו אונדז דערגאנגען, אײַנגעשלאָסן די, וועלכע מיר פובליקירן דאָ דורך אונדזערע פאָטאָקאָפיעס, באשטייט פון ווערק, געשריבענע אין גײַסט פון יענער צײַט — פיִוטים, געווידמעט יאָמטויווים: ראָשהאשאָנע, יאָמקיפער, סוקעס, פורים, פייסעך, שוועס און סטאם אף שאבעס. ווי באוווסט, האָבן אף די זעלבע טעמעס געשליפן זייער דיכטערישן טאלאנט מיט יאָרהונדערטער שפעטער די קלאסיקער פון דער העברעיִשער מיטלאלטערלעכער פאָעזיע: שלוימע איבן־גאביראָל (1021/22, געשט. אין די פופציקער יאָרן פונעם 11־טן יה.), מוישע איבן־עזרא (1065, געשט. נאָכן יאָר 1135), יעהודע האלייווי (געב. ניט שפעטער פון 1075, געשט. 1141). די דערמאָנטע ווערק פון חדותאל שטעלן מיט זיך פאָר בלויז א טייל פון זײַנע שאפונגען אף דעם געביט. צי האָט חדותאל געפרווט זײַן פעדער אויך אף סעקולערע לידער, איז שווער צו באהויפטן.

א „מי כמוכה" פון אן אומבאוווסטן דיכטער

די פיִוטים, אָפהענגיק פון זייערע אייניקע פאָרמעלע ספעציפישקײַטן: באשטימטע טעמעס און א פארפעסטיקט אָרט אינעם אָנגענומענעם ריטואל, לאָזן זיך פאנאנדערטיילן אין פארשיידענע טיפן.

אַלס איינעם פֿון זיי דאַרף מען אָנרופֿן די פּיוטים, וועלכע הייבן זיך אָן מיטן סטאַנדאַרטן לויב־געזאַנג „מי כמוכה" (ווער איז גלײַך צו דיר?). זײַן אור־קוואַל איז די אַזויגערופֿענע „יאַם־ליד", וועמענס עלטער שאַצט מען העכער פֿון דרײַ טויזנט יאָר. געוויינלעך ווערט אין „מי כמוכה" איבערדערציילט די געשיכטע פֿונעם וועלט־באַשאַף און פֿאַרשיידענע אַנדערע ניסים־וועניפֿלאָעס, לעמאָשל, קריִאַס־יאַם־סוף, די געשיכטע מיט עסטער, אַכאַשווייִרעש, מאָרדכע און האָמאָן אַדגל. פֿונעם פֿאָרמעלן פּאָעטישן שטאַנדפּונקט איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אָט דעם טיפּ לידער, וואָס גאַנץ אָפֿט ענדיקן זיך די פֿערטע שורעס פֿון אַלע סטראָפֿעס מיט איינעם און דעם זעלבן וואָרט. דער פֿאַרנעם פֿון אַ ליד פֿון דעם דאָזיקן טיפּ איז ניט באַגרענעצט: אייניקע פֿון זיי באַשטייען פֿון עטלעכע הונדערט שורעס.

דער דאָזיקער טיפּ לידער איז אַ גאַנץ פּאָפּולערער. צו אים האָבן זיך געווענדט די בעסטע שפּאַניש־ייִדישע דיכטער — שלוימע איבן־גאַבירואָל, ייִצכאָק איבן־גיִאַט (געב. אין לוסענע 1038, געשט. 1089), ייִצכאָק אַלבאַרדזשעלאַני (געב., ווײַזט אויס, אין באַרצעלאָנע אין 1043), ייִצכאָק איבן מאַר־שאול (געלעבט אין סאָף פֿון 10־טן — אָנהייב 11־טן יה.), יעהודע האַלייווי, אַווראַהאַם איבן־עזרא (געב. אין טאָדעלאָ 1092, געשט. 1167) און אַנדערע.

אינעם קסאַוויאַד נומער 118/9, בל. 6, לינקע זײַט, און בל. 7, רעכטע זײַט, געפֿינען מיר אַזאַ מין „מי כמוכה", וועלכער שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אַקראָסטיך. די אָנהייבן פֿון די ערשטע זאַצן שאַפֿן דעם העברעיִשן אַלעפֿבייס אין געוויינלעכן סיידער פֿון אַלעף ביז טאָף (א—ת) און די אָנהייבן פֿון די לעצטע זאַצן — דעם נאָמען פֿונעם פֿאַרפֿאַסער: חוביש הכהן — דער קויהען כובייש. זײַן נאָמען באַקומט זיך פֿון די דאָזיקע ווערטער: חון... — באַגנעדיק, ותדרוך... — און דו וועסט טרעטן, בוגדים... — פֿאַרעטער, ישר... — גלײַך אויס, שרב... — שטאַרקע היץ, הביא... — ברענג, כלה... — פֿאַרניכט, השם... — מאַך, נצח... — אייביק:

1. חון ורחם עמוסי מיעים
2. ותדרוך פורה בהומים כמים
3. בוגדים תמחה מתחת השמים
4. ישר דרך ליהודה ואפרים
5. שרב לאגם וצמאון למבועי מים
6. הביא איש בסערה עלה
7. כלה מדקה ואכלה
8. השם קץ לכל תכלה
9. נצח ברכות לעמך הכפילה

די ווערטערלעכע איבערזעצונג איז אַן ערעך אַזאַ:

1. באַגנעדיק און האָב ראַכמאָנעס אָף די אײַנערן געטראָגענע.
2. צעטרעט מיט די פֿיס — ווי אין ווײַנפּרעס, די, וואָס ברויזן ווי וואַסער,
3. די פֿאַרעטער מעק אויס פֿון אונטערן הימל,
4. גלײַך אויס אַ וועג פֿאַר יעהודע און פֿאַר עפֿראַיִם,
5. [פֿאַרוואַנדל] שטאַרקע היץ אין אַן אָזערע און דורשט אין וואַסער־קוואַלן.
6. ברענג דעם מאַן, וועלכער איז אַרויף מיטן שטורעם.
7. פֿאַרניכט די, וועלכע צעמאָלן און פֿרעסן אויף.
8. מאַך אַ קעץ צו יעטווידער שטרעבונג.
9. פֿאַרטאָפּל גליק פֿאַר דײַן פֿאָלק אָף אייביק.

דער אַווטאָר איז אַ באָקי אין אָפּשפּיגלונג פֿון יעדן אויסדרוק פֿונעם טאַנאַך אינעם יאַם פֿון דער טראַדיציִאָנעלער קאָמענטאַטאָרישער ליטעראַטור, וועלכע איז געבויט ניט בלויז אָפֿן געוויינלעכן פּשאַט, נאָר אויך אָפֿן דראַש, אָף פֿאַרהוילענע, אָפּטמאָל לײַכטע און סוידעספֿולע אָנדײַטונגען. אַזויאַרום, דאַרף מען זײַן ליד פֿאַרשטיין אַלס אויסגעשפּראָכענע פּעריפֿראַזעס. אַזוי, לעמאָשל:

„עמוסי מעים" — אין אײַנערן געטראָגענע — געמיינט: די ייִדן (די פּעריפֿראַזע באַזירט זיך אָפֿן פּאָסעק יעשײַע, 3:46).

„בהומים כמים" — די, וואָס ברויזן ווי וואַסער — געמיינט: די סאָנים. (די פּעריפֿראַזע באַזירט זיך אָף אייניקע פּסוקים פֿונעם טאַנאַך (טעהילים, 3:83, יעשײַע, 12:71).

„איש בסערה עלה" — דער מאַן, וועלכער איז אַרויף מיטן שטורעם. געמיינט: אליהו (עליאַהו). די פּעריפֿראַזע באַזירט זיך אָפֿן צווייטן קאַפּיטל פֿונעם צווייטן בוך „מלכים" (מעלאָכים).

„אפרים" — עפֿראַיִם. געמיינט: די צען שוואָטים. באַזירט זיך אָף פֿיל אויסדרוקן אינעם טאַנאַך.

„כלה מדקה ואכלה" — פֿאַרניכט די, וועלכע צעמאָלן און פֿרעסן אויף.

„מדקה ואכלה" זײַנען אין אַ פֿאַרקערטן סיידער אַנטליִען פֿונעם געשריבענעם אין דער אַראַמעיִשער שפּראַך 7־טן קאַפּיטל פֿונעם בוך דאַניִעל. עס האַנדלט זיך וועגן זײַן באַרימטער וויזיִע. דאַניִעל האָט געזען אין כאָלעם, ווי פֿיר ווינטן שטורעמען אָפֿן גרויסן יאַם. פֿונעם יאַם זײַנען אַרויסגעקראָכן פֿיר פֿאַרשיידענע כײַעס. צו אונדזער טעמע האָט אַ שײַכעס בלויז די פֿערטע. אָט איז די באַשרײַבונג פֿון איר אויסזען. זי איז אַ פֿורכטבאַרע, שרעקלעכע און אויסערגעוויינלעך שטאַרקע. אירע ציינער זײַנען אײַזערנע און אירע נעגל — קופּערנע. זי פֿרעסט און צעמאָלט (אין אָריגינאַל: „אכלה ומדקה"), און דאָס איבעריקע צעטרעט זי מיט די פֿיס. זי האָט געהאַט צען הערנער. דאַניִעל דערציילט ווײַטער, אַז ווען ער האָט באַטראַכט די הערנער, האָט ער דערזען, אַז אַ קליינער האָרן איז פֿון צווישן זיי אויפֿגעגאַנגען און דרײַ פֿון די ערשטע הערנער זײַנען פֿאַר אים אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל. אין דעם דאָזיקן קליינעם האָרן זײַנען געווען אויגן, ענלעכע צו מענטשנס אויגן, און אַ מויל, וואָס האָט גערעדט גרויסע זאַכן, אַאַוו. די דאָזיקע אַפּאָקאַליפּטישע וויזיִע ווערט פֿאַרשטאַנען אַלס באַשרײַבונג פֿון אַ פֿאַרגייענדיקער מעלוכע, פֿאַר מאָשיִעכס צײַטן, וועלכע פֿאַרטיליקט אַלץ אַרום זיך און קומט אַליין אום.

אויב מיר האָבן ניט קיין טאָעס, געפֿינט חוביש הכהן אײַן אין ביזאַנט — די באַשרײַבונג פֿון דער

פערטער כײַע אין דאַניעלס כאַלעם, און קעגן
איר ווידמעט ער זײַן קלאָלע: „כלה מדקה ואכלה״.

דער געבוי פונעם „מי כמוכה״ אין אונדזער קסאוויאַד דערלויבט צו פאַרשטעלן זיך, אַז דאָס איז אַ דענקמאָל פונעם 8־טן אָדער 9־טן יה. און אַז געשאַפן געוואָרן איז ער אין איינעם פון די מיזרעך־לענדער. ווען מיר פאַרטיפֿערן זיך אָבער אין דעם אינהאַלט פון דער ליד, רוקט זיך אַרויס אַ האַשאָרע, אַז די פּאַסיקסטע צײַט פון איר פאַר־פאַסונג איז געווען דער גרויזאַמער פעריאָד פון סאָף 60־ער — אָנהייב 70־ער יאָרן פונעם 9־טן יה. דאָס איז געווען אַ צײַט, ווען דער אײַנפלוסרײַכער פּאַ־טריאַרך פאָטי איז אַרויסגעטראָטן מיט זײַנע אַנטי־יידישע דראָשעס. באַזונדערס גיפטיק זענען אויס דרײַ פון זיי: די 8־טע, וועלכע ער האָט געדאַרשנט אין יאָר 863, די 11־טע — אין 865 און די 13־טע — אין 866. די שמאַד־גזיירעס האָבן דערגרייכט זייער קולמינאַציע אַרום דעם יאָר 873, ווען אין ביזאַנט האָט געוועלטיקט באַסילעוס דער ערשטער, וועלכער איז אין דער רוסישער היסטאָריאָגראַפיע באַוווּסט אונטערן נאָמען „וואַסילי דער מאַקעדאָניאַנער״ (867—886). ער האָט געפאָדערט, אַז אַלע יידן זאָלן אַריבערגיין אין זײַן גלויבן, אָרגאַניזירט עפנטלעכע רעליגיעזע דיספּוטן און פאַרעפנטלעכט אַ ריי גזיי־רעס קעגן יידן. דער דאָזיקער צײַט־אָפּשניט און באַ־סילעוסעס טויפונגס־טעטיקײַט האָט געפונען אַן אָפּ־קלאַנג אין אַ מישפּאָכע־כראָניק פון דאָרעם־איטאַ־ליע. איר אַווטאָר איז דער באַוווּסטער דיכטער און היסטאָריקער אַכימאַאַץ בען פּאַלטיעל (געב. 1017, געשט. 1060). זײַן כראָניק איז פאַרפאַסט אין גע־גראַמטער פּראָזע אין 1054 און באַטיטלט „ספר יוחס־סין״ — דאָס ייכעס־בוך, אָדער „מגילת אחימעץ״ — אַכימאַאַצעס מעגילע; די כראָנאָלאָגישע גרענעצן פו־נעם ווערק הייבן זיך אָן מיטן 9־טן יאָרהונדערט און ענדיקן זיך מיט דער צײַט, ווען עס האָט גע־לעבט דער פאַרפאַסער.

העיויס מיר זײַנען די ערשטע, וועלכע האָבן צו טאָן מיטן אַווטאָר פונעם דערמאָנטן „מי כמוכה״, אַנטשטייען פאַר אונדז אַ ריי פראַגעס: ווער איז, אייגנטלעך, דער דיכטער „חוביש הכהן״ — דער קוי־הען כובײַש? ווו און ווען האָט ער געלעבט? אין וואָס באַשטייט זײַן ליטעראַרישע שאַפונג? צי האָט ער פאַרפאַסט נאָך רעליגיעזע אָדער סעקולערע לי־דער? און פיל אַנדערע פראַגעס. ליידער, האָבן מיר ניט וועגן דעם אַלעמען קיין קאָנקרעטע אָנגאַבן. די איינציקע האָפענונג איז — אַפן סמאַך פונעם אַנאַליז פון דער דערמאָנטער ליד פרווון געפינען אַ שליסל צו באַלויכטן, ווי ווײַט מעגלעך, די דאָזיקע פראַ־געס.

דער דיכטער שטאַמט פון אַן אַראַביש־ריידנדיק לאַנד. דערויף ווײַזט אָן זײַן אַראַבישער נאָמען.

דער נאָמען חוביש — לייען כובײַש — איז אַ גאַנץ זעלטענער מענלעכער אַראַבישער נאָמען, וועלכער שטאַמט פון דעם זעלבן וואָרצל, ווי חבש — לייען: כאַבאַש — עפּיאָפּיע — אין אַראַביש און העברעיִש. דער נאָמען איז באַקאַנט אין דער אַראַבישער לי־טעראַטור פונעם 8־טן — 9־טן יה. ער ווערט דער־



קסאוויאַד 118/9, בל. 7, רעכטע זײַט. אַקראָסטיך:
חוביש הכהן

מאָנט אין דער אויסגאַבע, וועלכע איז געווידמעט דער אַראַבישער פּאָעטיק „כתאב אל באדיע״ (לייען: קיטאַבו־ל־באַדי). איר אַווטאָר אבו־ל־אבאס אבדאַל־לאַה איבן אַל מוטאַזז (861—908) איז געווען דער ערשטער טעאָרעטיקער פון דער אַראַבישער פּאָע־טיק, אַליין אַ דיכטער און אַ באַוווּסטער פילאָלאָג; אַגעוו, האָט ער אין 908 געקיניגט אַלס כאַליף איין טאָג. אין „כתאב אל באדיע״ זײַנען ציטירט ווערק פון פיל אַראַבישע דיכטער, צווישן זיי אויך אייניקע שורעס פונעם אַראַבישן באַרימטן פּאָעט פונעם באַג־דאַדער כאַליפֿאַט אַבו־נוּוואַס (געשט. אַרום 841). דאָרטן טרעפן מיר זיך טאַקע אָן אַפן נאָמען כובײַש. דער רוסישער אַקאַדעמיקער אי. יו. קראַטשקאָווסקי (1883—1951) האָט פאַרעפנטלעכט דאָס ווערק אין ענגליש (לאָנדאָן, 1935) און אין רוסיש. דער נאָמען כובײַש געפינט זיך אויך אין די אַרבעטן פון ק. בראָקעלמאַן און אַנדערע אַראַביסטן.

פון די אַראַבער איז דער נאָמען „חוביש״ אַרײַ־בער צו די יידן. ער טרעפט זיך בײַ יידן אין דאָ־קומענטן, וועלכע שטאַמען פון דער קאַירער גניזע. אָבער אַלס נאָמען פון אַ העברעיִשן דיכטער איז ער, ווי־ווײַט אויס, דאָ געבראַכט צום ערשטן מאָל. אַלנ־פאַלס, פעלט זײַן נאָמען אין דער רעשימע פון די 2800 דיכטער, וועלכע זײַנען געבראַכט אין י. דאַ־ווידזאָנס (1870—1939) „אוצר השירה והפיוט״ — דער אוצער פון דיכטונג און פּיוטן, וועלכן דער אַווטאָר האָט דערפירט ביז אונדזערע טעג. מיר האָבן דעם נאָמען כובײַש ניט געפונען אין די אַרבעטן פון די קאָריפייען — פאָרשער פון דער העברעיִשער מיטל־אַלטערלעכער פּאָעזיע פונעם פאָריקן און איצטיקן יאָרהונדערט, ווי לעאָפּאָלד צונץ (1794—1886) מיט זײַנע באַרימטע ווערק אין דײַטש „די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע דעם מיטעלאַלטערס״ און „ליטעראַטור־גע־שיכטע דער סינאַגאָגאַלן פּאָעזיע״; ווי י.־מ. זאַקס (1808—1864) — „די רעליגיעזע פּאָעזיע דער יודען אין שפּאַניען״; ווי ש.־ד. לוצאַטאָ (1800—1865), אַ.־אַ. האַרקאַווי (1839—1919), כ. בראָדי (1868—1942), מ. זולאַי (1899—1954), כ. שירמאַן (1904—

1981). מיר האָבן, זוכנדיק דעם נאָמען כובײַש, אויך ניט אויסגעמיטן די ארבעטן וועגן דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור פון אונדזערע מיטצײַטלער פליישער (געב. 1928), דעם אויטאָר פונעם קאַפּיטאַלן ווערק „שירת־הקודש העברית בימי הביניים" — די העברעיִשע רעליגיעזע דיכטונג אין מיטלאַלטער (1975), ד. פּאַגיס (געב. 1930) — דעם פאַרפאַסער פון „חידוש ומסורת בשירת־החול העברית: ספרד ואיטליה" (1976) — נײַקײַט און טראַדיציע אין דער העברעיִשער סעקולערער פּאָעזיע אין שפּאַניע און איטאַליע, א. שײַבער, אַף וויפל עס זײַנען מיר צוגענגלעך געווען זײַנע ווערק, נ. אלוני (געב. 1906), ד. יאַרדען און פיל אנדערע. דעם נאָמען כובײַש האָבן מיר אָבער אין ערגעץ ניט געפונען אלס נאָמען פון א דיכטער.

דאָ דאַרף מען באַמערקן אויך פאָלגנדעס. אינעם לאַנד, ווו עס האָט געלעבט חוביש הכהן, איז וואַסער געווען אַן אידעאַל און א טרוים. פונדאַנען נעמען זיך אין זײַן טפילע די ווערטער, אַנטליִענע פונעם טאַנאַך (ישעיִע, 7:35), צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד, וואָס לײַדט פון שטאַרקער היץ, אין אַן אָזערע, און דאָרט, ווו מע מאַטערט זיך פון דאָרשט, זאָלן אַנטשטיין וואַסער־קוואַלן (שרב לאגם מים וצמאון למבועי מים). קאָנקרעטיזירן אָבער דאָס לאַנד איז ניט מעגלעך.

און נאָך א באַמערקונג. אונדז איז ניט געלונגען צו געפינען אַנדערע ווערק פון חוביש הכהן. אלנפאַלס, ס'איז קיין ספק ניט, אַז „מי כמוכה" האָט ניט פאַרגעשטעלט זײַן דעביוט אין דער העברעיִשער דיכטונג.

די אנדערע קסאוויאדן

נומער 1

6 בלעטער. די הייך — 15 סמ. און די ברייט 17,5. דער טעקסט פאַרנעמט אין דער הייך 11,2 און אין דער ברייט — 13,3 סמ. געשריבן אונטער די שורעס מיט העל־ברוינעם, איצט ערטערווײַז אָפּגעבליאַקעוועטן טינט אין 2 שפּאַלטן, צו 20 שורעס אין יעדערן. סײַ די שורעס, סײַ די שפּאַלטן זײַנען ליניִרט. די אויסערלעכע ראַנדן פון די בלעטער זײַנען אָפּגעבערענט. דער טעקסט הייבט זיך אָן פון באמידבער, קאַפּיטל 32, פּאַסעק 38 ביז דוואָרים, קאַפּיטל 1, פּאַסעק 17. ס'איז פאַראַן אויך א פּאַשעטער אָרנאַמענט, ווי אויך א צושריפט, וואָס אַנטהאַלט א זאַץ פונעם טאַרגום אָנקעלאָס.

דער אַנאַליז פונעם העברעיִשן טעקסט לאָזט פעסטשטעלן, אַז ער שטימט אין 6 פאַלן מיטן שומרוינישן כומעש און אונטערשיידט זיך פונעם אָנגענומענעם בא ייִדן. אויך דער קורצער אראַמעיִשער טעקסט פונעם טאַרגום שטימט ניט אומעטום מיטן אָפיציעל אָנגענומענעם.

נומער 2

2 בלעטער 40 אַף 34 סמ. דער טעקסט, אויסער דער אַזויגערופענער „קליינער מאַסאָרא"[1], פאַרנעמט 31 אַף 28 סמ. די „קליינע מאַסאָרא" איז געשריבן אַף די ראַנדן און צווישן די שפּאַלטן. דער ערשטער בלאַט איז געשריבן אין 21 שורעס, דער צווייטער — אין 20. דער הויפּט־טעקסט איז געשריבן מיט טונקל־ברוינעם טינט און די מאַסאָרא — מיט העלערן טינט.

דער טעקסט באַשטייט פון א טייל פון די קאַפּיטלען 8 און 9 פונעם בוך דוואָרים.

דער אַנאַליז פונעם טעקסט מיט די נעקודעס און טראָפּן באַווײַזט, אַז ער שטימט ניט אין פיל ערטער מיט דעם אָנגענומענעם הײַנט־צו־טאָג. קסאוויאַדן מיט אַזעלכע טעקסטן רופט מען „פּסעוודאָ־בען־נאַפטאַלי"־קסאוויאַדן. אַזעלכע קסאוויאַדן זײַנען דערגאַנגען צו אונדז אין א גאָר קנאַפּער צאָל.

די ראַנדן פונעם קסאוויאַד זײַנען ערטערווײַז אָפּגעברענט.

נומער 3

10 בלעטער 15,3 אַף 23,2 סמ. דער טעקסט — 10 אַף 8 סמ. דער הויפּט־טעקסט שטעלט מיט זיך פאָר א טייל פון די קאַפּיטלען 44—48 פונעם בוך יעכעזקל און איז געשריבן מיט שוואַרצן טינט. די מאַסאָרא צו אים איז געשריבן אַף אַלע ראַנדן פון די בלעטער מיט ברוינעם טינט.

12 שורעס אַף א בלאַט. דער טעקסט איז געשריבן אונטער ליניִרטע שורעס. די ראַנדן פון די בלעטער האָבן געליטן פון פײַכטקײַט. דעם טעקסט איז ערטערווײַז קימאַט אוממעגלעך צו לייענען.

נומער 4

ערשטע אָדער מיטלסטע בלעטער פון א העפט־קסאוויאַד, וועלכע אַנטהאַלטן טיילן פון די קאַפּיטלען 18—19, 25—26 פון טהילים. די גרייס: 37 אַף 31 סמ. דער הויפּט־טעקסט איז געשריבן אין 2 שפּאַלטן. די גרייס: 26 (מיט דער מאַסאָרא — 30) אַף 21,5 (מיט דער מאַסאָרא — 24,5) סמ.

די טראָפּן און אויך אַנדערע צייכנס שטימען ניט מיט די, וועלכע זײַנען איצט אָנגענומען. דאָס דערלויבט צו האַלטן דעם טעקסט אלס א פראַגמענט פון א פּסעוודאָ־בען־נאַפטאַלי־קסאוויאַד.

אַף דער לינקער זײַט פון ערשטן בלאַט איז פאַראַן אַן אויפשריפט אין רוסיש «Листы от различных еврейских рукописей. Дар от Е. Апостолиди».

[1] די מאַסאָרא שטעלט מיט זיך פאָר פאַרצייכענונגען פון וואַריִאַנטן, פאַרשיידענע סימאָנים און אויסבעסערונגען צום טעקסט פונעם טאַנאַך. די מאַסאָרא, וועלכע איז געשריבן פון רעכטס און פון לינקס פונעם הויפּט־טעקסט, ווי אויך צווישן די שפּאַלטן, איז אָנגערופן „קליינע מאַסאָרא", און די מאַסאָרא, וועלכע איז געשריבן אַפן הויפּט־טעקסט און אונטער אים, — „גרויסע מאַסאָרא".

— בלעטער פון פאַרשיידענע העברעיִשע קסאָוויאָדן.
א מאַטאַנע פון יע. אַפּאַסטאַלידי.

פאַרלויפיק, אַפּן סמאַך פון פּאַלעאָגראַפישע און טעקסטאָלאָגישע אייגנטימלעכקײַטן, לייג איך פאָר דאַטירן דעם נומער, אַלס סאַמע עלטסטן, מיטן 9־טן יה.

נומער 5

2 בלעטער, וועלכע אַנטהאַלטן טיילן פון די קאַפּיטלען 106—110 פון תהילים. 31 אַף 28,5 סמ. דער טעקסט — 25 אַף 21,5. 21 שורעס אַף א זײַטל. דער הויפּט־טעקסט איז געשריבן מיט שוואַרצן טינט, און די „קליינע מאסארא" — מיט ברוינעם טינט אַף די ראַנדן.

צווישן די פּאַלעאָגראַפישע אייגנשאַפטן וואַרפט זיך אין די אויגן דער אונטערשייד צווישן דער גרייס פון די אויסיִעס. די געוויינלעכע — 5 מילימעטער, די לענגערע (ך, ל, ן, ף, ץ, ק) — 2 מאָל גרעסער: 10 מילימעטער; און דער אָס „לאמעד" אין דער ערשטער שורע דערגרייכט 25 מילימעטער.

דער נומער לאָזט זיך דאַטירן אַרום 10־טן יה.

נומער 6

7 בלעטער, וועלכע אַנטהאַלטן טיילן פון די ביכער „משלי" (מישלע) און „רות" (רוט). די בלעטער זײַנען צוזאַמענגענייט אין איין העפט. זייער פאָרמאַט איז א קוואַדראַטער: 32 אַף 32 סמ. די גרייס פונעם טעקסט: 23 אַף 23 סמ. צו 23 שורעס אַף א זײַטל. דער הויפּט־טעקסט איז געשריבן מיט טונקל־ברוינעם טינט מיצאַד איין סויפער, און די נעקודעס, דער טראָפּ און די מאַסאָרא — מיט העל־ברוינעם טינט מיצאַד אַן אַנדער סויפער.

דאָ מוז גלײַך אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער פאַקט אַליין, וואָס דאָס בוך „רות" גייט גלײַך נאָך „משלי", איז א גאַנץ זעלטענע דערשײַנונג און שטימט ניט מיטן סיידער פון די ביכער פונעם טאַנאַך לויט דער געמאָרע און לויט דעם, וויאַזוי עס איז הײַנט־צו־טאָג אָנגענומען.

נומער 7

דעפאָרמירטע בלעטער פון קימאַט א קוואַדראַטן אויסזען: 29,5 אַף 30,5. די גרייס פונעם טעקסט — 23 אַף 25 סמ. צו 26 — 27 שורעס אַף א זײַטל. דער טעקסט — פראַגמענטן פון די ביכער „דניאל" (דאַניִעל) און „עזרא" — איז געשריבן אַף דרײַ שפּאַלטן. דער הויפּט־טעקסט איז געשריבן מיט טונקל־ברוינעם טינט. די נעקודעס, טראָפּן, מאַסאָרא און אויסבעסערונגען — מיט שוואַרצן טינט. אַף די אויסערלעכע ראַנדן פונעם קסאָוויאַד זײַנען פאַראַן לעכערונגען.

צווישן דעם קסאָוויאַד און דעם אָנגענומענעם טעקסט פון ביידע ביכער זײַנען פאַראַן וואַריאַנטן סײַ אין די אויסיִעס, סײַ אין די נעקודעס, סײַ אין טראָפּ.

נומער 8

שטעלט מיט זיך פאָר צוויי פראַגמענטן פון דער פרימאָרגן־טפילע. זי באַשטייט פון 4 בלעטער פון א קימאַט קוואַדראַטן פאָרמאַט: 16 אַף 15,5 סמ. דער טעקסט — 12 סמ. די הייך און 13—די ברייט. 18—19 שורעס אַף א זײַטל. דער טינט — שוואַרצער. דער טעקסט איז געשריבן אָן נעקודעס, און די אָרטאָגראַפיע איז די אַזויגערופענע „פולע", ווו די אויסיִעס „וואָוו" און „יוד" ווערן אויך באַנוצט אַלס וואָקאַלן. דעם לעצטן בלאַט באַצירט א פּאַשעטער אָרנאַמענט. די אויסערלעכע ראַנדן פונעם קסאָוויאַד אַנטהאַלטן לעכערונגען.

די געבראַכטע טפילעס אונטערשיידן זיך פון די סטאַנדאַרטע. איינע פון זיי זאָגט איידעס, אַז זי איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דער צײַט פון א פּעסט: „רפאינו... ודבר העבר ממנו".. (בלאַט, 3, רעכטע זײַט) — הייל אונדז... און נעם אַוועק פון אונדז די פּעסט (чума).

נומער 9

א פראַגמענט פון א קאָפּיע פון אַן אומבאַוווּסטן מאַכזער פאַר „הושענה רבה".

באַדינגלעך דאַטירן מיר אים מיטן 10־טן—11־טן יה.

2 בלעטער — 33,5 אַף 26, דער טעקסט: 24 אַף 17 סמ. די הייך פון געוויינלעכע אויסיִעס — 4 סמ. און פון די אָנפאַנגען פון טעקסטן — 15 — 18 סמ. דער טעקסט איז געשריבן אין איין, צוויי און דרײַ שפּאַלטן. דער טינט — שוואַרצער און רויטער. ניט אַלע פאַרגעשטעלטע אינעם קסאָוויאַד פּיוטים זײַנען באַוווּסט. אַף די אויסערלעכע און אינערלעכע ראַנדן פון ביידע בלעטער זײַנען פאַראַן לעכערונגען אין צוויי ווערטיקאַלע שורעס.

נומער 10

א זאַמלונג פון פּיוטים, געווידמעט סימכעסטוירע.

דער קסאָוויאַד באַשטייט פון 4 בלעטער, צונויפגענייטע אין איין העפט מיט פעדעם, געפלאָכטענע פון פאַרמעט. דרײַ פון די בלעטער מיט אָפּגעברענטע ראַנדן זײַנען פון איינער און דער זעלבער גרייס — 14 אַף 17 סמ., דער טעקסט פאַרנעמט 12 אַף 16 סמ.; איין בלאַט איז ניט פון א געוויינלעכער פאָרם. די צאָל שורעס וואַקלט זיך פון 12 ביז 20 אַף א זײַטל.

אינעם טעקסט זײַנען פאַראַן אומבאַוווּסטע פּיוּטים.

דער טיטל פונעם קסאָוויאַד איז „פזמין שמחת תורה" — לידער אַף סימכעסטוירע. עס ווערט געבראַכט דאָס אַראַמעיִשע וואָרט „חורן" (לייען: כאָראַן) — אַן אַנדער [ליד]. דאָס זאָגט איידעס, אַז דעם אויטאָר איז די אַראַמעיִשע שפּראַך געווען נעענטער, איידער די אַראַבישע, וואָס איר האַשפּאָע לאָזט זיך ניט מערקן אינעם קסאָוויאַד דורכויס. דער דאָזיקער פאַקט קאָן געוויס דינען אַלס א שליסל צו געפינען די צײַט און דאָס אָרט פונעם שאַפן דעם קסאָוויאַד.

פונוואנען עס שטאַמען די קסאוויאדן פון אפּאָסטאָלידיס קאָלעקציע, איז מיר ניט געלונגען פעסטצושטעלן. ס׳איז קיין אנדער ברייררע ניט געבליבן, ווי באנוגענען זיך מיט האשאָרעס. ס׳זײַנען פאראן צוויי אזעלכע.

ערשטנס, די קסאוויאדן זאָלן שטאַמען פון א געניזע פון דער היימשטאָט פון אפּאָסטאָלידין, דה. פון ציפּערן. אפן אינדזל, ווי באוווּסט, איז געווען א קאָמפּאקטער ייִדישער יישעוו נאָך אין צווייטן יאָרהונדערט פאר אונדזער ערע. אויך אינעם פּעריִאָד, וועלכער אינטערעסירט אונדז אין געגעבענעם פאל אמערסטן, אין סאָף פונעם ערשטן — אָנהייב צווייטן יאָרטויזנט, איז די ייִדישע קעהילע אף ציפּערן געווען אן אקטיווע, און אירע געלערנטע האָבן געהאַט א שעם. דאָ וועל איך זיך באנוגענען מיט איין פאקט, וועלכער ווערט געבראכט אין אן ארמענישער כראָניק, וועלכע ס׳האָט פארפאסט מאטעוס אין דער מיט פונעם 12־טן יה. ער טיילט מיט, אז בעערעך אין יאָר 1007 האָט מען געשיקט א דעלעגאציע קיין ציפּערן, קעדיי צו ברענגען פון דאָרטן דעם געלערנטן, וועלכן מע האָט גערופן משה, ער זאָל אָנטיילנעמען אין דיסקוסיעס מיקויעך דעם קאלענדאר (וועגן דעם מעלדעט ב.־צ. דינור אינעם בוך „תולדות ישראל" — דער געשיכטע פון די ייִדן, 2־טע אויסגעבעסערטע און פארברייטערטע אויסגאבע, באנד 5, ז. 331. אזא האשאָרע איז אינטערעסאנט אויך אין דעם פּלאן, וואָס זי וואָלט געקאָנט דינען אלס א צוגאָב־ראַיע פאר דער טעאָריע פונעם פּראָפ. פליישער, אז חדותא(ל) האָט געלעבט און געשאַפן אין ביזאנט.

די האשאָרע אָבער, אז אפּאָסטאָלידיס קאָלעקציע זאָל שטאַמען פון ציפּערן, בין איך דאָך גענייגט אויסשליסן צוליב פאָלגנדע טײַמים. ביז הײַנט־צו־טאָג זײַנען ניט באוווּסט ענלעכע מאטעריאלן, וועלכע זאָלן שטאַמען פונעם אינדזל, און ביכלאל איז זיך שווער פאָרצושטעלן אזעלכע באדינגונגען, וועלכע זאָלן דערלויבן אויסבאהאלטן העברעיִשע קסאָווים אין ציפּערן בעמעשעך פון א יאָרטויזנט.

צווייטנס — די קאיִרער געניזעס. וועגן זיי האָט אונדזער זשורנאל ניט איין מאָל מיטגעטיילט אף זײַנע שפּאלטן (פארגלײַך, לעמאָשל, „געפעץ מיצראיִם", 1978, נ. 4, ז. 176 — 181). לײדער, איז מיר ניט געלונגען פעסטשטעלן, צי אפּאָסטאָלידי איז געווען אין מיצראיִם אין יענע יאָרן. נאָר אפילע אויב ער איז דאָרט ניט געווען, האָט ער געקאָנט באקומען די קסאוויאדן פון אנדערע הענט.

אז אפּאָסטאָלידיס קסאוויאדן־קאָלעקציע זאָל שטאַמען פון א קאיִרער געניזע, זאָגט אונטער איר באשטאנד, איר אינהאלט. די לידער פון חדותא, וועלכע ס׳האָבן פּובליקירט מ. זולאי, כ. שירמאן און ע. פליישער, באזירן זיך אף קסאוויאדן, וועלכע שטאַמען אויך פון דער קאיִרער געניזע. און ווען אפּאָסטאָלידי האָט געשענקט זײַן קאָלעקציע דער מאָסקווער גײַסטלעכער אקאדעמיע, האָבן זיך געוויס דאָרט געפונען מעווינים, וועלכע האָבן פארשטאנען, אז די קאָלעקציע שטעלט מיט זיך פאָר א וויסנשאפטלעכן אינטערעס.

די קאיִרער געניזעס האָבן צו יענער צײַט געהאַט א שעם אין גאָר דער וועלט און אויך אין רוסלאנד. יאקאָוו סאפּיר (געב. אין אושמיאני לעבן ווילנע אין 1822, געשט. אין 1885) האָט פיל מאָל באזוכט די „עזרא־שול" מיט איר געניזע. וועגן דעם האָט ער געשריבן אין זײַן בוך „אבן ספיר" — דער סאפּירשטיין (טייל 1, ליק. 1866, טייל 2, מײַנץ, 1874). א. פירקאָוויטש (1785—1874) האָט זײַן צווייטע קסאוויאדן־זאמלונג געשאַפן הויפּטזאכלעך פון די קאיִרער געניזעס. א. נייבוער (1831—1907) האָט אין לייפּציג אין 1866 פארעפנטלעכט זײַן בוך אין דײַטש: „אאוס דער פּעטערסבורגער ביבליִאָטעק", ווו ער ברענגט מאטעריאלן פון קאיִרער געניזעס. עלכאָנאָן אדלער (1861—1935) האָט אין 1888 באזוכט די „עזרא־שול". דער רוסישער ארכימאנדריט אנטאָנין (1817—1894) האָט דעמלט געזאמלט קסאוויאדן, וועלכע שטאַמען פון די קאיִרער געניזעס.

עס ווילט זיך גלייבן, אז די האשאָרע וועגן דעם, אז אפּאָסטאָלידיס קאָלעקציע זאָל שטאַמען פון א קאיִרער געניזע וועט ארויסרופן א באוויליקונג מיצאד אונדזערע לייענער; אויב מיר האָבן רעכט, — און איך גלייב, אז עס איז אזוי, — באקומט זיך, אז אין דעם פּראט איז שוין צווישן די סאָוועטישע ביבליִאָטעקן די לענינגראדער עפנטלעכע מער ניט קיין באסיעכידע. ניט וויכטיק איז די גרייס און דער פארנעם פונעם געפינס. וויכטיק איז, אז עס האָט זיך באוויזן א נײַער מאטעריאל, וואָס ווארפט א שײַן אף דער ביז גאָר פארהוילענער געשיכטע פון דער ליטעראטור בא ייִדן אין דער צווייטער העלפט פונעם ערשטן יאָרטויזנט. זײַן אדרעס איז פעסטגעשטעלט. דאָס איז די ערשטע קסאוויאדן־זאמלונג פון דער קאיִרער געניזע, וועלכע געפינט זיך אין דער אלפארבאנדישער ביבליִאָטעק אפן נאָמען פון ו. אי. לענין אין מאָסקווע.

נײַע לידער

צום טרוים

בא יעדערן זײַן טרוים — זײַן עווערעסט
פינקלט אין דער ווײַט, אין הימל בלייכן,
אײַנגעקריצט דעם גרויען שפּיצבארג פעסט
אין די קוים דערגרייכבאר טיפע הייכן.

צו אים מיר קלעטערן אף שארפע פעלדזן טרײַ,
עס דראָעט אונטן אונדז דער אָפּגרונט וויסטער.
א גליטש — א ריס אראָפּ...
נאָר מיר קאראבקען זיך אפסנײַ,
אין שטריק פארשלייערט צווישן זיך,
ווי אלפּיניסטן.

צומאָל עס בלוטיקן די אָנגעשטרענגטע הענט,
אַן אנדערס מאָל — די הארבע קני פארוואונדעט,
אקשאָנעסדיק אף שטיינערדיקע ווענט
מיר קריכן, איינס צום אנדערן געבונדן.

ווען א סאקאָנע פרוּווט מיט פּאכעד דיך,
גיב טייקעף מיט א צי פון שטריק צו וויסן,
דאן וועלן אלע פרײַנט דײַנע אף זיך
דײַן שווערקײַט נעמען
און דעם טהאָם פארשליסן.

ניט לאָזן וועט מען דיך אהין צו טאָן א פלי —
באוואָרנט פארסטראכירן די קאנאטן.
אומזיסט אָבער ניט שלעפּ,
ניט רײַס די שטריק, ניט צי —
עס קאָן, כאָלילע, עמעצן פארשאטן.

נאָך יונגערהייט...

די גראָזן באָדן זיך אין טוי,
צעשפּרייטן זילבערנע מערעזשקעס,
דער פריִער הימל דרעמלט גרוי
איבער א שמאָלער נאסער סטעזשקע.

פריש דער קאיאָר — אפילע קאלט,
אין שטילקײַט אײַנגעהילט, פארשלאָסן.
אָף מײַנע ווייכע אקסל כ'האלט
אן אָנגעשארפטע קווארע קאָסע.

פאָרויס אן אלטער מאנצבל שפּרײַזט
אין נײַע גומי-שטיוול הויכע,
דעם וועג אנטשיידן ער באווײַזט.
נאָך אים איך שפּאן מיט אלע קויכעס.

צורו מיך לאָזט ניט איין פארלאנג —
מײַן ארבעטס-ווירדע ניט פארשעמען:
כ'האָב ניט געשניטן היי שוין לאנג...
דער טײַוול זאָל דאָס נעמען!

א שאָ אנטרינט — אן אויגנבליק,
צי עפּשער מער, און אָט: א לאָנקע.
איז ניט געגענעצט! „ווזשיק" און „ווזשיק" —
אן איבערקלאנג אין גראָזן בלאָנקעט.

עס איז מיר גלײַך געוואָרן הייס,
כאָטש ביז די קני איך בין אין ראָסע,
מיך קיצלט אומעטום דער שווייס —
ברייט, האסטיק כ'פּאָכע מיט דער קאָסע.

דער אלטער גלייבט די אויגן קוים,
דעם כידעש קאָן ער ניט באהאלטן.
גיי וויס, אז כ'האָב נאָך אין דזשאנקוי,
נאָך יונגערהייט, און אָט אזוי
די קאָסע פעסט אין האנט געהאלטן...

באַם קינד אױף דער לער

כ׳לערן זיך באַם אײניק
טאָג נאָך טאָג.
װיאַזױ ס׳קומט פאָר,
איך הייב ניט אָן צו װיסן.
דעם געזױצגעבער אין שױס מײַנעם
איך טראָג —
דעם צאַפּלדיקן, כײנעװודיקן,
זיסן.

ברייישעסדיק ער איז
און קװאַליק פּריש,
צװײ הימל־בלױע
לעבעדיקע קרעלן
אין שאָטן
פֿונעם ברעמען־פּלעדערװויש
שעמערירן לױיכטנדיק
און קװעלן.

א קאַרשן־ביינדל שטעקט
אין זײַנע ציין.
איך שטופּ אין מױל צום יאַט
דערשראָקן מײַנע פינגער,
נאָר ס׳הילכט זײַן אױסגעשריי:
„אַליין! אַליין!"
א שלוכץ, א שלונג, א שפּײַ —
און ס׳װערט מיר גרינגער.

אָן װערטער אױסגעמיטן
די געפאַר,
מײַן העמשעד קוקט אױף מיר
אי כיטרע, אי גערעכטיק.
אַזױ, װײַזט אױס,
עס הייבט זיך אָן דער גװאַר,
אין ס׳װאַקסן אױס באַם אָדלער
פליגל מעכטיק.

און װער מיט װעמען ס׳קנעלט,
עס װערט מיר קלאָר,
װען רױיק און באַשיידן
כ׳נעם די װעלט באַקלערן.
דערװײַל פאַרמאָגט מײַן אײניק
װערטער בלױז א פּאָר,
ער דאַרף אָבער, מיסטאָם,
דערװײַל ניט מערער.

איך לערן זיך באַם אײניק
זײַן גערעכט,
געטרײַ זײַן
און געפילן װעקן צאַרטע,
פאַר אױפריכטיקײַט
פירן א געפעכט
און אױף דעם בעסטן
אינעם לעבן װאַרטן.

איך לערן זיך אָן טײַנעס
שעפּן פרייד,
און פאַרגעניגן פּראָסטן
שעצן טײַער,
שפּילנדיק, אָן לאַנגע
קלוגע רייד,
אױסהאַקן
פון קאַלטע שטיינער
פײַער.

איך װאָלט געװאָלט,
עס זאָל אים
קלעקן מוט
אַזױ ביז טיפער רײַפקײַט
זיך דערקלײַבן,
עס זאָל די צײַט
ניט אױסלעשן
זײַן בלוט —
און ביזן סאָף
זײַן טאַלמיד
כ׳זאָל פאַרבלײַבן.

* * *

דו האָסט מיך פײַנט געקראָגן,
פאַרװאָס, דו װײסט מיסטאָם.
איך װאָלט געדאַרפט זיך קלאָגן
מיט היץ און טאַראַראַם...

אַדהײַעם ביסט מיר טײַער,
ס׳איז שװער אָן דיר צו זײַן:
כ׳װעל בענקען נאָך דײַן פײַער,
ניט סטײַען װעט דײַן שײַן.

אַליין דער בױם איז שולדיק,
װען ס׳טריקנט אָפּ א צװײַג.
דערפאַר איך בין געדולדיק,
און ליידנדיק איך שװײַג.

אין וואַלד

נאָך מאַלינעס איך בין אין וואַלד אַרײַן —
אַזוי-אַ דורכגעריסן זיך
אין דער געדיכטער טיפעניש
אָן שטעגן.
איך ווייס אַליין ניט,
וויאַזוי כ׳האָב זיך אַף דעם געקאָנט דערוועגן.
מיך האָט פאַרנאַרט, ווײַזט אויס, דער דאָרשט
נאָך זייער האָניק-דופט,
נאָך זייער טערפּקן ווײַן.

געלונגען איז מיר אָנעסן זיך זאַט.
איך וואָלט געדאַרפט
אַוואַדע זײַן צופרידן,
ווען ניט די ווילדע קראָפּעווע,
וואָס האָט מיך אָפּגעבריט
און הערט ניט אויף צו זידן
אַף מײַנע הענט און אַפן פּאָנעם.
פון דער נאַטור צו נאַשן און באַלעקן זיך
דערבײַ, אַפּאָנעם,
קומט אויס ניט שטענדיק גרינג און גלאַט...

ס׳וואָלט ניט שטערן

אָן אָפּשײַ איך פּלעג זיך באַציִען צו ניסים,
פון קאָרנברויט צוגעווינט בין איך געניסן,
אַף דר׳ערד מיך אוועקגעשטעלט האָבן פון וויגל
דער מאַמעס הענט, ניט פון ניסים די פליגל.
שטענדיק כ׳בין ערלעך און באָרוועס געגאַנגען,
ערדישע שטילע דערווערבן פאַרלאַנגען.
און אויב כ׳פּלעג פאַרהריזנען אין גלוסטן ניט פרומע,
אַליין כ׳האָב געשטראָפט זיך מיט פאָרוואורפן שטומע.
אַזוי צי אַזוי, נאָר א שטאַרקער, א רויער —
צי מיטן האַרצן, צי מיטן מויער
אָפּוואַרפן כ׳פּלעג (בלויז געטרויען די קושים)
אַלע לעגענדעס וועגן כידושים.
נאָר עס דערקלערן מיר פרײַנט און סאָנים,
אַז איך געהער צו דעם שייוועט נאַראָנים.

כ׳זע איצט אַליין: ס׳וואָלט געוויס מיר ניט שטערן
כאָטשבי א קאַפּעלע קליגער צו ווערן.
דערפילן: ס׳איז אַלץ אין דער וועלט באַסיעכידיש.
אַלץ איז א וווּנדער. אַלץ איז א כידעש.
דופּטיקע ווינטן פון פעלדער בלאָזן,
איבערגעפלאָנטערט מיט בלומען די גראָזן,
צאַרטע רויטבאַקיקע איידעלע מאָנען —
וועווערקעס קלעטערן פלינק אַף די קליאָנען,
שרעקלאָזע הירשן אַף רוישיקע וועגן.
עס קלאַפּט אין די טאַפּליעס א וואַרעמער רעגן,
עס טוקט זיך דער וואַלד אין א צוויטשער-געווימל.
פון אַראָפּלאַנען עס שפּאַלט זיך דער הימל.
פון כוואַליעס, פון גראָז און פון ווינטעלעך צאַרטער —
דער ציכטיקער קוש פון א פרוי א געגאַרטער.
און דאָס אַלץ איניינעם, און דאָס אַלץ באַזונדער —
איז עס קיין נעס ניט, קיין כידעש, קיין וווּנדער?!

as close as possible to the problems that will still be relevant in the distant future, in the 21st century.

In 1883, the newspaper "Idishe folksblat" published "Two Rocks", Sholem Aleichem's first story in Yiddish. It tells about the love story of a young man and a girl. The name of the hero, Shloime Rabovsky, is clearly reminiscent of the author's own name, Sholem Rabinovich...

This story has not been included in any of the writer's collected works. However, "Two Rocks" is of interest for the history of literature. The editors have decided to reprint it in this Sholem Aleichem commemoration issue.

"There is in Sholem Aleichem's work forgotten corner into which we glance very seldom, although in reality it deserves more attention. I refer to the "Poems in prose". So begins an article by a literary historian, the late. A. Vorobeichik, who introduced the reader to the "forgotten corners" of the great writer's work. In this issue, "Sovietish Heimland" is also publishing Sholem Aleichem's "poems in prose"—short studies under the heading, "Flowers".

The creative contacts between Russian and Jewish literature are the subject of a study by Berl Roizen of Chernovtsy, "Sholem Aleichem. His correspondence and meetings with the great Russian writers". We are also publishing, for the first time, letters from Sholem Aleichem to V. G. Chertkov, who was Lev Tolstoy's publisher.

There are several items in the current issue under the heading, "The Roll-call of the Times". In his essay, "Seven autographs. The History of a Find", Chaim Beider of Moscow tells about first editions of Sholem Aleichem containing the writer's autograph. Rare books have been sent to the editorial offices of "Sovietish Heimland" by Moscow collector I. P. Bastrykin.

In 1914, Sholem Aleichem toured towns and villages in Poland and Russia. On the basis of newspapers and letters, we are publishing an article, "The last literary journey of Sholem Aleichem". A note by Timur Kogan of Leningrad, "On a certain interesting plan", throws light on an unknown episode in the life of the distinguished Soviet choreographer, Leonid Yakobson—his work on the ballet "Kasrilovka", based on themes from the works of Sholem Aleichem. A review by People's Artist of the RSFSR, Yuri Levitin, "Sholem Aleichem's characters on the opera stage", is devoted to a new production by the Russian Moscow Musical Chamber Theatre of Moisei Vainberg's opera "Congratulations" ("Mazltov"), after the play of that name by Sholem Aleichem. An article by Leonid Yuniverg and Alexander Ratner of Moscow, "Brought out by 'Sovremennye problemy' Publishers" gives the history of the first collection of Sholem Aleichem's works in Russian.

Sholem Aleichem's work has long travelled beyond the national bounds of Jewish literature to become the property of world culture. This is discussed in his article, "Sholem Aleichem in World Literature", by L. Shumsky of Leningrad.

We are also printing the conclusion of the first part of documentary story "One Day and All His Life", by Vladimir Beider of Leningrad, an article, "An Unknown Collection of Manuscripts", by L. Vilsker of Leningrad, and a verse sequence by Boris Mogilner of Moscow.

Translated by Alex Miller

Supplement: Sholem Aleichem
"Kasrilovka. Monologues"

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" (The Soviet Homeland")
N. 3, March, 1984

This issue opens with Information on a Plenary Meeting of the Central Committee of the Communist Party of the Soviet Union, speech by Konstantin Chernenko, General Secretary of the CPSU Central Committee, speech by Nikolai Tikhonov, Member of the Politbureau of the CPSU Central Committee and Chairman of the USSR Council of Ministers, and speech by Mikhail Gorbachev, Member of the Politbureau and Secretary of the CPSU Central Committee. We are also printing Konstantin Chernenko's biography.

In connection with the death of Yuri Vladimirovich Andropov, we are publishing the Address of the CPSU Central Committee, the Presidium of the USSR Supreme Soviet and the USSR Council of Ministers to the Communist Party and the Soviet people.

It will the 125th birthday anniversary of the great Jewish writer, Sholem Aleichem, on 2 March 1984. Our current issue is almost entirely devoted to this occasion. We quote, in abridged form, an introductory note by Aron Vergelis of Moscow.

"Sholem Aleichem has reached his 125th birthday anniversary as our contemporary, as the author of works that are relevant even today in the 80s of the 20th century.

His images teach us, the people of the 80s, that the stagnation of the Jewish people in the Pale of Settlement could not last forever, that the era of the "Pale" has receded into the past never to return, and that in the dark days of tsarism in Russia, which had become our home, the oppressed Jewish masses had true allies in their struggle for a better life—the Russian, Ukrainian and other fraternal peoples, the forces of the impending proletarian revolution.

Sholem Aleichem can and must be spoken of as a great explorer of the soul of the people, a passionate poet of progress and of the friendship between peoples.

In many respects, Sholem Aleichem was unique. The more deeply he delves into the details of the daily life, language and psychology of his own people, the more comprehensible and close he becomes to other peoples; the greater the interval of time that separates him from us, the more sharply does the reader appreciate the creative work that helps him to understand the past in the day-to-day struggle for the morrow; the louder his wise laughter rings, the harder it is for people to hold back tears of compassion for the hombled and the outraged; the more vividly the Jewish local colour shines through in his work, the more widespread are its international implications and worldwide reverberations.

For our literature today, his work is a school of realism and social purpose. We learn from him to put literature at the service of the people, to bring it

В 1883 году в газете «Идише фолксблат» был опубликован первый рассказ Шолом-Алейхема на идиш «Два камня». Он повествует о романтической любви юноши и девушки. Имя героя — Шлойме Рабовский — явно напоминает собственное имя автора — Шолем Рабинович.

Этот рассказ не вошел ни в одно собрание сочинений писателя. Однако для истории литературы «Два камня» представляет интерес. Редакция журнала решила перепечатать рассказ в номере, посвященном юбилею классика.

«В творчестве Шолом-Алейхема есть забытый уголок, куда мы заглядываем очень редко, хотя в действительности он заслуживает большего внимания. Речь идет о «Стихах в прозе», — так начинается статья покойного литературоведа Арона Воробейчика, знакомящая читателей с «забытыми уголками» творчества великого писателя. В этом номере «Советиш геймланд» публикуются и шолом-алейхемовские «стихи в прозе» — маленькие этюды, под общим заголовком «Цветы».

Творческим связям русской и еврейской литератур посвящена работа Берла Ройзена (Черновцы) «Шолом-Алейхем. Его переписка и встречи с великими русскими писателями». Публикуются впервые также письма Шолом-Алейхема издателю Льва Толстого В. Г. Черткову.

Несколько материалов этого номера помещены под рубрикой «Перекличка времен». Хаим Бейдер (Москва) в очерке «Семь автографов. История одной находки» рассказывает о первых изданиях Шолом-Алейхема с автографами автора. Уникальные книги были переданы редакции «Советиш геймланд» московским коллекционером И. П. Бастрыкиным.

В 1914 году Шолом-Алейхем совершил поездку по городам и местечкам Польши и России. Публикуется составленный на основе газетных и эпистолярных материалов репортаж «Последнее литературное путешествие Шолом-Алейхема». Заметка Тимура Когана (Ленинград) «Об одном интересном замысле» освещает неизвестную страницу творчества видного советского балетмейстера Леонида Якобсона, его работу над балетом «Касриловка», по мотивам произведений Шолом-Алейхема. Рецензия народного артиста РСФСР Юрия Левитина «Шолом-алейхемовские герои на оперной сцене» посвящена новой постановке русского Московского музыкального камерного театра, опере Моисея Вайнберга «Поздравляем» («Мазлтов»), по одноименной пьесе Шолом-Алейхема. Статья Леонида Юниверга и Александра Ратнера (Москва) «Вышло в издательстве «Современные проблемы» знакомит нас с историей первого собрания сочинений Шолом-Алейхема на русском языке.

Творчество Шолом-Алейхема давно перешагнуло национальные рамки еврейской литературы, став достоянием мировой общечеловеческой культуры. Об этом рассказывает работа Л. Шумского (Ленинград) «Шолом-Алейхем в мировой литературе».

Журнал публикует окончание первой части документальной повести Владимира Бейдера (Ленинград) «Один день и вся жизнь», статью Лейба Вильскера (Ленинград) «Неизвестная коллекция рукописей» и цикл новых стихов Бориса Могильнера (Москва).

Приложение к номеру: Шолом-Алейхем
«Касриловка. Монологи»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина») № 3, март, 1984

Номер открывается информационным сообщением о внеочередном Пленуме Центрального Комитета КПСС, речью Генерального секретаря ЦК КПСС тов. К. У. Черненко, речью члена Политбюро ЦК КПСС, Председателя Совета Министров СССР тов. Н. А. Тихонова и выступлением члена Политбюро ЦК КПСС, секретаря ЦК КПСС тов. М. С. Горбачева. Приводится биография Генерального секретаря ЦК КПСС Константина Устиновича Черненко.

В связи с кончиной Юрия Владимировича Андропова публикуется обращение ЦК КПСС, Президиума Верховного Совета СССР, Совета Министров СССР к Коммунистической партии, к советскому народу.

2 марта 1984 года исполнилось 125 лет со дня рождения великого еврейского писателя Шолом-Алейхема. Мартовский номер «Советиш геймланд» посвящен этой дате. Приводим с сокращениями вступительную заметку Арона Вергелиса (Москва):

Шолом-Алейхем пришел к своему 125-летию как наш современник — автор произведений, которые актуальны и сегодня, в восьмидесятые годы двадцатого века.

Его образы учат нас, людей восьмидесятых, что прозябание еврейского народа в черте оседлости не могло быть вечным, что эпоха «черты» ушла в прошлое навсегда, без возврата, и что в темные времена царизма в России, ставшей нашим родным домом, у угнетенных еврейских масс в их борьбе за лучшую жизнь были верные союзники — русский, украинский и другие братские народы, силы назревавшей пролетарской революции.

Можно и нужно говорить о Шолом-Алейхеме как о великом исследователе народной души и пламенном певце прогресса и дружбы между народами.

Шолом-Алейхем во многих отношениях уникален. Чем глубже проникает он в особенности быта, языка, психологии своего собственного народа, тем понятнее и ближе становится он для других народов; чем больший промежуток времени отделяет его от нас, тем острее читатель воспринимает его творчество, помогающее ему понять прошлое в повседневной борьбе за завтрашний день; чем громче звучит его мудрый смех, тем больше людей не может сдержать слезы сострадания к униженным и оскорбленным; чем ярче проступает в его произведениях еврейская национальная специфика, тем шире интернациональные обобщения и всемирный резонанс.

Его творчество служит для нашей сегодняшней литературы школой реализма и социальной направленности. Мы учимся у него, как ставить литературу на службу интересам народа, как максимально приблизить ее к проблемам, которые и в далеком завтра, в двадцать первом столетии, сохранит свою актуальность.

11—2644

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.12.1983 г. Подписано к печати 20.02.1984 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 2644.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1984 г.

Цена 70 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Информационное сообщение о внеочередном Пленуме Центрального Комитета Коммунистической партии Советского Союза.
Речь Генерального секретаря ЦК КПСС товарища К. У. Черненко.
Речь члена Политбюро ЦК КПСС, Председателя Совета Министров СССР товарища Н. А. Тихонова.
Выступление члена Политбюро ЦК КПСС, секретаря ЦК КПСС товарища М. С. Горбачева.
Константин Устинович Черненко.
Обращение ЦК КПСС, Президиума Верховного Совета СССР, Совета Министров СССР к Коммунистической партии, к советскому народу.

К 125-летию со дня рождения Шолом-Алейхема.
Шолом-Алейхем. Два камня. Стихотворения в прозе.
Из эпистолярного наследия Шолом-Алейхема.
Л. Шумский. Шолом-Алейхем в океане мировой литературы.
Последнее литературное путешествие Шолом-Алейхема.
Ю. Левитин. Герои Шолом-Алейхема в опере; Т. Коган. Шолом-Алейхем в балете.
В. Бейдер. Один день и вся жизнь (окончание историко-документальной повести).
Стихи Б. Могильнера.
Резюме на русском и английском языках.

1984
№ 3